STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00214

DOS YIDISHE SHAFN UN DER YIDISHER SHRAYBER IN SOVETNFARBAND

Nachman Mayzel

Permanent preservation of this book was made possible by
Elaine Barlas & Ricardo Alcaraz
in honor of
Bernice Rosetsky Peskin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

דאָס ייִדישע שאַפֿן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד

וויכטיקסטע ווערק פון נחמן מייזיל

ד. בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" (קיעוו, 1913), 48 ז"ז.
חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1921), 64 ז"ז.
נאָענטע און ווייטע, ב' 1 (וואַרשע, 1924), 240 ז"ז.
נאָענטע און ווייטע, ב' 2 (וואַרשע, 1926), 260 ז"ז.
שלום אַש, זיין לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1929), 64 ז"ז.
פּרצעס בריוו און רעדעס (וואַרשע, 1929), 302 ז"ז.
י. ל. פּרץ, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1931), 240 ז"ז.
אהרן ליבערמאַן (וואַרשע, 1934), 64 ז"ז.
אויף אונדזער קולטור־פראָנט (וואַרשע, 1936), 336 ז"ז.
יוסף אָפּאַטאָשו, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1937), 192 ז"ז.
טעג און נעכט אין עמק (וואַרשע, 1938), 128 ז"ז.
אברהם גאָלדפאַדען (ניו־יאָרק, 1939), 44 ז"ז.
שלום־עליכם (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז"ז.
דוד בערגעלסאָן (ניו־יאָרק, 1940), 48 ז"ז.
אוריאל אַקאָסטאַ (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז"ז.
דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור (נ"י, 1942), 96 ז"ז.
פּרץ מאַרקיש (טאָראָנטאָ, 1942), 24 ז"ז.
בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ (ניו־יאָרק, 1944), 416 ז"ז.
י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן (ניו־יאָרק, 1945), 368 ז"ז.
פאַרגייער און מיטצייטלער (ניו־יאָרק, 1946), 432 ז"ז.
צווישן חורבן און אויפבוי (ניו־יאָרק, 1947), 382 ז"ז.
הירש גליק און זיין ליד „זאָג נישט קיינעם" (נ"י, 1949), 64 ז"ז.
געווען אַמאָל אַ לעבן (בוענאָס־איירעס, 1951), 392 ז"ז.
י. ל. פּרץ און זיין דור שרייבער (ניו־יאָרק, 1951), 404 ז"ז.
יידישע טעמאַטיק און יידישע מעלאָדיעס ביי באַוואוסטע מוזיקער (ניו־יאָרק, 1952), 96 ז"ז.
נאָענטע און אייגענע (ניו־יאָרק, 1957), 384 ז"ז.

נחמן מייזיל

דאָס יידישע שאַפן און דער יידישער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד

איקוף פארלאג

NACHMAN MAYZEL

DOS YIDDISHE SHAFN UN DER YIDDISHER SHREIBER IN SOWETNFARBAND

JEWISH CREATIVE ACTIVITY AND THE JEWISH WRITER IN THE SOVIET UNION

Published by the
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

Copyright by
Nachman Mayzel
New York, 1959

שער-בלאַט געצייכנט דורך י. זעלדין

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

אינהאַלט:

זייט

צו די לייענער — — — — — — — — — — — — — — — — 7
ביים אָנהויב פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע (1946) — — — — 11
די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור (1942) — — — — — — — — — — — 18
דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער (1928) — — — — — — — — — 38
שלום עליכם, מענדעלע און י. ל. פּרץ אינעם מלוכה־טעאַטער (1928) — 50
די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד בעתן וועלט־קריג (1943)— 59
דער יידישער טעאַטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד בעתן וועלט־קריג (1943)— 65
שלמה מיכאָעלס און וויכטיקער שליחות (1943) — — — — — — — — — 71
פון 1917 ביז 1948 — פאַלג מיך אַ גאַנג (1949) — — — — — — — — — 77
ביראָבידזשאַן אין דער יידישער ליטעראַטור (1946) — — — — — — 84
וואָס וועט דאָך זיין דער סוף? (1955) — — — — — — — — — — — — 96
אונדזער וויטיק און אונדזער טרייסט (1956) — — — — — — — — — 105
זאָלן זייערע געשטאַלטן שטיין פאַר אונדזערע אויגן (1956) — — — — — 112
דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער אויפן קריגס־פראָנט (1957) — — 116
דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער־פאַרמעג (1957) — — — — — — 125
ציפערן און פאַקטן (1951) — — — — — — — — — — — — — — 134
דוד בערגעלסאָן און דער נסתר (1956) — — — — — — — — — — — 173
איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור געווען אַ נאַציאָנאַל־יידישע? (1957) 193
נאַציאָנאַלע מאָטיוון ביי פּרץ מאַרקיש (1957) — — — — — — — — — 231
שמואל האַלקין — צו זיין 60סטן געבוירנטאָג (1958) — — — — — — 253
דאָס סאָוועטיש־יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן, ערב דעם חורבן,
נאָוועמבער 1948 (1958) — — — — — — — — — — — — 269
זוכצעטל (רשימה פון נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך) — — 303

צו די לייענער

אין דעם בוך קומען אריין ארטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, ווי אויך מאַטעריאַלן, ציפערן און פאַקטן, וועגן דעם יידישן שאַפן און וועגן דעם יידישן שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס כ׳האָב פאַרעפנט־לעכט אין פאַרשיידענע צייטן. עס ווערן אויך געבראַכט אייניקע אַר־בעטן, וואָס כ׳האָב ספּעציעל צוגעגרייט פאַר דעם דאָזיקן בוך. נאָך יעדן אַרטיקל, ווי אויך אינעם אינהאַלט, ווערט באַצייכנט די צייט, ווען דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן. איך האָב די אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען געשריבן מיט יאָרן פריער, געגעבן גענוי ווי זיי זיינען אין זייער צייט פאַרעפנטלעכט געווען. איך בין דערמיט אויסן צו ווייזן, ווי עס איז דורך מיר, דורך אונדז, אויפגענומען געוואָרן דאָס וואונדערלעכע יידישע שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין משך פון די אַלע יאָרן, בעת דעם רענעסאַנס, בעתן וואונדערלעכן באַרג אַרויף, און איך וויל אויך באַווייזן, ווי מיר האָבן רעאַגירט די לעצטע צען יאָר אויף די אַלע גרויליקע פאַסירונגען און געשעענישן, אַפּריער בחדרי־חדרים, און דערנאָך, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן די מוראדיקע פאַקטן, שוין אַרויסגעטראָטן אָפן און עפנטלעך.

דער צוועק פונעם בוך איז צו געבן אַ וואָס ברייטערע פאַר־שטעלונג און אַ וואָס פולערן בילד וועגן דער סאָוועטיש־יידישער קולטור אין אירע פאַרשיידנסטע געביטן און צווייגן, פון איר אָנהויב, פרילינג 1917, ביזן גרויזאַמען חורבן, נאָוועמבער 1948. מיר דאַרפן דערביי באַטאָנען, אַז עס איז ווייט נישט קיין אויסשעפּנדיקע אַרבעט, וואָס „דעקט" דאָס אַלץ, וואָס איז אין ספ"ב געטאָן און אויפגעטאָן געוואָרן אין די דרייסיק זאַטע און פּראָדוקטיווע יאָרן. צו געבן אַן

אַלזייטיקן און פולן באַגריף און בילד, פאַרלאַנגט זיך נישט איין בוך, נאָר עטלעכע דיקע, וואָגיקע ווערק. ווייל די סאָוועטיש־יידישע פאַר־מעסטן און אויפטועך זיינען געווען זייער גרויס און שטאַרק פאַר־צווייגט. מיר האָבן געהאַט געוואַלדיק גרויסע טעטיקייטן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון יידישער און אַלגעמיינער קולטור: יידישע אָנפאַנג־שולן ביז העכערע בילדונג־אַנשטאַלטן, סעמינאַרן, וויסנשאַפט־לעכע קאַטעדרעס, וואָס אין זייער נעץ זיינען געווען אַריינגעצויגן טויזנטער לערער, פעדאַגאָגן און הונדערטער טויזנטער קינדער און דערוואַקסענע. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור — פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמאַטישע שאַפונגען, קריטיק, ליטעראַטור־פאָרשונגען — האָט דערגרייכט צו אַזעלכע הויכן, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל אַפילו נישט געטרוימט פון זיי. פאַר די דריי יאָרצענדליקער איז אויסגע־וואַקסן אַ רייפער דור פון יידישע יונגע און יינגערע דיכטער, דער־ציילער, קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס מיר האָבן, ליידער, נישט געהאַט אין די אַנדערע יידישע ישובים אין דער זעלביקער תקופה. און דאָס נעמלעכע איז געווען אינעם דאַרטיקן יידישן טעאַ־טער, וואו פאַר די דרייסיק יאָר זיינען אויפגעקומען אַ צוואַנציק ערנסטע אַנסאַמבלען, מיט גוט־געשולטע שוישפּילער מיט טאַלענט־פולע, יידישע און נישט־יידישע רעזשיסערן, וועלכע האָבן באַוויזן טעאַטראַלן וואונדער.

פאַר דעם קורצן פעריאָד זיינען אויך פאָרגעקומען נישט־גע־דאַכטע פאָליטיש־עקאָנאָמישע ענדערונגען און גייסטיקע פּראָצעסן, וועלכע האָבן איבערגעפורעמט און איבערגעשטאַלטיקט דאָס דאַרטיקע יידישע לעבן, און דאָס אַלץ האָט זיך אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער. עס זיינען אין דער יידישער שפּראַך, דורך די געשאַפענע יידישע ווערק באַהאַנדלט געוואָרן אַזעלכע געביטן און צווייגן פון מענטשלעכער מי און אויפטו, וואָס זיינען ביז אַהער קיינמאָל נישט באַרירט גע־וואָרן אין אונדזער יידישער ליטעראַטור. און דער פאַרנעם פון די אַלע אַרבעטן, און די אויסזיכטן און פּערספּעקטיוון פון די אַלע פאַר־מעסטן! לערנביכער, פּאָפּולערע מאַסן־ביכער זיינען דערשינען אין

20, 30, 50 טויזנט עקזעמפלארן, ממש אומגלויבלעכע ציפערן פאר אונדזער יידישער פארלאגס-וועלט.

דאס אלץ ארויסברענגען — פארלאנגט גרינטלעכע ארבעטן, וואס וועט נישט דער דארטיקער חורבן פון 1948, וואלטן די יידישע שרייבער און פארשער אין סאוועטנפארבאנד זיכער עס געטאן. און ווי מיר ווייסן זיינען דארט געגרייט געווארן ווערק, וואו ס׳האבן באדארפט אונטערגעצויגן ווערן ווייט-גייענדיקע סך-הכלען.

זאל אונדזער דאזיקע ארבעט זיין אן אנהויב-צושטייער פאר נאך אזעלכע ארבעטן, וואס דארפן קומען. און הלוואי שאפט זיך וואס גיכער אין סאוועטנפארבאנד גופא די מעגלעכקייט צו פארעפנטלעכן גרויסע, וואגיקע, אויסשעפנדיקע ארבעטן-סך-הכלען וועגן דעם דארטיקן אלזייטיקן יידישן שאפן און וועגן די אויפטוען-דערגרייכונגען פון דער דארטיקער יידישער קולטור.

מיר גיבן אין בוך אייניקע ארטיקלען וועגן דער פראגע „צי איז די סאוועטיש-יידישע ליטעראטור געווען א נאציאנאל-יידישע? — א פראגע, וואס האט פארנומען די יידישע לייענער-קרייזן, סיי די, וואס האבן א טיפע ליבשאפט און פארערונג פאר דער סאוועטיש-יידישער ליטעראטור און סיי די, וואס האבן געהאט און האבן אויך איצט א פיינטלעכע באציאונג צו אלץ, וואס איז דארט געשאפן געווארן. מיר האבן אויך אריינגעגעבן אייניקע אפהאנדלונגען וועגן סאוועטיש-יידישע שרייבער, וועלכע זיינען אין אונדזערע ביז-איצטיקע ביכער נישט אריין.

וועגן אייניקע סאוועטיש-יידישע שרייבער האב איך פארעפנטלעכט אפהאנדלונגען אין אנדערע ביכער: וועגן ביניש שטיימאן, איזי כאריק (אין „נאענטע און ווייטע", ווארשע 1929), וועגן דוד בערגעלסאן, דער נסתר (אין „פארגייער און מיטצייטלער", ניו-יארק 1946), וועגן אשר שווארצמאן, אהרן קושניראוו, פרץ מארקיש (אין „נאענטע און אייגענע", ניו-יארק, 1957) און א. א. וו.

אייניקע באהויפטונגען, ווי אויך אייניקע פערזן-שורות פון יידישע שרייבער האבן מיר איבערגעחזרט און געבראכט אין פארשיידענע

אפהאנדלונגען. זאל דער לייענער, וואס וועט איבערלייענען מיטאמאל דאס גאנצע בוך, נישט האבן פאראיבל אויף אונדז דערפאר. די אדער אנדערע אפהאנדלונג וואלט געליטן, ווען מיר לאזן אוים די שורות, וואס מיר האבן שוין ערגעץ־וואו געבראכט.

מיר האפן און ווילן גלויבן, אז דער פארבאט אויף דער יידישער שפראך, אויפן יידישן בוך, אויפן יידישן שאפן, וואס דויערט שוין מער ווי צען יאר אין סאוועטנפארבאנד, וועט ענדלעך אראפגענומען ווערן, און די דארטיקע יידישע שרייבער און שאפער וועלן ווידעראמאל באקומען די פולע רעכט און די פולע מעגלעכקייטן ווידער צו שרייבן, ארויסצוגעבן זייערע ווערק און וועלן ווידער פירן אן אפן און עפנטלעך יידיש־שאפעריש לעבן ווי אין די פריערדיקע גוטע, געבענטשטע יארן.

עס האט מ״ר זייער פיל געהאלפן מיין פרוי כיענע, וואס האט פלייסיק און זארגפעליק געקליבן מאטעריאלן פאר די פארשיידענע אפהאנדלונגען פון בוך. זי האט אויך צונויפגעשטעלט דעם זוכצעטל.

מיין דאנקזאגונג

איך דריק אוים מיין דאנק די גוטע פריינט יעקב ש., אייזיק קעסלער און אב. בערניקער, וואס האבן מיטגעהאלפן מיט זייערע ביישטייערונגען, ארויסצוגעבן דאס בוך.

עס האט אויך בייגעשטייערט פאר דעם בוך מירע גילבערט, אין אנדענק פון איר מוטער צ י נ ע ע פ ע ל ב ו י ם, די פרוי פון ב. עפעלבוים און די טאכטער פון יהודה שטיינבערג.

מערץ 1959.

נחמן מייזיל

ביים אָנהייב פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע

1.

די רוסלענדישע רעוואָלוציע פון 1917 האָט פאַרענדיקט מיטאַמאָל די עטלעכע יאָרהונדערטער דעספּאָטישע צאַרישע הערשאַפט, וועלכע האָט גע־וועלטיקט איבער 150־160 מיליאָן מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, זיי געהאַלטן אין קלאַמערן און אין קייטן. די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט מיטאַמאָל און גלייכצייטיק אויפגעריכט אויך דאָס יידישע לעבן און באַפרייט דאָס יידישע פאָלק פון שווערער קנעכטשאַפט. עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די אַלע ספּעציעל־יידישע געזעצן, וואָס האָבן אויסגעטיילט די יידישע באַפעל־קערונג אין בירגער פון צווייטער אָדער דריטער מדרגה. אויס מיט „קראָמיע יעווריעיעוו" (אויסער יידן), אויס מיט דער שענדלעכער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" (תחום המושב), אויס מיט דער פּראָצענט־נאָרמע פאַר קינדער פונעם יידישן פאָלק. נאָך הונדערטער יאָרן קרעכצן און זיפצן אונטער דער שווערער יאָך פון דער פּאָליצייאישער מאַכט, איז דאָס יידישע פאָלק גלייכבאַרעכטיקט געוואָרן און איז געוואָרן אַ פרייער מיטגליד צווישן אַלע פעלקער פונעם גרויסן רוס־לאַנד. מיט דער רעכטלעכער פּאָליטישער באַפרייאונג איז אויך געקומען די פולע גייסטיק־קולטורעלע באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן.

ווער עס איז אין יענער צייט נישט געווען אין רוסלאַנד, אין קיעוו, מאָסקווע אָדער פּעטערבורג, אויפן אוראַל אָדער אין די יידישע שטעט, — ווער עס האָט עס אַליין מיט אייגענע אויגן נישט געזען און מיטן אייגענעם האַרץ נישט אַדורכגעציטערט, — דער האָט אויף זיין לעבן נישט מיטגעמאַכט קיין גרויסע פרייד, קיין איבעררעשנדיקע אויפטרייסלונג, קיין איבערמענטשלעכע פאַר־גאַפונג. הייזער האָבן מיטגעטאַנצט, שטיינער פון די גאַסן האָבן מיטגעשפּרונגען.

עס דערמאָנען זיך פאַרשיידענע מאָמענטן, עפּיזאָדן פון יענע פריידיקע, יום־טובדיקע חדשים און יאָרן.

ביים אויסברוך פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע, ווינטער 1917, בין איך געווען מיט מיין פרוי און ערשטן קינד אויפן אוראַל, אין פּערם, וואו כ'בין געווען באַשעפטיקט אין אַ גרויסער קריגס־פאַבריק, וואָס האָט געגרייט קעסט־לעך פאַר „סנאַריאַדן", אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט עטלעכע טויזנט רוסישע אַרבעטער. ווי נאָר עס איז אָנגעקומען צו אונדז, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע טעג, די ידיעה וועגן דער איבערקערעניש, האָבן מיר אויף אַן

אייגנאַרטיקן אופן אָנגעהויבן איבעראַנדערשן אונדזער איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער אין דער פאַבריק. איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם געווירבל פון דעמאָנסטראַציעס, אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אַרבעטער־קאָמיטעטן. עטלעכע טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון דעם גרויסן „פערמאַלעס״ האָבן מיר געשפּאַנט אונטער רויטע פענער און פרייהייט־רופנדיקע פּלאַקאַטן אַ זעקס וויאָרסט פונעם „זאַוואָד״ קיין פּערם, אונטערן טאַקט פון געזאַנג און געשפּיל פון אָרקעסטערס . . .

אַריינגעצויגן לכתחילה אין דעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם פון די אוראַל־אַרבעטער, באַטייליקט זיך אין די רעוואָלוציע־פאַרזאַמלונגען, האָב איך שנעל אַלץ איבערגעלאָזט אויף „הפקר״ און זיך פאַרנומען צוריק קיין קיעוו, מיין שטענדיקע היימשטאָט.

עס איז מיר אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון קיעוו, פון אייגענע און חברים, איך זאָל גלייך קומען. עס עפענען זיך געוואַלדיקע מעגלעכקייטן פאַר רעוואָלוציאָנערער און קולטורעלער טעטיקייט. האָב איך איבערגעלאָזט האַק און פּאַק און זיך געלאָזט קיין קיעוו, דורך מאָסקווע, וואָס איז דאַן געווען צע־פּלאַקערט און צעפלאַמט, און וואו ס׳האָט געיובלט און געברויזט. געקומען קיין קיעוו אָנהייב פרילינג 1917 נאָך צוויי יאָר נישט זיין דאָרטן, האָב איך די שטאָט נישט דערקענט, — זי איז מיטאַמאָל ווי פאַריונגערט געוואָרן. דאָס נעמלעכע האָב איך שפּעטער געטראָפן אין פּעטראָגראַד (אַפריער פּעטערבורג און דערנאָך לענינגראַד), אין די חדשים אויגוסט־סעפּטעמבער, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אַנטשיידענער גערעַנגל צווישן די רעשטלעך פון דער אַלטער, אָפּגעשטאָרבענער אָרדענונג מיט די כוחות פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט.

אין מאָסקווע און אין פּעטראָגראַד האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן פאַנאַנדער־וויקלען גרויסע, פאַרשיידנאַרטיקע פּאָליטישע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טע־טיקייטן, אין וועלכע עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן די אַלערליי פּאָליטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער, פון רעכטס ביז לינקס, פון אַלט ביז יונג. קיין גאָר שאַרפע גרענעצן זיינען נאָך דאַן נישט געווען. עס האָט לכתחילה, אינעם ערשטן פעריאָד, פאַראייניקט אַלעמען דאָס נייע, דאָס אומגעריכטע . . . מען האָט ערשט אָנגעהויבן זיך פאַרמעסטן אויף קאַמף און מ׳האָט גענומען זוכן וועגן און מאָסמיטלען פאַר נייע שריט, פאַר נייע לעבנס־פאָרמען ביי די פּלוצים־אויפגעקומענע און געשאַפענע נייע באַדינגונגען. מען איז ווי אַרויסגעקראָכן פון פינצטערע לעכער, פון קעלערס און תפיסות און געריבן די אויגן פון דער בלענדנדיקער זון . . . מען האָט ערשט גענומען אָנשטעלן די „כלים״, די אינ־סטרומענטן און די שטימען . . .

.2

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן גענויער וועגן יענער צייט און אַרויס־ברענגען אויסערסט־טשעקאַווע באַגעגענישן, פּאַסירונגען און געשטאַלטן. אַל־דאָס רוסלענדישע לעבן און די פאַרשיידנסטע שיכטן זיינען אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין דעם רעוואָלוציאָנערן געווירבל. אויף אַ באַזונדערן אופן האָט די איבערקערעניש אויפגעטרייסלט דאָס יידישע לעבן און אַרויסגעבראַכט די רעוואָלוציאָנערע און ראַדיקאַלע כוחות אויף דער יידישער גאַס.

אין דער אַלגעמיינער פאַרשיכורונג, אין דעם נישט־געדאַכטן אויפברויז האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן יידישע שרייבער און דיכטער מיט שטראַלנדיקע הערצער, פול גבורה און ברען, פול אימפעט און באַגייסטערונג: נייע צייטן — נייע פויגל, נייע געזאַנגען.

עס געדענקט זיך גוט די צייטשריפט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין קיעוו צום ערשטן מאַי 1917 „דאָס פרייע וואָרט", וואָס איז געווען טאַקע דער ערשטער אַרויספאָר, דער ערשטער אָנזאָג פון דער גרופּע יידישע שרייבער און קינסטלער אין קיעוו, וועלכע האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער שאַפערישער וועלט אין אוקראַינע און שפּעטער אין גאַנץ רוסלאַנד. מיר האָבן די צייטונג צונויפגעשטעלט אויף שנעל, אין געאייל, כדי זי זאָל דערשיינען צום ערשטן פרייען מאַי. קיין עלעקטרישע קראַפט איז דאַן אין שטאָט נישט געווען, האָבן מיר מיט אַריינגעשטעקטע שטעקנס אין די רעדער פון דער דרוק־מאַשין, געדרייט זי אַליין אַ גאַנצע נאַכט און אָפּגעדרוקט דעם נומער. אין דעם ערשטן נומער האָבן זיך באַטייליקט אַן אויסנאַם שרייבער פון פאַרשיידענע ריכטונגען, ווי אויך האָבן דאָרט דעביו־טירט עטלעכע יונגע יידישע דיכטער. עס האָבן אין דעם נומער זיך באַטייליקט שמעון דאָבין, משה ליטוואַקאָוו, י. דאָברושין, דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, אשר שוואַרצמאַן, לייב קוויטקאָ, דוד האָפשטיין, נחמן מייזיל, נחום אויסלענדער און אַנדערע.

דאָס איז געווען די ערשטע עפנטלעכע מאַניפעסטאַציע פון דעם באַפרייטן יידישן וואָרט, פון דער באַפרייטער יידישער מאַסן־ענערגיע, נאָך דעם, ווי דאָס יידישע וואָרט איז געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד בעתן ערשטן וועלט־קריג, און דאָס איז אויך געווען דער אָנזאָג אויף נייע און גרויסע פאַרמעסטן.

אין אָט דעם געהויבענעם פייערלעכן גייסט זיינען געווען אַלע אַרטיקלען, לידער, קורצע דערציילונגען. עס איז אויפגעמישט געוואָרן דאָס ערשטע בלאַט פון דעם שטורם־און דראַנג־פּעריאָד, וואָס האָט געבראַכט נישט געדאַכטע אויסזיכטן און פערספּעקטיוון פאַר אַלע פעלקער און פאַר דעם יידישן פאָלק.

שפעטער זיינען צוגעקומען צו אונדז פרץ מאַרקיש, ביינוש שטיימאַן, און עס איז געוואָרן אַ כאָר, וואָס האָט נישט געזונגען, נאָר געשאַלט, נישט נאָר געזונגען, נאָר באַזונגען דאָס גרויסע אומגעריכטע גליק, וואָס איז געקומען נאָך אַזוי פיל גרויע יאָרן פון שווערער רעאַקציע, פון די בלוטיקע, ביטערע מלחמה־יאָרן.

האַרץ און מוח זיינען אויפגעפּראַלט געוואָרן, ס׳איז געווען אַ צייט פון „כולו יום־טוב״.

אין די ערשטע יאָרן זיינען אַרויס עטלעכע לידער־זאַמלונגען פון אשר שוואַרצמאַן, פון ל. קוויטקאָ („טריט״), פּ. מאַרקיש („שוועלן״), דוד האָפשטיין („ביי וועגן״). אָט די לידער־זאַמלונגען, וואָס זיינען דערשינען איינס נאָך דאָס אַנדערע, ווי פיל אַנדערע לידער און פּאָעמעס, וועלכע זיינען דערשינען אין יענער צייט אין קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס, מינסק, מאָסקווע, האָבן געבראַכט צום אויסדרוק דעם פּאַטאָס, די באַגייסטערונג, גאָר די פרייד פון דעם נייעם לעבן. און מערקווירדיק איז געווען, וואָס כמעט אין דערזעלבער צייט האָבן זיך באַוויזן זינגער־באַזינגער פון דער נייער אויפגעשטורעמטער צייט אויך אין גאַליציע, ווין, וואַרשע, ווילנע, וואו עס זיינען געקומען משה קולבאַק, מלך ראַוויטש, ישראל שטערן, א. פרידקין, בער האָראָוויץ, דוד קעניגסבערג און נאָך און נאָך, וועלכע האָבן זיך דערנאָך איבערגערופן מיט דער יידישער אַמעריקע און אירע יונגע דיכטער־זינגער.

.3

זומער 1917, זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון ניו־יאָרק די צוויי בענדער פון מ. באַסינס לידער־אַנטאָלאָגיע „500 יאָר יידישע פּאָעזיע״, וואו אין צווייטן באַנד זיינען געווען פּאַרעפּנטלעכט געזאַנגען פון די יונגע יידישע דיכטער אין אַמעריקע. מיר האָבן דאַן אין קיעוו אַרויסגעלאָזט אַ לידער־זאַמלונג, וואָס האָט טאַקע געטראָגן דעם נאָמען „די יונגע יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע״ מיט מיינעם אַן אַריינפיר. די זאַמלונג איז געווען אַ מין אַנטפּלעקונג סיי פאַרן לייענער און סיי פאַרן יונגן יידישן דיכטער. און וואָס ס׳איז אינטערעסאַנט, די זאַמלונג האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג אין דעמאָלסדיקן רוסלאַנד, איינס־פּירירט, מיטגעריסן און מיטגעווירקט דעם וויטערדיקן וואוקס פון דער יידישער פּאָעזיע.

באַלד זיינען אויפגעקומען און זיך באַוויזן מיט זייערע שאַפונגען נאָך און נאָך טאַלאַנטפולע דיכטער, ווי קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, א. קושנירעוו, איציק פעפער, מ. שאַפּירא, ליפע רעזניק, משה בראָדערזאָן א. אַנד. עס איז געווען

אַ צעזונגענע און צעהוליעטע דיכטער־כאַליאַסטרע, רעוואָלוציע־טרובאַדורן, אייניקע דיכטער, — די, וואָס זיינען אויפגעקומען אין אוקראַינע, אין פאַר־שיידענע טיילן פון סאָוועטנפאַרבאַנד זיינען אַליין געווען, ווי ד. האָפשטיין האָט אַמאָל געזאָגט וועגן זיך, „שטיקער קופּער", אינסטרומענטן, אויף וועלכע די רעוואָלוציע האָט אויסגעזונגען און אויסגעשאָלט אירע געזאַנגען. אַנדערע דיכטער, וואָס האָבן אויפגענומען די רעוואָלוציע פון ווייטן, האָבן געגעבן אָפּהילכן און אָפּקלאַנגען פון די גרויסע מערקווירדיקע געשעענישן פון דער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע. האָט טאָקע איינער אַ דיכטער (מלך ראַוויטש) גערופן: „קום, לייג צו דער קאַלטער ערד דיין אויער און הער, ווי עס שפּרינגען די קייטן פון לאַנד פאַר דער אונטערערדישער היץ".

עס איז דערביי וויכטיק צו באַמערקן, אַז ווי אַלעמאָל אין אַזאַ אויפגעשטורעמטער צייט, איז די פּראָזע, די בעלעטריסטיק, געבליבן הינטערשטעליק. זי האָט זיך נאָך נישט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין דעם געווירבל. און אין דער צייט, וואָס עס זיינען צוגעקומען אַ גרויסע מחנה דיכטער, האָבן אפילו די פריערדיקע פּראָזאַאיקער צייטווייליק געשוויגן. זיי האָבן געוואַרט ביז דער שטורעם וועט אַ ביסל אַריבער, ביז די כוואַליעס וועלן אַריין אין די ברעגעס, ביז דאָס לעבן וועט אָנהויבן אָננעמען פאַרענדיקטע פאָרמען.

און אַ באַוויז זיינען די עטלעכע זאַמלביכער, די פאַרשיידענע צייט־שריפטן, וואָס זיינען אין דעם סאַמע רעוואָלוציאָנערן קאָך דערשינען. לידער, פּאָעמעס, אין וועלכע עס איז אויף אַ שטורמישן, ברויזנדיקן אופן געגעבן געוואָרן די שטורמישע צייט, זיינען געווען אַ סך, און די דערציילונגען, וואָס עס האָבן פאַרעפנטלעכט באַקאַנטע און באַוואוסטע יידישע שרייבער, זיינען געווען אַלץ פון פריערדיקע צייטן, פון תקופות וואָס האָבן אויסגעזען אין דעם רעוואָ־לוציע־פיבער צו זיין וויט־וויטע. שוואַרצמאַן אָדער מאַרקיש, קוויטקאָ אָדער האָפשטיין האָבן לייכטער געקאָנט מיטגעריסן ווערן אין זייער דיכטונג מיט די אַרומיקע געשעענישן, איידער די „געזעצטע" בערגעלסאָן און דער נסתר, משה טייטש און הירשקאָן, וואָס האָבן דאָן געלעבט און געשאַפן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, אין אוקראַינע.

.4

אין די סאַמע צעהעלטע יום־טובדיקע טעג, אין די סאַמע פריידיקסטע וואָכן פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, האָבן זיך באַוויזן פינצטערע כוחות, געשטיצט און געהעצט פון אינעווייניקסטע און דרויסנדיקסטע פיינט פון דער רעוואָלוציע, פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. מען האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און באַוואָפנטע היימישע און פרעמדע רעאַקציאָנערן, פיינט פון

דעם אַרבעטער־קלאַס זײַנען אַרויסגעקראָכן פון די לעכער, געשיקט געוואָרן פון ווײַטע, פרעמדע לענדער, מיט שיפן און באַנען, צו דערשטיקן די רעוואָלוציע און דערטרינקען אין בלוט די פאָלקס־דערוואַכונגען. דעניקין און ווראַנגעל, די כלערליי פּעטלורעס, גריגאָריעווס, מאַכנאָס האָבן זיך געלאָזט אויפן סאָ־וועטנפאַרבאַנד, אויף פאַרשיידענע טיילן פון דעם לאַנד און דורך פּאָגראָמען, שחיטות, מאַסן־מאָרדן, פּייניקונגען און רויבערייען האָבן זיי זיך באַמיט אויס־צוראָטן די מאַכט פון אַרבעטער און פּויערן און פאַרניכטן די ערשט־אויפגע־קומענע רויטע אַרמײַ. און ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע פינצטערע צײַטן, איז דאָס יידישע פאָלק געווען דאָס כפּרה־הינדל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מוראדיקע שחיטות אויף יידישע שטעט און שטעטלעך, מען האָט אויסגעקוילעט גאַנצע געגנטן, אין משך פון אַ צוויי־דריי יאָר האָט מען געמאַכט חורבנות אין הונ־דערטער אַלט־באַזעסענע יידישע ישובים: צענדליקער טויזנטער יידן זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן און הונדערטער טויזנטער זײַנען צעראַבירט געוואָרן.

אַט דער גרויזאַמער, מוראדיקער פאָלקס־אומגליק, די גרויליקע קאַטאַס־טראָפע רופט זיך אָפּ אויף דער יידישער ליטעראַטור, איבערהויפּט אויף דער יידישער דיכטונג, וואָס אַט־ערשט איז זי געווען פול פרייד און יום־טוב, פול פּאַטאָס און באַגייסטערונג. די זעלבע דיכטער שטעלן איבער זייערע אינסטרו־מענטן און נעמען באַווײנען און באַקלאָגן דעם טראַגישן גורל פון דעם יידישן פאָלק, די שוצלאָזיקייט פון דער פיל־געפּלאָגטער יידישער מאַסע. זיי האָבן גע־שילדערט די גוואַלדטאַטן, די פאַרוויסטונגען, די מאָרדן, וואָס פאַרשיידענע באַנדעס, — ווייסגוואַרדייאישע, פּעטליורישע, דעניקינישע און אַלע אַנדערע האָבן אָרגאַניזירט אויף דער יידישער באַפעלקערונג און נישט געשוינט קיין יונג און אַלט, מאַן און פרוי.

לייב קוויטקאָ האָט זייער רירנד געשילדערט דעם פּאָגראָם אין אומאַן, פּרץ מאַרקיש האָט פאַרעפנטלעכט זײַן באַרימטע „די קופּע", וואָס רופט זיך איבער מיט ח. נ. ביאַליקס „אין דער שחיטה־שטאָט". צו אַט דער קאַטעגאָריע געהערן די דריי מערקווירדיקע דראַמאַטישע שאַפונגען, וואָס עס האָט איבער־געלאָזט נאָך זיך דער יונג־אומגעקומענער ביינוש שטיימאַן, — ער איז געפאַלן אַרום קיעוו פון אַ דעניקינישער קויל, — די דריי דראַמאַטישע שאַפונגען, וואָס האָבן פאַראינטערעסירט מיט זייער אינעווייניקסטער עשירות און צוזאָג אויף אַ גרויסן טאַלענט, וואָס איז אומגעקומען איידער ער האָט באַוויזן רײַף ווערן. אויך דוד בערגעלסאָן האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאַרעפנטלעכט זײַנע אינטערעסאַנטע שילדערונגען, פאַרצייכענונגען פון דער יידישער פּאַדאָליע, וואָס איז איבערגעעקטפערט געוואָרן אין די הענט פון באַנדיטן. אויך זײַן „מידת הדין" האָט אין זיך דעם הייסן שטאָף פון דער בירגער־קריג־צײַט. און ש.

גאַדינער אין זיין בוך „דער מענטש מיטן ביקס" און עטלעכע ווערק פון מ. דאַניעל, און איניקע ראָמאַנען פון ב. עפּעלבוים, וועלכער האָט דאַן אָנגע־שריבן אין אָדעס, און וועלכער האָט זיך אין די שפּעטערע יאָרן אומגעקערט צו יענער צייט און געשילדערט די מאָרדן און פאַרוויסטונגען פון די דייטשישע קאַניבאַלן. און אַזוי אויך איציק קיפּניס אין זיין ווערק „חדשים און טעג" און פיל, פיל אַנדערע.

ווען מיר רעדן וועגן די ווערק — דיכטערישע און פּראָזאַאישע, — וואָס די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור האָט געשאַפן אין די ערשטע יאָרן פון איר אויפקום, דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די נייע געזאַנגען, אויף די נייע שילדערונגען, אויף די נייע מאָטיוון, וואָס עס האָבן געבראַכט מיט זיך די יידישע רויטע אַרמייער. אַהער געהערן די דיכטונגען פון א. קושניראָוו, איציק פעפער, וואָס זיי האָבן געשריבן, ווען זיי זיינען געווען אין דער אַרמיי, גע־קעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי פאַר דער באַפרייאונג פון דעם היימלאַנד. זיי זיינען געגאַנגען פוסטריט נאָך דעם וואונדערלעכן דיכטער־קעמפער אשר שוואַרצמאַן, וועלכער איז פריוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי צו באַשיצן די סאָוועטישע גרענעצן קעגן די וויסגוואַרדיאישע פּאַליאַקן, און איז אַרום קאַראַסטען, קיעווער געגנט, אומגעקומען.

אשר שוואַרצמאַן איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער נייער סאָוועטישער יידישער רעוואָלוציאָנערער העלדישער פּאָעזיע, און פאַרשיידענע יידישע דיכטער האָבן שטענדיק געזען אין אים אַ מוסטער, און אין זיין דיכטונג — אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און טריישאַפט צו דער רעוואָלוציע.

איך געדענק גוט אשר שוואַרצמאַנען, ער איז אַרום אונדז אין קיעוו אויס־געוואַקסן, געשטעלט זיינע ערשטע דיכטערישע טריט און דערנאָך אַזוי ענג און ערלעך, אַזוי אויפריכטיק און גראַדליניק פאַרבונדן פרייהייט מיט וואָרט, קאַמף מיט ליד, לאָזונג מיט טאַט.

און ווען מען טוט אַ טראַכט וועגן יענער וואונדערלעכער צייט — קומט אויף אשר שוואַרצמאַן מיט זיינע טונקל־פינקלענדיקע אויגן, מיטן קרעפּטיקן גוף און טיפער נשמה, — דאָס אַלץ וואָס כאַראַקטעריזירט זיין וואונדערלעכע דערהויבענע קעמפערישע דיכטונג.

עס איז געווען אַ מערקווירדיקע, וואונדערלעכע צייט, אַן אויסטערלישע, אַ נישט־געדאַכטע, און אַזאַ איז אויך געווען די דיכטונג, וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן אין יענעם קורצן, הערלעכן און דערהויבענעם פּעריאָד ביים אָנהויב פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

מערץ 1946

די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור

(צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור)

1.

מיט אַ צוויי יאָר צוריק, אין 1940, איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אַ פאַרזאַמלונג פון די דאָרטיקע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וואו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אייניקע וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און פון דעם סאָוועטישן יידישן שרייבער. נאָך אַ לענגערן מיינונגס־אויסטויש און נאָכן אַרויסברענגען ערנסטע סך־הכלען און אויספירן, האָט דער פאָרזיצער פון יענער פאַרזאַמלונג — פּראָפ׳ י. נוסינאָוו — געמאַכט אויפ־מערקזאַם די פאַרזאַמלטע שרייבער, אַז אין צוויי יאָר אַרום, נאָוועמבער 1942, וועט מען פייערן דעם 25טן יאָרטאָג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און די סאָוועטיש־יידישע שרייבער דאַרפן דעריבער שוין אָנהייבן גרייטן וואָגיקע ווערק, וואָס זאָלן שילדערן די גרויסע דערגרייכונגען און דעראָבערונגען פון די 25 מערקווירדיקע יאָר פון דעם אַלגעמיינעם און יידישן שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין אַ נעקראָלאָג, וואָס סעם בראַון האָט פאַרעפנטלעכט וועגן דעם טאַלאַנטפולן סאָוועטיש־יידישן לירקער ש. ראָסין, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט מיט די היטלעריסטישע באַנדעס, גיט ער איבער, אַז „איידער די איצטיקע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען זיך אין די קרייזן פון די יידישע דיכטער, נאָוועליסטן און קריטיקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד שטאַרק באַשעפטיקט מיט די פאַרשלאַגן און פלענער וועגן פאַרעפנטלעכן אַ נייע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ טייל פון דער מאָנומענטאַלער געשיכטע פון די ליטעראַטורן פון די סאָוועטישע פעלקער, וואָס דער מלוכה־פאַרלאַג האָט געפּלאַנעוועט אַרויסצולאָזן צום 25־סטן יובילי פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע". ס. בראַון דערציילט, אַז „די שרייבער האָבן זיך באַ־צויגן צו אָט דער אויפגאַבע מיט גרויס אינטערעס. מען האָט הייס דיסקוטירט ווי אַמבעסטן און אַמבוילעטסטן אַרויסצוברענגען דעם גרויסן צושטייער פונעם יידישן פאָלק צו דעם קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט".

די גרויזאַמע געשעענישן, וואָס קומען איצט פאָר אין אייראָפּע און אין די לענדער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, די מאָרדיקע היטלער־פאַרוויסטונגען, וואָס

האָבן אָפּגעווישט גרויסע טיילן פון דעם סאָוועטיש־יידישן קיבוץ, האָבן פאַר די סאָוועטיש־יידישע קינסטלער אַוועקגעשטעלט גאָר אַנדערע ברענענדיקע אויפגאַבן, די שרייבער האָבן פאַרביטן די שאַפונגס־פעלדער אויף שלאַכט־פעלדער, וואו עס ווערט איצט אַנטשיידן דער גורל פון גאָר דער מענטשהייט און פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

סעם בראַון גיט איבער, אַז „מיט אַ יאָר צוריק, ווען די נאַציסטישע האָרדעס זיינען צוגעקומען נאָענט צו מאָסקווע, האָבן זיך די צענדליקער יידישע שרייבער פרייוויליק אָנגעשלאָסן אָן דער רויטער אַרמיי". ער רעכנט אויס דערביי דעם ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער מ. ווינער, מחבר פון „צו דער געשיכ־טע פון דער יידישער ליטעראַטור פונעם 19טן יאָרהונדערט"; דעם באַוואוסטן ליטעראַטור־קריטיקער א. גורשטיין, דעם שפּראַך־פאָרשער ע. פאַלקאָוויטש, די דיכטער און נאָוועליסטן ש. גאָדינער, אהרן קושניראָוו, ש. ראָסין, עליע גאָרדאָן און פיל אַנדערע.

עס איז קלאָר, אַז ביי די אויסערסט־שווערע באַדינגונגען פונעם לעבן און קאַמף אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז נישט מעגלעך געווען רואיק צוצוגרייטן און פאַרענדיקן די אַלע מאָנומענטאַלע ווערק, אין וועלכע מען האָט באַדאַרפט און געוואָלט אַרויסאַנטפּלעקן די גרויסע פאַרמעסטן, די וויכטיקע דער־גרייכונגען אויף די פאַרשיידענע געביטן פונעם יידישן לעבן און שאַפן פאַר די 25 יאָר פון דער סאָוועטישער און סאָוועטיש־יידישער בויאונג.

די 25 יאָר (1917־1942) זיינען רייך מיט אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע געשעענישן און פּראָצעסן, און כדי צו האָבן אַ פאַרגאַנצט בילד און אַ פולע פאַרשטעלונג פון דעם אַלעם, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן דורכן סאָוועטישן יידנטום ביי די נישט־געדאַכטע ביזאַהער פּאָליטישע, גע־זעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און מאַטעריעלע באַדינגונגען, זיינען נייטיק גרויסע אַרומנעמענדיקע מאָנאָגראַפיעס און ווערק, וואָס זאָלן אונטערפירן ווייט־גייענדיקע סך־הכלען און מאַכן די געהעריקע אויספירן.

און באַזונדערס נייטיק איז עס געווען, ווייל קיין גאַנצע אויסשעפּנדיקע ווערק וועגן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, וועגן איינציקע גרופּירונגען אָדער אפילו וועגן די איינצלנע באַדייטנדיקע סאָוועטיש־יידישע שרייבער זיינען נאָך ביז איצט נישט דערשינען. אין די פאַרשיידענע צייטשריפטן און זשורנאַלן, אין די פאַרשיידענע פּראָזע־ און קריטיק־זאַמלונגען זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפן באַזונדערע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן איינצלנע ווערק אָדער עס זיינען באַרירט איינציקע פּראָבלעמען ביי דעם אָדער אַנדערן אָנגעזעענעם שרייבער. אָבער דאָס זיינען אַלץ ציגל און מאַטעריאַל פאַר אַ בנין, וואָס דאַרף ערשט געבויט ווערן. און דערצו פאַרנעמט אין פיל פון די אָפּהאַנדלונגען מער

אָרט שאַרפֿע פּאָלעמיק, וואָס דער קריטיקער־אָפּשאַצער פֿירט מיט זיינע קאָלעגן־קריטיקער, און עס ווערן מער אונטערגעשטראָכן די חילוקי־דעות, די מיינונג־פֿאַרשיידנקייטן, וואָס עס זיינען דאָ צווישן די קריטיקער, איידער עס ווערן אָנגעגעבן פֿעסטגעשטעלטע הנחות, אָנגענומענע געדאַנקען און מיינונגען וועגן די ווירקנדיקע שרייבער און די דערשיינענע ווערק.

און אַ חוץ דעם זיינען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד געווען עטלעכע ליטעראַריש־שאַפֿנדיקע יידישע קולטור־צענטערן — מאָסקווע, מינסק, כאַרקאָוו־קיעוו, ביראָבידזשאַן. אַ לענגערע צייט האָט געהערשט אַ מין לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם אין די צענטערן און עס האָבן זיך געשאַפֿן באַזונדערע ליטעראַטור־סביבות. האָט עס אין אַ געוויסער מאָס געשטערט דער גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. בלויז פּאָר איינצלנע סאָוועטיש־יידישע קינסטלער זיינען פֿאַרווישט געווען די גרענעצן פֿון די באַזונדערע יידישע צענטערן אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט נישט נעמען קיין סך צייט, און די היטלעריס־טישע באַנדעס וועלן אַרויסגעיאָגט ווערן פֿון די אַלע פֿאַרכאַפּטע לענדער און דער זכר פֿון היטלערן וועט אויף שטענדיק אָפּגעווישט ווערן, און דאַן וועלן קומען די גרויסע, וואָגיקע ווערק וועגן דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס ביי די איצטיקע קריגס־באַדינגונגען איז נישט מעגלעך צו שאַפֿן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

מיר וועלן אין אונדזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג, פּרוּוון מאַכן אייניקע אַלגעמיינע אָנוואורפֿן, מיר וועלן ברענגען בלויז מאַטעריאַלן און שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

2.

די צוויי אָנגעזעענע סאָוועטיש־יידישע קריטיקער־פֿאָרשער א. גורשטיין און מ. ווינער, — ביידע איצט אויפֿן פֿראָנט — האָבן אין „סאָוועטיש" (ליטע־ראַרישער אַלמאַנאַך, נ׳ 11, אַרויסגעגעבן דורך דער פֿאַראייניקונג פֿון די מאָסקווער יידישע סאָוועטישע שרייבער ביים פֿאַרבאַנד סאָוועטישע שרייבער, מאָסקווע 1940, וואָס איז ערשט די טעג דערגאַנגען צו אונדז), פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אונטערן נאָמען „סאָציאַליסטישער אינהאַלט און נאַציאָנאַלע פֿאָרם פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור" (אַלגעמיינע באַטראַכ־טונגען צו דער טעמע). אין אָט דער אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג געפֿינען מיר אייניקע וויכטיקע באַהויפּטונגען וועגן דער פֿיזיאָנאָמיע און כאַראַקטער פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

פֿריער פֿון אַלץ: די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז אַן אָרגאַנישער

טייל פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור, און ריכטיקער געזאָגט — זי איז אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן לעבן באַגלייך מיט די אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, וואָס זיינען געוואַקסן און זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די הויפּט־פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די סאָוועטישע ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער, זיינען פאָרגעקומען אויך אין דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור איז ניט קיין זייטיקער, אָפּגעזונדערטער שטעג ביי דעם אַלגעמיינעם ברייטן ליטעראַטור־שליאַך פון דעם הערשנדיקן פאָלק. איז דעריבער אַלץ, וואָס עס איז חל, וואָס איז אָנגעמאָסטן פאַר די אַלגעמיינע סאָוועטישע ליטעראַטורן, געשעט עס אויך מיט דער יידישער ליטעראַטור.

גורשטיין און ווינער פאָרמולירן אַזוי אָט דעם גרונט־עלעמענט פון די סאָוועטישע ליטעראַטורן: „די קולטור־רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרטיפט אויפן באָדן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רע־וואָלוציע, האָט געגעבן אַן אומגעהויערן שטויס דער אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם ... מיר האָבן אויסגעבויט ביי אונדז אין לאַנד דעם סאָציאַליזם, און דאָס האָט געבראַכט צו דער באַשאַפונג פון אַ נייעם, סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט געפונען זיין אָפּשפּיגלונג אין אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן פון די פעלקער פון אונדזער גרויסן פאַרבאַנד, וואָס פון זיי אַלע אינאיינעם באַשטייט די איינהייטלעכע סאָוועטישע קולטור, — אין וועלכער עס פאַרנעמט אַ גרויס אָרט די ליטע־ראַרישע שאַפונג. די סאָוועטישע ליטעראַטור איז אַ באַשטאַנדטייל און אַ באַדייטנדיקער באַשטאַנדטייל פון דער סאָוועטישער קולטור. דאָס וועזנטלעכע נייע, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט די סאָוועטישע ליטעראַטור, איז פריער פון אַלץ טאַקע איר סאָציאַליסטישער אינהאַלט“.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן און ממילא נישט אַלע נאַציאָנאַלע פילשפּראַכיקע ליטעראַטורן זיינען פון אָנהייב ביזן סוף פון איין שניט, פון איין שאַבלאָן, פון איין כאַראַקטער. ווי עס זאָלן נישט זיין קיין באַריר־פּונקטן, קיין ענלעכקייטן אין פיל ווערק פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטורן און פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיינען גע־שאַפן געוואָרן אין איין פעריאָד אונטער דעם איינפלוס פון די אַלגעמיינע דערשיינונגען און געשעענישן, מוז נאַטירלעך יעדע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור האָבן איר אייגענע פאָרם, איר אייגנאַרטיקן קאָלאָריט. די ערשטע חדשים און יאָרן פון דער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש, דער בירגער־קריג, דער העלדישער געראַנגל פון דער יונגער סאָוועטישער מלוכה מיט די אייגענע און פרעמדע שונאים, די אַלע גרויסע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פסיכאָלאָגישע

קאַמפּן, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי פאַרשיידענע שיכטן פון דער רוסלענ־דישער באַפעלקערונג און ביי יחידים, די אַלע וויטערדיקע פּראָצעסן ביים איבערבויען דאָס לאַנד אויף סאָציאַלע יסודות, דאָס אריינציען דעם מענטש אין נייע צווייגן פון אַרבעט, די איבערפאָרמירונג פונעם לעבנס־שטייגער, דער העפטיקער אָפענער און באַהאַלטענער ווידערשטאַנד קעגן די אַלע איבער־אַנדערשונגען, דער בונט פון די איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן און פון די מענטשלעכע שוואַכקייטן, — דאָס אַלץ האָט ביי פאַרשיידענע פעלקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד געמוזט פאָרקומען אויף פאַרשיידנאַרטיקע אופנים, און יעדע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור האָט דאָס אַלץ אַרויסגעבראַכט און געשילדערט אויף איר אייגענעם שטייגער.

עס איז אַ זייער וויכטיקע און דאַנקבאַרע פאָרש־אַרבעט אַרויסצוברענגען, ווי די אַלע דערשיינונגען און פּראָצעסן ווערן באַוויזן דורך די סאָוועטישע קינסטלער פון אַנדערע פעלקער און דורך די יידיש־סאָוועטישע קינסטלער. מיכאַאיל שאָלאָכאָוו האָט געוויס געהאַט פאַר זיך אַן אַנדער סביבה, אַן אַנדערן לעבנס־שטייגער, אַנדערע מענטשלעכע געשטאַלטן, ווען ער האָט געמאָלט ווי עס איז פאָרגעקומען אויפן דאָן דער איבערגאַנג צו קאָלעקטיוויזאַציע, ווי ער האָט עס געגעבן אין זיין באַרימט ווערק „אויפגעאַקערט רויערד״, ווי, לאָמיר זאָגן, פּרץ מאַרקיש האָט עס געטאָן אין זיינע פּאָעמעס „ברידער״, „נישט געדאהגעט״, „דעם באַלעגופּס טויט״, „אויפגאַנג ביים דניעפּער״, אָדער דער דאַמאָלסט־יונגער, אָנפאַנגער נאָטע לוריע אין זיין ראָמאַן „דער סטעפּ רופט״. זיי האָבן געשילדערט דעם זעלבן צייט־אָפּשניט און די זעלבע גרעאַנגלעניש, אָבער ביי גאָר אַנדערע פּסיכאָלאָגישע און שטייגערישע סיטואַציעס. ענלעכע ווערק זיינען געשריבן געוואָרן אויך דורך קינסטלערישע פאָרשטייער פון אַנדערע פעלקער, און יעדער האָט, גאַנץ־פאַרשטענדלעך, געהאַט פאַר זיך אייגנאַרטיקע לעבנס־סביבות מיט אייגנטימלעכע שטערער און שעדיקער, מיט אייגנטימלעכע באַגייסטערטע טוער און קעמפער.

„לוריעס בוך — שרייבט ש. קליטעניק (אין זיין בוך „ווערק און שרייבער״, מאָסקווע 1935) — איז געווען ווי אַ קינסטלערישע רעאַגירונג אויפן היסטאָרישן יאָר 1930, אויפן ערשטן יאָר פון דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע און פאַר דער ליקווידירונג פונעם באַלעגופּנטום אַלס קלאַס אויף דער דאָזיקער באַזע. לוריע האָט די אַלע פּראָצעסן באַוויזן אויף אַ מאַטעריאַל פון אַן אַלטן יידישן דאָרף, אויף אַ מאַטעריאַל, וואָס ער האָט גוט „איבערגעקלערט, איבער־געלעבט, איבערגעפילט״, אָבער די געשילדערטע פּראָצעסן שפּילן זיך דאָך אויך פאַנאַנדער אינעם נייעם יידישן דאָרף! שפּילן זיך דאָך אויך פאַנאַנדער אינעם גאַנצן לאַנד״.

3

און דאָס איז אָן ספק אַ וויכטיקער כאַראַקטער־שטריך פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, וואָס הגם זי איז דורכאויס סאָוועטיש, איז זי גלייכצייטיק אויך יידיש, עכט־יידיש. ווייל זי גיט דאָך שטיקער פון דעם רעאַלן יידישן לעבן, זי ברענגט דאָך אַרויס לעבעדיקע, ווירקלעכע יידישע מענטשן.

א. גורשטיין און מ. ווינער באַטאָנען אין זייערע אַלגעמיינע באַטראַכטונגען אָט די איינהייטלעכקייט און גלייכצייטיקייט — די פאַרשיידנאַרטיקייט: „די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם אין דער איינהייטלעכער סאָוועטישער ליטעראַטור דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער געשיכטלעכער וועג פון די פעלקער, וואָס באַוואוינען אונדזער גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד, איז געווען פאַרשיידן... מחמת דער אייגנאַרט פון די געשיכטלעכע באַדינגונגען אין דער אַנטוויקלונג פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אויך אייגנאַרטיק, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, דער נאַציאָנאַלער באַדן, אויף וועלכן עס איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק — ביי דעם איינהייטלעכן מהות פון די סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר ביי אונדז אין לאַנד, — די קאָנקרעטע אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג פון די דאָזיקע איינהייטלעכע סאָציאַלע פּראָצעסן".

דערמיט ווערן אָפּגעוואָרפן די שטענדיקע טענות פון די בייזוויליקע פיינט און באַוואוסטזיניקע פעלשער פון דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן, וואָס מאַכן צו נישט די דאַרטיקע יידישע ליטעראַטור און וועלכע באַשולדיקן זי, אַז זי איז נישט קיין יידישע, נאָר בלויז אַ ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

סאָר אַ געזונטע, פולבלוטיקע יידישע און יידישלעכע פאַרשוינען און טיפּן די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט. כמעט אין יעדן ווערק האָבן מיר נישט בלויז יונגע מענטשן, נאָר עס ווערן אַרויסגעבראַכט טאַטעס און זיידעס, וואָס שטאַמען פון דער אַלטער, פריערדיקער וועלט און וועלכע טראָגן אין זיך אַלטע טראַדיציעס, געוואוינהייטן, און טרעטן אַרויס אָפט זייער שאַרף אין דעם געראַנגל מיט די נייע דערשיינונגען, מיט די נייע לעבנס־פּראָצעסן און וועלכע פּאַסן זיך דאָך צו צום נייעם לעבנס־שטייגער.

און נאָך מער זעען מיר, נאַטירלעך, אָט די איינהייטלעכקייט און טיפע פאַרשיידנקייט, ווען די סאָוועטישע שרייבער — די נישט־יידישע און יידישע — שילדערן פאַרשיידענע תקופות פון אַמאָל, פון דער נאָענטער און וויטער פאַרגאַנגענהייט. און עס איז מערקווירדיק, ווי גראָד אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו מען איז געווען אַזוי פאַרנומען און פאַרכאַפּט מיט דער היינטצייטיקייט, דאָרטן גראָד האָט זיך דערוועקט אַ באַזונדערער אינטערעס ביי יעדן איינעם פון די פעלקער צו זיין פאַרגאַנגענהייט און מיט אַ באַזונדערן אייפער האָט מען זיך

געװמען אַרױסצואַנטפּלעקן פון דער װײטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהײט
װיכטיקע העראָאישע געשטאַלטן און אַרױסשײלן פון דער פאַרגעסנהײט גרױסע
היסטאָרישע פּעריאָדן, באַדײטנדיקע תקופות, װען דאָס פאָלק האָט געקעמפט
פאַר זײַן באַפרײַאונג, פאַר זײַן זעלבשטענדיקײט קעגן זײַנע באַדריקער און
באַצװינגער. און עס איז װי געגאַנגען אַ פאַרמעסט צװישן די פעלקער, אַרױס־
צוגראָבן און אַרױסצושטעלן פאַר דער אַלגעמײנער סאָװעטישער געזעלשאַפט־
לעכקײט גרױסע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקײטן אין דער פאַרגאַנגענהײט. אױך
די סאָװעטישע ײדישע שרײבער זײַנען נישט אָפּגעשטאַנען אין אָט דער באַ־
שטרעבונג: ש. האַלקין װעגן בר־כוכבא, מ. דאַניעל — װעגן שלמה מײמאָן,
א. קאַהאַן װעגן אהרן ליבערמאַן א. אַ. װ.

אָבער אַמשטאַרקסטן און אַממערסטן האָט זיך די ײדישע ליטעראַטור
אָפּגעגעבן מיט דעם בירגער־קריג. עס איז אַ מאַטעריאַל, װאָס הערט ניט אױף
צו אינטערעסירן און פאַרנעמען די ײדישע דיכטער און דערצײלער זינט 1920
און ביז דער לעצטער צײַט. אַזױ טיף האָט זיך אײַנגעשניטן דער בירגער־קריג
פון די יאָרן 1918־1921 אין די הערצער און מוחות פון די ײדישע קינסטלער,
אַז זײ קומען װידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו אָט דעם שטאָף און נוצן אים
אױס פאַר זײערע װערק.

אין דער „ײדישע קולטור" װערט איצט פאַרעפנטלעכט אין פאַרזעצונגען
די גרעסערע אָפּהאַנדלונג פון דעם יונגן פאָרשער חיים לױצקער, צוגעשיקט
ספּעציעל פון סאָװעטנפאַרבאַנד, װעגן דעם בירגער־קריג אין דער סאָװעטיש־
ײדישער דיכטונג. ס'איז נאָך אַ פּיל ברײטערע טעמע — דער ײדישער בירגער־
קריג אין דער סאָװעטיש־ײדישער פּראָזע — אין די דערצײלונגען, ראָמאַנען
און אין דראַמאַטישע שאַפונגען. צענדליקער און צענדליקער װערק פון עלטערע
און ײנגערע קינסטלער האָבן געשילדערט און שילדערן עד־היום יענע העראָ־
אישע און גלײכצײַטיק אױסטערלישע עפּאָכע פונעם בירגער־קריג.

אַװדאי זעט אױס און מוז אױסזען דער בירגער־קריג אין דער ײדישער
ליטעראַטור גאָר אַנדערש װי ער באַקומט זיך אין דער אַלגעמײנער סאָװע־
טישער ליטעראַטור, װי אַנדערש דער בירגער־קריג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין
דעם אַלגעמײנעם לעבן פון די סאָװעטישע פעלקער און בײַם ײדישן פאָלק. די
ײדיש־סאָװעטישע ליטעראַטור נעמט ממילא אױך אַרײַן די בלוטיקע ײדישע
שחיטות, דעם אומקום פון גאַנצע שטעט און שטעטלעך, די ספּעציפֿישע גרױ־
זאַמקײטן, װאָס האָבן זיך אױסגעגאָסן אױף דער ײדישער באַפעלקערונג אין
די יאָרן 1918־1920.

מ. אַלגין אין זײַנע נאָטיצן פאַר אַ געפּלאַנטער גרעסערער אַרבעט װעגן
דער סאָװעטיש־ײדישער ליטעראַטור, װאָס ער האָט אָנגעװאָרפן די לעצטע

טעג פון זיין לעבן, האָט קודם־כל זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טעמע „בירגער־קריג״ אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. ער האָט באַוויזן צו באַ־אַרבעטן בלויז עטלעכע נומערן פון די זשורנאַלן „סאָוועטישע ליטעראַטור״ און „שטערן״, און דאָרט זיך אָנגעטראָפן אויף אייניקע דערציילונגען, וואָס דער בירגער־קריג ווערט אין זיי אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעבראַכט און געשילדערט.

איינער פון די סאָוועטיש־יידישע קריטיקער אי־ר אין אַן אַרטיקל „אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור״ („יידישע קולטור״ נ׳ 9־10, 1940) באַמערקט, אַז „די טעמע וועגן בירגער־קריג האָט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור באַקומען דעם פולן אויסדרוק. אויך אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז די טעמע וועגן בירגער־קריג ברייט פאַרגעשטעלט. אַ שטייגער, דוד בערגעלסאָנס „טראָט נאָך טראָט״, „מידת הדין״, פּרץ מאַרקישעס „דור אויס דור איין״, מ. דאַניעלס „יוליס״, ש. גאָדינערס „דער מענטש מיט דער ביקס״. אין די דאָזיקע ביכער זיינען באַוויזן געוואָרן די נייע שאַפערישע כוחות אינעם קליינעם שטעטל, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבן; די אידעאָלאָגישע באַציאונגען צווישן קלאַסן און די נייע געענדערטע צווישן־באַצי־אונגען אין דער פאַמיליע״. און עס זאָגט אי־ר, אַז „פּראָזע־ביכער, וואָס זיינען דערשינען פאַרן לעצטן יאָר (געמיינט יאָר 1939 — נ. מ.) זיינען טעמאַטיש ענ־לעך. אַלע הויפּטזאַכלעך אויף דער טעמע וועגן בירגער־קריג, לויט זייער שאַ־פערישן אינהאַלט זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, פאַרשיידן״.

און די אויסגערעכנטע ווערק זיינען בלויז אַ קליינער טייל פון דער גרויסער צאָל ביכער, געווידמעט דעם בירגער־קריג, ווי ער האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אין דער יידישער וועלט.

„דער בירגער־קריג — שרייבט א. גורשטיין און מ. ווינער אין דעם שוין־דערמאָנטן אַרטיקל — איז אויף שטענדיק געבליבן אין זכרון פונעם פאָלק אַלס אַ ליכטיקע דערמאָנונג וועגן העלדישן קאַמף פאַר פרייהייט און גליק. אין די שלאַכטן פון בירגער־קריג איז אויך געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן און האָט זיך פאַרפעסטיקט אונדזער רומפולע רויטע אַרמיי. ניט אומזיסט זיינען דער טעמע בירגער־קריג געווידמעט הונדערטער און טויזנטער פאַרשיידנסטע ווערק אויף אַלע שפּראַכן פון אונדזערע פעלקער. זיי שילדערן דאָס אויפגע־וואַכטע פאָלק, וואָס האָט פון זיין סביבה אויסגעטיילט ניט נאָר העלדישע קעמ־פער, נאָר אויך אייגענע העלדישע און באַגאַבטע קאָמאַנדירן, אַזעלכע ווי טשאַפּאַיעוו, וואָס זיין געשטאַלט איז פאַראייביקט געוואָרן אין ד. פורמאַנאָווס בוך „טשאַפּאַיעוו״ און אין דעם באַרימט־געוואָרענעם קינאָ־פילם פון די וואַסיליעווס...״

אין פ. מאַרקישעס „דור אויס דור איין" ווערט אויך אַרויסגערוקט דער יידישער אָנפירער־קאָמאַנדיר פון אַ רויט־אַרמייאישן טייל, עזרא, וואָס פירט אָן אַ קאַמף אין די יאָרן 1919־1920 מיט די פאַרשיידענע ווייסגוואַרדייער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס. און איצט, אויף די שלאַכט־פעלדער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, ווערט פאַרגעזעצט אין אַ נייער פאָרם און מיט נייעם העראָאיזם דער העלדישער קאַמף קעגן די ברוטאַלע אַריינדרינגער, און נייע העראָלעכע, הייליקע בלעטער ווערן מיט בלוט פון די טרייע קעמפער אַריינגעשריבן אין דער לעבעדיקער געשיכטע פון די סאָוועטישע פעלקער און פון דעם סאָוועטישן יידנטום.

4.

און נישט נאָר צו דעם בירגער־קריג פון 1918־1921, איז דאָ אַזאַ שטאַרקער אינטערעס ביי די סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

עס האָט זיך אויך דערוועקט אַ אינטערעס צו געבן אויף אַ נייעם אופן די רעוואָלוציע־יאָרן פון 1905־1906.

אָט שרייבט מ. דובילעט אין אַן אַרטיקל „די יידישע סאָוועטישע פּראָזע אין 1939" („יידישע קולטור", נ׳ 11־12, 1940): „גרויס אויפמערקזאַמקייט גיבן אָפּ אונזערע שרייבער דער שילדערונג פון דער פאַרגאַנגענהייט. באַזונדערס דער טעמע וועגן דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר (ד. בערגעלסאָנס צווייטער טייל „ביים דניעפּער", ליפמאַן־לעווינס „דעם שטורעם אַנטקעגן"). די דאָזיקע ווערק האָבן אַ גרויסן פּרינציפּיעלן ווערט. ווי באַוואוסט, איז די רעוואָלוציע פון 1905טן יאָר זייער קנאַפּ אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פּראָזע. אונדזערע שרייבער פאַרפולן דאָ אַ קענטיקן בלויז. ערשט איצט באַקומט די „גענעראַלע רעפּעטיציע" אַ ריכטיקע, דערביי אַ ברייטע און טיפע אָפּשפּיגלונג. דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אין די ביז־רעוואָלוציאָנערע ווערק פון דער יידישער פּראָזע געשטאַנען ערגעץ אין הינטערגרונט, ווערט איצט אַרויסגערוקט אויף דער אַוואַנסצענע".

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז פיל פון די עלטערע שרייבער, וואָס קומען שילדערן דעם סאָוועטישן מענטש, הייבן אָן אָפּט זייערע ווערק מיט יאָרן צוריק. זיי באַמיען זיך אַרויסצעוויקלען אים פון דער אַמאָליקער סביבה, וואו ער איז געוואַקסן און זיך פאַרמירט. דער דערמאָנטער אי־ר („יידישע קולטור" נ״ב 9־10, 1940) שטעלט זיך אָפּ אויף דעם: „עס איז געוואָרן אַ טראַדיציע אָנצוהייבן פירן די געשטאַלטן ביז דער רעוואָלוציע און דערפירן זיי צום שוועל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער דאָזיקער וועג איז אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכער: דער שרייבער באַקומט פאַר זיינע געשטאַלטן מערער רוים,

מערער שטאָף. זיינע העלדן — מערער באַוועגונג, איבערלעבונגען, וועלכע עס ברענגען די גרויסע קאָנטראַסטן אין דער לעבנס־ביאָגראַפיע, ווייל ער פירט זיי אַריבער פון אַן אַלטער סיסטעם אין אַ נייער, אין אַ סיסטעם פון נייע גע־וואוינהייטן און טראַדיציעס".

עס פעלן, אמת, נישט קיין טענות און פאַרוואורפן צו די שרייבער מצד די קריטיקער, הלמאי זיי פאַרהאַלטן זיך צופיל ביים אַמאָל.

אי״ר האָט טענות, אַז „ווייטער פון די בירגער־קריג־קאָנאַנאַדעס איז מען דערוויל ניט אַוועק".

די זעלבע טענה האָט אויך מ. דובילעט: „מען גייט קוים אַרויס פון די גרענעצן פון בירגער־קריג, מען דערלויבט זיך בלויז פאַרכאַפּן אין וועלכער ס'איז מאָס די ערשטע שריט פון דער דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע". און ער ברענגט פאַר אַ ביישפּיל דאָס ווערק פון ש. אַראָנסקי „קאָמבל און זיינע פיינט". „דאָ גייט דורך פאַר אונדז אַ לעבן פון אַ מענטשן. ביז דער רעוואָלוציע ווערט ער געשילדערט אי ברייט, אי אינטערעסאַנט. דאָס שפּעטערע ווערט געגעבן אין אַ באַשטימטער מאָס איילִיק". און ער גיט צו: „ס'איז אויך נישט צופעליק, וואָס די בעסטע פּראָזע־ווערק פאַר פאַריקן יאָר זיינען גראָד די, וואָס שילדערן די פאַרגאַנגענהייט". און ער מאַכט דעם אויספיר, אַז „אונדזערע שרייבער באַמיען זיך נישט, ווייזט אויס, צו דערלערנען אונדזער היינט אין דער געהעריקער מאָס".

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אין די וויכטיקסטע ווערק פון די לעצטע עטלעכע יאָר, איז וואָס אָנשטאָט דעם דיכטערישן פּערז קומט דער פּראָזע־לייוונט. אין די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן בעתן סטיכייאישן אויפברויז פון די מאַסן, ביי די פּלוצים־דיקע נישט־געדאַכטע געשעענישן, ווען אַלץ איז נאָך געווען אין אויפשוימענ־דיקן צושטאַנד, — דאַן האָט געהאַט דאָס וואָרט דער דיכטער, וואָס האָט גלייך און שנעל אויפגעכאַפּט דעם אויפשטורעם פון דער תקופה. און וואָס־ווייטער, און בעיקר אין די שפּעטערע יאָרן, ווען דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן זיך איינ־צושטעלן און עס האָט זיך גענומען שאַפן אַ פעסטער לעבנס־שטייגער, דאַן האָט די קינסטלערישע פּראָזע אָנגעהויבן פאַרנעמען אַלץ־ווייטער אַ וויכטיקן און אָנגעזעענעם אָרט. און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אייניקע טאַלאַנטפולע יידישע דיכטער האָבן זיך גענומען צו שאַפן גרעסערע פּראָזע־ווערק. מ. דו־בילעט שרייבט וועגן דעם אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל: „דער ליטעראַרישער באַלאַנס פאַרן יאָר 1939 באַשטעטיקט איינע זייער אַ וויכטיקע טענדענץ, וואָס האָט זיך לעצטנס (אין יאָר 1937) אָנגעהויבן בוילעט צו אַנטפּלעקן אין דער יידישער ליטעראַטור: די פּראָזע, וואָס איז אַלע יאָרן געווען הינטערשטעליק

לגבי דער דיכטונג, הייבט איצט אָן צו פּרעוואַלירן. קיינמאָל נאָך האָבן אונדזערע פּראָזאַאיקער נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ שעפעריש אַקטיוויקייט, ווי די לעצטע צוויי־דריי יאָר; קיינמאָל איז די צאָל דערשינענע פּראָזע־ווערק ניט געווען אַזאַ היפשע, די טעמאַטיק פון דער פּראָזע — אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע, אירע זשאַנרען — אַזוי ברייט פאַרצווייגט. אין אונדזער פּראָזע הייבן זיך איצט אָן צו באַפעסטיקן נייע נעמען (מ'רן דאָ דערמאָנען דעם ח׳ קאָבריאַנסקי, אינ־גיכן דערשיינט זיין ערשט בוך „דעם קאָוואַלס טאָכטער״); ס'הייבן אָן צו באַהערשן דעם פּראָזע־זשאַנר פיל אונדזערע דיכטער — ש. גאָלדענבערג, ב. אָליעווסקי, א. גאָנטאַר, און ס'איז סימפּטאָמאַטיש: די בעסטע ווערק, וואָס זיינען דערשינען אין לויף פון דעם פאַריקן יאָר (דעם נסתרס „משפחה מאַש־בער״, ע. שעכטמאַנס „פּאָליעסיער וועלדער״ א. אַנד.) זיינען פּראָזע־ווערק״.

פון דער אַנדער זייט קומען אויף יונגע שרייבער, וואָס די נאָענטע פאַר־גאַנגענהייט, די פאַר־רעוואָלוציאָנערע צייט, איז זיי שוין כמעט אָדער אינגאַנצן אומבאַקאַנט, זיי האָבן וועגן איר אַ נישט־קלאָרע פאָרשטעלונג. אין איינער אַ רעצענזיע וועגן מ. אַבאַרבאַנעלס אַ בוך לידער „אויף אונדזער ערד״ (דערשינען אין 1940) שרייבט ח. לויצקער, אַז „ביי אייניקע אונדזערע יונגערע דיכטער, וועלכע האָבן נישט אַזוי פיל לעבנס־דערפאַרונג, לאָזט זיך אָפּט פילן אַ נאַ־איווער און סכעמאַטישער צוגאַנג צו פאַר־רעוואָלוציאָנערער טעמאַטיק״. אָבער מ. אַבאַרבאַנעל „האָט אויף זיינע אייגענע פלייצעס געפילט דעם יאָך פון עקס־פּלאָאַטאַציע, ער האָט אָנגעזאַמלט אַ היפש ביסל ביטערע לעבנס־דערפאַרונג. ער פילט גאָר אויף אַן אַנדער אופן דעם קאָנטראַסט צווישן דעם אַמאָל מיטן איצט״. („סאָוועטישע ליטעראַטור״, קיעוו, נ״נ 11־12, 1940).

עס איז בכלל זייער וויכטיק אונטערצושטרייכן די גרויסע צאָל יונגע און יינגערע דיכטער און דערציילער, ווי אויך ליטעראַטור־פאָרשער אין דער סאָ־וועטיש־יידישער ליטעראַטור. ס'איז אַן אויסטערלישע דערשיינונג, וואָס מיר דאַרפן עס מיט באַזונדערער פרייד קאָנסטאַטירן. אין קיין שום אַנדערן יידישן ישוב איז נישט געווען אַזאַ וואונדערלעכער צואוואוקס און נאָכוואוקס פון יונגע שאַפנדיקע כוחות. ווען מיר מאַכן אפילו אַן אויבנאויפיקן חשבון פון די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זעען מיר, אַז די נאָכאָקטאָבער שרייבער זיינען דאָרט אַ באַדייטנדיקע מערהייט. בלויז אַ קליינע פּראָצענט פון די דאָרטיקע שרייבער האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע טעטיקייט פאַר אָקטאָבער 1917. און אויך אין די לעצטע יאָרן האָלטן אין איין צוקומען נייע דיכטער, דערציילער, ליטעראַטור־ און שפּראַך־פאָרשער אין דעם דאָרטיקן יידישן ישוב.

אין אַן אַרטיקל פון ג. יאַבראַוו „וועגן ז. אַקסעלראָדס דיכטערישער שאַפונג״ („סאָוועטישע ליטעראַטור״, יוני 1940, קיעוו) ווערט געזאָגט: „ז. אַקסעלראָד

איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין דער צייט, ווען די יידישע דיכטונג האָט שוין אָנגעציילט אַ גרויסע צאָל נעמען פון פּאָעטן, ווי ד. האָפשטיין, פּ. מאַרקיש, ל. קוויטקאָ און אַנדערע פון דער אַזויגערופענער „קיעווער גרופּע"... ער איז שוין דורכאויס אַ קינד פון דער סאָוועטישער וועלט און איז דעריבער ענג מיט איר פאַרבונדן, ער האַלט אין איין שטייגן צוזאַמען מיט דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט. און אַזוי אויך די אַלע אַנדערע קינסטלער, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אויפן שויס פון דעם נייעם סאָוועטישן לעבן".

עס שטייט דעריבער אין צענטער פון די יידישע ליטעראַטור־פּראָבלעמען פאַר די יידישע שרייבער אין יידישן סאָוועטנפאַרבאַנד דאָס פּראָבלעם פון דעם ליטעראַרישן נאָכוואוקס, דאָס פּראָבלעם פון די יונגע שרייבער.

אויף דער פריער־דערמאָנטער שרייבער־קאָנפערענץ האָט דאָס פּראָבלעם וועגן די יונגע פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט. פּראָפ. י. נוסינאָוו, וואָס האָט געהאַט דאָס אַריינפיר־וואָרט, האָט צווישן אַנדערן אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון די יונגע. „עס פאָדערט זיך אַ באַדייטנ־דיקע זאָרג און באַציאונג צו די יונגע. מען טאָר נישט פאַרדאַרבן די יונגע מיט לייכטע צוזאָגן. מען טאָר נישט איילן צו פּראָפעסיאָנאַליזירן זיי". ער האָט געפאָדערט „אַ ביז גאָר וואַרעמע און אויפמערקזאַמע באַציאונג צום נייעם וואַקסנדיקן שרייבער". דער באַוואוסטער נאָוועליסט ש. גאָדינער האָט אָנגעוויזן, אַז „מען אַרבעט נישט גענוג מיט די יונגע, און דערפאַר גיבן זיי נישט אָפטמאָל דאָס, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט געבן". ווייל „כדי דער שרייבער זאָל האָבן די ריכטיקע לעבנס־דערפאַרונג, דאַרף ער וואָס מער אַרומפאָרן, דער־לערנען דאָס לעבן פון די פאָלקס־מאַסן, זייער אַרבעט און שאַפן". אויך דוד בערגעלסאָן האָט אויף דער קאָנפערענץ זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע וועגן דער אַרבעט מיט די יונגע שרייבער. „מען דאַרף זיך באַציען צו די יונגע — האָט ער געזאָגט — מיט ליבע, מען דאַרף אָבער דערביי געדענקען, אַז מיט אַ פּאָר לידער, וואָס מ'האָט אָנגעשריבן, ווערט מען נאָך נישט קיין דיכטער. ס'איז וויכטיק אָנזאַמלען אַלץ־נייע און נייע דערפאַרונג, וויסן און קולטור".

ווען מיר בלעטערן די פאַרשיידענע סאָוועטיש־יידישע זשורנאַלן שטויסן מיר זיך אָן כסדר אויף נייע נעמען און אויך אויף אַרטיקלען און רעצענזיעס געשריבן פון און וועגן ווערק פון יונגע דיכטער און דערציילער.

און עס איז באַקאַנט: דער יונגער ביראָבידזשאַנער ישוב האָט נישט נאָר סטימולירט פאַרשיידענע באַוואוסטע שרייבער, נאָר האָט אַרויסגערוקט אייגענע שרייבער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין ביראָבידזשאַן גופא — ווי ע. קאַזאַ־קעוויטש, א. ווערגעליס און אַנדערע. עס איז שוין דאָ אַ גאַנץ היפּשע קינסט־

לערישע ליטעראַטור וועגן אַט דעם ישוב, וואָס אַלטע לאַנג־באַזעסענע ישובים האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו דעם. אין דער אויסשטעלונג פון דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן, וואָס דער איקוף האָט אָרגאַניזירט אין זיין צענטער, פאַרנעמט די קינסטלערישע ליטעראַטור פון ביראָבידזשאַן אַ גאַנצע וואַנט. אָנגעהויבן פון מ. אַלבערטאָנס בוך — דאָס ערשטע קינסטלערישע ווערק איבער ביראָ־בידזשאַן — ביז די ווערק פון מ. גאָלדשטיין, ה. רובין, ע. קאַזאַקעוויטש.

5.

אין זיין באַרימטן אַרויסטריט אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָווע־טישע שרייבער, האָט מאַקסים גאָרקי געזאָגט: „די גרונט־טעמע און די הויפּט־טעמע פון דער ביז־רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור איז די דראַמע פון מענטש, וואָס דאָס לעבן דוכט זיך אים איז צו ענג, וואָס ער פילט זיך אַן איבעריקער אין דער געזעלשאַפט. ער זוכט אין איר פאַר זיך אַ באַקוועם אָרט, געפינט עס נישט און — ערליידט, און קומט אום. אָדער מאַכנדיק שלום מיט דער געזעלשאַפט, וואָס איז אים פיינטלעך, לאָזט ער זיך גאָר אָפּ ביז צו שיכרות, ביז צו זעלבסטמאָרד. ביי אונדז אינעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליס־טישע סאָוועטן, דאַרפן נישט זיין קיין איבעריקע מענטשן, יעדער באַגער האָט ברייטע פרייהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיינע פעאיקייטן, באַגאַבונגען, טאַלאַנטן. פון דער פערזענלעכקייט פאָדערט זיך בלויז איינס: זיי אָרנטלעך אין דיין באַציאונג צו דער העלדישער אַרבעט פון באַשאַפן די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט“.

אין פיל ווערק פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור איז געווען אַט די באַשטרעבונג אַרויסצוברענגען דעם נייעם מענטש, אַרויסצואַנטפּלעקן אין אים אַט דאָס נייע, וואָס די סאָוועטישעווירקלעכקייט האָט פאַר אים געשאַפן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז נישט אַזוי לייכט האָט זיך עס איינגעגעבן, און דעריבער איז די פראַגע וועגן אַרויסברענגען אין די קינסטלערישע ווערק דעם פּאָזיטיוון מענטשן געשטאַנען אַן אויפהער אויף פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקייט.

עס קלאָגט זיך טאַקע אי״ר אין זיין אַרטיקל, אַז „מיר האָבן ביז גאָר ווייניק ביכער, וואָס זאָלן פאַרקערפּערן אין געשטאַלט אונדזער סאָציאַליסטישן הייַנט. ביכער, וואָס זאָלן באַווייזן דעם נייעם מענטשן אין זיין סאָציאַליסטישער באַ־ציאונג צו דער אַרבעט, מיט זיין אינטימען לעבן. אַט די דאָזיקע מענטשן זיינען ביז גאָר ווייניק אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור“. אי״ר דערמאָנט נאָטע לוריעס בוך „דער סטעפּ רופט“ און שעכטמאַנס בוך „פּאַראַקערטע מעזשעס“, — ביכער, וואָס „שילדערן דעם אָנפאַנגלעכן פּעריאָד פון דער

קאָלעקטיוויזאַציע. מיר האָבן נישט קיין ביכער וועגן דעם נייעם סאָציאַליסטישן דאָרף, וואָס זאָל שילדערן דעם דורכגעמאַכטן וועג נאָך דער קאָלעקטיוויזאַציע, די נייע פסיכאָלאָגישע ענדערונגען פונעם קאָלווירטניק". און אי־ר זאָגט ווייטער: „די סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָט שוין אַ פּאַרגאַנגענהייט פון 22 יאָר (דער אַרטיקל איז געשריבן אין יאָר 1939 — נ. מ.). פאַרן דאָזיקן פּעריאָד איז שוין אַרויסגעוואַקסן דער נייער העלד פון אונדזער צייט. עס איז רייף געוואָרן די נייע סינטעזירנדיקע געשטאַלט, וואָס נעמט אַריין אין זיך דעם נייעם סאָציאַליסטישן אמת, דאָס מאָנומענטאַלע פון אונדזער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט". און ער ברענגט מ. גאָרקיס ווערטער: „אויב דעם אַלטן קריטישן רעאַליזם איז געווען אייגנטימלעך בעיקר דער פּאַטאָס פון נעגאַציע (אָפּלייקענונג), איז שטעלט מיט זיך פאָר די באַשטימענדיקע אייגנשאַפט פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם דער פּאַטאָס פון באַשטעטיקונג פון דער נייער העראָאישער ווירקלעכקייט".

אין איינער אַ דערציילונג, וואָס דוד בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן אין 1931, „חברטע בראָניע", און זי אָנגערופן אַ „פּאַרצייכענונג", טרעפט זיך דער קינסטלער מיט אַ נייעם טיפּ מיידל, וואָס פאַראינטריגירט אים מיט איר כאַראַקטער, מיט אירע נייע גענג, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך אויף די פריער־דיקע גוט־באַקאַנטע טיפּן מיידלעך פון דעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד. דוד בערגעלסאָן מאָלט אין דער מייסטעריש־אָנגעשריבענער דערציילונג אָט די געשטאַלט און אין דער זעלבער צייט אויך זיין, דעם קינסטלערס, פאַרגאַפונג פאַר איר. דערביי מאַכט ער כסדר פאַרגלייכן, פאַראַלעלן צווישן איר און די אַמאָליקע מיידלעך־געשטאַלטן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע פריער־דיקע ווערק („אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען", „אָפּגאַנג" א. אַז. וו.). אַרום דעם מיידל, חברטע בראָניע, איז דאָ אַ יונגער בחור, אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק, אַ שלאָגלער — זיי זיינען אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט. און צוקוקנדיק זיך צו זייער אַרט לעבן, מאַכט דוד בערגעלסאָן אַזאַ מין „אָפּנויג" און ער שרייבט:

„פאַר דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, בין איך געווען אין אַמעריקע — צום ערשטן מאָל אין לעבן. אַלץ איז פאַר מיר דאָרט געווען ביז גאָר ניי. דאָ בין איך ניט געווען סך־הכל אַ יאָר דריי, און כאָטש איך קען זיך פאַר אַ היגן, מוז איך פונדעסטוועגן מודה זיין: אַלץ וואָס איך זע דאָ איצט איז פאַר מיר פיל, פיל נייער, ווי אין אַמעריקע. מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע, מיט דער בויאונג, מיטן פאַרניכטן „נעפּ" איז דאָס לאַנד באַנייס צעשניטן געוואָרן, ווי מען שניידט צו אַ נייעם שטאָף. אַלץ געפינט זיך איצט ווי אַ ניי בגד אין דער אַרבעט — איניקע טיילן זיינען שוין פעסט איינגעאַרבעט, אַנדערע

— לייכט צוגעסטריגעוועט. דאָס גאַנצע לאַנד — אַ ברענענדיקס, ווי אין עפּעס אַ וויכטיקן נייעם ערב־יום־טוב. פאַראַן ווינקלען, פון וואַנען עס קוקט שוין אַרויס דער יום־טוב אַליין. אַלע זיינען פאַרפּאָרעט, פאַרזשובעט. מען דערקענט נישט די מענטשן, דורכאויס — נייע פאָרמען. אַלע זיינען יונג, אפילו עלטערע מענטשן, אויב נאָר זיי באַטייליקן זיך אויפריכטיק אין דער אַרבעט, זעען אויס ווי אַכצן־יאָריקע. רעכן אַרונטער אַ געוויסע צאָל פון אַלטע „געוועזענע", אויס־שטאַרבנדיקע, קומט אויס: אַ וואונדערלאַנד פון גאָלע יוגנט..." *).

אָט די באַגייסטערונג און פאַרגאַפונג פאַר דעם נייעם לעבן און פאַר די נייע מענטשן אין דער ניי־סאָוועטישער סביבה קומט צום אויסדרוק אין פיל ווערק, סיי פון די עלטערע און סיי פון יינגערע קינסטלער.

דער באַוואוסטער יידישער דיכטער ש. האַלקין שרייבט אין זיין גרעסער ליד „אונדזער דיכטונג" פאַלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע שורות, וואָס גיבן אונדז אַ באַגריף פון דעם אַנגעגליטן געמיט־צושטאַנד און פּאַטאָס, וואָס האָט באַהערשט די סאָוועטיש־יידישע דיכטער. ער איז אָנגעצונדן פונעם לעבן, און ער פילט דערביי די גרויסע אחריות פאַר זיין וואָרט. מיר ברענגען עטלעכע פערזן פון דעם „אני מאמין"־ליד:

„ס'איז די דיכטונג אונדזערע —
אַ גליענדיק צעהיצטע,
אַ לעבעדיק־דערהויבענע,
ווי קיינמאָל אויף דער ערד.

ס'איז די דיכטונג אונדזערע —
אַ מיזאָמע, אַן עבטע,
אַ מענטשלעכע, אַ גינציקע,
אַ טרייע ביז צו ענד,
און דאָס בלוט פון האַרצן
דורך טויזנטער געפלעכטן,
דורך פיבערדיקע אָדערן
פירט אָן אונדזערע הענט.

מיר אַלע זיך צעשפּרייטן
איבער שטעט און דערפער
און צו זיי מיר ריידן:
איינפאַך, קלאָר און פּראָסט,
און מיר דאַכטן ווינציק
צי דער סטיל איז ווערטפול
פאַר עברדיקע דורות,
פאַר בליענדיקן ראָסט,
אַלע דאָ מיר ווייסן,
מיר אַלע זיינען זיכער!
פון יעטווידער פאַרצייבענונג; —
פון אונדזער אַן אַרבקאָר *) —
וועלן וואַקסן לידער,
וועט געראָטן ביכער,
וועט קאָנען זיך דערנערן
אַ קומענדיקער דור".

---

*) די דערציילונג „חברטע בראָניע" איז פאַרעפנטלעכט אין דער „יידישע קולטור", נומ' 1, 1942, לויט אַ נייער רעדאַקציע פון דעם מחבר. די געבראַכטע שטעלע אין דער דערציילונג איז דאָ אינעם ערשטן וואַריאַנט, וואָס איז געדרוקט אין ביכל „צווישן לעבעדיקע מענטשן" (מינסק 1937).

*) אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענט.

דאָס ליד איז אַ מין פּראָגראַם, אַ פּיר־צייכן פונעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן. פון איין זייט — געוואַלדיקע אינעווייניקסטע באַגייסטערונג און פון דער צווייטער זייט — די ציל־באַוואוסטקייט; פון איין זייט — טיפער אָפּטי־מיזם און פון דער צווייטער זייט — די גאָרע פאַראַנטוואָרטונג פאַרן לאַנד, וואָס האַלט זיך אין בויען, אין וואַקסן, אין באַפעסטיקן זיך פאַרן וואויל פון אַלע פעלקער און פאַרן וואויל פונעם יידישן פאָלק.

6.

און איצט קומט אַ פראַגע: צי איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר פון איין שטיק, פון איין כאַראַקטער, אָדער עס זיינען דאָ שרייבער פון פאַרשיידענע ריכטונגען און פון פאַרשיידענע דורות און פעריאָדן.

מיר זיינען אַלעמאָל געוואוינט צו באַטראַכטן אַ דור, אַ תקופה אין אַ צייט־לויף פאַר עטלעכע צענדליק יאָר. אָבער גאָר אַנדערש איז עס אין דעם סאָוועטיש־יידישן לעבן און במילא מיט דער סאָוועטיש־יידישער ליטע־ראַטור. אין לויף פון די פינף און צוואַנציק יאָר איז פאָרגעקומען אַ פאַר־שנעלערטער האַסטיקער גאַנג פונעם דאָרטיקן יידישן לעבן, און דאָס האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן אָפּגערופן אויף דער דאָרטיקער יידישער ליטע־ראַטור. אַ דור איז געקומען, און אַ צווייטער, יינגערער דור האָט אים גיך נאָכגעיאָגט און אָנגעיאָגט. יאָגן און אָניאָגן — דאָס איז געווען אַ וויכטיקער געבאָט און אַן עיקר־עלעמענט אומעטום, סיי אין לעבן, סיי אין דער אינדוס־טריע, סיי אין דעם שאַפן אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

די גרופּירונג און צעטיילונג פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער אויף דורות און פעריאָדן איז זייער וויכטיק, ווייל דורך דעם וועט לייכטער זיין פאַרשטיין און אויפפאַסן די וויכטיקסטע ענדערונגען און אַנטוויקלונגען פון דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור. יעדער פעריאָד, יעדע עטלעכע יאָר פון דעם סאָוועטיש־יידישן לעבן האָט אַרויסגערוקט אַנדערע, נייע טענדענצן, לאָזונגען, אויפגאַבן און פאַרלאַנגען, וואָס זיינען געווען טיף און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע סאָוועטישע לעבנס־פּראָצעסן און לעבנס־ פּאַסי־רונגען.

און דאָס סאַמע פריידיקסטע און גלייכצייטיק סימפּטאָמאַטישסטע איז, וואָס די צאָל יונגע און יינגערע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז ניט אין אַן ערך גרעסער ווי די צאָל עלטערע שרייבער. אויך זיי זיינען בלויז עלטער אין יאָרן, זיי זיינען עלטער אין דערפאַרונגען, עלטער אין צייטיקערע ווערק, אָבער אין גייסט, אין שוואונג, אין פאַרמעסט — זיינען זיי אין סאָוועטנפאַרבאַנד כלל בישט אַלט אָדער פאַרעלטערט געוואָרן, ווי מיר זעען עס, ליידער, דאָ

אַרום אונדז, צווישן אונדזערע עלטערע אָבער נאָך נישט אַלטע ייִדישע שרייבער, וואָס זיינען טיפע זקנים אין זייער שרייבן, אין זייער גייסט, אין זייער וועלט־באַנעם.

די סאָוועטישע ייִדישע שרייבער קאָן מען איינטיילן אין אַ דריי, אפשר וועט ריכטיקער זיין, אין פיר דורות, פיר גענעראַציעס, אין פיר קאַטעגאָריעס.

די ערשטע גרופּע סאָוועטישע שרייבער האָט אָנגעהויבן אין די יאָרן פון פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905־1906. זיי זיינען צו דער רוסלענדי־שער רעוואָלוציע פון 1917 געקומען שוין מיט אַן אייגענעם שאַפערישן האָב־און־גאָב, מיט אייגענע באַדייטנדיקע ווערק, מיט אַן אייגענעם קינסט־לערישן פּרצוף־פּנים. צו אָט דער גרופּע געהערן דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, ליפמאַן לעווין — דריי סאָוועטישע־ייִדישע שרייבער, וועלכע האָבן דעביוטירט און זיך אַנטוויקלט ווי שרייבער אַ צען־פופצן יאָר פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער אָט די אַלע דריי האָבן אין זייערע „סאָוועטישע יאָרן" זיך איבערגעשטאַלטיקט און אַרויף אויף גאָר נייע רעלסן. יעדער איינער פון אָט די דריי וויכטיקע קינסטלער האָט אַדורכגעמאַכט אַן אייגענעם שאַפונגס־וועג, איבערהויפּט אין לויף פון די לעצטע יאָר. און עס איז אַ באַזונדערע אויפגאַבע צו גיין פוסטריט נאָך זייער שאַפערישן גאַנג און באַצייכענען די אַלע אינטערעסאַנטע ווערק, וואָס זיינען דורך זיי געשאַפן געוואָרן, אין וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס דאָס נייע סאָוועטיש־ייִדישע לעבן.

צו דער צווייטער גרופּע, צום צווייטן דור געהערן אשר שוואַרצמאַן, דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פרץ מאַרקיש, אויך נחום אויסלענדער און י. דאָברושין און אין אַ געוויסן זין אויך דער יונג־פאַרשניטענער ביינוש שטיימאַן. אָט די גרופּע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען „קיעווער גרופּע", שטאַמט בעיקר פון דער רעוואָלוציע־צייט פון 1917. זי איז געווען די פריי־דיקע אָנזאָגערין פון דעם מאַסן־אויפברויז, פון דעם גרויסן יום טוב, פון דער נישט־געדאַכטער פרייהייט־צייט און אויפשטורעם פון 1917. און זייער פלאַמיקער, באַגייסטערטער דיכטונג איז געווען דאָס געזאַנג, דאָס שאַלן פון פאָלק, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון די פּענטעס, אין וועלכע דער צאַריזם האָט אים געהאַלטן געבונדן. אָט די גרופּע האָט אויך מיטגעמאַכט און אַליין אי־בערגעלעבט די גרויזאַמע געשעענישן פון בירגער־קריג און פון די מאַסן־שחיטות אין אוקראַינע. סיי די רעוואָלוציע און סיי די פּאָגראָמען און בירגער־קריג האָבן זיך טיף איינגעקריצט און איינגעשניטן אין זייערע געהירן און לייבער. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט און אפשר ביז אויף היינט צו טאָג נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון יענער אויסטערלישער צייט, ווען פרילינג און

שחיטה האָבן זיך געמישט און געפּלאָנטערט. מען קאָן צו זיי צורעכענען די שרייבער מ. דאַניעל, משה קולבאַק א״א.

און באַלד קומט די דריטע גרופּע שרייבער, וואָס האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַ מער־איינגעשטעלטן סאָוועטישן לעבן און אַ סאָוועטיש־יידישע ווירקלעכקייט. אַהער געהערן א. קושניראָוו, איציק פעפער, איזי כאַריק, איציק קיפּניס, ש. גאָדינער, ע. פינינבערג, מ. כאַשטשעוואַצקי, נח לוריע (הגם ער איז לויט די יאָרן עלטער, אָבער ווי אַ בעלעטריסט איז ער שפּעטער געקומען), ש. האַלקין, ש. ראָסין, ליפּע רעזניק, נאָטע לוריע, חנה לעווין, מ. אַלבערטאָן, פ. סיטאָ און נאָך און נאָך.

און דערנאָך — די נייע, די פּערטע גאָר יונגע שרייבער־פּלעיאַדע — דאָס זיינען דורכאויס קינדער און פּראָדוקטן פון דער סאָוועטיש־יידישער ווירקלעכקייט, אויסגעהאָדעוועט און אויסגעכאָוועט אויפן סאָוועטישן באָדן אונטער דער סאָוועטישער זון און ביי די סאָוועטישע באַדינגונגען. אַהער קומען דיאַמאַנט, הארצמאַן, א. גאָנטאַר, רחל בוימוואַל, די ביראָבידזשאַנער מ. גאָלדשטיין, ה. דאָבין, ע. קאָזאַקעוויטש, ווערגעליס, און נאָך און נאָך יונגע און יינגערע דיכטער און פּראָזאַאיקער.

אָט די רשימה פון די שרייבער איז ווייט נישט קיין פולע. מ'דאַרף אויך צורעכענען די גרויסע צאָל ליטעראַטור־און שפּראַך־פאָרשער, ווי מ. ליט־וואַקאָוו, מ. ווינער, א. גורשטיין, מ. עריק, נ. אויסלענדער, א. מרגולית, שכנא עפּשטיין, נחום שטיף, א. יודיצקי, ד. ב. סלוצקי, ש. אגורסקי, י. סאָסיס, מ. וויינגער, א. זאַרעצקי, א. קירזשניץ, י. ליבערבערג, ח. דונעץ, אבא לעוו, י. דאָברושין, י. נוסינאָוו, און אַ ריי יונגע און יינגערע ווי א. ספּיוואַק, י. באָרנשטיין, א. אבטשוק, א. פינק, י. רימיניק, ש. קליטעניק, ח. לויצקער, מ. דובילעט און פיל אַנדערע. די אַלגעמיינע צאָל שאַפעריש־טעטיקע דיכ־טער, פּראָזאַאיקער, ליטעראַטור־פאָרשער איז אָן ספק ווייט איבער אַ דריי־פיר הונדערט.

מיט די נעמען פון אָט די סאָוועטישע קינסטלער, מיט זייערע לידער און פּאָעמעס, ראָמאַנען און דראַמאַטישע שאַפונגען, מיט זייערע ליטעראַטור־פאָרשונגען, זיינען פאַרבונדן די וויכטיקסטע קינסטלערישע פאָרמעסטן און דערגרייכונגען, עקספּערימענטן און אויפטוען פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, און ממילא פון דעם גאַנצן סאָוועטיש־יידישן לעבן אין אַלע זיינע פּראָצעסן און איבערוואַנדלונגען.

און ווי אין פריידן אַזוי איןליידן. מען אַקערט און מען זייט אינאיינעם און מען נעמט אַראָפּ דעם שניט צוזאַמען. דאָס קאָלעקטיווע לעבן, דאָס אַלגע־

מיינע שאַפן האָט זיך אַמבעסטן אָפּגערופן אין דער עת־צרה, אין דער איצטיקער אומגליק־צייט.

ווייל מען באַגרייפן די סיבות, די מאָטיוון, די פאַרענטפערונג פון דעם געוואַלדיקן, מעכטיקן, גיגאַנטישן כוח פון דער רויטער אַרמיי און העראָאישע מסירת־נפשדיקע קאַמפן מיט דעם ברוטאַלן, מערדערלעכן פון קאָפּ־ביז־די־פיס באַוואָפנטן שונא, דעם באַרבאַרישן נאַציזם, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַן אומזיגבאַרן, ווייל מען פאַרשטיין דעם באַדייט פון די זיגן פון דער מעכטיקער רויטער אַרמיי, דאַרף מען עס זוכן אין דער האַרמאָניע, אין דער ברידערלעכקייט, אין דעם האַרציקן צוזאַמענלעבן פון די פעלקער אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד און פון זייערע קולטורן, און אין דער ליבע און פאַרהערלעכונג פון דעם אייגענעם, טיף־איינגעבאַקענעם אין האַרצן היימלאַנד.

דאָס זיינען אין קורצן די הויפּט־שטריכן פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. זי איז געקניפּט און געבונדן מיטן סאָוועטישן לעבן, זי שעפּט איר חיות (לעבנס־קראַפט), איר יניקה, איר טעמאַטיק, איר אימפּעט דירעקט פון דעם אַקטיוון און שאַפנדיקן אַרומיקן לעבן. זי איז באַטייליקט פון אָנהייב אָן אין די אַלע פּראָבלעמען, וואָס קומען פאָר אין לאַנד. זי איז אויך אַ רעזול־טאַט פון די גרויסע איבערוואַנדלונגען, און זי ווערט אויך געשטיצט און געפּירט פון די מלוכה־אָרגאַנען און פון די אַקטיווע כוחות אינעם לאַנד. עס איז דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור ליב און טייער יעדער שטיין, יעדער ציגל, וואָס פון דעם בויען זיך די סאָוועטישע מלוכה־געביידעס, און זי טראָגט גערן צו איר חלק באַגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. און ס׳איז דאָ אַ באַזונדערע פרייד פון שאַפן, פון זיין אַ גלייכער שותף צום שאַפן. מיר באַמערקן ממש אַ פאַרשיכורטע פרייד, וואָס איז ביז אַהער געווען גאָר אַ פרעמדע, נישט־געהערטע איבערלעבעניש פאַרן יידישן שרייבער.

און דאָס איז אויך דער סוד, וואָס ס׳איז געווען כסדר אַ וואונדערלעכער צואוואוקס און נייער וואוקס פון יונגע טאַלאַנטן, סיי שרייבער און סיי לייענער. דאָס איז גאָר אַ באַזונדער מזל־ברכה. אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור (ווי אין דאָרטיקן יידישן טעאַטער) איז דאָ אַ שטענדיקער וואונדערלעכער צו־פלוס פון נייע טאַלאַנטפולע שרייבער — דיכטער, פּראָזאַאיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, וויסנשאַפטלער, און ס׳איז אויך דאָ אַ שטענדיקער צופלוס פון נייע יונגע לייענער, וואָס באַגייסטערן דעם יידישן קינסטלער.

און עס איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס עס איז גרויס די צאָל פון די דאָרטיקע יידישע לייענער און אויך צושויער פונעם יידישן טעאַטער, ווייל עס זיינען געווען זייער פיל יידישע פאָלקס־שולן, מיטל־שולן, הויך־שולן, סעמינאַרן אין דער יידישער שפּראַך, און די צאָל שילער האָט דערגרייכט אין הונדערטער טויזנטער.

און אַזוי ווי דער סאָוועטיש־יידישער קינסטלער איז געגאַנגען פוסטריט מיטן גאַנג פונעם לאַנד אין זיין בויען, אַזוי אויך האָט דער סאָוועטיש־יידישער קינסטלער זיך גלייך מאָביליזירט פונעם ערשטן מאָמענט, ווען די נאַצישע האָרדעס זיינען באַפאַלן דאָס הייס־געליבטע און טיף־אייגענע לאַנד. ווער ס'האָט נישט געקאָנט נעמען די ביקס אין האַנט, האָט ער זיין וואָרט, זיין דיכטונג, זיין געזאַנג איבערגעשמידט אין געווער. און ווידעראַמאָל איז דער יידישער דיכטער, דער יידישער קינסטלער געוואָרן אַ מיטגליד, אַ גלייכער און פולבאַרעכטיקטער אין דער גרויסער משפחה פון העראָאישע קעמפער סיי אויפן פראָנט און סיי אין הינטערלאַנד, און אין דער גרויזאַמער אָבער העראָאישער צייט האָבן מיר נאָך מער דערפילט וואָס סאָוועטנפאַרבאַנד איז פאַר אירע פעלקער און אויך פאַר איר יידישן פאָלק.

דאָס איז דאָס עיקרדיקסטע און וועזנטלעכסטע, וואָס מ'קאָן זאָגן וועגן דעם שאַפנדיקן יידישן פאָלק אין סאָוועטנפאַרבאַנד און וועגן די קולטור־אוצרות, וואָס דאָס סאָוועטישע יידישע פאָלק האָט צוגעטראָגן צו דעם אייזער־נעם קולטור־פאָנד פון דעם גרויסן אומשטערבלעכן יידישן פאָלק.

אַזאַ איז אין אַלגעמיינע שטריכן די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור, ווי בכלל דאָס סאָוועטיש־יידישע שאַפן ביים 25סטן יאָרטאָג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, וואָס קומט פאַר ביי אַזעלכע שווערע גרויליקע באַדינגונגען, ווען אַ שטיק לאַנד איז אונטער דער אָקופּאַציע פון די מערדערלעכע היטלערישע באַנדעס.

נאָוועמבער 1942

דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער

דער מאָסקווער יידישער קאַמער־טעאַטער, וואָס איז אויפגעקומען אין די יאָרן 1917־1918 אין פעטראָגראַד דורך אַ גרופּע יידישע טעאַטער־טוער און טעאַטער־ליבהאָבער אין וועלכער איז, נאָך פאַרשיידענע צוגרייטונגען און עקספּערימענטן און אויפפירונגען, אַריבערגעפאָרן דערנאָך אין 1920 קיין מאָסקווע, האָט אַריינגעשריבן הערלעכע בלעטער אין דער יידישער טעאַטער־און קולטור־געשיכטע נישט נאָר פון דעם יידישן ישוב אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, נאָר גלייכצייטיק אויך אין דער יידישער טעאַטער־און קולטור־געשיכטע בכלל. נישט איצט איז די צייט און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דער־ציילן אויספירלעך וועגן דער אַנטשטייאונג פונעם טעאַטער און וועגן זיינע רומפולע און קאַלאָריטרייכע טעאַטראַלע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען. מיר איז באַשערט געווען, צוזאַמען מיט א. וויטער, בייצוזיין אין פעטראָגראַד אינעם הויז פון מענדל עלקין, סוף זומער 1917, ביי די ערשטע שמועסן־באַראַטונגען וועגן גרינדן די טעאַטער־סטודיאָ, און דערנאָך האָב איך געהאַט די זכיה צו זיין סוף 1920 און אָנהייב 1921 אין מאָסקווע ביי די לעצטע צוגרייטונגען און אויך ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פונעם „שלום עליכם־אָוונט״, וואָס איז געווען אַ גליקלעכע געבענטשטע שותפות פון שלום עליכם, מאַרק שאַגאַל, א. גראַנאָווסקי און ש. מיכאָעלס. מ׳האָט דאַן אויף אַ גאָר נייעם קינסטלעריש־מייסטערישן שטייגער און אופן געגעבן ש״עס „מזל טוב״, „אַגענטן״, אין וועלכע עס האָט גלייך אַרויסגעשטראַלט די וואונדערלעכע שלמה מיכאָעלס־געשטאַלט, וועלכע האָט זיך איינגעקריצט אויף שטענדיק אין זכרון, און עס האָט אויך אַרויסגעשיינט דער אייגנאַרטיקער סטיל און טעאַטראַלע מייסטערשאַפט פון דעם פירער פונעם טעאַטער, דעם רעזשיסער אַ. גראַנאָווסקי.

אין עטלעכע יאָר אַרום, פרילינג 1928, איז מיר באַשערט געווען אין בערלין צו זיין גאָר נאָענט מיטן אַנסאַמבל פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער בעת זיינע גאַסטשפּילן אינעם גרויסן בערלינער טעאַטער, וואו כ׳האָב באַ־וואונדערט די פאָרשטעלונגען און געהאַט אויך די מעגלעכקייט, אַ דאַנק די שמועסן מיט אַ. גראַנאָווסקי, ש. מיכאָעלס און בנימין זוסקין, צו דערגרונטעווען זיך צו די יסודות פונעם טעאַטער, אַרויסברענגען זיינע אידייאישע פּרינציפּן, ווי אויך — דעם מעטאָד און אופן פון זיין אַרבעט. עס איז קלאָר, אַז דער יידי־

שער מלוכה־טעאַטער איז געווען פיל מער ווי סתם טעאַטער, און אַז זיינע צילן און פאַרמעסטן, עקספּערימענטן און דערגרייכונגען זיינען אַריבער די גרענעצן פון בלויז טעאַטער.

אין בערלין, נאָכדעם ווי איך האָב געזען עטלעכע מאָל יעדע פון די אויפפירונגען, האָב איך געהאַט שמועסן מיט די דריי וויכטיקסטע קינסטלער־מייסטער אַ. גראַנאָווסקי, שלמה מיכאָעלס און בנימין זוסקין, און אַט זיינען זייערע מיינונגען־אַרויסזאָגונגען וועגן דעם טעאַטער און זיינע אויפטוען:

אַ. גראַנאָווסקי

אַ. גראַנאָווסקי ציט אָן אויף זיך אַ טיפן ערנסט און נאָך דעם, ווי ער באַטראַכט מיך לאַנג, זאָגט ער צו מיר:

אין יאָר 1919 האָט מען מיר איבערגעגעבן די מיסיע צו גרינדן אַ יידישע טעאַטער־שול; די שול איז אין דעם זעלביקן יאָר געעפנט געוואָרן אין פּעטראָגראַד, זי האָט דעמאָלט געציילט עטלעכע און דרייסיק שילער. אין יאָר 1920 איז פאָרגעקומען דער ערשטער סיום און גלייכצייטיק די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג.

אַזוי ווי מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק אין שייכות מיט די אויסבילדונג־מעטאָדן צו געבן אָן איינהייטלעכע גאַנצע זאַך, האָבן מיר אין אָנהייב געצווייפלט, צי זאָלן מיר אָננעמען שילער פון אַנדערע דראַמאַטישע שולן, אָדער אַקטיאָרן פון פרעמדע בינעס. דער גאַנצער מענטשן־מאַטעריאַל פון אונדזער טעאַטער איז אָנגעקומען צו אונדז ווי „רוי־שטאָף", און ערשט נאָך דעם ווי זיי זיינען „באַאַרבעט" געוואָרן אין אונדזערע וואַרשטאַטן, האָבן זיי געזאָלט אויפטרעטן אויף אונדזער בינע. פאַר דעם יסוד פון דער קינסטלערישער דערציאונג האָבן מיר באַטראַכט דאָס, וואָס דער אַקטיאָר גופא באַהערשט זיינע אייגענע עמאָציאָנעלע אַפּאַראַטן, און ער בילדעט אויס זיינע פייאיקייטן, זיין קערפּער און אַלע זיינע געפילן אונטערצוּוואַרפן זיין ווילן, זיין קאָנטראָלירנדיקן פאַרשטאַנד און יענעם פרעציזן ריטם, אויף וועלכן מיר בויען אַלע אונדזערע פאָרשטעלונגען. מיט איין וואָרט — דער יסוד פון דער קינסטלערישער דערציאונג איז געווען — אויסצובילדן ביים שוישפּילער די פייאיקייט צו ווערן אַ טייל פון דער אָרגאַנישער גאַנצקייט פון דער פאָרשטעלונג.

אַ. גראַנאָווסקי מאַכט אַ הפסקה און ער זעצט פאָר:

איך באַטראַכט די בינע־קונסט פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן און אַליינהערשנדיקן געביט, דעריבער מוזן אַלע עלעמענטן, פון וועלכע עס באַשטייט אַ פאָרענדיקטע פאָרשטעלונג — דער מענטש, דאָס בוך, די מוזיק, די דעקאָראַציע

און דאָס ליכט — אונטערוואַרפן זיך אַן איינאונאיינציקן אומדערשיטערלעכן געדאַנק אין דער פאַרענדיקטער פּאַרטיטור פון דער פאָרשטעלונג.

איך בין דערמיט נישט אויסן צו זאָגן, אַז איך וויל בינדן דעם אַקטיאָר און צונעמען ביי אים די מעגלעכקייט צו זיין שעפעריש, — פאַרקערט, עס ווערט אים געגעבן די גרעסטע געלעגנהייט צו קומען צום אויסדרוק. אָבער אַזוי ווי ער ווערט דערצויגן אין דעם שאַרפן באַוואוסטזיין פון אונדזער אויפ־גאַבע און פילט זיך פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכן טייל פון אַן איינהייטלעכער גאַנצקייט, — איז ער בכוח זיך אונטערצוואַרפן דער עיקר־אויפגאַבע און צו שאַפן אין אירע אָנגעמערקטע ראַמען.

אויך די דראַמאַטישע ליטעראַטור שטעלט פאַר אונדז פאַר נאָר אַ מאָמענט פון אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט און זי האָט נישט קיין זעלבסטשטענדיקע באַ־דייטונג.

מיר באַרעכענען גענוי (אָדער יעדנפאַלס שטרעבן מיר דערצו) די געזעצ־מעסיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען פון אַלע עלעמענטן און וואַרפן זיי אונטער דעם עיקר־געדאַנק, וואָס איז אונדזער איינציקע אויפגאַבע און אונדזער איינציקער ציל.

ווען איך נעם זיך צו דער אויפפירונג פון אַ ווערק, איז מיין עיקר־אויפגאַבע צו וויזן דעם באַזוכער, ווי אַזוי מיר פאַסן־אויף און פאַרשטייען דאָס דאָזיקע ווערק, די גאַנצע אַטמאָספער און די גאַנצע וועלט, אין וועלכע אונדזערע העלדן לעבן, און דעריבער איז גאַנץ באַרעכטיקט, וואָס בעת דער מחבר וויזט נישט די מיליע (ווי, למשל, אין „טרואַדעק" פון פראַנצויזישן זשול ראָמען), שאַף איך פון מיין זייט די מיליע. איך שאַף, הייסט עס, וואַריאַציעס איבער ראָמענס טעמע. איך טו עס דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז אַ בינע־ווערק, וואו עס ווערט נישט באַוויזן די „לופט", אין וועלכער די האַנדלענדיקע פיגורן לעבן, איז איבערפליסיק און עקזיסטירט בכלל נישט פאַרן טעאַטער.

פאַר די פאָרשטעלונגען קלייב איך אויס כלערליי דראַמאַטישע אויסדרוק־מיטלען (דראַמע, קאָמעדיע, אָפּערעטע) לויט דעם, וואָס דער אָדער יענער בינע־מאָמענט רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט.

פּראַקטיש פירן מיר אויס די דאָזיקע אויפגאַבע אויף אַזאַ אופן: בעת מיר קומען צו אַ הסכם בנוגע אַ פּיעסע, לייג איך פאַר אַ סצענאַר, וואָס אויף זיין יסוד שאַף איך צוזאַמען מיט מיינע דראַמאַטורגישע אַסיסטענטן דעם טעקסט פאַרן אַקטיאָר.

דעמאָלט וואַרף איך אָן אַ סקיצע פון דעם אַקטיאָרס פּאַרטיטור. און יעדערער, וואָס באַטייליקט זיך אין דער אינסצעניזירונג — דער קאָמפּאָזיטאָר, דער מאָלער, דער טעכניקער — באַקומט זיין גאַנץ־גענויע אָנגעצייכנטע אויפ־

גאַבע, וועלכע ער האָט אויסצופירן. וואָס שייך די פּראָבן, קומט פאַר די אַרבעט אויף אַזאַ אופן: ראשית, מוז דער אַקטיאָר באַהערשן דעם טעקסט און די מעלאָדיעס, ער מוז אויפנעמען דעם עיקר־ריטם פון דער פאָרשטעלונג, ערשט דעמאָלט ווערט ער געבראַכט אין באַוועגונג.

דורכשניטלעך קומען פאָר פּראָבן פון יעדער פּיעסע הונדערט און פופציק מאָל, אָבער קיינמאָל נישט מער ווי צוויי הונדערט און פופציק מאָל. דאָס ווענדט זיך אָן דעם, ווי ווייט קאָמפּליצירט עס איז די אויפגאַבע און ווי גיך די אַקטיאָרן באַהערשן דאָס גאַנצע בילד און די שייכותן צווישן אַלע טיילן.

דאָס זיינען די יסודות, לויט וועלכע מיר אַרבעטן און אויף וועלכע דאָס טעאַטער בויט זיך שוין גאַנצע צען יאָר, און מיט דעם טעאַטער האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ לענגערער טורנע איבער דער וועלט.

און וואָס מיר האָבן דערגרייכט, זעט איר איצט און איר קאָנט וועגן אונדזערע דערגרייכונגען אַליין אורטיילן.

שלמה מיכאָעלס

דאָס וואָס אַ. גראַנאָווסקי איז פאַר דעם גאַנצן מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, איז שלמה מיכאָעלס פאַר יעדער פאָרשטעלונג באַזונדער, — די נשמה און דאָס האַרץ. דער טעאַטער איז אַ מאַסן־אַנסאַמבל, אָבער די אַלע איינצלנע געשטאַלטן אין די גראַנאָווסקי־אויפפירונגען ציען זיך, גייען־אָפּ און קומען־צו צום מיטלפּונקט — צו מיכאָעלסן. ער שטעלט דעם טאָן, ער גיט די אָנ־רעגונג, ער טיילט־פאַנאַנדער צאַפּל און ציטער דעם גאַנצן קאָלעקטיוו און נעמט עס גלייך צוריק צונויף.

איך ווייס נישט, צי דאָס איז טאַקע געווען דער מיין, די כוונה פון אַ. גראַנאָווסקין...

ש. מיכאָעלס איז פון די עלטערע אַרטיסטן אין דער טרופּע, ער אַליין איז אַ גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט. ער איז נישט נאָר אַ תלמיד־ותיק, נאָר געוויס אויך אַ מענטש מיט אַן אייגענעם גאַנג, מיט אַן אייגענעם דרך, וועלכן ער בינדט געוויס אָן דעם טעאַטער.

דער גלענצנדיקער פאָרקערפּערער פון דעם מנחם־מענדעליזם אויף דער בינע, איז ער אין לעבן שטיף, באַטראַכט, אויסגערעכנט אויף אַ וואָרט. גאָר־נישט מעשה־אַרטיסט. ער רעדט פעסט, פּאָרזיכטיק און באַמיט זיך צו געבן דאָס טרעפלעכסטע, שטייפע וואָרט, וואָס זאָל באַצייכענען דאָס, וואָס ער וויל זאָגן. ער ווייסט אויך גלענצנד וואו צו שטעלן אַ פּונקט. עד כאן — און מער נישט!

מיר פאַרפירן אַ לענגערן שמועס וועגן דעם טעאַטער. איך דערצייל אים, אַז ביז די בערלינער אויפפירונגען איז מיר באַקאַנט די שלום־עליכם־פאַר־שטעלונג פון דעם טעאַטער פון 1921, און איך פרעג אים, צי איז דער גאַנג פון טעאַטער פון איין פאַרשטעלונג צו דער צווייטער געווען אַ קלאָרער, באַ־וואוסטזיניקער, אויסגערעכנטער, אָדער עס זיינען אויך געווען זיגזאַגן?

ש. מיכאָעלס פאַרטראַכט זיך און ענטפערט קלאָרע דיבורים:

— פאַרשטייט זיך, אַז אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער טעאַטער, פון דער ערשטער ש״ע־פאַרשטעלונג ביז די לעצטע אַרבעטן זיינען געווען און עס האָבן געווירקט געוויסע סיבות, וואָס האָבן געשאַפן צייטנווייז אַ פּלאַנ־מעסיקע באַוועגונג אין דער אַנטוויקלונג, ווי אויך באַשטימטע אָפּנייגונגען און זיגזאַגן, ווי איר האָט עס אָנגערופן. וואָס זיינען עס געווען פאַר אַ סיבות, אָדער ריכטיקער, וואָס פאַר אַן אויפגאַבן זיינען געשטאַנען פאַר אונדז און געפאָדערט זייער ליזונג? קודם־כל — עס איז שוין באַוואוסט, אַז דער מאָסקווער מלוכה־טעאַטער איז אויסגעבויט געוואָרן (נישט דער בנין, פאַר־שטייט זיך) אויף אַ ליידיקן אָרט. אַ. גראַנאָווסקי, ווען ער איז צוגעטראָטן מיט אַ 10 יאָר צוריק צו שאַפן דאָס טעאַטער, האָט נישט געטראָפן פאַר זיך נישט קיין שוישפּילער און אויך נישט קיין צושויער. מיר האַלטן, אַז דאָס וואָס דער אַלטער טעאַטער האָט איבערגעלאָזן בירושה, ווי אין זין פון אַרטיסטן, רע־פּערטואַר, ווי אויך אין זין פון טעאַטער־באַזוכער — האָט נישט געקאָנט דינען פאַר אַ ווענדפּונקט פאַר דער ערנסטער און הויך־קוואַליפיצירטער נאַציאָ־נאַלער קולטור, וועלכע האָט זיך אויפגעוואַכט און געשריען צום לעבן צוזאַמען מיט אַלע כוחות פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. די ערשטע אויפגאַבע איז דערפאַר געווען אַ ריין־דערציערישע — שאַפן און בילדן דעם שוישפּילער, רעפּערטואַר, זוכן די פאָרמען פון יידישן זשעסט, האַוואַיעס, באַוועגונגען, קלאַנגען א. אַז. וו. און דער ערשטער אָוונט, וועלכן איר האָט דערמאַנט, איז טאַקע געווען — דאָס פאַרעפנטלעכן די ערשטע רעזולטאַטן ביים לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע. און גוט וואָס מיר זיינען אימשטאַנד צו זען דעם גאַנג פון אַמאָל און איצט.

די צווייטע אויפגאַבע איז געווען — אַ קולטור־טעאַטראַלע; שאַפן דעם רעפּערטואַר. די גרויסע איבערקערעניש האָט געשטעלט דאָס פּראָבלעם פון ירושה און העגעמאָניע. פאַרן טעאַטער האָט זיך דאָס פּראָבלעם געשטעלט אין אַזאַ פאָרם: — אָדער לאָזן אַן אַ זייט די יידישע קלאַסיק און וואַרטן אויף די דראַמאַטורגישע שפּראָצונגען, וואָס מוזן אויסוואַקסן אויף דעם רעוואָלוציאָ־נער־צעאַקערטן באָדן, אָדער — ביז יענער צייט — באַקעמפן די אַלטע דראַמאַטורגישע פּאָזיציעס און פעסטונגען און ברענגען זיי אין זייער באַנייטן

תוך צו דעם נייעם צושויער. אַנדערש געזאָגט — איבערשאַצן די אַלטע ווערטן און דווקא אין אָט דעם פּראָצעס געפינען די אייגנאַרטיקע פאָרם פאַר די יידישע טעאַטראַלע אַרבעטן. אונדזער טעאַטער איז געגאַנגען אויף דעם־אָ צווייטן וועג. און איר ווייסט, אַז מיר האָבן געהאַט גענוג קעגנער פון אונדזער דרך.

דער שפּעטערדיקער גאַנג פון טעאַטער איז אַ גאַנץ־פּלאַנמעסיקער. דאָס טעאַטער איז געגאַנגען צו א. גאָלדפאַדען („כישופמאַכערין", „דאָס צענטע געבאָט"), צו שלום־עליכם („200 טויזנט" און „מנחם מענדל"), צו י. ל. פּרץ („ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק") און צו מענדעלען („מסעות בנימין השלישי"). דאָס טעאַטער האָט אַזוי־אַרום טעאַטראַל פאַרקערפּערט די קלאַסישע געשטאַלטן פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור. דאָס טעאַטער האָט געזוכט אין די ווערק די סאָציאַלע מאָטיוון, די סאָציאַלע דראַמאַטורגישע און סצענישע צוזאַמענשטויסן. דאָס ווערק איז אַזוי אַרום כסדר דערשינען אין אַ נייעם סאָציאַלן ליכט. דאָס טעאַטער האָט אויך געפּרוּווט זיך צו ווענדן צו מאָדערנער דראַמאַטורגיע און טאַקע געשטעלט זשול ראָמענס „טרואַדעק", א. וועוויאָרקעס „137 היימען" און ל. רעזניקס „אויפשטאַנד". איר ווייסט דאָך, אַז אין אַלגעמיין איז דראַמאַטורגיע אין סאָוועטנפאַרבאַנד געוואַקסן גאַנץ־לאַנגזאַם. פיל לאַנגזאַמער פון דעם וואוקס פון דער טעאַטראַלער קולטור. ס'איז ערשט אַ 2־3 יאָר, ווי די דראַמאַטורגיע האָט גענומען אָפּהאַלטן אירע ערשטע נצחונות („ליובאָוו יאַראָוואַיאַ", „מיאַטעזש", „ראַזלאָם", „בראָניעפּאָיעזד" א. אַנד). אין אונדזער יידישער דראַמאַטורגיע האָט זיך ערשט איצט באַוויזן אַן אינטערעסאַנטער פּרוּוו פון א. קושניראָוו „הירש לעקערט", וואָס וועט געוויס דינען ווי אַן אָנהייב, אַ ווענד־פּונקט אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דראַמאַטורגיע. — די גאַנצע לאַסט פון איבעראַרבעטן, אינסצעניזירן, צופּאַסן דעם טעקסט פון די קלאַסיקער צו די אויפגאַבן פונעם נייעם טעאַטער איז געפאַלן אויף י. דאָברושין (דער ליטעראַרישער קאָנסולטאַנט פון אונדזער טעאַטער). אָט די שווערע אויפגאַבע האָט ער אויסגעפּילט מיט אחריות. ער פאַראייניקט אין זיך גרויס קענטעניש, ליטעראַרישע ערודיציע מיט אַן אומגעהויערן חוש און פאַרשטאַנד פאַר דער בינע און אירע ליטעראַריש־דראַמאַטורגישע באַשטאַנדטיילן.

די דריטע אויפגאַבע איז געווען לייזן די פראַגע פון טעאַטראַלן מעטאָד. עס איז די פראַגע וועגן ריכטונג, געשמאַק. מיר האָבן פאַר זיך געהאַט דעם אינדיווידואַליסטיש־געשטימטן טעאַטער מיט זיינע קליינבירגערלעכע השגות און הנאות, מיט זיין ריין־שטובּיקן חשק דאָרט, וואו די געשטאַלטן פלעגן ווערן טיפּיזירט, דאָרט וואו דער אידעאַל איז געווען אַ פאָטאָגראַפישע ענלעכקייט צום לעבן א. אַז. וו. — דער נייער צושויער, וואָס האָט ערשט צעשמע־

טערט די עטישע יסודות און שטייגער־פאָרמען פונעם ביז־רעוואָלוציאָנערן לעבן, דער צושויער, וואָס האָט גענומען לעבן מיט אַ נייעם טעמפּאָ, און גע־אָטעמט מיט אַ טיפן אָטעם די קאַפּריזנע סאָציאַלע לופט, האָט געוואָלט און פאַרלאַנגט פון דער בינע אַן אַנדער צוגאַנג, אַן אַנדער מעטאָד. געפינען אָט דעם מעטאָד, געפינען די סצענישע שפּראַך פאַר דעם נייעם צושויער, — דאָס איז געווען אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געווירקט שטאַרק אויף דער גאַנצער אַנט־וויקלונג פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. איצט קאָן מען שוין דעם מעטאָד אָנרופן מיט זיין ריכטיקן נאָמען — עס איז דער מעטאָד פון סצענישן סאָציאַלן אַנאַליז. אַנשטאָט אינדיווידועלע שטימונגען, האַלבע ווערטער, האַלבע טענער — אויסגעשפּראָכענע, אויפגעברויזטע סאָציאַלע געפילן; אַנשטאָט איינצלנע העלדן מיט אייגענע, ריין־סוביעקטיווע, באַגרענעצטע איבערלעבע־נישן — פריידפולע מאַסן־באַוועגונגען מיט זייער רויש, מיט זייער טאַנצן אויף די חורבות פונעם אַלטן, מיט זייערע גרויסע סאָציאַלע האָפענונגען און ראַציאָ־נעלער אַקטיוויקייט; אַנשטאָט טיפּן — סאָציאַלע געשטאַלטן, דורך וועלכע ס׳פילט זיך דער אָטעם פון גרויסע מענטשן־מאַסן, פון מענטשן־קאָלעקטיוון; אַנשטאָט משפּחה־צוזאַמענשטויסן, אַנשטאָט „טשעכאָווישטשינע״, אַנשטאָט טרויער און אומעט — גרויסע געזעלשאַפטלעכע ווידערשפּרוכן, וועלכע שאַפן דעם הינטערגרונט פאַר דער גאַנצער סצענישער האַנדלונג.

דער העלד פון אונדזער „200 טויזנט״ איז נישט שימעלע, נאָר „עמך״. אָט דער באַגריף, וואָס איז ביי ש״ע געלעגן אין דעם ווערק ווי אַ טויטער קאַ־פּיטאַל, און נאָך דעם, ווי דאָס טעאַטער האָט אים פאַרקערפּערט — איז ער אַריין אין קולטור־אינווענטאַר פון דעם נייעם יידישן לעבן.

איך רייס איבער מיכאָעלסן און פרעג אים:

— ליבער מיכאָעלס! פאַר מיר איז קלאָר דער מהלך פון דער ערשטער ש״ע־פאָרשטעלונג ביז „200 טויזנט״. דערקלערט מיר, איך בעט אייך, דעם וויטערדיקן גאַנג ביז אייער לעצטער אויפפירונג פון מנחם־מענדל. וועלכע סצענישע מיטלען זיינען געברויכט געוואָרן שפּעטער, וואָס פריער זיינען זיי נאָך נישט געווען קלאָר פאַר אייך אַלעמען.

— עס איז אַ וויכטיקע פראַגע און מ׳קאָן דערפון פיל רעדן. מיר זיינען פון אַלעמאָל געווען צו קלאַסיפיצירן די דראַמאַטורגישע שאַפונגען לויט באַשטימטע פאָרמען, ווי קאָמעדיע, טראַגעדיע, אָפּערעטע, וואָדעוויל, בו־פאַנאַדע א. אַז. וו. מיט אָט די אַלע פאָרמען איז איצט כמעט ווי אוממעגלעך צו כאַראַקטעריזירן דעם תוך פון אַ פאָרשטעלונג. מיר האָבן אייגענע נעמען: פרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ רופן מיר טראַגישער קאַרנאַוואַל. מענ־דעלעס „מסעות״ — רירנדיקע עפּאָפּייע. „200 טויזנט״ — מוזיקאַלישע קאָ־

מעדיע. „טרואַדעק" — עקסצענטרישע אָפּערעטע. „מנחם מענדל" (דער לופט־מענטש) האָט ביי אונדז גאָר אַ מאָדנעם נאָמען — וואַריאַציעס אויף דער טעמע שלום־עליכם. — זוכנדיק די מיטלען ווי שאַרפער און ווי בוילעטער אויפצו־דעקן דעם טראַגישן אינהאַלט פונעם פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן, זיין פאַר־משפּטקייט ביי אונדז אויף אונטערגאַנג, האָט דער טעאַטער באַוויזן אַ גרויסע פיל־פאַכיקייט אין אַרויסבאַקומען נייע סטימולן אין זיין אַנטוויקלונג, שלייפן די געשטאַלטן, פאַרפולקאָמען די סצעניש־ע מיטלען, אַרויסגעפינען נייע סאָציאַלע קערנער, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די נאַאיווע, אָפּט־אַנעקדאָטישע קלאַסישע געשטאַלטן, — אָט דאָס איז געווען אונדזער ווייטערדיקער גאַנג.

טראַגיקאָמיש — דאָס איז דאָך איינע פון די דערשיינונגען, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער איצטיקער עפּאָכע. נעמט אונדזערע איינצלנע אויפפירונגען: דער טראַגישער קאַרנאַוואַל פון פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", די געשיכטלעכע פאַראורטיילטקייט פון מנחם־מענדל, די לייזונג פון זיין פּראָבלעם, ווי מיר זעען עס ביי אונדז — דער ביראָבידזשאַן אין ברייטן זין פון וואָרט, הכלל, די טיפסטע פאַרבינדונג פון די טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן מיט דער סצענישער טריבונע, אויפ־נעמען די ליידן און פריידן פון אונדזערע קלאַסיקער אַזוי, אַז זיי זאָלן קלינגען האַרמאָניש פאַר דעם היינטיקן צושויער — אָט דאָס איז געווען די הויפּט־אידייע ביים פאַרקערפּערן די ווייטערדיקע ריי פון די קלאַסישע ווערק אין אונדזער טעאַטער.

— ווי איז געגאַנגען די סצענישע פאַרקערפּערונג אין די ווייטערדיקע אויפפירונגען, פרעגט איר? — ביי אונדז האָבן זיך פּאַראַלעל אַנטוויקלט די פאָרמען פון די פאַרשטעלונגען, די טעכניק, דער דראַמאַטורגישער בוי, דער בוי פון געשטאַלט. דאָס, וואָס ס'איז אָנגעמערקט געווען אין „כישופמאַכערין" און אין „200 טויזנט" ווי אַ מאַניפעסט, איז שפּעטער פּראַקטיש פאַרווירקלעכט געוואָרן אין די ווייטערדיקע אַרבעטן פון טעאַטער. איצט שטייט דער טעאַטער פאַר זיין גרעסטער אויפגאַבע — געבן די מאָדערנע געשטאַלט, דעם היינ־טיקן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס און שוין אין דער היינטצייטיקער, קאָנקרעטער סביבה.

— פון וואַנען קומט אָט דער קלאָרער אַרבעטס־ווילן ביי אייך, דער באַוואוסטזיניקער גאַנג, די צילאָנגעוועגדטע עקשנות? — פרעג איך מיכאָעלסן.

— ס'קומט פון דער גליקלעכער באַגעגעניש פון אַ. גראַנאָווסקי מיט די אַרטיקע טוער אין ראַטנפאַרבאַנד. באַוואָפנט מיט גרויסער טעאַטראַלער ערו־דיציע, מיט יונגע, כמעט נישט געריר טע כוחות, מער איראָפּייער, ווי יידישלעך (אין ענגן זין פון וואָרט), מיט שאַרפן אויפנעמען געשעענישן, מיט אַ שטאַרקן

ווילן און כאַראַקטער צו טאָן אַרבעט, — איז גראַנאָווסקין מיט דער הילף פון די בעסערע כוחות אין אונדזער סביבה געלונגען צו שאַפן דעם טעאַטער. אַרום טעאַטער גרופּירן זיך גרויסע סאָציאַלע סימפּאַטיעס. ס'איז דאָ אַ געזעלשאַפט „פריינד פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער", עס זיינען דאָ איבער־געגעבענע פריינד, וואָס טוען פיל פאַרן טעאַטער. ס'זיינען דאָ צושויער, וואָס פייערן יובילייען פון 500 מאָל „כישופמאַכערין" אָדער „200 טויזנט"! אַ דאַנק זיינע אומגעהויערע טעאַטראַלע פייאיקייטן (ס'איז מיר, האַלט איך, דערלויבט צו רעדן אַזוי וועגן דעם, ווער ס'איז מיין לערער און פירער אין משך פון 10 יאָר!), האָט אַ. גראַנאָווסקי באַוויזן צו געפינען אַזאַ פרישע, דורשטיקע אודיטאָריע, אַזעלכע פייערדיקע חסידים פון דעם טעאַטער.

— און אויב אַזוי, דערלויבט מיר צו שטעלן אייך אַ פראַגע, וואָס ס'ווילט זיך פרעגן. איז ביי אייך דער רעזשיסער ניט קיין אַליינהערשער, אונטער־דריקט ער נישט דעם אַרטיסט? איז דער אַרטיסט נישט געפּענטעט דורך אייער רעזשיסער?

מיכאָעלס שטעלט אָן אַ שאַרפן בליק אויף מיר און זאָגט:

— דאָס איז אָן אמתע „רויבער־געשיכטע", אַז ביי אונדז אין טעאַטער ווערט דער שוישפּילער באַצוואונגען פונעם רעזשיסער. פאַרשטייט זיך, ס'איז דאָ אַ שטרענגע צייכענונג, פּונקט ווי אין אַ מוזיק־קאָמפּאָזיציע זיינען דאָ גע־וויסע געזעצלעכע גרענעצן, פּונקט אַזוי ווי דאָס סצענישע קעסטל, דער סצע־נישער רוים האָט אַ באַגרענעצטע גרויס.

וואָס איז אַזוינס רעזשיסערישע אַרבעט אין טעאַטער? עס איז דאָס שאַפן סצענישן בוי־שטאָף פאַרן שוישפּילער. וואָס איז אַזוינס דער שוישפּילער פאַרן רעזשיסער? עס איז אַ געוויסער בוי־שטאָף, פון וועלכן עס מוז געשאַפן ווערן אַ געשטאַלט. זאָלן זיך דער רעזשיסער און דער אַקטיאָר נישט רעכענען איינער מיטן אַנדערן, נישט נעמען אין אַכט די אייגנאַרטיקע באַזונדערקייטן פון יעדן איינעם, וועט דאָך אַרויסקומען נישט קיין פאַרשטעלונג, נאָר אַ קאַטאַסטראָפע. פאַר דעם צושויער, וועלכער איז געוויינט צו דראַמאַטורגישער אָדער שוישפּילערישער דיקטאַטור, איז שווער צוצוגעוואוינען זיך צו דער קינסטלערישער און אָרגאַניזאַטאָרישער ראָלע און באַדייטונג, וועלכע עס שפּילט און עס האָט אין טעאַטער דער נייער רעזשיסער. און דעריבער שאַפן זיך לעגענדעס וועגן דעם נייעם שקלאַף אין טעאַטער, — וועגן דעם נעבעכדיקן, פאַרפאַלגטן שוישפּילער. דער מעטאָד איז אַ נייער, און די, וואָס ווערן זיך נעענטער צוקוקן צו דעם נייעם טעאַטער, צו דעם שפּיל און צוזאַמענשפּיל, וועלן אויפהערן צו גלייבן אין אָט דער בבא־מעשה, אַז דער שוישפּילער איז פאַרשקלאַפט. און — גיט צו לסוף מיכאָעלס — בעת די צענדליקער און צענד־

ליקער רעפּעטיציעס און דערנאָך — בעתן שפּילן גופא נעמט דער שוישפּילער פון דער אויפפירונג דאָס, וואָס ער באַדאַרף, דאָס, וואָס זיין טאַלאַנט פאַר־לאַנגט פון אים, און דער רעזשיסער פאַרשטייט עס און ער גיט עס אים זייער גערן.

בנימין זוסקין

נאָך ש. מיכאָעלסן איז ב. זוסקין פון די טאַלאַנטפולסטע אַרטיסטן אין דעם יידישן מלוכה־טעאַטער. ער שפּילט אויך די הויפּט־ראָלן אין די אויפ־פירונגען. ער טיילט זיך גלייך אַרויס פון דעם גאַנצן טעאַטער־קאָלעקטיוו. זיין סאָלאָווייטשיק דער שדכן אין שלום־עליכמס „200 טויזנט" איז אַ מייסטער־שטיק. אין „כשופמאַכערין" שפּילט ער די באָבע־יאַכנע, אין „מסעות" — סענדערל די יידענע. ער איז אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אַ האַרציקער מענטש, אַ יונגער ענטוזיאַסט פון יידישן טעאַטער, פון יידישער קולטור, פון יידישן וואָרט. ער רויטלט זיך און שעמט זיך, וואָס מ'וויל אים אינטערוויואירן. פרעגט, זאָגט ער באַשיידן, גראַנאָווסקין, שמועסט, בעט ער זיך, מיט מיכאָעלסן, זיי וועלן אייך מער און קלאָרער זאָגן וועגן טעאַטער און וועגן זיינע אויפגאַבן. אָבער אַז מען צעשמועסט זיך מיט אים, זעט מען, אַז ער האָט אויך וואָס צו זאָגן וועגן טעאַטער.

— וואָס אונדזער טעאַטער האָט ביז אַהער אויפגעטאָן, און אין וואָס ס'דריקט זיך אויס זיין רעוואָלוציאָנערישקייט? אין דער „כישופמאַכערין" איז ביי אונדז דאָ אַזאַ מין פראַזע: „געשטאָרבן דער אַלטער יידישער טעאַטער", און מען רופט דערביי אויס „ברוך דיין האמת". — אָט אין דעם ליגט דער עצם און מהות פון אונדזער טעאַטער. אפילו ווען מיר נעמען אַלטע זאַכן, רעכענען מיר זיך נישט מיטן אינהאַלט. מיר שלאָגן אַרויס פון דעם אַלטן ג־יע פרייד, מאַסן־פרייד און מיר שלעפּן־אַרויס אויך דאָס קאָמישע, נאַרישע פון אַלטן לעבן, פון אַלטן שטייגער און ווייזן עס דעם עולם אין אַ נייער שטרענג־גראָטעסקער פאָרם. אין יעדער זאַך, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט, האָבן מיר געהאַט אַ גרונט־אידייע. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" האָבן מיר געשטעלט אַ מצבה דעם אַלטן יידישן לעבן. אין „מסעות בנימין השלישי" אָפּגעוואָרפן די אָרעמקייט, די טאָרבע, וואָס הענגט ווי אַ קללה אויף אונדז, און אין „מנחם מענדל" האָבן מיר באַגראָבן די דאָך־קיכאָטישקייט, — און דערביי האָבן מיר באַוויזן אומעטום דעם אַלטן שטייגער, די בורזשואַזע וועלט אין שטאַרק נעגאַטיווע פאָרמען. איר האָט דאָך געזען, ווי מיר טראַקטירן די גבירים אין „200 טויזנט". דאָס פּאָזיטיווע פונעם יידישן לעבן, לויט אונדזער פאַרשטייַן, וועט ערשט קומען אין אונדזערע וויטערדיקע אויפפירונגען.

און צי איז געווען ביי אונדז אַ בהדרגהדיק וואַקסן, — פרעגט איר ? געוויס! אין די ערשטע אַרבעטן זיינען די באַוועגונגען געווען מעכאַנישע. בכלל זיינען די אַמאָליקע ערשטע פאָרשטעלונגען געווען מער לאַבאָראַטאָרישע סטודי־אַלישע. ס׳זיינען געווען פריער פאָרשטעלונגען מיט עטלעכע מענטשן. אין פלאַך. ס׳זיינען דער עיקר געגעבן געוואָרן מאַסקעס פון איינצלנע פערזאָנען. ס׳איז געווען אַלץ אין מיניאַטור. אויך די באַוועגונגען זיינען געווען מער פרימיטיווערע, הגם גאַנץ־שאַרפע און אונטערגעשטראָכענע. מען האָט אָפּ־געטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אין אַרויסברענגען דעם יידישן זשעסט, אַנאַליזירן אים, דערפירן אים פון דעם אָנהייב ביז דעם סוף. און גלייכצייטיק איז געלייגט געוואָרן אויפמערקזאַמקייט אויף דעם וואָרט ; דאָס וואָרט, וואָס ווערט געבוירן פון אַ פויזע.

שפּעטער איז געלעגן דער וועג אין מאַסן־פאָרשטעלונגען. דער קאָלעקטיוו האָט אויפגעלעבט און געוואָרן אַרום דעם יחיד אַ יש. אַ. גראַנאָווסקי איז גע־וואַקסן צוזאַמען מיטן קאָלעקטיוו, ער איז געוואַקסן מיט זיינע מאַסן־סצענעס. און דערביי איז געקומען די קאָנסטרוקציע אין טעאַטער. אַ. גראַנאָווסקי האָט גענומען אויסנוצן דעם גאַנצן חלל אויף דער בינע. — דער „200 טויזנט״ איז אונדזער פּראָגראַם־פאָרשטעלונג ; „די כישופמאַכערין״ — אונדזער מאַניפעסט־פאָרשטעלונג ; „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ איז פון די טיפסטע פאָר־שטעלונגען ביי אונדז. דער טעקסט איז דאָרט גאָר ווייניק. אַ. גראַנאָווסקי האָט פון די אַלע וואַריאַנטן געשאַפן אַ נייעם טעקסט. אַהער קומט די הערלעכע מוזיק פון אַל. קריין. עס זיינען דאָ צוויי טיילן אין דער פאָרשטעלונג : דער אָפּשטאַרבנדיקער טאָג אויפן אַלטן יידישן מאַרק און דער אויפוואַכנדיקער יידישער בית־עלמין. עס איז אויפגעפּאַסט ווי אַ מיסטעריע. דאָס יידישע לעבן איז ווי אין אַ טעמפּן ווינקל. קיין שום אויסוועג ! ס׳איז פינצטער אויפן אַלטן מאַרק, מענטשן שאָטנס, אַלץ איז צעפוילט. ס׳איז אַזאַ רייכע און אַזאַ טראַגישע פאָרשטעלונג, — ווען איך דערמאָן זיך איצט וועגן איר, — ווערט מיר קאַלט אין די אברים. ס׳איז נישטאָ קיין שום האָפענונג. און דערשיינט ערגעץ־וואו עפּעס אַ שיין, אַ ליכט, דערשטיקט עס דער בדחן, וועלכער איז, אגב, ביי אונדז צעטיילט אויף צווייען : איינער אויף דער ערד, דער צווייטער שוועבט אין דער לופטן. דער צווייטער דערגאַנצט דעם ערשטן. מיר האָבן אין דער פאָרשטעלונג זייער פיל אַריינגעלייגט, מיר האָבן זי רעפּעטירט אַ צוויי יאָר.

איך טו אַ פרעג ביי זוסקינען די פראַגע, וואָס מאַטערט אונדז :

— ווערט נישט דערדריקט די פערזענלעכקייט פונעם אַקטיאָר ביי אייך ?

— אָט די פראַגע שטעלט מען אונדז אָפט. אָבער איר אַליין האָט דאָ אין בערלין שוין געזען צוויי אַקטיאָרן אין באַזונדערע אָוונטן שפּילן איין און די

זעלבע ראָלע און איר האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָך שפּילט יעדער איינער פון זיי ווי ער קאָן, ווי עס גיט זיך אים איין. די פאָרשטעלונג איז אויסגע־רעכנט אין אַלע פּרטים, קיין אַקטיאָר טאָר נישט און קאָן נישט משיג־גבול זיין דעם צווייטן, יעדער איינער האָט זיין ראַם און שפּילט ווי ער קאָן אין זיין ראַם.

כדי צו רעדן וועגן דעם גאַנצן טעאַטער, מוז מען זען די אַלע פאָרשטע־לונגען, ווייל יעדע פאָרשטעלונג האָט זיך איר כאַראַקטער, איר סטיל, אירע סצענישע רייכטימער און אוצרות... — פאַרענדיקט ב. זוסקין זיינע רייד צו מיר, און בעט זיך מיט אַנדערע פראַגן זיך ווענדן צו אַ. גראַנאָווסקין און ש. מיכאָעלסן.

בערלין, אַפּריל 1928

שלום עליכם, מענדעלע און י. ל. פרץ ביים מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער

1.

...איך האָב וועגן דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער געלייענט כמעט אַלץ, וואָס מען האָט וועגן אים און זיינע אויפפירונגען געשריבן; איך בין אויך באַקאַנט מיט אייניקע באַזונדערע אַרבעטן וועגן דעם טעאַטער און וועגן די שוישפּילער; איך האָב אויך געהערט זייער פיל וועגן דעם טעאַטער פון מענטשן, וואָס האָבן אים זייער ליב און אויך פון אַזעלכע וואָס האָבן אים שטאַרק פיינט. איך האָב, ווי שוין דערציילט, געזען אָנהויב 1921 זיין ערשטע שלום־עליכם־פאָרשטעלונג, — אָבער דאָס אַלץ איז ווייניק, זייער ווייניק, כדי צו וויסן, פילן און פאַרשטיין דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. מען דאַרף דעם טעאַטער זען, אויפנעמען אַליין, און ערשט דאַן ווערט קלאָר, וואָס אַזוינס א. גראַנאָווסקי מיט זיין קאָלעקטיוו האָבן אויפגעטאָן.

אוודאי, כדי צו האָבן אַ גענויע פאָרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן טעאַטער דאַרף מען פריער פון אַלץ זיך באַקענען מיט אַלע זיינע אויפפירונגען. איך האָב געזען, לײדער, נאָר דריי — שלום־עליכמס „200 טויזנט", מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי" און י. ל. פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". אָבער די פאַרשיידענע אָפּיציעלע (און נאָך מער — די נישט־אָפּיציעלע) שמועסן מיט א. גראַנאָווסקין און מיט די שוישפּילער האָבן דערגאַנצט און פאַרפולט די בלויזן צווישן די דריי פאָרשטעלונגען און דעם קינסטלעריש־סצענישן מהלך צווישן די אַלע אַנדערע אויפפירונגען.

וואָס איז דאָ פיל צו ברייען!

עס איז אונדזער גרויסער סצענישער וואונדער. און אַ באַזונדער וואונדער איז עס, וואָס ער איז געקומען לכתחילה ווי אַ „יש מאין", און פון אַזאַ זייט, פון וואַנען מיר האָבן זיך ווייניק אויף אים גערעכנט. בעת דער גראַנאָווסקי־טעאַטער האָט געאַרבעט אין מאָסקווע, האָט איינער פון זיינע איצטיקע ליטעראַריש־קינסטלערישע טרייע מיטבויער דאַן פאַר אַ גרויסן עולם געטאַדלט דעם טעאַטער און געוואָרנט: „אָט דער פרעמדער גוי (גראַנאָווסקי) וועט בויען יידיש טעאַטער?" ווי אַ פרעמדן, זייטיקן, צופעליק־געקומענעם האָט מען גראַ־נאָווסקין טראַקטירט אויך פיל יאָרן שפּעטער. ס'איז דערביי געווען אַ סכנה,

אַז דער טעאַטער זאָל אַרונטערפאַלן אונטער דער השפּעה פון פּוסטע פּראַזן־דרעשער, וואָס זייער צאָל און זייער ווירקונג איז געווען גרויס אין ראַטנפאַרבאַנד. און ס׳האָט אויך געדראָט אין דער איצטיקער טעאַטראַלער מאָסקווע, דער טעאַטער זאָל ווערן בלויז אַ טעאַטער אין דער יידישער שפּראַך, נאָר סתם אַ רעוואָלוציאָנערער טעאַטער, נאָר אין אַ שוואַכערער, פלאַכערער יידישער אויפלאַגע.

צום גליק אָבער האָט אַ. גראַנאָווסקי באַוויזן אָט די אַלע שוועריקייטן גובר צו זיין, און לכתחילה אויסהאַלטן און שפּעטער — דערהויבן דעם טעאַטער צו אַזאַ קינסטלערישער און קולטורעלער מדרגה, וואָס איבעראַשט איצט פרעמדע און אייגענע.

ס׳איז ביי די ספּעציעלע מאָסקווער באַדינגונגען און שטימונגען געווען אַ גרויס העלדישקייט זיך צו האַלטן אָן אויפהער ביי די יידישע קלאַסיקער — גאָלדפאַדען, שלום־עליכם, פּרץ און מענדעלע, און זיך נישט אַוועקצולאָזן אויף די וואַסערן פון „אַקטועלערע שלאַג־פּיעסעס״, וואָס בעל־דעה־זאָגער און צושויער־באַזוכער האָבן פאַרלאַנגט און געפאָדערט. איבערהיפּערן דעם היינט, אויסמיידן דעם טאָג־געבאָט און ציען יניקה פון אַמאָל, — דאָס אַליין איז שוין אַ באַוויז פון אַ טיפערן פאַרשטאַנד און פון אַ אַנטוויקלטער קולטור־הויך. ווען מ׳האָט אַלץ אַרום „פאַרניינט״, געריסן פונדאַמענטן, געצונדן בריקן, האָט דער „פרעמדער, זייטיקער״ אַלעקסעי גראַנאָווסקי זיך גראָד געקלאַמערט אָן די זיילן פון דעם קלאַסישן יידישן שאַפן. ס׳איז געווען אַ געפאַר, אַז דער טעאַטער זאָל צוזאַמען מיט די זיילן אומגעוואָרפן ווערן און אומקומען. און דער פאַרדינסט פון אַ. גראַנאָווסקי, און דער נס איז, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל אויסדויער־קראַפט, עקשנות און שטאַרקן און קלאָרן ווילן צו בלייבן ביי דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן איינציק־ריכטיקן און וואָס ער האָט מיט דער צייט גענומען איבערצייגן די אַלע, וועלכע האָבן לכתחילה ניט פאַרשטאַנען און נישט געוואָלט פאַרשטיין.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס אויך אין בערלין, צווישן די פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע פּראָ־סאָוועטישע קרייזן, האָט מען געהאַט טענות און געמאַכט פאָרוואורפן אַ. גראַנאָווסקין און זיין טעאַטער, וואָס צום צענטן־עלפטן יאָר פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און ביים ערשטן באַזוך אין מערב־איראָפּע, קומט מען נישט מיט קיין ניי־רעוואָלוציאָנערן רעפּערטואַר, נישט מיט קיין פּיעסעס פון סאָוועטישע אָדער סאָוועטיש־יידישע דראַמאַטורגן, נאָר גאָר מיט אַן אַלטן רעפּערטואַר פון לאַנג־פאַרשטאָרבענעם יידישן לעבן. מיט אַזעלכע טענות איז אַרומגעגאַנגען דאָן אויך דוד בערגעלסאָן. אין פלוג, גערעכטע טענות...

אָבער אַ. גראַנאָווסקי איז געווען אַן „איינגעשפּאַרטער" ייד און זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון זיין וועג. דורך דעם „אַלטן" האָט ער באמת זיך אַרויסוויזן דאָס נייע...

2.

מען האָט אָפט געברויכט דעם נאָמען טאַיראָוו, ווען מען האָט גערעדט וועגן דעם גראַנאָווסקי־טעאַטער. געוויס זיינען דאָ אין אייניקע אויפפירונגען פונעם יידישן טעאַטער מאָמענטן און עלעמענטן פונעם טאַיראָוו־טעאַטער. אָבער אין תוך, אין עיקר שיידט זיך דער יידישער טעאַטער שטאַרק אָפּ פונעם רוסישן קאַמער־טעאַטער. דאָרט זיינען פאַרבן־שפּיל, באַוועגונג־ריטם, וואָרט און זשעסט דערפירט צו אַ זעלבסט־צוועק, זיי זיינען דער אָנהייב און סוף פון יענעם טעאַטער. נישט קיין אָפּגאַנג און נישט קיין אויפגאַנג, אָן אַ קללה פאַר דעם אָפּשטאַרבנדיקן לעבן און אָן אַ ברכה פאַר דעם אויפגייענדיקן געדאַכטן לעבן. דאָרט איז זאַרגלאָזער טעאַטער־שפּיל, וואָס איז אַליין פאַר זיך אַן ענין. דאָ, אינעם יידישן טעאַטער, האָבן מיר לאַסט פון דורות, הויקער פון אַ שטייגער־לעבן, וואָס ס'ווילט זיך אַראָפּוואַרפן, אַרויסרייסן, עס קומט אָן שווער, און אָפּטמאָל, — ווי ס'טרעפט ביי עכטע קינסטלער און דיכטער — קומט מען מיט ווילן צו שעלטן און מען בענטשט גאָר...

דער מאָסקווער מלוכה־טעאַטער האָט גענומען אַרויסאַנטפּלעקן אַלדאָס וויכטיקע וואָס דער דור פאַר אים, די דורות פאַר אים, האָבן געשאַפן פּאָזיטיווס און נעגאַטיווס אין ליטעראַטור, אין מוזיק, אין שטייגער־לעבן. אַרויסאַנט־פּלעקן — אָבער נישט טריי־פאָטאָגראַפיש, געטריי־נאַטוראַליסטיש, נאָר גראָ־טעסקאַרטיק, טעאַטראַליש. עס איז נישט קיין דירעקטער המשך פון לי־טעראַטור (ווי דער מאָסקווער סטאַניסלאַווסקי־טעאַטער) און אויך נישט ווי אַ קעגנזאַץ, אַ פאַרלייקענונג פון ליטעראַטור (ווי טאַיראָווס טעאַטער). עס איז דער ציל צו שאַפן אויף דער בינע נישט קיין קלאַסישע טיפּן מיט זייער גאַנצן ליטעראַרישן און קינסטלערישן, פּסיכאָלאָגישן און שטייגערישן האָב און גוטס, נאָר פאַרשאַרפטע, פאַרשפּיצטע סצעניש געשטאַלטן מיט באַ־וועגונגען, זשעסטן, האַוואַיעס, טענער און מאַטיוון, וואָס דאָס יידישע פאַר־גאַנגענע לעבן און די יידישע קלאַסישע ליטעראַטור האָבן געשאַפן. דערביי איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער געראַנגל צווישן טעאַטער און ליטע־ראַטור, צווישן שפּיל און רעאַלקייט, צווישן גראָטעסק און פאַרגאַנצקייט. אָט די סתירותדיקע כוחות האָבן געשטרייט צווישן זיך, געשטרייט אין די אויפפירונגען בכלל און אינעם שפּילן פון די איינצלנע שוישפּילער בפרט. דער טעאַטער האָט געוואָלט סכעמאַטיזירן, וואָס־שטאַרקער אויסלאָזן רע־אַלע עלעמענטן, וואָס־מערער אויסשיילן אויסערלעכע לבושים, אָבער אין

פּראָצעס פון שאַפן, פון שפּילן איז געקומען דאָס נייע אָנלאָדן, דאָס נייע אויפנעמען אויף זיך הויטן און לבושים. און שטרעבנדיק אָפּשטויסן, נעגירן, וועלנדיק אָפּרייניקן און זיך באַפרייען פון לאַסטן און פון „טויטע קאַפּיטאַלן״, האָט מען נאָכמער פאַרשטייפט, פאַראייביקט און פאַרהערלעכט שאַטנס פון פאַרגאַנגענעם לעבן.

יאָ, געקומען שעלטן און זיך גאָר געגומען בענטשן. געוואָלט דורך דער פאַרשטעלונג שטעלן אַ מצבה דעם אַמאָל און אין סך־הכל — גאָר פונסניי מחיה־מתים געווען.

און דאָס פילט מען באַזונדערס אין דער מענדעלע פאַרשטעלונג „מסעות בנימין השלישי״, — איינע פון די לעצטע שאַפונגען פון דעם טעאַטער. מענדעלע אַליין לאַכט, לאַכט־אויס, בנימינען, סענדערלען. ער שפּאַט פון זיי, חוזקט איבער זיי. — אין דער טעאַטער פאַרהערלעכט זיי, דערהויבט זיי, רופט אַרויס ביים צושויער צו זיי ליבע, פּיעטעט און צויבער. פון טויגעניכטסן און בטלנים, וואָס האָבן זיך געפּלאָדזשעט אין דער לאַנג־פאַרמשפּטער טונעיאַדעווקע, וואַקסן זיי אַרויס אין סימבאָלישע פיגורן פון אַמאָליקע טרוימער און זוכער, וואָס געפעלן, וואָס אימפּאָנירן, וואָס באַגייסטערן. איך בין זיכער, אַז דאָס זעלבע איז געשען אויך מיט איניקע אַנדערע אויפפירונגען פון טעאַטער: געוואָלט אויסוועבן זיך און נאָך מער פאַרוועבט געוואָרן, געוואָלט אויסקייטלען זיך און נאָך שטאַרקער פאַר־קייטלט געוואָרן. קאָן זיין, אַזוי איז אויך געווען דער גורל פון דער אויפ־פירונג „דריי פינטעלעך״, מיט וועלכער מ׳האָט, דאַכט זיך, געוואָלט אָפּלאַכן, אָפּחוזקן, פאַרמיאוסן דאָס אַלטע, און לסוף גאָר באַרייכערט עס מיט נייע ניואַנסן, מיט נייער פאַרטיפונג, מיט אַ נייער באַשטראַלונג.

.3

מאַסן־שפּיל, מאַסן־פרייד, קאָלעקטיווער העלד, — דאָס איז, משמעות, מער אָנגעמאָסטן אויף דעם ערשטן פעריאָד פון גראַנאָווסקיס שאַפן, צו וועלכן עס געהערן ״200 טויזנט״ און אויך „כישופמאַכערין״. אין אָט די פאַרשטע־לונגען האָבן בעיקר פּרעוואַלירט מאַסן־באַוועגונגען, מאַסן־סצענעס אַרום דעם יחיד, אַרום די יחידים אויף דער בינע. דאָ איז אויך געווען „מחשבה קודם למעשה״, מער אידייע, מער סכעמע, מער אַלגעמיינער ווילן, און עס איז אויך געקומען דאָס צופּאַסן, דאָס צושניידן דעם מאַטעריאַל, דעם שטאָף צו דעם ווילן פון רעזשיסער, צו דער הויפּט־כוונה פון דער טעאַטער־שפּיל. אויף די ראַם, דער שטח, אין וועלכן דער שוישפּילער דאַרף זיך אויסלעבן אויף דער בינע, זיינען געווען שטרענג־אָנגעצייכנט, פּינקטלעך־אויסגע־

רעכנט. די מוזיק פון „200 טויזנט”, די פאַרבינדונג פונעם איינצל־אַקטיאָר צו דעם קאָלעקטיוו האַלט דעם אַקטיאָר זייער פעסט און דערלויבט אים נישט קיין פרייע באַוועגונג, קיין אייגענעם אויפטו אויסער די פּאָר געציילטע מאָמענטן, וואָס ער האָט אין זיין רשות. דער איינצלנער אַרטיסט האָט דאָ ווייניק סאָלאָ־נומערן, ס׳איז אַלץ כאָר־שפּיל.

דער הויפּט־געוויכט פון „200 טויזנט” איז נישט אין דעם שניידער שימעלע סאָראָקער און אין דעם גביר פּיין, נאָר אין די צוויי וועלטן. די „עמך”־וועלט און די בורזשואַזע. פון איינצל־טיפּן, וואָס זיינען פאַראַן ביי שלום־עליכמען אין „דאָס גרויסע געווינס”, זיינען געשאַפן געוואָרן פיל פאַראַלגעמיינערטע געשטאַלטן, צוויי סביבות, צוויי מחנות, וואָס לעבן מיט זייער שיכטן־לעבן, מיט זייער קלאַסן־שטייגער. דער קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, וואָס איז קוים אָנגעדייט ביי שלום־עליכמען, איז דאָ שטאַרק צעבלאָזן, פאַרגרעסערט, פאַרשפּיצט. אין אָט דער ריכטונג האָט דער רעזשיסער געלאָזט זיך גיין און וואוילגיין און געשאַפן פּראַכטפולע סצענעס און עפּיזאָדן. איבערדערציילן איז אוממעגלעך, מ׳דאַרף זיי זען. אין „מסעות בנימין השלישי” איז שוין דעם רעזשיסער געלונגען אַרויסצוברענגען וואָס־טיפער, וואָס־קאָמפּליצירטער די צוויי טונעיאַדעווקער העלדן, און דערביי זיינען די מאַסן־סצענעס נאָר דער פאָן, אויף וועלכן עס וואַקסן אויס אַלץ בוילעטער, פולער און גאַנצער דיביידע לעכערלעך־וואוילע געשטאַלטן. אויך די מוזיק איז דאָ נאָר אַ צושפּיל, אַ הינטערגרונט פאַר די צוויי פּראַכטפולע סאָלאָ־דיכטער אַרטיסטן בנימין און סענדערל (מיכאָעלס און זוסקין). אין „200 טויזנט” ווערן די איינצלנע שוישפּילער פאַרפּלייצט פון די מאַסן־שטראָמען, און נאָר פון צייט צו צייט טויכן זיין אַרויס. אין „מסעות” דערלאַנגט זיי דער שטראָם בלויז ביז די קנעכל.

און אויב אויפן סמך פון „200 טויזנט” לאָזט זיך רעדן מכוח דער „דיק־טאַטור” פון רעזשיסער, מכוח דער „פאַרשקלאַפטקייט” פונעם שוישפּילער, איז אין „מסעות” וואַקסן זיך פונאַנדער און צעבליען זיך אין פאַרשיידענע קאָלירן די צוויי שוישפּילער מיכאָעלס און זוסקין און אויך אייניקע אַנדערע אַקטיאָרן פון קלענערע ראָלן.

„מסעות” בכלל איז אַ שטאַרק־לירישע און טיף־עלעגישע שאַפונג מיט טענער און האַלבע טענער, מיט העלע ראַשיקע און טרויער טונקעלע פאַרבן. „200 טויזנט” איבערראַשט מיט דער פריידיקייט, מיטן געטומל, מיט דעם אַ[illegible] מיט די קאָלעקטיווע טענץ און ריטמיק, — „מסעות בנימין השלישי” רירט ביז טרערן, ביז פרייד, ביז וואונדערלעכער אַנטציקונג.

די ביידע, גאַנץ באַזונדערע פאָרשטעלונגען ווייזן אונדז, ווי אייגנאַר־

טיק א. גראַנאָווסקי טייטשט אויס דעם דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל, וואָס ער נעמט צו אינסצעניזירן. נישט אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דער געגעבענער פיעסע, איז פאַר אים הייליק, און אויב ס׳פעלט אויס עפּעס ביים שריפט־שטעלער, איז עס נישט קיין שטער פאַר אים. עס ווערן אַריינגעבראַכט אין דער פיעסע מאָמענטן, וואָס דער אויטאָר האָט אפילו נישט געאַנט וועגן זיי. פון סצענישן זינען איז עס אָפּטמאָל באַרעכטיקט, אָבער דאָך זיינען אַ רייע קופּלעטן, סצענקעס אין די ביידע פאָרשטעלונגען נישט אויפן אָרט. איז שולדיק אין דעם דער אינסצעניזאַטאָר אָדער דער רעזשיסער? אפשר ביידע, און אפשר מער דער צווייטער, ווייל א. גראַנאָווסקי איז אַ צו־שטאַרקע פּערזענלעכקייט, ער זאָל עפּעס דורכלאָזן אָן אַ בפירושן מיין. און אַזעלכע מיני עפּיזאָדישע סצענקעס, וואָס געבן־צו גאַנץ ווייניק — שטערן אָבער צייטנווייז זייער פיל. אויב עס ווילט זיך וואָס־שאַרפער, וואָס־רעליעפער אַרויס־ברענגען אַ יידישע תנועה, אַ יידישע האַוואַיע, — דאַרף מען אויך טראַכטן וועגן זיין וואָרט, וועגן זיינע רייד. און מען קאָן נישט האַנדלען מיט אַ קלאַסיש ווערק פון אַ קלאַסישן שרייבער ווי מ׳וויל, מען טאָר נישט אַריינפירן קיין סתם קופּלעטן, וואָס טיילן זיך אַרויס אין דער פיעסע, ווי אַ שטאַרקער שעטנז.

פון די אַקטיאָרן, וועלכע ציען די אויפמערקזאַמקייט אויסער די דערמאָנטע מיכאָעלס און זוסקין, דאַרף מען אין די צוויי פאָרשטעלונגען דערמאָנען אויך שרה ראָטבוים, גערטנער, גאָלדבלאָט, שידלא, כאַזאק, לוריע, ראָם, לעוויטאַס א. א.

וועגן לעאָ פולווער אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט איז אָפּגעשמועסט. מ׳זיצט ביי די פאָרשטעלונגען, און די מוזיק רייסט מיט, שאַפט פיל פרייד און אַנטציקונג.

דאָס זיינען די אַלגעמיינע איינדרוקן פון די פאָרשטעלונגען „200 טויזנט״ פון שלום־עליכם און „מסעות בנימין השלישי״ פון מענדעלע מוכר ספרים.

גאָר אַנדערש איז די דריטע געזעענע פאָרשטעלונג — י. ל. פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״.

.4

נישט מיט ווערטער קאָן מען אויסדריקן דאָס, וואָס מען לעבט איבער ביי דער גראַנאָווסקי־אויפפירונג פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, ווייל נישט אויף ווערטער איז בעיקר געבויט די פאָרשטעלונג. דאָ איז מער געגעבן די נשמה פון דער וואונדערבאַרער פיעסע, ווי זי איז געקומען

צושוועבן צו פרצן, נאָך איידער זי איז דורך אים אָנגעקליידט געוואָרן אין בילדער און געשטאַלטן, אָדער נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צוריק אָפּגעטיילט פון דעם רעאַלן און ווידער געשוועבט אין דער צעהיצטער פאַנטאַזיע פונעם גרויסן דיכטער. פאַראַן אין דער פּיעסע געשטאַלטן, אָנדייטונגען אויף רעאַלע שטייגער־טיפּן, וועלכע האָבן אָקאָרשט געהאַנדלט־געוואַנדלט אויפן מאַרק, אין גאַס, אין שול, אין שטוב. אויך די מתים, וואָס שטייען־אויף פון זייערע קברים, טראָגן אין זייערע געהירן בלויז שוואַכע דערינערונגען פון אַ קאָנקרעטן לעבן, פון „מעשים שהיו". פאַראַן אין דעם אַלעם עפּעס אַזוינס, וואָס איז „אויב נישט נאָך העכער", עפּעס אַזוינס, וואָס מ'קאָן אויפפאַסן אין אַ מאָמענט פון גאונישער דערהויבנקייט, אין אַ צושטאַנד פון פיבערישן טרוים, אַזוי האָט פּרץ אויפגעכאַפּט און געוואָלט פאַרפיקסירן דעם יידישן אַמאָל, גאָר די יידישע געפּאַלנקייט און דערהויבנקייט, דעם גאַנצן טראַגיזם און פאַרמשפּטקייט פון די, וואָס האָבן נישט באַוויזן אויסצולעבן זייער לעבן. פּרץ האָט געגעבן דאָס אַלץ אין רעפלעקסן, אין בליצן, אין טענער און האַלב־טענער. און אויך אַ. גראַנאָווסקי האָט אַזוי אויפגעפאַסט דעם „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". ער זאָגט וועגן דער אויפפירונג: „דריי הונדערט שורות טעקסט אָן סיוזשעט, אַ שטענדיק אומאויפהעריקער בייט פון בילדער, בילדער נישט געבונדענע. „ביינאַכט" איז גיכער אַן איינגאַרטיקער קאַרנאַוואַל פון מענטשן־שאָטנס. נאָר אַזוי — אין דעם־אַ פלאַן האָט מען עס געקאָנט סצעניש פאַרווירקלעכן, — ווי אַ טראַגישן קאַרנאַוואַל"...

נישט פאַרקערפּערן די שאָטנס אין בוילעט־מענטשלעכע געשטאַלטן, נאָר פאַרשאַרפן דאָס הויל־שאָטנדיקע, פאַרהיטן דעם כאַראַקטער פון אַ טרוים אין אַ פיבער־נאַכט...

ס'איז לאחר יאוש, עס איז כלו כל הקצים, עס איז אויס, אַלע ווי איינער און איינער ווי אַלע. די גאַנצע סביבה — מיטן קלויסטער, שול, מאַרק און מיט די אַלע לעבעדיקע און טויטע — איז פאַרצויגן מיט אַ געדיכטן שימל. איין גורל און איין סוף האָבן אַלע. אָט אַזוי איינגנטלעך איז „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" אויפגענומען געוואָרן דורך אַ. גראַנאָווסקי און דורך זיין מאָלער ר. פאַלק. איבער אַלץ און אַלעמען הענגט אַ האַנט, — בלויז ביינער, אָן פליייש און אָן הויט, — דער גורל, וואָס האָט געטראָפן אַלעמען. ס'איז שוין נאָך דעם וואָרנען. ווייל אויך די וואָרנענדיקע האַנט האָט נישט אויסגעמיטן דעם ביטערן גורל. איז דאָס גאַנצע שפּיל — אין דעם ערשטן טייל (די כלומרשט לעבעדיקע) און אין דעם צווייטן טייל (די אמת טויטע) — אַ מין בייזער אויפטו, אַ מין שפּיצל פון אַ לץ, מכשף, בדחן נאָך האַלבער נאַכט

אין חורבות און איבער חורבות, וואָס האָבן שוין אויפגעהערט צו זיין חורבות...

און ווי דאָס „וואָרט" און די דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, אַזוי אויך די מוזיק פון א. קריין — אַן אַנדער־וועלטישע. „די מוזיק — זאָגט א. גראַנאָווסקי — מוז איבערגעבן די זעלבע פאַרמשפּטקייט. די מאָטיוון דאַרפן קלינגען ווי אַ טויט־אורטייל"...

נאָך איידער עס הויבט זיך אויף דער פּאָרהאַנג, פילן־אָן די הערלעכע מוזיק־קלאַנגען דעם גאַנצן גרויסן טעאַטער־זאַל. דער אָרקעסטער (אונטער דער פירונג פון ל. פולווער) מיטן כאָר געפינען זיך נישט פון אונטן, ביי דער ראַמפּע, נאָר פון אויבן אויפן פערטן שטאָק אויף דער גאַלעריע, קעגנאיבער דער בינע. מען איז אַזוי אַרום אַדורכגענומען מיט דער גראַנדיעזער מיסטעריע, וואָס פילט־אָן דעם גאַנצן חלל, מען איז ווי אין איר. און דעריבער איז „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" ביי א. גראַנאָווסקי פיל־מער ווי אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג.

די צעפּיצלטקייט און צעברעקלטקייט פון דעם טעקסט ווערט פאַרגאַנצט דורך דער איינהייטלעכקייט פון דעם שפּיל. עס זיינען טענער פון איין סימפאָניע אָט די אַלע געשטאַלטן, שאָטנס, וואָס באַווייזן זיך און פאַרשווינדן אויף אָט דעם צעפּוילטן פאַרשימלטן פאָן. הויבט אייגער אָן אַ פּראָזע, פאַרענדיקט זי דער צווייטער און אַ דריטער. לכתחילה זיינען אַלע ווי געטריבן פונעם עולם־התוהו גופא. דערנאָך הויבט אָן דיריגירן־רעגירן דער בדחן (מיכאָעלס) און דער צווייטער בדחן (זוסקין). צוערשט איז ער אַ געשטאַלט צווישן אַלע געשטאַלטן אויפן אַלטן מאַרק, אָבער ער רוקט זיך אַרויס פאָראויס און ער באַקומט די ממשלה איבער די לעבעדיק־טויטע און טויט־לעבעדיקע. ער איז דער איינציקער לעבעדיקער נערוו אין אָט דעם טויטן קערפּער. ער שלאָגט אַרויס לעבן און קלאַנגען אין דעם אַרום. ער עלעקטריזירט די געשטאַלטן, ער באַוועגט זיי מיט זיין אימפּעט. ער איז צונויפגעפלאָכטן מיט דער מוזיק, די מוזיק איז ווי פאַרקערפּערט אין אים, אין זיינע איברים (דאָס איז געווען גערעדט, בעת די ראָלע פון דעם בדחן שפּילט שלמה מיכאָעלס!).

דער ערשטער טייל האָט צו טאָן מיט „לעבעדיקע" געשטאַלטן, דער צווייטער — מיט „טויטע". אָבער דער פּאָן, דער אינהאַלט, די געשטאַלטן זיינען ווייניק געענדערט. איין שוידערלעכע „נאָך אַלעמדיקייט" איז אויסגעגאָסן אויף זיי אַלעמען. מער נישט — אין דעם צווייטן טייל איז שוין דער טעמפּאָ אַן אַנדערער, אַ טויטער. נישט טויטע זיינען וואָכעדיק געוואָרן, נאָר טויטע האָבן באַקומען די מעגלעכקייט אַביסל זיך „אויסלעבן" דורך

דעם שפּיל פון דעם קונצנמאַכער, דעם בדחן. און עס וואַקסט אויס די מיסטעריע אין אַ מעכטיקער אַלמענטשלעכער טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון טויט. און דאָ דערגרייכט דער קאַרנאַוואַל אויפן אַלטן מאַרק זיין העכסטע מדרגה: עס קומט די לעצטע אָנשטרענגונג, אַ ווילדע וואַקכאַנאַליע. אַט־אָט און עפּעס וועט געשען, אָבער עס באַווייזן זיך די זון־שטראַלן, עס הערן זיך הילכיקע און אַלץ באַטויבנדיקע טענער פון שאַלנדיקער מוזיק, און דער טויטן־קאַרנאַוואַל איז פאַרענדיקט...

עס לאָזט זיך אַראָפּ דער פאָרהאַנג, און מען קאָן נאָך אַלץ צו זיך נישט קומען.

אַ גרויסע טעאַטער־פאָרשטעלונג.

פאָרשטעלונג? ניין, אויב נישט נאָך העכער!

זומער, 1928

די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד בעתן וועלט־קריג

(פון אַ שמועס מיט איציק פעפער)

דער דיכטער איציק פעפער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע דיכטער אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אָנגעהויבן זיין דיכטעריש שאַפן אין 1919, איז איציק פעפער אויך איינער פון די פּראָדוקטיווסטע און ענער־גישסטע קולטור־בויער אינעם סאָוועטיש־יידישן לעבן.

איציק פעפער איז געקומען אין דער וויכטיקער מיסיע, צוזאַמען מיט שלמה מיכאָעלס, אין שליחות פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער אויסער אָט דער אָפיציעלער מיסיע — פאַר־שטאַרקן די אייניקייט צווישן די סאָוועטישע און אַמעריקאַנישע יידן, האָט ער אַ צווייטע וויכטיקע שליחות — אָנקניפּן ענגערע פאַרבינדונגען מיט די יידישע קולטור־שאַפערישע כוחות אין אַמעריקע און קאַנאַדע. אָט די שליחות איז פון גרויס באַטייט פאַר דער ווייטערדיקער ענגערער פאַרברידערונג פון די יידן אין גאַר דער וועלט. די שליחים — ש. מיכאָעלס און איציק פעפער — ווייסן עס גוט, און זיי זיינען דעריבער זייער גערן געוועזן איבער־צוגעבן לעבעדיקע גרוסן אויך פון דעם שאַפן פון די יידן אין סאָוועטנפאַר־באַנד אין דער איצטיקער קריגס־צייט.

אויף אַ צאָל פראַגן, וואָס מיר האָבן געשטעלט איציק פעפערן, האָט ער מיט זיין באַהאַרצטקייט און גוטמוטיקייט גערן זיך געלאָזט מיטרייסן אין אַ לעבעדיקן פאַרכאַפּנדיקן שמועס.

ער האָט אָנגעהויבן: צו ענטפערן אויף די אַלע פראַגן, דאַרף מען אָנ־שרייבן אַ גאַנץ ווערק. לאָמיר דערווייל ענטפערן בקיצור:

ערב דער מלחמה האָט די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי די גאַנצע סאָוועטישע מדינה, געפונען זיך אין פולן בלי. די מלחמה האָט זיך אָנגעג־הויבן דעם 22טן יוני און דעם 18טן יוני בין איך געווען אין מאָסקווע. מיינע פריינט און קאָלעגן האָבן געלייענט פאַר מיר נייע ווערק, און איך האָב פאַר זיי דורכגעלייענט אַ ריי ציקלען פון מיין בוך „שיין און אָפּשיין". זייענדיק אין מאָסקווע, האָב איך, חוץ קוויטקאָס נייע קינדער־לידער, מאַרקישעס קאַפּיטלען פון אַ נייער פּאָעמע, האַלקינס ליבע־ליריק, קושניראָווס נייער

דראַמאַטישער פּאָעמע און בערגעלסאָנס פראַגמענטן פון דער היסטאָרישער פּיעסע „דוד ראובני“, — זיך באַקענט מיט די ווערק פון אונדזערע ייִנגערע. דאָס זיינען געווען בוזי אָלעווסקי און רחלע בוימוואָל, עמע קאָזאַקעוויטש און יאַשע זעלדין. ס׳איז ניט געווען קיין איין שרייבער, וואָס האָט ניט געשאַפן קיין ניי ווערק, פּונקט ווי די שרייבער וואָלטן געפילט די דערנעענטערונג פונעם שטורעם.

קומענדיק קיין קיעוו דעם 21טן יוני, האָב איך געזען דעם נסתר, וועלכער האָט פאַרענדיקט דעם צווייטן באַנד פון זיין ווערק „משפחה מאַשבער“; דוד האָפשטיין, וועלכער האָט אָפּגעגעבן אין דרוק זיין בוך ביראָבידזשאַנער לידער; נח לוריע, וואָס האָט פאַרענדיקט אַ בוך נאָוועלן; ליפע רעזניק — אַ נייע פּיעסע, אברהם קאַהאַן, ה. אָרלאַנד — נייע ראָמאַנען. אויך אין קיעוו האָט זיך געפילט דער זעלבער שעפערישער שוואונג און אויך דאָ, ווי אין מאָסקווע, איז געוואַקסן אַ פרעכטיקע ליטעראַרישע יוגנט. אַזעלכע יונגע טאַלאַנטפולע דיכטער ווי אברהם גאָנטאַר, מאָטל האַרצמאַן, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, אייזיק הובערמאַן, חנא ווײַנערמאַן, הערשל דיאמאנט, ריווע באַליאַסנע, בנימין גוטיאַנסקי; אַזעלכע טאַלאַנטפולע פּראָזאַאיקער ווי נאָטע לוריע, הערשל פּאָליאנקער, ע. פאַליקמאַן, עליע שעכטמאַן, פּייוול סיטאָ, שמואל גאָרדאָן האָבן שוין געהאַט צו עטלעכע זאַמלונגען און האָבן שוין פאַרנומען זייער אָרט אין די יידישע ביבליאָטעקן. אייניקע דיכטער האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו איבערזעצונגען פון יהודה הלוי, אלחריזי, עמנואל הרומי... מיט איין וואָרט: ס׳איז געווען צייט זיך אומצוקערן אויף צוריק און אויך אַ קוק צו טאָן פאָראויס...

די גרויזאַמע מלחמה האָט אַוועקגעלייגט איר שטעמפּל אויפן גאַנצן לעבן פון אונדזער לאַנד און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך אויף דער ליטעראַטור. אַ טייל שרייבער אונדזערע זיינען אַוועק אויפן פראָנט. צווישן זיי דאַרף קודם־כל אָנגערופן ווערן דער נאָמען פון א. קושניראָוו, וועלכער האָט זיך געשלאָגן קעגן די דייטשן מיט אַ ביקס אין האַנט און אין די פרייע שעהן געשאַפן פרעכטיקע לידער. צווישן די, וואָס זיינען אַוועק אויפן פראָנט, זיינען געווען שמואל ראָסין און ש. גאָדינער, מאיר ווינער און יאַשע זעלדין, בוזי אָלעווסקי און נאָטע לוריע, א. גורשטיין און ה. דיאמאנט, ה. פּאָליאַנקער און מ. טאַלאַלאַיעווסקי. העכער 30 יידישע סאָוועטישע שרייבער געפינען זיך אויפן פראָנט. צווישן די שלאַכטמענער־דיכטער טיילט זיך אויס עזרא פינינבערג, וואָס איז פאַרוואונדעט און געפינט זיך אין מאָסקווע אויף אָפּרו. די מלחמה האָט, פאַרשטייט זיך, אָפּגערופן זיך אויך אויף דער טעמאַטיק פון דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי די

ליטעראַטורן פון אונדזערע פריינטלעכע פעלקער, איז שטענדיק געווען אַן אַנטי־פאַשיסטישע. אין דער צייט פון מלחמה איז זי געוואָרן נאָך שאַרפער, מאָביליזירטער, ציל־געווענדטער.

אויפן פראָנט האָבן זיך די יידישע שרייבער אויסגעטיילט מיטביידע מינים געווער: אי מיט דער פען, אי מיט דער ביקס. אין אַ שלאַכט איז געפאַלן דער יונגער פּראָזאַאיקער, אויטאָר פון בוך „פּאָזיציעס", פּייסי אַלטמאַן. ער האָט געפירט זיין ראָטע אין אַטאַקע און אומגעקומען, ווען זיין ראָטע האָט באַפרייט אַ סאָוועטיש דאָרף פון די דייטשן. עס זיינען אויך אומגעקומען דער טאַלאַנטפולער לירוקער ה. דיאַמאַנט און די יונגע דיכטער ש. גאָלדענבערג און ש. העלמאַנד. ביז היינט האָבן מיר ניט קיין ידיעות וועגן ש. ראָסין, ש. גאָדינער, א. גורשטיין, מ. ווינער, יאַשע זעלדין, בוזי אָלעווסקי. זיי זיינען אַוועק פריוויליק אויפן פראָנט אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה און ביז איצט האָבן מיר אפילו קיין גרוס ניט פון זיי...

אַ גאַנצע ריי עלטערע שרייבער האָט די סאָוועטן־מאַכט עוואַקוּאירט אין טיפן הינטערלאַנד. דער נסתר געפינט זיך אין טאַשקענט. דאָרט געפינט זיך אויך י. דאָברושין. דער דיכטער דוד האָפשטיין וואוינט איצט צייטווייליק אין אופאַ. אַלע סאָוועטיש־יידישע שרייבער זיינען אַרויסגעראַטעוועט פונעם פייער. דאָס האָט אַ באַזונדערן שייכות צו די יידישע שרייבער, די „אוקראַאינער" און „ווייסרוסן".

וואו די יידישע שרייבער זאָלן זיך ניט געפינען, פילט זיך אין זייער שאַפערישער אַרבעט דער הייליקער אָטעם פון קאַמף קעגן די היטלערישע אויסוואורפן. אונדזער ליריק איז געוואָרן טיפער. אַ שטראָם פון טרויער האָט זיך דורכגעטראָגן אין אונדזער פּאָעזיע. דער גרויסער צושטייער פונעם יידישן פאָלק צו דער מלחמה, — אי מיט קרבנות, אי מיט העלדן — שטייט אין צענטער פון אונדזער ליטעראַטור פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. און ווי שטענדיק, איז איינע פון די גרונט־טעמעס אונדזערע די פריינטשאַפט פון פעלקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס איז איינער פון די לייט־מאָטיוון אין אַלע סאָוועטישע ליטעראַטורן און אויך די יידישע ליטעראַטור האָלט שטענדיק אָפן אירע טירן פאַר אָט דער טעמע, וואָס איז געוואָרן ניט קיין גאַסט, נאָר אַ תושב אין דער ליטעראַטור. דאָס איז נאַטירלעך. פריינטשאַפט פון פעלקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז איינע פון די גרונט־זיילן פונעם נייעם לעבן. אייניקע שרייבער אין הינטערלאַנד האָבן זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט זייער אַרבעט אין דער ליטעראַטור און האָבן געאַרבעט אַ שטיק צייט אויף שוץ־זאַוואָדן. דאָ דאַרפן דערמאָנט ווערן ה. אָרלאַנד, א. קאַהאַן, ב. גוטיאַנסקי.

די האַרמאַטן האָבן ניט פאַרטויבט די מוזעס. זיי זיינען געוואָרן צו־להכעיסניצעס, און אויף צו־להכעיס די האַרמאַטן, האָבן זיי זיך מאָביליזירט און האָבן פאַרראַטן זייער טבע צו שווייגן אין אַזעלכע צייטן. דער קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור דוד בערגעלסאָן האָט פאַרענדיקט אַ נייע פּיעסע „כ׳וועל לעבן״. דאָס איז איינע פון די בעסטע פּיעסן אין דער יידישער לי־טעראַטור. ד. בערגעלסאָן איז דער לעצטע צייט זייער טעטיק אַלס זשורנאַ־ליסט. ער טרעט אַרויס מיט אַרטיקלען און פּאַמפלעטן איבער מלחמה־פּראָבלעמען. זיינע אַרטיקלען האָבן אַ גרויסן דערפאָלג ביי די לייענער. איינער פון אונדזערע גרעסטע שרייבער, דער נסתר, שרייבט וויניק. ער האָט אָנגעשריבן אינגאַנצן אַ 3־4 נייע דערציילונגען, נאָר דאָס וואָס ער האָט געשאַפן איז ניט פאַרבייגייענדיק; דאָס וועט בלייבן אין אונדזער ליטעראַ־טור. די טאַלאַנטירטע פּראָזאַאיקער ליפּמאַן־לעווין, ה. אָרלאַנד, מ. אַלבער־טאָן, א. קאַהאַן האָבן געשאַפן אַ ריי אינטערעסאַנטע פאַרצייכענונגען וועגן אונדזערע נייע בר־כוכבאס. אויף אַט דעם געביט אַרבעטן אויך אַקטיוו ש. פּערסאָוו און ש. שקאַראָווסקי. באַזונדערס שאַפעריש און פּראָדוקטיוו זיינען אונדזערע בעסטע סאָוועטישע יידישע דיכטער. פּרץ מאַרקיש האָלט ביי פאַרענדיקן אַ גרויסן פּאָעמע־בוך וועגן סטאַלינגראַד, לייב קוויטקאָ האָט אָפּגעגעבן אין דרוק אַ בוך וועגן מאָסקווע, ש. האַלקין האָט פאַרענדיקט אַ פּיעסע „דער שפּילפויגל״, עזרא פינינבערג — אַ נייעם בוך לידער וועגן פראָנט, ד. האָפשטיין — אַ בוך לידער וועגן היימלאַנד, א. קושניראָוו — פראָנט־לידער, מ. כאַשטשעוואַצקי — אַ בוך „העלדן״, חנה לעווין — אַ בוך לידער וועגן פרויען אין מלחמה. אַ גרויסע שאַפערישע אַרבעט פירן אויך אונדזערע באַוואוסטע ליטעראַטור־קריטיקער שכנא עפּשטיין און י. נוסינאָוו. שכנא עפּשטיין אַרבעט איבער צוויי ביכער: די יידן אין דער פאַטערלענ־דישער מלחמה, און די יידישע ליטעראַטור אין קאַמף קעגן פאַשיזם.

ס׳איז ניטאָ קיין איין יידישער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס זאָל ניט האָבן אַ ניי בוך אויף אַ מלחמה־טעמע. חוץ דעם זיינען דערשינען און עס גרייטן זיך צום דרוק אַ ריי אַלמאַנאַכן.

אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד האָבן זיך געפונען זייער וויכטיקע יידישע פאַרלאַגן, וועלכע האָבן פונקט ווי אַ סך אַנדערע אינסטיטוציעס — יידישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע — געליטן פון דער מלחמה. דער אָק־טיוווסטער פאַרלאַג איז ביי היינטיקן טאָג דער מאָסקווער „עמעס״־פאַרלאַג. איצט הייבט אָן אַנטוויקלען אַ פאַרלאַג־טעטיקייט דער יידישער אַנטי־פאַ־שיסטישער קאָמיטעט. ווערק פון בערגעלסאָנען, מאַרקישן, קוויטקאָן, האָפ־

שטיינען, פעפערן זיינען איבערזעצט אויף רוסיש און זיינען דערשינען אין די מלוכה־פאַרלאַגן.

אַמערסטן האָבן געליטן די יידישע שולן, ווייל די מערהייט האָט זיך געפונען אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד.

ערב דער מלחמה איז אין קיעוו געעפנט געוואָרן אַ נייע שול אויף שלום־עליכמס נאָמען. איך בין בייגעוועזן אין באַרדיטשעוו ביי דער עפענונג פון אַ נייער שול. איך גלויב, אַז נאָכן זיג וועלן מיר זיי אַלע אויפשטעלן און נאָך עפּעס וואָס צוגעבן: איך גלויב, אַז די דייטשן, וואָס האָבן אַ סך יידישע שולעס פאַרברענט, וועלן זיי אַליין מוזן אויפבויען. מיר וועלן זיי צווינגען.

פאַר די לעצטע פאַר יאָר איז אונדזער שרייבער־משפחה באַרייכערט געוואָרן מיט אַ סך נייע שרייבער, וואָס זיינען געקומען צו אונדז פון די געגנטן, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן דורך דעם סאָוועטנפאַרבאַנד פון די נאַצישע לאַפּעס. דעם אויבנאָן פאַרנעמען דר. מ. שאַץ־אַנין, רחל קאָרן, ח. גראַדע, א. קאַגאַנאָווסקי, מ. בראָדערזאָן, מ. בורשטיין, יעקב שטערנבערג, בונעם העלער, י. אַשענדאָרף, א. א. עס געפינען זיך אין פאַרשיידענע שטעט און געגענטן די שרייבער בער מאַרק, נחום באמזע, י. עמיאָט, י. יאַנוסאָוויטש, רייזל זשיכלינסקי, לייב אָליצקי, לייזער וואָלף, א. וואָגלער, יוסף רובינשטיין, יאַנקל יאַקיר, מ. א. קנאַפּהייס, לייב מאַרגנטוי, מ. סאַקציער און נאָך און נאָך.

מ׳וואָלט באַזונדערס באַדאַרפט ריידן וועגן דעם בּיראָבּידזשאַנער צווייג פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, וואו ס׳האָט זיך אויספאָרמירט און אויסגעשטאַלטיקט אַן אייגנאַרטיקע ליטעראַרישע גרופּע.

פריער פון אַלץ — ס׳איז ניטאָ כמעט קיין יידישער פּראָזאַאיקער און דיכטער אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָל ניט האָבן געשריבן פון בּיראָבּידזשאַן. בּיראָבּידזשאַן — סיי די שיינקייט און רייכקייט פון דער וואונדערלעכער געגנט און סיי די בוי־פּראָצעסן, וואָס קומען דאָרט פאָר אין אַזאַ פאַרנעם און מיט אַזאַ דראַנג — בּיראָבּידזשאַן האָט באַגייסטערט סיי די יינגערע און סיי די עלטערע — מ. אַלבערטאָן, ד. בערגעלסאָן, פּ. מאַרקיש, ד. האָפשטיין, ש. האַלקין און אויך מיך, און פאַליקמאַנען א. א. אויך אייניקע רוסישע שרייבער, ווי איליאַ סעלווינסקי, וויקטאָר פינק א. אַ., זיינען סטימולירט געוואָרן פון דעם נייעם וואַקסנדיקן יידישן ישוב. און אוודאי און אוודאי דאַרף מען דערמאָנען די בּיראָבּידזשאַנער שרייבער: ב. מילער, וואָס זיין פּיעסע וועגן אָנטייל פון בּיראָבּידזשאַן אינעם איצטיקן קריג (די פּיעסע הייסט „1941״) ווערט געשטעלט אינעם

ביראָבידזשאַנער יידישן טעאַטער; א. ראַבינקאָוו, וואָס איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן פון ארץ־ישראל, — ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך דערציילונגען. און איצט — די דיכטערין און פּראָזאַאיקערין ליובע וואַסערמאַן, מ. גאָלד־שטיין, ה. דאָביק, עמנואל קאַזאַקעוויטש, א. ווערגעליס. די אַלע האָבן אַרויס־געגעבן ביכער איבער פאַרשיידענע פּאַזעס פונעם ביראָבידזשאַנער יידישן לעבן. קאַזאַקעוויטש און ווערגעליס זיינען אין דער אַרמיי, און אויפן פראָנט שרייבן זיי אויך פיינע זאַכן. ווערגעליס האָט אָנגעשריבן לעצטנס אַ פּרעכ־טיק ליד — „שרפה אין דער טאַיגע״.

—און וואָס נאָך זאָל איך איך דערציילן? — הויבט זיך אויף איציק פעפער פון זיין אָרט. — איר זיינט נישט מיד צו הערן, אָבער מיר האָבן נאָך היינט איינִיקע ענינים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אונדזער שליחות צו אייך. איך וועל אייך ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס איר האָט מיר געשטעלט — וועגן דעם אינטערעס, וואָס ס׳איז דאָ ביי אונדז, אין יידישן סאָוועטנלאַנד, צו אייך, צו דעם יידישן שאַפן אין אַמעריקע. איר ווייסט גאָר אַליין נישט, ווי גרויס עס איז דער אינטערעס. מיר כאַפּן יעדע ידיעה און זיינען נייגעריק צו וויסן וואָס־מער וועגן די שאַפערישע כוחות ביי אייך, אין דער יידישער אַמעריקע. ליידער, קומט לעצטנס אָן זייער ווייניק ביכער און זשורנאַלן און אויך זייער נישט רעגולער. איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז יעדער נומער „יידישע קולטור״ ווערט דורך אונדז איינגעשלונגען. וועגן איניקע אַרטיקלען שמועסן מיר, מיר האָבן פון איניקע אפילו געלייענט גרעסערע אויסצוגן אויף אונדזערע פּלענומס.

איך גלויב, — ענדיקט איציק פעפער, — אַז מיט אונדזער קומען אַהער וועלן מיר שאַפן אַ מעגלעכקייט איינצושטעלן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט, און דאַן וועלן זיך אונדזערע ווערק אָפטער באַווייזן ביי אייך, און אייערע ביי אונדז.

דער עיקר — לאָמיר וואָס־גיכער זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן ווייסטן היטלע־ריזם, און דאַן וועלן מיר איינשטעלן ענגערע ברידערלעכע באַציאונגען.

מאַי 1943

דער יידישער טעאַטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד בעתן וועלט־קריג

(פון אַ שמועס מיט ש. מיכאָעלס)

ש. מיכאָעלס איז אויסגעבונדן מיטן יידישן סאָוועטישן טעאַטער. די אַלע יאָרן, זינט 1919, שטייט ער אין דעם צענטער פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, וואָס האָט לכתחילה געטראָגן דעם נאָמען: „מאָסקווער יידישער קאַמער־טעאַטער". פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן, ווי אַ שוישפּי־לער און רעזשיסער, האָט ער באַקומען די גרעסטע אויסצייכענונגען פון דער סאָוועטישער מלוכה — פאָלקס־אַרטיסט פון פּ. ס. ס. ר. און אויך דעם לענין־אָרדען. ש. מיכאָעלס איז אויך אַ וויכטיקער טעאָרעטיקער פון דראַ־מאַטישער און סצענישער קונסט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי וויכטיקע אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון שפּיל און שוישפּיל.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, ווי וויכטיק כ'זיינען די מיינונגען און גרוסן פון אַזאַ קאָמפּעטענטער פּערזאָן ווי ש. מיכאָעלס וועגן דעם סאָוועטיש־יידישן טעאַטער אין דער איצטיקער שווערער צייט.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט ש. מיכאָעלסן, דעם פאָרזיצער פונעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס איז איצט געקומען אין דער גרויסער שליחות פונעם סאָוועטישן יידנטום, צווישן איין פאַרזאַמלונג און אַ צווייטער, און זיך אָוועקגעזעצט צו שמועסן וועגן דעם צושטאַנד פונעם יידישן טעאַטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד. שלמה מיכאָעלס איז ווי צוריקגעקומען צו זיך, צו זיין אייגנטלעכער וועלט. ער האָט מיט זיינע ריטמישע און סענסיטיווע הענט אַדורכגעפירט איבער זיין געזיכט, ווי געוואָלט אַריין צוריק אין זיין קינסט־לערישער ראָלע.

נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט ער קלאָר און שאַרף גענומען רעדן:

— אַ נאַכט מיט אַ טאָג מיט נאָך אַ נאַכט וואָלט מען געקאָנט ריידן וועגן אונדזער סאָוועטישן יידישן טעאַטער, וואָס איז אַזוי פאַרבונדן מיטן אַלגע־מיינעם און יידישן לעבן אין לאַנד. כ'וואָלט גערן אָנגעשריבן אַ ריי ערנסטע אָפּהאַנדלונגען איבער פאַרשיידענע פּראָבלעמען פונעם יידישן טעאַטער, אָבער דאָס מאָל וועל איך זיך באַנוגענען בלויז מיט איניקע אינפאָרמאַטיווע

ידיעות און כ'זאָג־צו זיך אומקערן צו דער טעמע טעאַטער און טאַקע געבן איך אייניקע ערנסטע אַרבעטן.

אונדעזר טעאַטער־ווירטשאַפט — האָט ש. מיכאָעלס אָנגעהויבן — איז באַשטאַנען ערב דעם וועלט־קריג פון אַן ערך 20 יידישע מלוכה־טעאַטערן אין לאַנד. אַהער גייען אַריין דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער, דער קיעווער, דער ווייסרוסישער (מינסקער), אָדעסער, כאַרקאָווער, (מיניאַטור־טעאַטער), און אייניקע קאָלווירטישע טעאַטערן, וואָס באַדינען די יידישע דערפער. צווישן די לעצטע האָט זיך אויסגעצייכנט דער קרימער מלוכהשער קאָלווירטישער טעאַטער פון ווערכנעדניעפּראָווסק. אַ באַזונדערן אָרט פאַר־נעמט דער בּיראָבּידזשאַנער יידישער טעאַטער אויפן נאָמען פון לאַזאַר מאָיסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש. אַהער גייען אַריין די אייניקע וואַנדער־טעאַ־טערן מיט באַשטימטע באַזעס — אין וויניצע, סמאָלענסק א. אַ. און חוץ דעם — דער קיעווער יידישער קינדער־טעאַטער, מיטן יידישן מאַריאָנעטן (פּופּן)־טעאַטער.

מיר האָבן ביים מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער געגרינדעט אַ יידישע מלוכהשע טעאַטער־שול, וואָס האָט ערב דעם קריג געפייערט ,'עם 10־יאָ־ריקן יובילײ.

די 20 יידישע טעאַטערס האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט זייער אַ ברייטן צוגעבונדענעם, אַקטיוו־שאַפנדיקן צושויער־עולם.

דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער־וועזן איז געבויט געווען ביי אונדז גאָר אַנדערש ווי דאָ ביי איך, — אויף וויפל כ'האָב אַ באַגריף און אַ פאַרשטע־לונג וועגן אייער יידישן טעאַטער־וועזן. ס'איז דאָ אַ געוואַלדיקער אינטערעס צום טעאַטער ביי עלטערע, ביי דער יוגנט, און אויך די נישט־יידישע סאָווע־טישע באַפעלקערונג זאַפט איין מיט פאַרגעניגן און נייגיר סיי שלום־עליכמען, סיי שעקספּירן אין יידיש און אוודאי די מאָדערנע פּיעסעס פון די היינטצייטיקע סאָוועטיש־יידישע דראַמאַטורגן.

אויב מיר נעמען אָן די הנחה, אַז די געשיכטע פון טעאַטער איז אין אמתן געערדעט די געשיכטע פונעם צושויער־זאַל, דאַן הויבט אָן די ציפער פון צוואַנציק יידישע מלוכה־טעאַטערן אין סאָוועטנפאַרבאַנד רעדן נישט נאָר וועגן די קאָלאָסאַלע בינע־דערגרייכונגען, נאָר וועגן דער גרויסער, באַ־דייטנדיקער צאָל פון אַקטיווע יידישע טעאַטער־באַזוכער, טעאַטער־גע־ברויכער ביי אונדז אין סאָוועטישן לאַנד.

דער יידישער טעאַטער האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטע־רעס און דראַנג צום דראַמאַטורגישן שאַפן ביי אונדזערע סאָוועטיש־יידישע שרייבער. ס'זיינען געמאַכט געוואָרן גאָר ערנסטע פּרואוון און ס'זיינען גע־

שאַפן געוואָרן וויכטיקע ווערק אויף דעם געביט. ווי דער מאָסקווער יידי־שער מלוכה־טעאַטער, אַזוי אויך דער מינסקער, קיעווער, אָדעסער האָבן דערצויגן אַ באַדייטנדיקע גרופּע יידישע דראַמאַטורגן. צווישן זיי — ד. בערגעלסאָן, פּ. מאַרקיש, י. דאָברושין, ליפע רעזניק, ה. אָרלאַנד, דער פּרײ־פאַרשטאָרבענער מ. דאַניעל, וואָס האָט געגעבן פיינע דראַמאַטישע שאַפונ־גען, און ש. האַלקין און נאָך און נאָך.

אונדזער אויפגאַבע אין די יידישע טעאַטערן איז צו באַזיניקן די גרויסע בוי־פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען און קומען פאָר ביי אונדז אין לאַנד און ביי אונדזער פאָלק, אַרויסברענגען די נייע געשטאַלטן, וואָס וואַקסן אַרויס אין דער נייערווירקלעכקייט, באַלייכטן די נייע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אונדז אַלעמען ווען מיר האָבן געלייגט די גרונט־שטיינער פון אונדזער נייעם, יונגן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָס איז איינס.

און ווייטער: מיר האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע סצעניש אַדורכ־לייענען פונדאַסניי אונדזער קלאַסישע ירושה און פאַרקערפּערן אויף דער בינע אין אַ ריי פאָרשטעלונגען די גאָלדענע קייט פון אונדזערע קלאַסיקער, די אָבות פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, ווי אויך די טעאַטראַלישע ירושה פון גאָלדפאַדען. און אַזוי ביז אויף היינטיקן טאָג ווענדן זיך אונדזערע טעאַטערן צו אָט דעם אומשטערבלעכן און אומאויס־שעפּנדיקן קוואַל פון אונדזער ליטעראַטור. ס׳איז ווי מיר וואָלטן אויף זיי ווידעראַמאָל און אַבעראַמאָל אויסגעפּרוּווט אונדזערע כוחות אויף צו גיין ווייטער, כדי צו באַזיניקן אונדזער היינט, אונדזער איצטיקע ווירקלעכקייט.

סאַמע ערב דעם וועלט־קריג — זאָגט ווייטער ש. מיכאָעלס, נאָך אַ קורצער הפסקה, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסברענגען אַ שטיק נאָענטע צאַפּלדיקע פאַר־גאַנגענהייט, — ערב דעם וועלט־קריג, בוכשטעבלעך אַ וואָך אָדער צוויי פאַרן דייטשן אָנפאַל אויף אונדזער לאַנד, האָט דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער פאַרענדיקט זיין אַרבעט אויף שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן", מיט וועלכן דער טעאַטער האָט געעפנט דעם סעזאָן אין מאָסקווע, אויגוסט 1941. ס׳איז געווען די צייט, ווען דער דייטש האָט טעראָריזירט דאָס לאַנד און געוואָלט אָפּשטעלן און פאַראַליזירן דאָס לעבן פון אונדזער הויפּט־שטאָט. דער חשבון פון די היטלעריסטן, וואָס איז געווען אַ פאַלשער אין אַלע הינ־זיכטן, איז אויך אין דעם דורכגעפאַלן. די פּרעמיערע איז באַוויזן געוואָרן אין דער צייט פון די שאַרפסטע קאַמפן און אונטערן מוראדיקן רויש פון פיינטלעכע מאָטאָרן.

אַ ווייטערדיקע — דריטע — אויפגאַבע איז געשטאַנען פאַר אונדזער

טעאַטער צו שעפּן פון טיפן קוואַל פון אונדזער ווייטער און נאָענטער פאַר־גאַנגענהייט. מיר האָבן זיך געווענדט צו אונדזער העראָאישער געשיכטע. ס׳זיינען סצעניש אויפגעקומען אין טעאַטער בר־כוכבא, אבשלום (פון „שולמית״). שלמה מיימאָן א. אַנד. אגב, דוד בערגעלסאָן גרייט איצט אַ נייע היסטאָרישע פּיעסע „דוד ראובני״, וואָס וועט אַריין אין אונדזער טע־אַטער גאָר אינגיכן.

אין דער זעלבער צייט ווענדט זיך אונדזער יידישער טעאַטער צו דער וועלט־דראַמאַטורגיע. ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן שעקספּירס „ליר״ ביי אונדז אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, „די שטיפעריינס פון ווינדזאָר״, „סקאַפּענס שפּיצלעך״ אין יידישן ווייסרוסישן טעאַטער, אָסטראָווסקיס „די אומשולד שולדיקע״, גאָרקיס „מוטער״ א. אַז. וו.

מיר האָבן אין אונדזערע טעאַטערן באַלויכטן די אומגעהויערע וויכטיקע פּראָצעסן ביי די יידישע קאָלווירטן דורך אייניקע דראַמאַטישע אויפפירונגען, די בויאונג פון ביראָבידזשאַן (פ. מאַרקישעס „משפחה אָוואַדיס״). די טעמע פון בירגער־קריג קומט אַלע מאָל פונדאָסניי אויף, דער אָנטייל פון יידן אין קריג, א. אַז. וו.

און איצט, אין דער איצטיקער גרויזאַמער צייט, פאַרנעמט דאָס מילי־טערישע לעבן, דער קריג, וואָס דאָס פאָטערלאַנד פירט מיט אַזוי פיל פּאַנאַ־טיזם — אַ וויכטיק אָרט אין אונדזער טעאַטער. מיר שפּילן איצט פ. מאַר־קישעס „אַן אויג פאַר אַן אויג״, מיר גרייטן ד. בערגעלסאָנס אַ קריגס־פּיעסע „כ׳וועל לעבן״, און אין ריי האָבן מיר ש. האַלקינס אַ פּיעסע וועגן דער ראָלע פון דער סאָוועטיש־יידישער אינטעליגענץ אין דעם קריג.

דער אָנפאַל פון די דייטשן האָט פריער פון אַלץ געטראָפן די יידישע קיבוצים און די צענטערן פון דער יידישער קולטור. צוזאַמען מיט די דאָרטיקע יידישע קיבוצים זיינען אויך צעשטערט געוואָרן די דאָרטיקע יידישע טעאַטערן. אייניקע האָט די מלוכה באַוויזן צו עוואַקואירן אין שטעט פון מיטל־אַזיע, ווי טאַשקענט, סאַמאַרקאַנד, דזשאַמבול און אויך קיין נאָוואָסימבירסק און אַנד.

צו אונדזערע סאָוועטיש־יידישע טעאַטערן זיינען צוגעקומען מיט 3 יאָר צוריק, די יידישע טעאַטערן פון די באַפרייטע געגנטן: אין לעמבערג איז גע־גרינדעט געוואָרן אַ מלוכהשער יידישער טעאַטער מיט אידאַ קאַמינסקאַ, די טאָכטער פון אונדזער אסתר־רחל קאַמינסקאַ, און אין ביאַליסטאָק — אונטער דער אָנפירונג פון א. מאַרעווסקי, אויך אַ טעאַטער פון קליין־קונסט. זיי זיינען גלייך אַריין אין דער נעץ פון די יידישע מלוכה־טעאַטערן, זיי האָבן באַקומען גרויסע שטיצע פון דער מלוכה און באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך און אַרויסהויבן זייער קונסט אויף העכערע שטאַפּלען. קיין סך, ליידער,

האָבן זיי נישט באַוויזן, ווייל דער דייטשישער מערדערישער אָנגריף האָט אָפּ־געווישט די דאָרטיקע יידישע צענטערן. די סאָוועטישע מלוכה האָט עוואַ־קואירט די טעאַטערן, און ס׳שאַפן זיך נייע מעגלעכקייטן און באַדינגונגען פאַר זייערע ווייטערדיקע סצענישע טעטיקייטן.

דער ביראָבידזשאַנער יידישער טעאַטער איז גאָר אַן אייגנאַרטיקער. ער איז פון די באַדייטנדיקע יידישע טעאַטערס אין לאַנד. ער איז אַרויס־געוואַקסן פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. דער אַנסאַמבל באַשטייט פון די תלמידים, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם קורס אין אונדזער טעאַטראַ־לישער שול. זייער ערשטער רעפּערטואַר איז באַשאַפן געוואָרן אין מאָסקווע, אונטער מיין אָנפירונג. מיר האָבן אַרויסגעשיקט קיין ביראָבידזשאַן אַ פאַרטיקן טעאַטער, מיט רעפּערטואַר, מיט שוישפּילער, מיט קאָסטיומען און דעקאָ־ראַציעס, מיטן אַן אָרעקעסטער, — אַן אַנסאַמבל פון איבער הונדערט מענטשן. דאָס איז געווען איינע פון די מתנות פון דער סאָוועטישער מלוכה דעם וואַקסנ־דיקן יידישן ישוב.

איר פרעגט וועגן אַנדערע זשאַנרען טעאַטערן?

אָט — קלאַראַ יאַנג שפּילט מיט איר גרופּע שוישפּילער איבערן לאַנד איר מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר. ס׳איז אינטערעסאַנט — אין דעם איצטיקן שווערן קריגס־מאָמענט, האָט די מלוכה דער טרופּע געגעבן אַן אייגענעם וואַגאָן, וואָס זאָל פאַרלייכטערן זייער טור.

און נאָך אויף אַ וויכטיקן שטריך וויל איך אָנוויזן — אויפן באַשטאַנד פון אונדזערע שוישפּילער. ס׳וועט זיין פאַר אייך אַן איבערראַשונג, — איבער 90 פּראָצענט פון אונדזערע יידישע שוישפּילער געהערן צום נייעם דור אַקטיאָרן, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. און איך, למשל, איינער פון די עלטסטע שוישפּילער, בין דאָך אויך געקומען צום טעאַטער ערשט 1919, — דאַן האָב איך דאָך מיינע ערשטע טריט געשטעלט.

און אויף וויפל אונדזער טעאַטער ווערט יעדעס מאָל באַרייכערט מיט יונגע קרעפטן — וועט אייך דערציילן אַזאַ פאַל. מיר האָבן ערב דעם קריג געגרייט שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן“. לויט אונדזער פּלאַן איז רייזל געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט בוזי — דער צאַרטער, צאַפּלדיקער בוזי פון שלום־עליכמס „שיר השירים“; פאַר רייזל־בוזי האָבן מיר באַדאַרפט אַ יונג, רייצנדיק מיידל. מיר האָבן ניט געוואָלט גיין אויף פּשרות מיט אָט דער צענטראַלער ראָלע, און געזוכט אַ יונגע אַקטיאָרישע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל פאַרקערפּערן די געשטאַלט. און מיר האָבן געפונען. אויפן ערשטן קורס פון אונדזער טעאַטער־שול האָבן מיר געהאַט אַ יונג מיידל — עטעלע קאָוועגסקאַ

— אינגאַנצן 16 יאָר אַלט, און איר האָבן מיר אָנפּאַרטרויט די צענטראַלע ראָלע פון „בלאָנדזשענדע שטערן”, און מיר האָבן זיך נישט אָפּגענאַרט.

אונדזער טעאַטער־שול האָט אַ 5־יאָריקן קורס. מיר נעמען אָן בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן געענדיקט די מיטל־שול. און אַלע יאָר האָבן מיר אַ נייעם אויפנעם. און נאָך אַ באַוויז, אויף וויפל די טעאַטראַלע יוגנט ווערט געשעפּט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן: אויסער די עקזאַמענס, וואָס מיר אָרגאַניזירן ביי אונדז אין דער שול, פאַרט אַרויס אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף די ערטער, אין די פאַבריקן, אין די דערפער, און פירט אַדורך עקזאַמענס פון די קאַנדידאַטן.

דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל אייך — הייבט זיך ש. מיכאָעלס אויף פון זיין אָרט — איז, פאַרשטייט זיך, בלויז אַ קליינער טייל וואָס מ׳קאָן דערציילן.

לאָמיר עס לאָזן אויף ווייטערדיקע שמועסן. מיר זיינען דאָך געקומען מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות צו די אַמעריקאַנער ברידער און שוועסטער, און אונדזערע אַלע געדאַנקען און געפילן זיינען דאָך אין דעם מאָמענט געווענדט אין איין ריכטונג — מיט געמיינזאַמע כוחות דערשלאָגן די מערדער פון דער מענטשהייט.

מאַי 1943

שלמה מיכאָעלס אין וויכטיקער שליחות

אין זיין שטאַרקער, טיף־רירנדיקער רעדע, וואָס ש. מיכאָעלס האָט די טעג געהאַלטן פאַר אַ גרויסער עדה יידן, וואָס איז באַשטאַנען פון איבער טויזנט פאַרטרעטער פון הונדערטער אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פונעם גרויסן יידישן ניו־יאָרק, האָט ער געזאָגט וועגן זיך און וועגן איציק פעפער — די צוויי שליחים פונעם סאָוועטישן יידנטום, — אַז די מאַמע יידיש האָט זיי געבוירן און אויפגעכאָוועט, און אַז זיינע, מיכאָעלסעס, אונטערפירער זיינען געווען אַזעלכע געהויבענע מחותנים ווי מענדעלע און שלום־עליכם, פרץ און גאָלדפאַדען.

דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ מין אומדירעקטער ענטפער אויף די נישטיקע טענות־ומענות און אויף די אומווירדיקע פּאָרוואורפן, וואָס קומען פון יענער־זייט־פּלויטיקע פּרעסע־פאַרשוינען, פאַר וועמען די ערשטע דע־לעגאַציע פון די סאָוועטישע יידן צו די אַמעריקאַנער ברידער און שוועסטער איז ווי אַ דאָרן אין אויג און ווי אַ פּאַטש אין פּנים.

זיי, די אַלע פּאָרווערטסיסטישע נאַכלויפער און אונטערשטופער, זיי זיינען איינגעטונקען אין אמתן יחוס, זיי זיינען באַשאַנקען מיט די אַלע מעלות און מידות, וואָס עס דאַרפן האָבן אמתע פאָלקס־פירער, די מעלות און מידות, וואָס זיינען באַקאַנט פון די אַמאָליקע צייטן — „אנשי־אמת, שונאי־בצע״ — אמת־מענטשן און וואָס האָבן פיינט געלט, — און מיכאָעלס און פעפער שטייט זיי נישט אָן, די פאַרשוינען, און אינמיטן די פייערלעכע אויפנאַמעס, וואָס ווערן אָרגאַניזירט דורך די אָרגאַניזאַציעס פון די פאַרשיידענע ריכטונגען, און דורך גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, האַלטן זיי אין איין מעלה־גרהן די פראַגע: „מי שמך?״ — ווער זייט איר און ווער האָט עס אייך געשיקט אַהער?

האָט ש. מיכאָעלס, אַזוי פאַרבייגייענדיק, אין זיין דערמאָנטער רעדע, דערמאָנט וועגן זיין יחוס־בריוו.

און טאַקע וועגן דעם יחוס־אָבות און יחוס־עצמו פון ש. מיכאָעלסן ווילט זיך רעדן.

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געשריבן: „יעדער גייסטיק־געזונטער מענטש איז אייגנטלעך ווי אַ שטייף־צונויפגעוויקלטע מגילה, וואָס אין איר זיינען פאַרצייכנט די איינפלוסן פון די געשיכטלעכע פּאַסירונגען פון זיין פאָלק און פון די דורות פאַר אים. אין גליקלעכע פאַלן וויקלט זיך פאַנאַנדער אָט די

מגילה און באַרייכערט אונדז מיט אַזעלכע פריידיק־וואונדערלעכע דערשיי־נונגען, ווי אַ שעווטשענקאָ, פושקין, מיצקעוויטש — פּערזענלעכקייטן, וואָס פאַרקערפערן מיט זיך דעם גייסט פונעם פאָלק מיט גאָר זיין שיינקייט, קראַפט און גאַנצקייט.״

אָט די טרעפלעכע באַצייכענונג פונעם גרויסן מאַקסים גאָרקי, וואָס איז געווען די פולסטע פאַרקערפערונג פונעם רוסישן פאָלק און פון זיין גייסט, — אָט די טרעפלעכע באַצייכענונג קאָנען אויך מיר אָנווענדן ביים כאַראַקטע־ריזירן איינציקע גרויסע יידישע קינסטלער, דיכטער און דענקער פון אַלטע צייטן און פון די לעצטע דורות. און נאָך מער — מיר קאָנען מיט אָט דער באַצייכענונג מעסטן די פאַרשיידענע קינסטלערישע געשטאַלטן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זייערע ווערק דורך יידישע עלטערע און יינגערע שרייבער, טיפן און געשטאַלטן, וואָס פאַרמאָגן די אייגנשאַפטן פונעם יידישן פאָלק און גאָר זיין שיינקייט, קראַפט און דערהויבנקייט.

די קינסטלערישע טיפן און געשטאַלטן אין די שאַפונגען פון די פאַר־שיידענע יידישע שרייבער, זיינען אָבער אָפט אין דעם צושטאַנד, אין דער בחינה פון יענער „שטיף־צונויפגעוויקלטער מגילה״, וואָס אין איר זיינען פאַרצייכנט די פאַסירונגען, די אייגנשאַפטן און עלעמענטן פונעם פאָלק, פון איינצלנע יידישע מענטשן, — און מען דאַרף עס זאָלן קומען די גרויסע שוישפּילער, די קינסטלער־מייסטער, וואָס זאָלן מיט זייער שפּילן פאַנאַנדערוויקלען די שריי־בערישע מגילות און אַרויסוויקלען און אַרויסאַנטפּלעקן אין סצענישע גע־שטאַלטן גאָר די שיינקייט, גאָר די טיפקייט, גאָר די פרייד און דעם טראַ־גיזם, וואָס די טיפן פאַרמאָגן אין זיך.

איך ווייס נישט אין דער איצטיקער צייט נאָך אַ יידישן מייסטער־שוי־שפּילער, וואָס האָט ווי ש. מיכאָעלס אַרויסגעבראַכט אין לויף פון איבער צוואַנציק יאָר מיט אַזאַ פאַרטיפטער און דערהויבענער מייסטערשאַפט די וואונדערלעכסטע געשטאַלטן פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור און זיי קינסטלעריש און דיכטעריש פאַרקערפערט אין זיך און דורך זיך.

שלום־עליכם, דער וואונדערלעכער יידישער פאָלקס־קינסטלער, האָט אין יאָר 1914, אינעם סאַמע רייפסטן פעריאָד פון זיין שאַפערישן לעבן, געשריבן אין אַ בריוו צו דוד פינסקי וועגן זיין טביהן: „... איך ווייס נאָר איינס, אַז אין די צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב טביהס מעשיות איבערגעגעבן, האָב איך געפילט, אַז אַלע מיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פון דעם דאָזיקן פּראָסטן, נאָר גאַנצן, נישט באַרירטן ייד״.

ש. מיכאָעלס וואָלט זיכער געקאָנט זאָגן דאָס נעמלעכע וועגן די עטלעכע צענדליק געשטאַלטן, וואָס ער האָט פאַר די איבער צוואַנציק יאָר פון זיין

סצענישער טעטיקייט געשאַפן אין דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, די געשטאַלטן, וואָס זיינען דער פולסטער אויסדרוק פון די פאַרשיידענע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן און נייגונגען, עלעמענטן און אייגנשאַפטן פונעם יידישן פאָלק.

פאַר די איבער צוואַנציק יאָר, וואָס ש. מיכאָעלס האַלט אין פאַרקערפּערן דורך די סצענישע געשטאַלטן די וויכטיקסטע טיפּן פון דער יידישער קינסטלערישער וועלט, האָט ער אויף זיין שאַפערישן אַקטיוו איבער דרייסיק הויך־מייסטערישע שוישפּילערישע ווערק, וואָס זיינען אין תוך פיל מער ווי בלויז פיינע, גוטע און אויסגעצייכנטע בינע־ראָלן. אויף ש. מיכאָעלס שוישפּיל זיינען נישט אָנגעמאָסטן די געוויינלעכע טערמינען פון שפּילן און אָפּשפּילן אַ ראָלע. ווייל ש. מיכאָעלס שפּילט ניט קיין ראָלע, נאָר ער דיכטעט זי אויס, ער מייסטרעוועט זי אויס. ער איז פיל מער ווי אַ שוישפּילער, ער איז אַ סקולפּטאָר און דיכטער. ער קנעט אויס פון אייגענעם ליים די געשטאַלט און בלאָזט אַריין אין איר פון זיין גייסט. איז עס שוין פיל מער ווי אַקטיאָריש שפּילן, נאָר עס איז דיכטעריש שאַפן. און נישט אומזיסט האָט מען אינעם יידישן מלוכה־טעאַטער אַנשטאָט טעאַטער־שפּיל געברויכט דאָס וואָרט טעאַטער־עבודה. נישט מען שפּילט טעאַטער, — און כדי עס מאַכן נאָך לייכטער, האָט מען אַנשטאָט „טעאַטער" געברויכט דאָס פאַרמינערדיקע וואָרט „טריאַטער", — נאָר מען האָט דאָס טעאַטער דערהויבן צו דער מדרגה פון עכטער טיפער שאַפונג, וואו דער שוישפּילער איז קינסטלער, קינסטלער מיט אַן אייגענער פיזיאָנאָמיע, מיט אַ ציל־אָנגעוועדטן באַוואוסטזיין, מיט טיפע געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע כוונות. אָפּטמאָל איז דער דראַמאַטורגישער שטאָף געווען מער נישט ווי אַ קאַנווע, וואָס אויף איר האָט מען געלאָזט אויסהעפטן גאָר נייע אוזאָרן. און דעריבער האָט מען מיט יעדער נייער פאַרשטעלונג, צו וועלכער מ׳האָט זיך לאַנג און ערנסט געגרייט, געשטרעבט אויסצופילן וויכטיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־קינסטלערישע צילן און אויפגאַבן. און ווען מיר נעמען די דריי צענדליק געשטאַלטן, וואָס ש. מיכאָעלס האָט סצעניש פאַרקערפּערט, זייער וואוקס און אַנטוויקלונג, האָבן מיר אייגנטלעך אין זיי דעם גאַנג פון דער סאָוועטיש־יידישער אינטעליגענץ, און די גייסטיקע און שאַפערישע איבערוואַנדלונגען פון דער יידישער קינסטלערישער וועלט אינעם סאָוועטישן יידנטום.

לכתחילה האָט מען זיך באַמיט אויסצולאָדן די שווערע ירושה, וועלכע איז געווען אין דעם יידישן שאַפן, וואָס האָט זיך געריסן פאָראויס, אויף נייע וועגן. מען האָט פון די קלאַסישע יידישע קוואַלן געשעפּט אַזאַ מאַטעריאַל, אַזעלכע טיפּן, אַזעלכע צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן, וואָס האָבן באַדאַרפט

וואָס־מער מבטל מאַכן דאָס אַלטע, דאָס פריערדיקע, כדי אָפּצורייניקן אַן אָרט פאַר דעם נייעם. מען האָט באַטאָנט דאָס נעגאַטיווע, אונטערגעשטראָכן דאָס שאָטנדיקע, אויסגעלאַכט דאָס קאָמישע. אַמאָל, נישט ווילנדיק, איז מען אויך אַריינגעפאַלן אין דעם קעגנזאַץ, — מ׳איז געווען פאַרכאַפּט פון דעם ראָמאַנטישן, מיטגעריסן געוואָרן מיטן טראַגישן, ווייל דאָס נייע לעבן איז נאָך געווען אינגאַנצן מטושטש. פאַר דעם קינסטלער־מייסטער ש. מיכאָעלס זיינען די דראַמאַטורגישע געשטאַלטן געווען די ראַם, די פאָרם, אין וועלכער ער האָט געקאָנט אַריינשטעלן זיך, זיינע אייגענע זוכענישן, זיינע אינע־ווייניקסטע איבערוואַנדלונגען. האָט טאַקע אַמאָל מיכאָעלס געזאָגט וועגן זיך, אַז „די געשטאַלט דינט מיר פריער פאַר אַלץ ווי אַ מיטל אַרויסצואַנטפּלעקן זיך גופא. איך פאַרקערפּער מיינע ליידן אין דער געשטאַלט. מיינע פריידן טראָג איך אַריבער אויף דער סצענע, און אין דער געשטאַלט ברענג איך אַרויס און פאַרווירקלעך מיין אייגענעם וואוקס״. אָבער די פריידן און ליידן פונעם קינסטלער, די פּראָצעסן, וואָס קומען פאַר ביים סאָציאַל־ און נאַציאָ־נאַל־באַזיניקטן שאַפער, זיינען דאָך אויך די פריידן־ליידן פון דעם כלל. עס קומט פאָר דער גוט־באַקאַנטער הין־און־צוריק־גאַנג, וואָס איז שטענדיק דער פאַל, דער גורל מיט גרויסע קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס וואַקסן צוריק אַרויס פונעם רשות־היחיד און וואַקסן ווידער אַריין אין דעם רשות־הרבים. און וואָס־פאַרטיפטער און אייגנטימלעכער עס איז אַ דיכטערישע שאַפונג, אַלץ מער ווערט זי לסוף דאָס אייגנטום פונעם פאָלק.

די פאַרשיידענע טיף־סוביעקטיווע און אויסטערליש־אייגענע דיכטערישע געשטאַלטן פון מיכאָעלסן זיינען דעריבער נישט בלויז וועג־צייכנס, שטאַפּלען אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון אים גופא. נאָר זיי זיינען אויך ווערק און ווערטן, וואָס גייען אַריין אין דעם אייזערנעם פאָנד פון דעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער, וואָס האָט נאָך, ליידער, דערוויל ווייניק געלערנט און אָפּגעלערנט פון די זוכענישן און דערגרייכענישן פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און פון מיכאָעלסן — דעם שוישפּילער און רעזשיסער.

ווען מיר פאַרטיפן זיך אין דעם גאַנג פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און אין דעם גאַנג פון מיכאָעלסן ווי אַן אַרטיסט און רעזשיסער, זעען מיר, אַז דער דאָזיקער טעאַטער איז נישט געווען בלויז אַן אָפּגעשלאָסענער סצעניש־שאַפערישער וואַרשטאַט, וואו עס זיינען אין לויף פון איבער צוואַנציק יאָר געגרייט און אויפגעפירט געוואָרן אַזויפיל און אַזויפיל טעאַטראַלישע ספּעקטאַקלען. גלייכצייטיק האָט זיך דאָרטן, אינעם טעאַטער, געשמידט דער סאָוועטיש־יידישער גייסט. עס זיינען אויך טיף־אידייאיש געוואַקסן מיט דעם טעאַטער די דיכטער, דראַמאַטורגן, מוזיקער, דעקאָראַטאָרן, שוישפּילער, און

די פֿאַרשטעלונגען האָבן געבראַכט צום אויסדרוק די פּאַרמעסטן, די באַרג־אַרויפֿן, די זוכעניש און געפֿינעניש פֿון דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפֿן, וואָס איז געווען אויך נאַציאָנאַל לויט זיין פֿאָרם. יעדע נייע פֿאַרשטעלונג איז געווען אַ נייער טראָט, אַ נייער שטאַפּל צום געגאַרטן, צום געוואונטשענעם. און ס׳איז אויך געווען ווי רינגען אין דער גאָלדענער קייט פֿון דער יידישער קלאַסיק.

און ש. מיכאָעלס, סיי ביז 1928, ווען א. גראַנאָווסקי איז געווען דער קינסטלערישער פֿירער פֿונעם טעאַטער, און בעיקר שפּעטער, ווען ש. מיכאָעלס האָט איבערגענומען אויך די גייסטיקע און רעזשיסערישע פֿירונג, — ש. מיכאָעלס איז געווען און פֿאַרבליבן די לעבעדיקע, דינאַמישע, אידייאיש־קינסטלערישע טרייב־קראַפֿט פֿונעם טעאַטער. זיינע ראָלן, זיינע אַרויס־זאָגונגען וועגן דעם טעאַטער, זיינע רעזשיסערישע אויפֿטוען (סיי אַליין און סיי בשותּפֿות מיט אַנדערע רעזשיסערן) זיינען אייגנטלעך דער באַראָמעטער פֿונעם קינסטלערישן, דראַמאַטורגישן און טעאַטראַלישן וואוקס פֿונעם סאָוועטיש־יידישן שאַפֿן בכלל.

ש. מיכאָעלס איז ענג און אָרגאַניש צונויפֿגעוואַקסן געוואָרן מיטן מאָס־קווער מלוכה־טעאַטער. ער איז געווען און איז פֿאַרבליבן די צענטראַלע פֿיגור, דער רוקן־ביין פֿון אָט דער סאַמע־אויסגעשפּראָכנסטער און סאַמע־פֿילבאַר־סטער קולטור־קינסטלערישער סאָוועטיש־יידישער אינסטיטוציע. און וואָס דער אַלגעמיינער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער האָט די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר באַטייט פֿאַר דער סאָוועטיש־רוסישער קולטור, דאָס נעמ־לעכע איז געשען מיט דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. און נישט אומ־זיסט איז ש. מיכאָעלס, זיין אינעווייניקסטער וואוקס און זיינע סצענישע און מייסטערישע אויפֿטוען און דערגרייכונגען, געווען אַ דאַנקבאַרע טעמע פֿאַר אייניקע אינטערעסאַנטע גרעסערע מאָנאָגראַפֿיעס (אין יידיש און אין רוסיש), און פֿאַר צענדליקער און צענדליקער קלענערע אָפּהאַנדלונגען.

אָט האָט איר בלויז אַ קורצע רשימה פֿון זיינע וויכטיקסטע סצענישע פֿאַרקערפּערונגען: שלום־עליכמס ר׳ אַלטער און מנחם מענדל יקנה״ז (1921), אין א. ווייטערס „פֿאַרטאָג״ (1921), גאָלדפֿאַדענס האָצמאַך (1922), שלום־עליכמס שימעלע סאָראָקער (1923), פּרצעס בדחן אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ (1925), מענדעלעס בנימין אין „מסעות״ (1927), ד. בערגעלסאָנס „דער טויבער״ (1930), מ. דאַניעלס יוליס (1931), שעקספּירס קעניג ליר (1935), מאַרקישעס זייוול אָוואַדיס (1927), שלום־עליכמס טביה, און אינצווישן און אַפֿריער און שפּעטער — נאָך און נאָך פֿאַרשיידענע סצעניש־טעאַטראַלע פֿאַר־מעסטונגען, וואָס צווישן זיי האָבן מיר אוריאל אַקאָסטאַ, און יאַנקל שאַבשאָ־וויטש, און דעם פּראָנצוויזישן טרואַדעק און מעטערלינקס „בלינדע״, און

אויפפירונגען פון משה קולבאַקס „בויטרע״, בערגעלסאָנס „מידת הדין״, שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן״, ש. האַלקינס „שולמית״ און „בר־כוכבא״ און אַנדערע.

ש. מיכאָעלס איז אין תוך אַ שאַרפער רעאַליסט. ער האָט אינזינען יעדן זשעסט, יעדן באַוועג, יעדן שריט, יעדע אינטאָנאַציע פון דעם שרייבער, פון זיין ווערק און פון זיין געשטאַלט. זיי זיינען ביי אים שטרענג און פינקטלעך אויסגערעכנט און געמאָסטן־געוואויגן, אָבער דאָך — פון יעדער ראָלע, פון יעדער אויפפירונג שלאָגט ער אַרויס דעם מאַקסימום און ער דערפירט זי ביז קינסטלערישער און אידייאישער שלימות. זיין יעדע געשטאַלט איז טיף און שווער אָנגעלאָדן. עס העלפט אים זיין טיפער פאַרשטאַנד, זיין רייכער אינטעלעקט, זיין גוט־אָנגעווענדטע צילבאַוואוסטקייט, און זיין פילזייטיקע באַהאַווונטקייט אין דער יידישער געשיכטע און אין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס אַלץ האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך גופא און זיין טעאַטער צו דערהויבן צו דער הויכער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־יידיש ווערק.

ש. מיכאָעלס איז נישט בלויז דער פאָלקס־אַרטיסט פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד. ער איז אויך דער פאָלקס־אַרטיסט פונעם גרויסן, צעזייטן און צעשפרייטן יידישן פאָלק.

און חוץ די אַלע גרויסאַרטיקע ראָלן, וואָס ער האָט וואונדערלעך, מיט אַזויפיל חכמה און טאַלענט פאַרקערפּערט, טרעט ער לעצטנס אויף פאַר אונדז אין אַ נייער געשטאַלט — ווי דער פאָרזיצער פונעם אַנטיפאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט, און איצט האָבן מיר אים אין דער פאַראַנטוואָרטלעכער ראָלע, פון אַ שליח פון דעם סאָוועטישן יידנטום צו די יידן פון גאָר דער וועלט.

מאַי 1943

פון 1917 ביז 1948 — פּאָלג מיך אַ גאַנג

„אויף נייע וועגן" — אַלמאַנאַך, דרייסיק יאָר סאָוועטיש־יידיש שאַפן, איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1948, 432 ז"ז.

עס איז אייגנטלעך אַן אַנטאָלאָגיע פון לידער, פּאָעמעס, נאָוועלן, פראַגמענטן פון גרעסערע דערציילונגען, וואָס זיינען אָנגעשריבן במשך פון די 30 יאָר. דורך זיי באַקומען מיר אַ פאָרשטעלונג, אַ באַגריף וועגן דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס זיינען אין דעם זאַמלבוך אַריין אַ 120־125 זאַכן, גרעסערע און קלענערע, געגעבן לויט דער טעמאַטיק, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג און איבערוואַנדלונגען פון דעם סאָוועטיש־יידישן לעבן אין זייגע פאַרשיידענע פאַזעס.

אין דעם זאַמלבוך „אויף נייע וועגן", צונויפגעשטעלט פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקציע, זיינען פאַרגעשטעלט מיט איין אָדער עטלעכע בעלע־טריסטישע זאַכן 67 דיכטער און פּראָזאַאיקער: אשר שוואַרצמאַן, דוד בערגעלסאָן, דוד האָפשטיין, איציק פעפער, א. קושנעראָוו, ש. גאָדינער, מ. כאַשטשעוואַצקי, ע. פינינבערג, ה. קאַמענעצקי, מ. דאַניעל, פּרץ מאַרקיש, ה. אָרלאַנד, ש. האַלקין, ל. קוויטקאָ, נאָטע לוריע, ל. רעזניק, ע. קאַהאַן, מ. ליפמאַן־לעווין, י. זעלדין, ש. כאַלאַדענקאָ, ע. גאָרדאָן, ש. ראָסין, ע. שעכטמאַן, ע. קאַזאַקעוויטש, מ. אַלבערטאָן, א. ווערגעליס, מ. גאָלדשטיין, ב. אָלעווסקי, ב. מילער, ל. טאַלאַלאַי, פּ. סיטאָ, ה. דאָבין, דער נסתר, י. פאַליקמאַן, ה. שוועדיק, מ. האַרצמאַן, אי. קיפּניס, י. קאָטליאַר, א. גאָנטאַר, א. סטעלמאַך, י. קערלער, מ. גרוביאַן, מ. אַראָנסקי, ב. העלער, מ. בראָדערזאָן, י. עמיאָט, י. שטערנבערג, נח לוריע, ח. מאַלטינסקי, מ. ליפשיץ, ש. גאָמאָן, ז. טעלעסין, י. באָרוכאָוויטש, ר. רובין, ש. רויטמאַן, ל. קאַצאָוויטש, ר. בוימוואָל, מ. טייף, ה. פאָליאַנקער, מ. טאַלאַליעווסקי, מ. גערשנזאָן, י. שרייבמאַן, א. פלאָטנער, ה. ריווקין, ח. לעווין, י. ראַבין, מ. העלמאַנד.

אַ מערקווירדיקער זאַמלבוך, — אויף די 432 זייטן, וואָס זיינען געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט לידער, פּאָעמעס, פראַגמענטן פון גרעסערע פּאָעטישע ווערק, זיינען פאַרטראָטן סאָוועטיש־יידישע שרייבער, — פון די עלטערע גוט־באַוואוסטע אין דער ליטעראַרישער וועלט, ביז די יונגע און יינגסטע, וואָס עס וויסן וועגן זיי בלויז די־אַ, וואָס זיינען נאָענט באַקאַנט מיט דער יידישער

ליטעראַטור, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן און שאַפט זיך אין סאָוועטן־לאַנד.

איך בלעטער דאָס סאָלידע בוך, מיש־אויף דאָ און דאָרטן, קוק זיך איין אין די נעמען פון די שרייבער און פרואוו אויפנעמען און אַדורכפירן אינעם זכרון די צייט, די תקופות, ווען די באַטייליקטע שרייבער זיינען געווען טעטיק, און ווען די אָדער אַנדערע שאַפונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, — און עס נעמט מיך אַרום אַ וואונדערלעך געפיל פון טיפער אינערלעכער אויפטרייס־לונג, — און איך זאָג צו זיך און מורמל צו זיך: באמת, פון 1917 ביז 1948 — ס'אַראַ ווייטער מהלך און ס'אַראַ ווייטע וועגן מען איז געגאַנגען און אַדורכ־געגאַנגען פאַר אַט דער צייט!

פיל פון די שאַפונגען — גרעסערע און קלענערע, — וואָס קומען אין דעם זאַמלבוך, זיינען טאָקע וועג־צייכנס און קען־צייכנס נישט נאָר פון יעדן איינעם פון די באַטייליקטע שרייבער, נאָר עס זיינען בלוטיקע און דערהויבענע, דענקווירדיקע און קענטיקע וועג־צייכנס פון גאָר דער צייט, פון גאָר דעם סאָוועטישן און סאָוועטיש־יידישן לעבן פאַר די דריי צענדליק יאָר — זינט 1917 ביז 1948.

מיט אַ צאָל פון די שרייבער, דיכטער ווי דערציילער, בין איך געווען נאָענט און חבריש באַקאַנט און באַפריינדט, מיט אַ צאָל שרייבער איז מיר אויסגעקומען אין משך פון יאָרן איבאַיינעם אַדורכצומאַכן שווערע און גליקלעכע צייטן אין קיעוו און אין מאָסקווע, אין וואַרשע און אין בערלין, און אַ צאָל פון די ווערק זיינען מיר באַזונדערס נאָענט און טייער, ווייל זיי ברענגען אַרויס אויך טיף־אייגענע איבערלעבענישן און געשעענישן וואָס עס איז אויסגעקומען אויס־צופיבערן און אויסצואווייטיקן אינאיינעם. מען וואָלט געקאָנט דעריבער זיך אָפּשטעלן גענויער אויף פיל פון די באַטייליקטע שרייבער און זיך טיילן מיט דעראינערונגען און עפּיזאָדן פון דער צייט, ווען זיי האָבן גענומען שרייבן און זיך פאַרמאָסטן אויף שאַפערישע וועגן און געזוכט פאַרמען, און אויסדרוק־מיטלען פאַר זייערע איבערלעבענישן און אויפטרייסלונגען.

די צונויפשטעלער פון דעם גרויסן אַלמאַנאַך „אויף נייע וועגן" (אַ קאָמיסיע שרייבער ביים אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע) האָט געטאָן זייער גוט, וואָס זיי האָבן דעם גאַנצן רייכן מאַטעריאַל פון די סאָוועטיש־יידישע אוצרות נישט געגעבן גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר צונויפגעשטעלט אים כראָנאָלאָגיש לויט דער צייט, לויט דעם פעריאָד, וואָס עס ווערט אַרויסגע־בראַכט אין די שאַפונגען פון די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע שרייבער. עס זיינען אַזוי אַרום וויכטיקע הויפּט־„סטאַנציעס" אין דעם גאַנג פונעם סאָוועטישן און יידיש־סאָוועטישן לעבן. „דור דור וסופריו" — יעדער דור און זיינע שרייבער — איז דאָ אויף אַן אַנדער אופן און שטייגער אַרויסגעבראַכט געוואָרן; דאָס

לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געגאַנגען אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ, און באַגלייך מיטן אַלגעמיינעם לעבן — אויך דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פונעם אַלגעמיין-סאָוועטישן לעבן. פאַר די דרייסיק יאָר זיינען געוועזן וויכטיקע פּאַסירונגען און ענדערונגען, עס זיינען פאָרגעקומען באַדייטנדיקע לעבנס-פּראָצעסן, וואָס דער יידישער שרייבער האָט עס אַרויס-געבראַכט אין דער פולער מאָס אין זיינע ווערק. האָט טאַקע יעדער פּעריאָד, אויסער דעם, וואָס ער האָט געפונען זיין אויסדרוק אין די ווערק פון די עלטערע שרייבער, האָט יעדע תקופה, יעדער צייט-אָפּשניט אויך אַרויסגערוקט אייגענע שרייבער, וואָס די צייט האָט זיי געבוירן, האָט זיי אויסגעכאָוועט, האָט זיי אַרויסגערוקט צום שאַפערישן אויבנאָן.

און דאָס איז דאָס אייגנאַרטיקע, ספּעציפישע, מיט וועלכן דער סאָוועטיש-יידישער צווייג פון דעם אַלגעמיינעם יידישן ליטעראַטור-בוים צייכנט זיך באַזונדערס אויס און שטעלט פאַר אַן אויסנאַם אין דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור.

די יידישע ליטעראַטור אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַ נאָרמאַלער, געזונטער מיטגליד אין דער אַלגעמיינער משפּחה פון די סאָוועטישע פעלקער. און וואָס עס איז געשען מיט אַלע אַנדערע פעלקער, דאָס איז אויך געשען מיט דעם יידישן פאָלק. פאַרשטייט זיך, אויף אַ ספּעציעלן, ספּעציפישן אופן און שטייגער, ווי יעדעס פאָלק האָט באַזונדער אויפגענומען און אַדורכגעמאַכט די געוואַלדיקע ענדערונגען און פּראָצעסן פונעם אַלגעמיינעם און אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן. די באַרימטע הנחה און יסוד „סאָציאַל לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם”, וואָס איז געווען גילטיק פאַר אַלע פעלקער-ליטעראַטורן, האָט יעדעס פאָלק פונעם פיל-פעלקערישן סאָוועטנפאַרבאַנד געבראַכט צום אויסדרוק אויף אַן אייגענעם שטייגער. פּונקט ווי די נאַציאָנאַלע ירושה, די אייגענע ווערטן פון יעדן פאָלק, זיינען ביי יעדן פאָלק אַנדערש איבערגעאַרבעט און איבערגעקאָכט געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

און ווייטער: קיין שום אַנדער צווייג אין דער גרויסער יידישער ליטע-ראַטור איז נישט געווען אַזוי אַנגעצילעוועט, אַזוי באַוואוסטזיניק אין זיינע אויפגאַבן און אין זיינע פּערספּעקטיוון. קיין שום אַנדער טייל איז נישט געווען אַזוי פילבאַר צו דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום, ווי עס איז געווען דער סאָוועטיש-יידישער טייל פון דעם יידישן שאַפן.

דאָס איז באַקאַנט יעדן איינעם, וועלכער האָט אויפמערקזאַם, ערלעך און אויפריכטיק נאָכגעפאָלגט נאָך דעם יידישן שאַפן אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד די אַלע דרייסיק יאָר. און דאָס זעען מיר באַשיינפּערלעך אין דעם זאַמלבוך, וואָס ברענגט אונדז די ראשי-פּרקים פון גאָר דעם סאָוועטיש-יידישן שאַפן.

און באַזונדערס איז כדאי און וויכטיק צו באַמערקן: דער יידיש־סאָוועטישער שרייבער גופא איז געווען אַריינגעצויגן אין די וויכטיקע ענדערונגען פון דעם לעבן. ער איז געווען אַקטיוו באַטייליקט אין די אַלע פּראָצעסן, ער איז טיף און ענג פאַרבונדן מיט דעם אַלעם, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיינע שאַפונגען. צווישן דער געשילדערטער וועלט און דעם שרייבער גופא זיינען נישט געווען קיין מחיצות, קיין ווענט, קיין דיסטאַנצן. און אַזוי אַלע יאָרן — אָנגעהויבן פון אשר שוואַרצמאַן, וועלכער האָט אין יאָר 1918 אַליין גענומען די ביקס אין האַנט און נישט נאָר גערופן צו בונט, צו קאַמף, צו קעגנשטעלן זיך קעגן דעם שונא, נאָר ווייל „דער שונא איז ביי די טויערן" (ווי עס הייסט זיינס אַ ליד!), איז ער „מיטן ביקס אין האַנט, מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן" געווען „פּאַרטאַיעט" און אין „לאָקער נאָך דעם שונא" (פון זיין ליד, געשריבן אין יאָר 1918, וואָס מיט דעם עפנט זיך דער אַלמאַנאַך).

און אַזוי גייט עס כסדר מיט דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז ענג און אָרגאַניש געבונדן צום לאַנד, וואָס האָט האַסטיק אַדורכגעמאַכט די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע און געענדערט דעם אויסזען און שטייגער־לעבן פון אַ גרויסן שטיק וועלט.

אָט זיינען די אויפברויז־לידער פון דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש, — די ערשטע דיכטער־אַנזאָגער פון דעם נייעם, וואָס עס האָט פאַרכאַפּט דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד אין יענע מערקווירדיקע פּרילינג־טעג. און באַלד קומט די צווייטע שורה, די צווייטע פּלעיאַדע דיכטער, וואָס האָט זיך אויף אַ וואונדערלעכן אופן איבערגערופן מיט די ערשטע אַנזאָגער, — ווי א. קושניראָוו, איציק פעפער, משה כאַשטשעוואַצקי, ע. פינינבערג, ש. האַלקין, ליפע רעזניק, שמואל ראָסין, — אָט־די, וואָס זיינען אַנגעזעטיקט מיט דעם העפטיקן בירגער־קריג, און דערביי געווען מיט־שותפים צום אויפקום פונעם נייעם סאָוועטישן לעבן.

נאָך די דיכטער, וואָס גייען ווי דער שטייגער, די ערשטע אין דער ריי און זיינען די „פּירזינגער" („זאַפּיעוואַלעס") אין דער מאַרשירנדיקער רעוואָלוציאָנערער מחנה, קומען די פּראָזאַאיקער, די דערציילער, וואָס הייבן אָן פאַנאַנדערוויקלען ברייטערע לייוונטן און ברענגען אַרויס נישט נאָר מאָנומענטאַלע, נאָר זיגג־געזאַנגישע אויפשטורעם־רופן, נאָר זעען שוין דעם מענטש אין זיין קאַמף, אין זיין געראַנגל, אין זיין סביבה, וואָס האָט זיך גענומען אויפדאָסניי פורעמען און געשטאַלטיקן נאָכן מבול, ביים אָקערן דעם באָדן, ביים פאַרזיי און ביים ערשטן אויפגאַנג פון דער גערעטעניש.

נאָך דער „לייכטער אַרטילעריע" — די זינגער, וואָס האָבן מיט זייער שאַלן און געזאַנג אויפגערודערט די יידישע ליטעראַטור, צוגעגעבן איר באַ־

נייאונג, יום־טובדיקייט, פייערלעכקייט, — איז געקומען די „שווערע אַרטי־לעריע" — די פּראָזע, און מיט איר מער־פּאַמעלעכן און פעסטן גאַנג געשיל־דערט דעם שטייגער, די קאָנפליקטן, די צונויפשטויסן, די טאָג־טעגלעכע איבערלעבענישן פון דעם ייד און מענטש אין בירגער־קריג, אינעם אויפגע־אַקערטן באָדן, אין דער אויפגערודערטערווירקלעכקייט. מיר האָבן דאָ פּאַר זיך די פּראָזאַאיקער דוד בערגעלסאָן, ש. גאָדינער, מ. דאַניעל, דער נסתר, הירש אָרלאַנד, ליפּמאַן לעווין, עליע קאַהאַן, נח לוריע, — אַלץ אויסגעשפּראָ־כענע שרייבער מיט שאַרף־געצייכנטע און ציל־אַנגעווענדעטע ווערק.

און אויב דער ערשטער צענדליק יאָרן האָט געהאַט פּאַר זיך דעם אַלגע־מיינעם איבערבוי פונעם יידישן לעבן, האָבן מיר אין דעם צווייטן יאָרצענדליק — אָנגעהויבן פון 1929 און ווייטער — דעם גרויסן פּאַרמעסט — די פּראָק־לאַמירונג און די בויאונג פון ביראָבידזשאַן. אָט די נייע גרויסע היסטאָרישע תקופה ציט גלייך צו די סאָוועטישע יידישע שרייבער. אויף זייט 143 פונעם אַלמאַנאַך האָבן מיר דאָס ליד פון א. קושניראָוו, „וואַלדהיים", וואָס הייבט זיך אָן מיט די רירנדיקע ווערטער:

„געקומען זיינען מיר פון זייער ווייט אַהער,
אַ הייפעלע, אַ קליינס, אַ צענדליק מאַן, ניט מער,
מיט ערשטן פרילינג-ווינט, מיט ערשטע פרילינג-טעג
דורך טאַיגע זומפּיקער אָן וועג, אָן שטעג.
— — — — — — — — — — — — — — —
און ס'ערשטע מאָל האָט דאָ דער וואַלד דערהויבט,
מיט ערשטן שייטער אָנגעצונדענעם אין נאַכט,
און צו באַגינען האָט דער וואַלד געטאָן אַ קנאַק, —
דער ערשטער בוים געפאַלן אונטער האַק!"

און ווידער אַמאָל נאָך דעם „פּירזינגער" קומט שוין דערנאָך אַ גאַנצער כאָר פון פאַרשיידענע יידישע שרייבער — מ. אַלבערטאָן, ד. בערגעלסאָן, אהרן ווערגעליס, עמנואל קאַזאַקעוויטש, משה גאָלדשטיין, ב. אָלעווסקי, ב. מילער, איציק פעפער, און נאָך און נאָך, וועלכע האָבן אין לויף פון קנאַפּע צוואַנציק יאָר זינט ביראָבידזשאַן איז געבוירן, געשאַפן פּרעכטיקע ווערק וועגן דעם אויסטערלישן לאַנד, וואו יידן בויען אַ היים, אַ היים אויף נייע סאָציאַליסטישע יסודות, כדי איינגעגלידערט צו ווערן ווי אַ גלייך־באַרעכטיקטע משפחה, אַ רעפּובליק צווישן די אַלע אַנדערע רעפּובליקן אינעם גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד.

און ווי אַנדערש איז אָט דער אָפּשניט פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטע־ראַטור פון די אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אינעם סאָוועטן־

לאַנד און אַוודאי פון די אַלע אַנדערע ליטעראַטור־צוויגן פון דער גרויסער פאַרשיידנאַרטיקער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט!

אויך אַט־דער צייט־אָפּשניט איז געגעבן געוואָרן בלויז אין ראשי־פּרקים, און דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט גערן וועלן ברייטער און טיפער זיך באַקענען מיט דער יידישער ליטעראַטור וועגן בירָאָבידזשאַן, וואָס איז אויפגעקומען אין די גרענעצן פונעם לאַנד און דאָס רוב — דורך שרייבער, וואָס זיינען דאָרט אויפגעוואַקסן געוואָרן אָדער איינגעוואָרצלט געוואָרן.

איבער אַ העלפט פונעם זאַמלבוך „אויף נייע וועגן" באַשטייט פון ווערק — לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען און קאַפּיטלען פון גרעסערע ווערק, — געווידמעט דער לעצטער וועלט־מלחמה. אין אַט־דער אָפּטיילונג האָבן מיר ווערק פון קרוב צו 50 שרייבער, — און דער גרעסטער רוב פון די ווערק איז געשריבן דורך שרייבער וואָס זיינען געווען אינעם קריג, זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן, און אַ צאָל — איז טאַקע אין די שווערע שלאַכטן אומגעקומען.

אַט־די אָפּטיילונג טיילט זיך לחלוטין אויס פון דער יידישער קריגס־ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע יידיש־לענדער. מיר האָבן שוין אַ גאַנץ רייכע ליטעראַטור, לידער און דערציילונגען, וואָס איז פּאַרעפנטלעכט געוואָרן די לעצטע יאָרן אין פאַרשיידענע לענדער, אָבער די ליטעראַטור, אויסער קליינע אויסנאַמען, גיט די ווייטע אָפּהילכן פון דעם עצם קריג, — עס זיינען ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך שרייבער וואָס האָבן געלעבט אָן דער זייט און וויט פון די שלאַכט־פראַנטן. די סאָוועטיש־יידישע שרייבער זיינען אַליין געווען שלאַכט־מענטשן, זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פונעם פאַטערלאַנד, אַדורכגעמאַכט די אַלע שוועריקייטן פון די קריגס־פראַנטן און געבליבן לעבן אָדער אומגעקומען. מיר האָבן דאָ דירעקטע שילדערונגען פון רויט־אַרמייער, געפילן און איבערלעבענישן פון דעם עצם קריג קעגן בעסטיאַלישן דייטש, און ווירקלעכע באַשרייבונגען פון דעם יידישן שלאַכטמאַן. אין אונדזער רייכער יידישער קריגס־ליטעראַטור, צווישן די אַלע ווערק, וואָס טראָגן אָפּט דעם כאַראַקטער פון „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", — איז עס גאָר אַ נייעס.

ווען מיר לייענען די לידער פון די גאָר־יונגע שרייבער־דיכטער, וואָס זיינען פאַרטראַכטן אינעם אַלמאַנאַך, און וואָס זייערע נעמען זיינען אָנגעגעבן אין שוואַרצע רעמלעך, ווערט אונדזער האַרץ אָנגעפילט מיט צער און באַדויער, וואָס אַזאַ גרויסע צאָל באַגאַבטע דיכטער איז פריצייטיק פאַרשניטן געוואָרן. אַזעלכע טיף־רירנדיקע שאַפונגען, אַזעלכע אויפריכטיקע ערלעכע איבער־־לעבענישן און אַזוי גלענצנד אַרויסגעבראַכט!

און ווי עס זיינען אינטערעסאַנט און טיף־באַלערנדיק די ווערק פון דער

קריגס־צייט, און אַזוי אויך זיינען פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער און פאַרנעם די אַלע איבעריקע שאַפונגען, וואָס קומען אין די לעצטע הונדערט זייטן פון דעם זאַמלבוך, וואָס אין זיי ווערט געשילדערט דאָס סאָוועטישע לעבן שוין נאָכן גרויסן וועלט־קריג, וואָס האָט אָנגעמאַכט מוראדיקע חורבונות אין לאַנד, ווי אין דער גאַנצער אייראָפּע, און וואָס האָט ביי יעדן איינעם אָוועקגערויבט די טייערע אייגענע משפחה און גוטע פריינט. באַגלייך מיט די טיף־וויטיקדיקע און טיף־רירנדיקע שילדערונגען פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, קומען אויך באַשרייבונגען וועגן דעם האַסטיקן פיבערדיקן צוריק־אויפבוי, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די סאָוועטישע בירגער, און די פאַרשטאַרקטע ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו דעם סאָוועטישן היימלאַנד און סאָוועטישער ערד, וואָס איז זיי ליב און טייער און אייגן. דער פריערדיקער צאָרן און האַס צום שונא, דעם פאַרניכטער פון אַלדאָס שענסטע און טייערסטע אין לעבן, ווערט איצט פאַרביטן מיט דעם דראַנג צוריקאויפצושטעלן די חורבות און צוריק אויפ־ריכטן דאָס לעבן, וואָס ווערט אויפגעבויט מיטן אימפּעט און מיט די גרויסע פאַרמעסטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן גרויסן סאָוועטישן פאָלק, וואָס נעמט אין זיך אַלע, אַלע פעלקער און אויך דאָס פולבאַרעכטיקטע יידישע פאָלק אָן קיין שום אונטערשייד.

צווישן די 67 שרייבער, וואָס זיינען פאַרטראָטן אין זאַמלבוך מיט זייערע פאַרשיידנאַרטיקע שאַפונגען, האָבן מיר זעקס פרויען. אויך דער ערשטער אַריינפיר־אַרטיקל — אַ פּרעכטיקע און סינטעטישע אָפּשאַצונג פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור — איז געשריבן דורך אַ יונגער סאָוועטישער קריטיקערין — רבקה רובין. מיר האָבן אויך די צוויי נייע סאָוועטישע שרייבע־רינס — אַנע סטעלמאַך און שירקע גאָמאַן, וואָס האָבן לעצטנס צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זייערע טאַלאַנטפולע דערציילונגען. באַזונדערס דאַרף מען באַטאָנען די גרויסע צאָל יונגע שרייבער, דיכטער און דערציילער, וואָס מיר פאַרמאָגן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ריכטיק ווערט געזאָגט אין דעם קורצן אַריינפיר־וואָרט פונעם איקוף־פאַרלאַג: „אין קיין שום אַנדערן טייל פון דער יידישער ליטעראַטור איז נישט אַזוי גרויס די צאָל פון די יונגע קינסטלער, וועלכע זיינען אויפגעוואַקסן במשך פון די לעצטע יאָרן. דאָס איז אַ באַווייז פון דעם גרויסן שאַפערישן כוח פונעם סאָוועטישן יידנטום".

דער גרויסער זאַמלבוך „אויף נייע וועגן" איז דער בעסטער ענטפער די פאַרשיידענע פאַרביסענע קעגנער און פאַרלוימדער פונעם סאָוועטישן יידנטום און פון זיין קוועלנדיקן שאַפן.

יאַנואַר 1949

ביראָבידזשאַן אין דער יידישער ליטעראַטור

.1

ווי לאַנג איז עס געווען, ווי דער נאָמען „ביראָבידזשאַן" האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין דער יידישער וועלט? לכתחילה — אַ פרעמד, אויס־טערליש וואָרט, וואָס האָט מאָדנע געקלונגען, און ס'איז אפילו שווער געווען צו פאַרגעדענקען עס. אָבער גיך האָט עס גענומען אָפּקלינגען אין די הערצער פון אַלע די, וואָס האָבן געקוקט מיט פאַרגאַפונג און האָפנונג אויפן סאָוועטנ־פאַרבאַנד און אויף דער מאַטעריעלער און גייסטיקער אויפריכטונג פונעם סאָוועטישן יידנטום.

איצט איז שוין געוואָרן אַכצן יאָר. ביי אונדז, יידן, איז די צאָל אַכצן פאַר־בונדן מיט ח"י, — מיט ח"י געלעבט. און טאַקע איצט האָבן מיר אַלע דאָס געפיל און די זיכערקייט, אַז ביראָבידזשאַן פאַרנעמט זיך ערשט אויף אַ פול און פולבלוטיק, אַלזייטיק און פילקאָלירנדיק יידיש לעבן.

שוין אַכצן יאָר, אָדער אפשר גאָר ערשט אַכצן יאָר.

עס געדענקט זיך גוט, ווי די בשורה פון אַ יידישער היים אויף אייגענער פרייער ערד און אין דער פעלקערישער האַרמאָניע פון סאָוועטנפאַרבאַנד, — ווי אָט די בשורה האָט אַלעמען אויפגעלעבט און אויפגעצאַפּלט. איך געדענק גוט דעם באַגייסטערטן, פריידיקן בריוו פונעם באַוואוסטן יידישן שרייבער י. דאָברושין, וואָס איז מיר אָנגעקומען פון מאָסקווע קיין וואַרשע, — מיט אַ יום־טובדיקן ברייט־יידישן מזל־טוב. מיר, די אַמאָליקע סימפּאַטיקער פון די ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), שפּעטער פון די „פאַראייניקטע", — מיר, וואָס אין פלייש און אין בלוט, אין האַרץ און אין מוח איז זינט יאָרן אויסגעו־כאָוועט געוואָרן דער טרוים פון אַן אייגענער טעריטאָריע, וואָס דאַרף פאַר־ענטפערן פיל שוועריקייטן און אומנאָרמאַלקייטן אינעם יידישן מאַטעריעלן און גייסטיקן לעבן, — מיר זיינען מיטאַמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ מערקווירדיקער, נישט־געדאַכטער גרויסער געשעעניש: — דער סאָוועטנ־פאַרבאַנד טיילט אויס פאַר אונדז, יידן, אַ גרויס שטיק פרוכטבאַר לאַנד און מיט אויסזיכטן פאַר אַן אייגענער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

און דאָס פרעמדע, לכתחילה נאָך אומהיימלעכע וואָרט „ביראָבידזשאַן" איז גיך געוואָרן אייגן, היימיש, טייער. און ווי שנעל עס האָט זיך גענומען

איינגלידערן אינעם יידישן לעבן נישט בלויז פונעם סאָוועטן־לאַנד, נאָר אינעם לעבן פון יידן אין גאָר דער וועלט! פאַרשיידענע האָפענונגען, טרוימען און שטרעבונגען זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט אָט דעם אַפּריער וויסט און ווייט און ווילד לאַנד. נישט אַלע, אפילו אין יידישן סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן גלייך אויפגענומען די בשורה ביראָבידזשאַן אין גאָר איר באַטייט און פאַרנעם. פאַר אייניקע איז עס געווען אַ מין שאַרפער קעגנזאַץ, קעגנגעוויכט צו ארץ־ישראל. פאַר אַנדערע ווידער — אַ ווייטער, נישט רעאַליזירנדיקער טרוים, וואָס בלויז פאַנטאַסטן האָבן עס געקאָנט אויסטראַכטן אין זייער צעהיצטער פאַנטאַזיע.

אין פרץ הירשביינס ראָמאַן „רויטע פעלדער", וואָס איז אויסגעפיבערט און אויסגעוויטיקט געוואָרן אין די קרימער יידישע דערפער, וואו פרץ הירשביין האָט געלעבט איבער אַ יאָר צייט, אין 1928־1929, ווערט אַרויסגעבראַכט דער מאָמענט, ווען ס׳קומט אַהין דער היסטאָרישער רוף פון מאָסקווע וועגן אַן אייגענעם יידישן צענטער אין ביראָבידזשאַן. דאָרט ווערט שאַרף און ליידנ־שאַפטלעך אונטערגעשטראָכן דורך די טראַכטענישן און איבערלעבענישן פון יוסף ראַטנער, אַז ס׳איז ווייניק צו האָבן פרייע יידישע ערד, מען דאַרף האָבן אייגענע נאַציאָנאַלע היים. אַנטקעגן אָט דעם טרוימער יוסף ראַטנער, וועלכער האַלט אין איין פריידיקן אָנשטאָט פרייע ערד — נאַציאָנאַלע היים, — איז דאָ דער יידישער באַלשעוויק קאָוואַלסקי, וואָס קוקט אפילו מיט חשד אויף זיין חבר יוסף ראַטנער און באַשולדיקט אים שיער נישט אין קאָנטער־רעוואָלוציע פאַר זיינע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און ווזיעס. דער סוף איז, אַז יוסף ראַטנער טריאומפירט: נישט נאָר ער ווערט מיטגעריסן פונעם רוף, נאָר ער שלעפּט מיט אויך בערע קאָוואַלסקין און זיינע אַלע חברים פון דעם קרימער יידישן דאָרף קיין ביראָבידזשאַן, אין דעם לאַנד וואו עס קומט אויף און עס הייבט אָן רעאַליזירט צו ווערן דער גרויסער טרוים, וואָס דורות און דורות יידן האָבן אין פאַנטאַזיע און אין וואָר געזען.

ביראָבידזשאַן האָט געהאַט זייער פיל פאַרשיידנאַרטיקע קעגנער, וואָס האָבן אין זייער פאַרעקשנטן קאַמף קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד און קעגן דעם סאָוועטישן יידנטום זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען. עס זיינען אויך געווען געניג פּסיכאָלאָגישע שטערונגען, וועלכע ס׳איז נישט געווען אַזוי לייכט גובר צו זיין און באַזייטיקן. עס זיינען אויך צוגעקומען אַנדערע שווע־ריקייטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער סיטואַציע און מיט די מיליטערישע קאָליזיעס, וועלכע האָבן זיך די לעצטע יאָרן אַלץ מער אָנ־געקליבן אויפן ווייטן מזרח, אַרום ביראָבידזשאַן.

איצט שטייען מיר זיכער פאַר אַ גאָר נייער עראַ אין דעם אויפבוי און אין

דער אַנטוויקלונג פון ביראָבידזשאַן, און דעריבער דאַרף פאַר אונדז באַזונדערס טייער זיין דער אַדורכגעגאַנגענער וועג. מיר דאַרפן פאַר אונדז אַלעמען קלאָרער און בוילעטער מאַכן, וואָס ביראָבידזשאַן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, כדי מיר זאָלן מיט מער ברען און באַגייסטערונג קאָנען גיין ווייטער, נאָך מער צו דערנעענטערן און איינאייגענען דאָס לאַנד, וואָס איז און דאַרף ווערן און זיין אונדזער אייגנס.

מיר וועלן לאָזן פאַר ספּעציאַליסטן און זאַך־קענער צו רעדן וועגן די מאַטעריעלע אוצרות פון ביראָבידזשאַן, וועגן דעם האַסטיקן וואוקס אין משך פון אַזאַ קורצער צייט — קוים 18 יאָר — און ביי אַזעלכע אומגינסטיקע דרויסנדיקע באַדינגונגען. מיט צוויי יאָר צוריק, אין סאַמע שווערן געראַנגל מיט די דייטשישע בעסטיעס אוןביים שטענדיקן לויער פון די יאַפּאַנעזישע פאַשיסטן אויף דעם סאָוועטישן וויטן מזרח, האָט דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט אין מאָסקווע צוזאַמען מיט דער ביוראָ פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער אין זייערע הייסע באַגריסונגען צום ביראָבידזשאַנער סאָוועט געזאָגט צווישן אַנדערן: „אייער יום־טוב איז דער יום־טוב פון אונדזער גאַנצן יידישן פאָלק״.

דאָס זיינען נישט גלאַט קיין ווערטער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט בעת אַ פייערונג. דאָס זיינען ווערטער, וואָס דאַרפן באַצייכענען אונדזער אַלעמענס קוק און איינשטעל אויף ביראָבידזשאַן. און לאָמיר עס איצט זאָגן, וואָס אָפּטמאָל טראַכט זיך וועגן דעם ענין ביראָבידזשאַן. ווער ווייסט: ווען מיר וואָלטן אַלע אַזוי־אָ געהאַלטן די אַלע יאָרן, ווען אין ענגער האַרמאָנישער פאַרבינדונג און פעסטן קאָנטאַקט פונעם סאָוועטישן יידנטום מיט די יידן פון גאָר דער וועלט וואָלטן געמאַכט געוואָרן מער און מער אָנשטרענגונגען פאַר ביראָבידזשאַן, וואָלטן מיר זיכער געהאַלטן מיט דער אויטאָנאָמער געגנט פיל־פיל ווייטער. עס איז קיין ספק נישט, אַז איצט, ווען פיל ערנסטע מניעות זיינען באַזייטיקט געוואָרן, וועט דער אויפבוי־טעמפּאָ פון ביראָבידזשאַן גיין שנעלער, האַסטיקער און אויך די באַטייליקונג פון די אַמעריקאַנער יידן אין דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט דאַרף און וועט זיין גרעסער, פולער, קענטעוודיקער.

.2

יאָ, ס'איז ערשט אַכצן יאָר, ווי ביראָבידזשאַן איז „אַנטדעקט״ געוואָרן, אָבער מיר, יידישע שרייבער און קינסטלער, קאָנען זיך גרויסן, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט ממש פון די ערשטע שריט אויפגענומען מיט גאָר דעם ערנסט דאָס נייע יידישע לעבן, וואָס האָט זיך גענומען שאַפן אין יענע ווייטע מרחקים.

מען וואָלט שוין באַדאַרפט מאַכן אַן ערנסטע פאָרש־ און שטודיר־אַרבעט וועגן די פאַרשיידענע קלענערע און גרעסערע ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער דער דירעקטער לעבעדיקער ווירקונג פון דעם יונגן יידישן ישוב. און ווי אַנדערשדיק עס וואָלט אַרויסגעקומען אַט די פאָרשונג פון אַלע אַנדערע פאָרשונגען וועגן דער געשיכטע פון אַ לאַנד, פון אַ נאַציאָנאַלער היים. דאָ איז עס אַ געשיכטע פון אַ גרויס געשעעניש, אַן ערשט־אויפגעקומענע, אַ צאַפּלדיקע, אַ יוירנדיקע. ס׳איז אַ געשיכטע, וואָס שאַפט זיך ממש פאַר אונד־זערע אויגן. אָבער ס׳איז גוט באַקאַנט, אַז יעדער אַוועקגייענדיקער טאָג ווערט גלייך פאַרוואַנדלט אין געשיכטע, און בפרט — יאָרן, — און באַזונדערס — אַזעלכע מערקווירדיקע, אויסטערלישע יאָרן ווי די לעצטע צוויי יאָר־צענדליקער.

עס וועט זיין אפשר אומגלויבלעך, ווען מיר וועלן דאָ ברענגען אויסצוגן פון אייניקע באַוואוסטע אַמעריקאַנער יידישע דיכטער, וועלכע האָבן אין יאָר 1928 הייס באַגריסט ביראָבידזשאַן דורך זייערע לידער. דאַן זיינען זיי געווען פאַרבונדן מיט דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און זיי זיינען געווען פריינט, סימפּאַטיקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די דיכטער זיינען... אברהם רייזען, ה. לייוויק, א. לעיעלעס. אַט וואָס זיי האָבן צווישן אַנדערע געשריבן אין זייערע לידער (מיר כאַפּן אַרויס אַ פּאָר פערזן!).

עס שרייבט אברהם רייזען אין זיין ביראָבידזשאַנער ליד „תבואה״:

„צו אַקערן, זייען,
ווער האָט אונדז פאַרווערט ?
מיר וועלן זיך פרייען
מיט פרייד פון דער ערד.

צו שפּרייטן די זוימען,
ווען פריל׳ינג נאָר ציט,
און נאָכדעם צו טרוימען
פון זאַנגען און שניט״.

און ה. לייוויק אין זיין געזאַנג צו ביראָבידזשאַנער ערד, אין ליד מיטן נאָמען „ערד״:

„קומען און אַריינגראָבן אַ שטעקן
און זאָגן : אַט דאָ איז מיין לאַנד,
און צום אָרום און צו אַלע פיר עקן
אויסשטרעקן אַ חברשע האַנט.

נישט כישוף פון אַלטע קברים,
נישט טרויער פון אַ פאַרקלונגענער שפּראַך,
נאָר ריח פון רויערד, פון וואָרעם,
און דאָרן און קאָרן און דאַך.

אויף די ליפּן ניט צען געבאָטן,
נאָר איין און איינציק געבאָט: מ י ;
ווי באַמיסטיקונגען אויף בייטן צעשאָטן
די זינגעוודיקע מידקייט פון קני.

שוואַרצע רעמלעך אַרום נעגל,
און פייער דורך הויט און ביין,
ביז ס'גייט אויף אַ ציירע, אַ סעגל
פון גרין־גראָז אויפן אָרט פון שטיין".

און א. לעיעלעס זאָגט אין זיין ליד „ביראָבידזשאַן”:

„גיי אויף,
גיי פּורפּור־רויט אויף,
יידיש ליד.
גיי אויף פּורפּור־רויט
אין ביראָבידזשאַן.

זינג, יידיש ליד,
צום פּרוכטבאַרן שניט
אין ווייך־שוואַרצער ערד,
זינג צום מעטאַלענעם בליאַסק
אונטער נייעם הימל".

זינט יענער צייט, זינט דעם „בראשית” אָדער באַגינען פון ביראָבידזשאַן, האָט זיך אַ שיין ביסל געענדערט אין דער יידישער וועלט און אין דעם אַמעריקאַנער יידישן ליטעראַרישן וועלטל. איצט גלויבט זיך קוים, אַז די דערמאָנטע דיכטער האָבן אַזוי געזונגען צום אויפקומענדיקן יידישן לעבן אין וויטן מזרח פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט ביראָבידזשאַן נישט אויפגעהערט צו זיין אַ ליכט־ און לייכט־פּונקט אפילו אין די סאַמע ביטערסטע צייטן. שוין אַ 20 יאָר ווי עס דערשיינט חודש־אויס, חודש־איין ביים „איקאָר” דער זשורנאַל „ניילעבן”, וואָס פאַרמאָגט אַ מאַסע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון ביראָבידזשאַן. דורך דעם „איקאָר” און אַ דאַנק דעם „איקאָר” זיינען דערשינען פאַרשיידענע ביכער און ביכלעך, געווידמעט דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

לאָמיר אויסרעכענען בלויז אייניקע:

ל. טאַלמי — „אויף רויער ערד”, מיט דער איקאָר־עקספּעדיציע אין ביראָבידזשאַן, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן דורך דעם „פרייהייט”־פאַרלאַג (1931, 258 זייטן); אב. עפּשטיין — „געזען אין ביראָבידזשאַן”, — ניו־יאָרק 1931; משה כץ — „די ערשטע יידישע אויטאָנאָמע רעגירונג”, ניו־יאָרק, 1934; יעקב מילך — „ביראָבידזשאַן, אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע”, ניו־יאָרק, 1936, 44 זייטן; פּ. נאָוויק — „יידן אין ביראָבידזשאַן” (איינדרוקן

פון אַ באַזוך אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט), ניו־יאָרק, 1937, 112 זייטן; ש. אַלמאַזאָוו — „צען יאָר ביראָבידזשאַן", 1928־1938, דאָקומענטן, אָפּשאַצונגען. ניו־יאָרק, 1938, 32 זייטן.

אַ ים מאַטעריאַלן געפינט זיך אין דער „מ. פרייהייט" זינט 1928 ביז איצט, וואָס ווייזט דעם גאַנג, דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון ביראָבידזשאַן פאַר די אַלע יאָרן, — ווי אויך זיינען דאָרט פאַר אָט דער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל שאַפונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ביראָבידזשאַן.

אין 1935 האָט ז. ווײַנפּער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג באַגייסטערטע לידער וועגן ביראָבידזשאַן (64 זייטן).

אינעם ביכל האָבן מיר אַזעלכע דיכטעריש־העלע שורות:

„מיינע טריט האָבן נאָך נישט געטראָטן
נישט אינעם ליכט און נישט אינעם שאָטן
פון דיינע פלאַכן, טאָלן און דיינע בערג.
ווי גוט וואָס עס וועלן נישט זיין קיין מערק"...

און ווייטער:

„נישט געזען האָבן דיך מיינע בליקן,
נאָר איך בוי מיט ליבשאַפט בריקן
צו דיר פאַר מיינע טריט.
נעם צו דערווייל פון ווייט מיין ליד,
און ועסטו מיינע הענט באַדאַרפן"...

מיט צוויי יאָר צוריק (אין 1944) האָט דער „איקאָר" פאַרעפנטלעכט איציק פעפערס לידער „היימלאַנד", וואָס אַ גרויסער טייל איז געווידמעט ביראָ־בידזשאַן, 128 ז"ז, מיט צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל.

3.

יאָ, ס'איז אין דער קורצער צייט געשאַפן געוואָרן אַ גאַנץ־רייכע און פאַרשיידנפאַרביקע ליטעראַטור אַרום און דורך ביראָבידזשאַן.

אויסער די פאַרשיידענע פראָפּאַגאַנדע־בראָשורן און ערנסטע ווערק, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם גרויסן און וויכטיקן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן אַקט, וואָס אַ גרויסע און מעכטיקע רעגירונג האָט אויף זיך גענומען די אויפ־גאַבע צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם אויף אַזאַ גרויסאַרטיקן און ברייטן פאַרנעם, אויסגעטיילט גרויסע שטחים ערד, געגעבן באַדייטנדיקע שטיצע און געהאַלטן עס פאַר אַן ענין פון דער גאַנצער מלוכה צו העלפן אויפריכטן און

איינריכטן אַט די געגנט — אויסער אַט דער פּראָפּאַגאַנדע־אויפקלערערישער ליטעראַטור, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ריין־קינסטלערישע ליטעראַטור, וואָס איז אינספּירירט און סטימולירט שוין פון דער געגנט אַליין, — נישט בלויז פון דער אידייע, נאָר פון דעם ביראָבידזשאַנער לעבן גופא.

אַט די קינסטלערישע ליטעראַטור, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון ביראָ־בידזשאַן, איז אַ דירעקטער אייגנאַרטיקער פּראָדוקט פונעם דאָרטיקן רעאַלן לעבן, ווי די דאָרטיקע נאַטור־געוויקסן, ווי דער ווייץ און קאָרן, וואָס קומען־אויף אויף די דאָרטיקע פעלדער, ווי דער האָניג, וואָס טריפט דאָרטן פון די בינשטאָקן.

צו אַט די ווערק דאַרף מען פריער פון אַלץ צורעכענען, אָדער ריכטיקער — מען דאַרף אָנהויבן מיטן קינסטלערישן „ערשטלינג", מיט מ. אַלבערטאנס „ביראָבידזשאַנער", וואָס האָט דעם אונטערקעפּל „וועג־איינדרוקן", אַרויס־געגעבן אין יאָר 1929 (248 זייטן), דורכן כאַרקאָווער מלוכה־פאַרלאַג אין אוקראַינע. אַט דאָס בוך האָט אין זיין צייט שטאַרק מיטגעהאָלפן דער פאַר־שפּרייטונג פון דער ביראָבידזשאַן־אידייע איבער גאָר דער וועלט. ס'איז אי־בערגעדרוקט געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגעס און שטאַרק געלייענט געוואָרן. מ. אַלבערטאָן, דאַן אַ יונג יידיש־אוקראַינער בחורל, איז געגאַנגען מיט די ערשטע גרופּעס קיין ביראָבידזשאַן, און איז דער אמתער פּיאָנער. עס זיינען טאַקע געווען ערשטע צאַפּלדיקע איינדרוקן, פאַרבונדן מיט גאָר דער ראָמאַנ־טישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּיאָנערן, פאַר ראָבינזאָן־קרוזאָס.

פאַראַן אויך אַ רייכע און קאָלירפולע קינסטלערישע ביראָבידזשאַנער ליטע־ראַטור, — אַ דיכטערישע און פּראָזאַאישע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך פיל באַוואוסטע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך שוין באַקאַנט געמאַכט מיט זייערע פריערדיקע שאַפונגען. זיי זיינען אַראָפּגעקומען אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, צוגעזען דאָס יורנדיקע און בויענדיקע לעבן, און באַ־גייסטערט געוואָרן פון נישט־געזעענע און געהערטע בילדער און אויפטוען, פון דעם אימפּעט און לעבנס־שטייגער, האָבן זיי געבראַכט עס צום אויסדרוק אין יום־טובדיקע, העלע און פריידפולע לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען. מען קאָן זאָגן אָן גוזמא, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין איין באַדייטנדיקער יידישער סאָוועטישער פּראָזאַאיקער און דיכטער, וואָס זאָל נישט האָבן באַזוכט ביראָ־בידזשאַן און זאָל נישט האָבן אָנגעשריבן קיין ווערק, אַ גרעסערס אָדער אַ קלענערס, וועגן דער אויטאָנאָמער געגנט.

אַט איז אַ ליד פון דוד האָפשטיין, אין וועלכן ער האָט באַזונגען ביראָ־בידזשאַן:

דאָרט וואַרטן שוין ביימער אין אור-ערשטע ערטער
אויפן מונטערן אָפּקלאַנג פֿון אונדזערע ווערטער,
און יעדן פרימאָרגן די זוניקע שיין
פֿאַרשרייבט אויף די שפּיצן:
אַ לאַנד וועט דאָ זיין!

אַן אַלעמענס לאַנד,
פאַר יעדן, וואָס פריי זיך אין אַרבעט פאַרשפּאַנט,
אַ לאַנד, וואָס דערהייבט און דערציט,
און פאַרבינדט זיך — אַ גליד אין דעם גרויסן פאַרבאַנד,
אין דעם גרויסן פאַרבאַנד פון אַלע, וואָס דאַרפן נעווינען די וועלט,
די וועלט, וואָס אַצינד איז אויף קנעכטשאַפט געשטעלט.

כדאי אין אַ לאַנד אַזאַ לעבן!
כדאי!
כדאי איז אַ לאַנד אַזאַ בויען פונסניי!
כדאי!

.4

ביראָבידזשאַן האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ מין „כשוף־שפּרוך״, וואָס האָט באַצויבערט דעם קינסטלער, אַריינגעבלאָזן אין אים אַ נייעם גייסט, אַ באַזונדערע פריידיקייט און מונטערקייט. דאָס זעען מיר גאַנץ באַשיינפּערלעך ביי דוד בערגעלסאָנען אין זיין „ביראָבידזשאַנער״, אַ ווערק פון 276 זייטן, דערשינענען אין 1934, ווען ביראָבידזשאַן איז קוים אַלט געווען 6 יאָר. עס איז געווען אַ נייער שריט אין בערגעלסאָנס שאַפן גופא. אין דער באַהעפטונג מיטן נייעם לעבן אין ביראָבידזשאַן, האָט ער אַליין דורכגעמאַכט אַ שטאַרקע ענדערונג אין זיין שאַפן. די ביראָבידזשאַנער זוניקייט האָט פאַרטריבן די פאַרכמורעטקייט, דעם בין־השמשות אין זיין שרייבן און אין זיין געמיט.

פאַר דוד בערגעלסאָנען איז געווען גאָר אַ נייעס אָט די טעמאַטיק. אַלעמאָל איז ער געוואוינט געווען צו שרייבן פון אייגענע סביבות, מיט וועלכער ער איז געווען פון לאַנג געבונדן. עס איז געווען שוין אַ לאַנגקאַנאַניזירטער לעבנס־שטייגער. און דאָ האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ לעבן „אונטערוועגס״, וואָס האָט אָט ערשט גענומען זיך אויספורעמען. האָט ער דעריבער באַדאַרפט אָנקומען צו נייע שאַפונגס־מיטלען, לחלוטין נישט ענלעך צו די פריערדיקע, אַזוי כאַראַקטעריסטישע פאַר אים. פריער האָט

ער בעיקר נאָכדערציילט, איז ממילא געווען פיל עלעגישעס, נאָך־אַלעמע־נישעס אין זיינע ווערק. נאָכקלאַנגען און אָפּהילכן מיט די ספּעציפישע בער־געלסאַנישע שטילע טענער... ס׳איז געווען מער סטאַטיק ווי דינאַמיק. מער אין דער טיף ווי אין דער ברייט. און שטענדיק האָט ער דערציילט פון אינמיטן, און ווי אַן אַ אָנהייב און אויך אָן אַ סוף. און ער האָט „געהאַט צייט" ביים מאַלן מענטשן, סיטואַציעס. ס׳איז געווען ווי אַרויסגעריסענע בלעטער פון פאַרגעלבטע טאָג־ביכער מיט גאָר זייער אינטימקייט. גאָר אַנדערש איז דוד בערגעלסאָן אין דער באַהעפטונג מיט ביראָבידזשאַן און ביראָביד־זשאַנער. ער מאַכט־מיט זייערע האַסטיקע באַוועגונגען, ער וואַרפט איבער זיין אויפמערקזאַמקייט פון מענטש אויף מענטש, פון אָרט אויף אָרט. ער איז, ווי דאָס לעבן וואָס ער מאָלט, דינאַמיש, באַוועגלעך... ווי יעדער פון די איבערוואַנדערער אין בוך, וואָס לאָזט איבער הינטער זיך אַ שטיק לעבן מיט געוואוינהייטן, טראַדיציעס און קומט אין אַ ניי אומבאַקאַנט לאַנד, וואו ער דאַרף אָנהייבן אַלץ אויפסניי, אַזוי האָט אויך דער קינסטלער דוד בערגעלסאָן (ווי מסתמא דער מענטש בערגעלסאָן) איבערגעלאָזט הינטער זיך זיין האָב און גאָב, און ווי אַ באַפרייטער, קומט ער אַהער צו פאַרמעסטן זיך אויף גאָר עפּעס נייעס...

און אַזוי האָבן אויך פיל אַנדערע יידישע סאָוועטישע קינסטלער נישט איינמאָל אָנגעשטעלט זייערע אינסטרומענטן אויף דער טעמע ביראָבידזשאַן און פאַרפאַסט אָריגינעלע און פּרעכטיקע פּאָעמעס און לידער, ווי פּרץ מאַר־קיש זיין באַוואוסטע פּאָעמע „גייט אַ פאָלק באַנייען זיין לעבן" (דער טעקסט פון יעקב שייפערס „ביראָבידזשאַן"); איציק פעפער, צווישן פאַרשיידענע אַנדערע לידער, זיין באַרימט־געוואָרענע פּאָעמע „אַ חתונה אין ביראָבידזשאַן"; ש. האַלקין אין אַ ריי לידער; דער אומגעקומענער יידישער דיכטער משה כאַשטשעוואַצקי, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן אַקטיוו רעאַגירט מיט דיכטערישע ווערק אויף אַלע וויכטיקע יידישע און אַלגעמיין סאָוועטישע פּאַסירונגען, האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ בוך „אַ רייזע קיין ביראָבידזשאַן", פון 180 זייטן; דער יידיש־רוסישער שרייבער וו. פינק האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג „אין ביראָ־בידזשאַנער טייגעס" (דערשינען אין מאָסקווע אין יאָר 1930); אַזוי אויך דער יידישער דיכטער ב. אָלעווסקי האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג „אַ נאַכט אויפן אַמור" (אַרויס אין מאָסקווע אין 1938).

אין 1936 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ליטעראַרישע זאַמלונג מיטן נאָמען „ביראָבידזשאַן", צונויפגעשטעלט דורך ב. נאַדעל (פון 202 זייטן).

די ליטעראַטור וועגן און אַרום ביראָבידזשאַן האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז אַ יונגער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער האָט פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג

אינעם ביראָבידזשאַנער זשורנאַל „פאָרפּאָסט״ (אין 1934) מיטן נאָמען „פּראָב־לעמען פון דער ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור״.

.5

אין ביראָבידזשאַן גופא האָט זיך אויסגעכאַוועט אַ גרופּע יידישע שרייבער, וואָס זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיטן לאַנד און וואָס זייער שאַפן איז אויפ־געקומען אין דער אויטאָנאָמער געגנט. מיר קריגן דאָ, ליידער, נישט די דאָרטיקע אויסגאַבע, דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן״, — ווייסן מיר נישט וואָס פאַר אַ יונגער נאָכוואוקס עס איז די לעצטע עטלעכע יאָר צוגעקומען. מיר קענען פון פריער איינצלנע יונגע אָדער יינגערע שרייבער, דיכטער און דערציילער, ווי די נאָוועליסטין ליובע וואַסערמאַן, דעם דיכטער אהרן ווער־געליס, דעם דיכטער עמנואל קאָזאַקעוויטש (דעם זון פון דעם באַוואוסטן ביראָבידזשאַנער טוער, דעם פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם הענעך קאָזאַקע־וויטש), וואָס האָט אַרויסגעגעבן אין 1941, אין מאָסקווע, אַ ראָמאַן אין פערזן, „שלום און חוה״ (206 ז.). מען דאַרף אויך צורעכענען אַהער דעם דערציילער ה. דאַבין, וואָס אין 1941 איז אַרויס זיינס אַ בוך דערציילונגען „צווישן בינ־שטאָקן״ (128 זייטן). דערזעלבער ה. דאַבין האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „ביראָ־בידזשאַן״, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין דעם ביראָבידזשאַנער יידישן מלוכה־טעאַטער, אויפן נאָמען פון לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש (אייניקע בילדער פון דער פּיעסע זיינען געדרוקט געווען אין ביראָבידזשאַנער „פאָרפּאָסט״).

צווישן די ביראָבידזשאַנער דערציילער איז געווען גוט באַקאַנט מ. גאָלד־שטיין, מיט זיין ערשטער גרויסער דערציילונג „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור״ (1934). אין 1941 איז אַרויס זיינס אַ בוך „ביראָבידזשאַנער דערציילונגען״. מ. גאָלדשטיין איז דערהרגעט געוואָרן אויפן פראָנט דעם 11־טן אויגוסט 1943 אין פאַרטיידיקונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין 1944 האָט דער איקוף אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן מ. גאָלדשטיינס „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור״ און אַנדערע דערציילונגען״ (174 ז״ז). מיט אַ פאָרוואָרט פון נחמן מייזיל וועגן מ. גאָלדשטיין.

מ. גאָלדשטיין דערציילט אונדז אין זיינע דערציילונגען וועגן ביראָבי־דזשאַנער יידישן לעבן, וועגן דעם בוי און דער אַנטוויקלונג פונעם ביראָבי־דזשאַנער יונגן יידישן ישוב. וועגן די אַלע שוועריקייטן, וואָס די יידישע איינ־וואַנדערער האָבן אויסצושטיין ביים באַקעמפן די נאַטור־כוחות, די ווילדערנישן, און וועגן די נעגאַטיווע מענטשלעכע געוואוינהייטן און נייגונגען, וואָס ווייזן זיך אַרויס ביי אַ טייל איינוואַנדערער, וואָס זיינען פיזיש אָדער פּסיכאָלאָגיש

נישט צוגעפּאַסט צו די ביראָבידזשאַנער געאָגראַפישע אָדער סאָציאַלע באַ־דינגונגען.

ביראָבידזשאַן האַלט זיך אין בויען, די אַרומיקע באַדינגונגען ענדערן זיך דעריבער דאָרטן זייער שטאַרק, אויך ענדערט זיך כסדר דער עלעמענט פון די איינוואוינער און די באַדינגונגען פון אַרבעט.

מ. גאָלדשטיין איז מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו ביראָבידזשאַן, און דאָס פּראָבלעם ביראָבידזשאַן איז די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייען זיך די אַלע דרויסנדיקע פּאַסירונגען און אויך די פּערזענלעכע איבערלעבענישן פון די מענטשן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין די אַלע דערציילונגען.

מיר האָבן דאָ די באַגייסטערונג, וואָס באַהערשט כסדר דאָס רוב איינ־וואָנדערער, מיר טרעפן אויך מידקייט און אויסגעשעפּטקייט ביי איניקע, וואָס דאָס לעבן און די שוועריקייטן ברענגען זיי. מיר האָבן פאַר זיך פאַר־עקשנטע פּיאָנערן, וואָס זיינען גובר מיט פרייד די שטרויכלונגען און שטע־רונגען, מיר האָבן פאַר זיך אַזעלכע, וואָס זיינען דאָ, אין ביראָבידזשאַן, איבער־געשמידט געוואָרן אויף נייע מענטשן־קעמפער; עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס זיינען קיין ביראָבידזשאַן פאַרשלעפּט געוואָרן דורך אַ צופאַל, און דאָס שווערע לעבן, וואָס פאָדערט קרבנות, איז פאַר זיי אַן אָפּקומעניש. זיי פּלאָנטערן זיך דעריבער אין דעם אַרום, זיי געפינען פאַר זיך קיין אָרט ניט און זיי זיינען אפילו צופרידן פון דורכפאַלן און דורכרייסן.

און עס איז גוט, וואָס מ. גאָלדשטיין וויל אונדז נישט געבן גלאַט זיסינקע, סענטימענטאַלע, טענדענציעזע דערציילונגען, נאָר ער ברענגט אַרויס די שאָטן־זייטן פון מענטשן, און אויך די שוועריקייטן, וואָס עס זיינען דאָ אויף שריט און טריט ביים באַזיגן די נאַטור, און ביי די פּלאָגן, וואָס עס פאַרשאַפן די איינוואוינער, — און אין אַ טייל ערטער — די קאָמאַרעס.

דער שטאָף, די טעמאַטיק, די סביבה, זיינען אַ נייעס אין אונדזער יידישער ליטעראַטור. דער אַמור, די טאַיגע, די ווילדערנישן, די טייך־פאַרפלייצונגען, די אָרטיקע איינוואוינער, מיט זייער לעבנס־שטייגער, — דאָס אַלץ זיינען נישט־געדאַכטע זאַכן, ניט־געזאַנטע געשעענישן אין דער יידישער ליטעראַטור. פון דער אַמאָליקער מענדעלישער גנילאָפּיאַטעווקע, פון דעם בוג, וואָס שלום־עליכם האָט אַזוי יידישלעך געשילדערט אין זיין „אויף פסח אַהיים", וואו פישל דער מלמד פאָרט מיט סכנות־נפשות איבער דעם טייך, ביז דער דער־ציילונג „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור", איז ווירקלעך פאַלג מיך אַ גאַנג! דאָרט איז דער ייד עפּעס אַזאַ קנאַפּער מחותן מיט דעם טייך. און אפילו אין די אַלע אַנדערע שפּעטערדיקע ווערק, וואו עס ווערט אַרויסגעבראַכט ביי יידישע קינסטלער אַ טייך, איז דער ייד דערביי אַ זייטיקער, ער האָט אַמאָל

געלאָזט געהילך אויף די וואַסערן צום פּאַרקויפן. ביי שלום אַש שטייט דער ייד ביי דער ווייסל און זאָגט תהילים, און די יידן פון ביראָבידזשאַן האָבן זיך געלאָזט אויפן אַמור און פאַרמעסטן זיך אים צו באַזיגן — זיי גייען צוגרייטן 70 טויזנט פּוד הײ אויף די אַמור־אינדזלען פאַר זייערע קאָלווירטן. און דערי־בער זיינען ניי און אינטערעסאַנט די שילדערונגען און באַשרייבונגען, וואָס קומען אין מ. גאָלדשטיינס בוך. דאָס זיינען נייע טענער, נייע שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור...

אין ביראָבידזשאַן געפינט זיך איצט דער אייגנאַרטיקער טאַלאַנטפולער יידישער דיכטער פון פוילן ישראל עמיאָט, וואָס ווערט, ווי מיר הערן, אַלץ מער אַריינגעוואַקסן אינעם ביראָבידזשאַנער יידישן לעבן.

וועגן דעם דערמאָנטן דיכטער א. ווערגעליס און וועגן זיין ערשטן לידער־בוך „ביים קוואַל" האָט שכנא עפּשטיין פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטן אַרטיקל. א. ווערגעליס האָט געדינט אין דער רויטער אַרמיי, אין דעם גרענעץ־מיליטער, ווען די היטלערישע באַנדעס זיינען באַפאַלן סאָוועטנפאַר־באַנד. דעם 28סטן יולי 1941 איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן און באַלד ווידער אַוועק אין שלאַכט. ער איז עטלעכע מאָל געווען שווער פאַרוואונדעט, און אַ לענגערע צייט איז ער פאַררעכנט געוואָרן צווישן די אומגעקומענע. איצט איז אָנגעקומען די פריידיקע ידיעה, אַז ער איז געלעגן אַ שווער־קראַנקער אין אַ שפּיטאָל, האָט זיך אויסגעהיילט און זיך אומגעקערט פון דער אַרמיי. א. קוש־ניראָוו, אין אַן אַרטיקל אין דער מאָסקווער „אייניקייט", שרייבט וועגן דעם אומגעריכט־צוריקגעקומענעם:

„אהרן ווערגעליס איז איינער פון די יינגסטע צווישן אונדזערע יידישע סאָוועטישע דיכטער. ער איז געווען די ערשטע מתנה, וואָס די יידישע אויטאָ־נאָמע געגנט האָט געגעבן אונדזער ליטעראַטור פון איר יוגנט, פון אירע דער־צויגלינגען.

„די פּרעכטיקע נאַטור פון ביראָבידזשאַן, דער אייגנאַרטיקער נייער לעבנסשטייגער פון יידישע פּיאָנערן, וואָס זיינען געקומען בויען אַ היים אין דער טאַיגע, — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פרישע אייגנאַרטיקע לידער פונעם יונגן דיכטער..."

מיר זיינען זיכער, אַז מיט דעם ווייטערדיקן שנעלן און האַסטיקן פאַנאַנ־דערוואוקס פון ביראָבידזשאַן און מיט דעם ענגערן קאָנטאַקט, וואָס וועט זיך איצט זיכער איינשטעלן צווישן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט מיט די יידן פון גאָר דער וועלט, וועלן מיר נאָך פיל, פיל קולטור־שאַפערישע מתנות באַ־קומען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ביראָבידזשאַן.

1946

וואָס וועט דאָך זיין דער סוף?

(וועגן יידיש, יידישער פרעסע, יידיש טעאַטער און די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד)

וואָס וועט זיין דער סוף פון דער טרויעריק־טראַגישער לאַגע פון יידיש, יידישער פרעסע און פון די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

אָט די פראַגע באַדאַרף מען אַרויפשטעלן אויפן סדר־היום פון דער פראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַלע לענדער, וואו עס זיינען דאָ יידישע פאָלקס־מאַסן, און מען טאָר די פראַגע נישט אַראָפנעמען ביז מען וועט איין מאָל פאַר אַלעמאָל קריגן אַ קלאָרן, אויסשעפנדיקן און גערעכטן ענטפער.

עס איז געוועזן די צרה און דער אומגליק די אַלע, אַלע יאָרן זינט דער גרויסער חורבן איז געשען, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט די פיינלעכע פראַגע צו שטעלן נאָר די שונאים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן עס אויסגענוצט קודם כל צו קאָמפּראָמעטירן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. עס איז געוועזן די צרה, וואָס צוליב אָט די העצעס, האָבן די פּראָגרעסיווע קרייזן אין גאָר דער וועלט, סיי די יידישע און סיי די נישט־יידישע, נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך זיך מיטרייסן מיט די העצעס און זיי זיינען דעריבער געבליבן אַן דער זייט, אינגאַנצן אַן דער זייט, מיט דער האָפנונג, אַז אַט־אַט, און דער פיינלעכער ענין וועט אויפגעקלערט ווערן און דער גרויסער אומרעכט וועט אָפגעשאַפט ווערן.

עס איז געוועזן די טענה און די פאַרענטפערונג מצד לינקע פירנדיקע קרייזן, אינסטאַנצן און מענטשן, אַז מען דאַרף האָבן צוטרוי צום סאָוועטנ־פאַרבאַנד, און אַז אויב עס איז געשען אַן עוולה, וועט זי זיכער פאַרגיטיקט ווערן.

האָט מען געוואַרט און מ׳וואַרט נאָך איצט, — שוין אַ מעשה פון באַלד זיבן יאָר. פרעגן מיר איצט — וויפל איז נאָך דער שיער צו וואַרטן און אויף וואָס וועט מען זיך דערוואַרטן?

די לעצטע פאַר חדשים דערגייען איינצלנע ידיעות, נישט קיין אָפּי־ציעלע, וועגן דעם אָדער יענעם שרייבער, אַז ער איז שוין לאַנג אַ שוכן־עפר, אָדער אַזאַ ידיעה — אַז ער איז שוין מכלומרשט געזען געוואָרן דאָ אָדער

דאָרטן, אָדער אַז ער איז ערגעץ אין אַ שפּיטאָל, אין אַן אמתן אָדער „פאַר־שטעלטן" שפּיטאָל... עס קומען אָן אויך „פריידיקע" ידיעות, פריידיקע — מ׳שטיינס געזאָגט, — אַז ערגעץ־וואו האָט מען שוין אין אַ גוטער שעה, געהערט עפּעס זינגען אַ לידל אויף יידיש און אַזוי ווייטער. פאַלן אייניקע גלייך אַריין פון דעם אין אַ התפּעלות. נאָך מער האָבן מיר אָפּט פּאַרדריס־לעכע און ממש־באַליידיקנדיקע, פאַר אַ פּראָגרעסיוון מענטשן, גרוסן פון דעם „רבֿ", וואָס געפינט זיך אין מאָסקווע, אַז ער האָט געזאָגט דאָס און דאָס. ער איז דער אינפאָרמירער פון נישטיקע גרוסן, גרוסן פּאַרפּירערישע, וואָס האָבן די אַלע יאָרן געהאַט אַן אויפגאַבע צו פאַרהוילן די אמתע טראַגישע לאַגע און פאַרטושן די גרויליקע פאַקטן. און עס איז שוין געוואָרן אַזאַ מין נוסח, אַ טראַדיציע, אַז ווען עמיץ באַזוכט מאָסקווע, סאָוועטנפאַרבאַנד, ברענגט ער אונדז „פריידיקע" גרוסן פון אָט דעם רבֿ, וואָס קיינעם פון אונדז אינטערעסירט ער נישט און דאַרף און טאָר נישט אינטערעסירן ביי דעם איצטיקן פאַקטישן צושטאַנד פונעם יידישן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ער איז אַ „גונב דעת הבריות", ווען ער פאַרשמירט און פאַרקריפּלט דעם אמתן צושטאַנד פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין סאָוועטנפאַר־באַנד. און די, וואָס גיבן איבער די ידיעות און דרוקן איבער צום וויפלטן מאָל זיין פאַרטרעט, העלפן בפירוש אָט דער פעלשונגס־אַרבעט...

אין דער יידישער פּרעסע האָט מען באַזונדערס טענות צו די אומ־פּאַרטייאישע פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, מען פאַלט אָן אויף זיי, הלמאי זיי שוויגן און פאַרשווייגן דעם גאַנצן ענין. און, כידוע, שלאָגט מען קאַפּיטאַל פון אָט דעם שווערן שוויגן. אין יעדן לאַנד זיינען דאָ רעאַקציאָנערע שרייבער, וואָס האַלטן אין איין אויסנוצן אָט די טראַגישע לאַגע פאַר זייערע אַנטיסאָוועטישע צילן, ווי אויך כדי צו באַקעמפן די פּראָגרעסיווע שרייבער און זייערע קולטור־אינסטיטוציעס.

עס איז גאָרנישט אַזוי גרינג צו שוויגן און פאַרשוויגן. מען פאַר־שטשעמעט די ליפּן און מען שווייגט, ווייל מען וויל נישט גיסן קיין בוימל אויפן פייער און מען וויל נישט צושטיין צו די עפנטלעכע העצעס פון פאַר־ביסענע שונאים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס אויב נישט די־אָ טרויעריקע געשיכטע, וואָלטן זיי געזוכט און געפונען אַנדערע סיבות, ווי זיי האָבן עס געטאָן אַלע יאָרן — אַנצופאַלן און צו דיסקרעדיטירן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, און דערביי לחלוטין פאַרזען דאָס פּאָזיטיווע געזונטע און יושרדיקע, וואָס איז דורכן סאָוועטנפאַרבאַנד אין די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ אויף פאַר־שיידענע געביטן און אויך פאַר יידן געטאָן געוואָרן.

עס איז שוין איצט, האַלטן מיר, די רעכטע און העכסטע צייט צו דער־

ציילן פאַר דער עפנטלעכקייט, וואָס אַ גרעסערע גרופּע פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער אין ניו־יאָרק האָבן געפּרואווט טאָן נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר, אָבער אַלץ וואָס מען האָט פאַרגענומען און אַדורכגעפירט האָט, צום באַדויערן און צום ווייטיק, צו גאָרנישט ניט געבראַכט.

עס איז וויכטיק, מען זאָל וויסן, אַז נאָך אין פרילינג 1949, מער ווי 6 יאָר מיט אַ האַלבן צוריק, האָט דער שרייבער פון די שורות זיך געטראָפן מיטן באַוואוסטן סאָוועטישן שרייבער א. פאַדייעוו, ווען ער איז דאָ געווען ווי אַ דעלעגאַט פון דער שלום־קאָנפערענץ, און געהאַט מיט אים אַן ערנסטן שמועס וועגן די קלאַנגען, וואָס זיינען שוין דאַן אַרומגעגאַנגען אין דער פּרעסע, וועגן דעם שווערן גורל, וואָס האָט געטראָפן די יידישע שרייבער און די יידישע שפּראַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד. האָט ער מיך דאַן באַרואיקט און פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, אַז די יידישע שרייבער, וואָס איך האָב אָנגערופן זייערע נעמען, לעבן, אַרבעטן און שאַפן. און אַט פאָרט ער צוריק קיין מאָסקווע און ער וועט איבערגעבן פּערזענלעכע גרוסן.

איך האָב דאַן, פרילינג 1949, (ווי איצט, האַרבסט 1955), קיין חשד ניט געהאַט, אַז פאַדייעוו האָט שוין דאַן אַלץ געוואוסט און אַז ער האָט מיך אָפּגענאַרט. ער האָט דאַן מיטגענומען דעם אַלמאַנאַך „אויף נייע וועגן”, וואָס איז דורכן „איקוף” אָקאָרשט אַרויסגעגעבן געוואָרן, כדי צו ברענגען עס אַ מתנה צו זיינע סאָוועטיש־יידישע קאָלעגן.

אַ צוויי חדשים נאָך דעם האַרציקן און פריינטלעכן שמועס, האָבן מיר געשיקט אַ בריוו קיין מאָסקווע צו א. פאַדייעוו, וואו מיר האָבן אים דערמאָנט אָן אונדזער שמועס, און צוגעגעבן, אַז „די לעצטע חדשים ווערן פאַרשפּרייט אין דער היגער אַנטיסאָוועטישער פּרעסע די סאַמע אומגלויבלעכע ידיעות וועגן די באַוואוסטע און פאַרערטע יידישע שרייבער, ווי דוד בערגעלסאָן, איציק פעפער, פּרץ מאַרקיש און אנד., ווי אויך וועגן דעם גורל פון די יידישע פאַרלאַגן און צייטשריפטן... נישט האָבנדיק קיין ידיעות פון מאָסקווע און נישט באַקומענדיק קיין שום יידישע אויסגאַבעס, פון דאָרטן, זיינען מיר נישט אימשטאַנד אָפּצולייקענען די אַלע ידיעות און מיר האָבן געבעטן וואָס־גיכער אונדז ענטפערן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אָפּצולייקענען די אַלע קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט” א. אַז. וו.

אויף דעם־אַ בריוו האָבן מיר, ליידער, קיין שום ענטפער נישט געקראָגן.

אין יענער צייט האָבן צוויי פון אונדזערע פריינט באַזוכט וואַשינגטאָן, געהאַט אַ פריינטלעכן שמועס מיט די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער

אַמבאַסאַדע, וואו מען האָט אונדז געענטפערט, אַז זיי ווייסן דאָ גאָרנישט, און וויבאַלד, אַז זיי ווייסן נישט, מיינט עס, אַז אַלץ איז כשורה, און דעריבער דאַרף מען זיך נישט זאָרגן. און אויב מיר ווילן, האָט מען אונדז געעצהט, ווענדט זיך דירעקט קיין מאָסקווע צו די געהעריקע קולטור־אַנשטאַלטן.

האָבן מיר געפאָלגט, און דעם 19־טן אויגוסט 1949 האָבן מיר אָנגעשריבן אין נאָמען פון איקוף אַ לענגערן בריוו צום „וואָקס", וואָס זיין אויפגאַבע, ווי באַקאַנט, איז אָנצוהאַלטן קולטור־פאַרבינדונגען מיט דער אויסלענדישער פרעסע. אין דעם בריוו האָבן מיר ווידעראַמאָל אָנגעוויזן אויף די מאָדנע קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרשפרייט אין אַמעריקע און אין די אַנדערע לענדער, קלאַנגען, וואָס שעדיקן און פאַרשוואַרצן דאָס פנים פון ספ"ב, אַז די יידישע קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז ליקווידירט און אַז די יידישע שרייבער זיינען פאַרשוואונדן און אַזוי ווייטער. און ווידער האָבן מיר געבעטן אונדז מיטטיילן די אמתע לאַגע. אָבער אויך אויף אָט דעם בריוו האָבן מיר קיין שום ענטפער נישט באַקומען.

דערווייל זיינען געלאָפן חדשים און נישט קריגנדיק קיין שום תשובה, האָבן מיר אין איקוף־אָפיס צונויפגערופן אייניקע באַראַטונגען (אָקטאָבער 1950 און שפּעטער), אויף וועלכע עס זיינען בייגעווען איבער 30 פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, צווישן זיי — אייניקע מיט גרויסע נעמען אין דער היגער יידישער שרייבער־וועלט. אויף אָט די פאַרזאַמלונגען האָבן מיר אינפאָרמירט וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון דער יידישער פרעסע, טעאַטער, יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד און וועגן אונדזערע באַמיאונגען זיך עפּעס צו דערוויסן, אָבער וואָס האָט צו קיין שום רעזולטאַט נישט געבראַכט.

עס ליגן פאַר מיר די פּראָטאָקאָלן און באַריכטן פון אָט די פאַרזאַמלונגען, וואו עס זיינען פאַרצייכנט די רירנדיקע און טיף־טרויעריקע אַרויסזאָגונגען פון די שרייבער וועגן דער טראַגישער לאַגע, וואָס מען קאָן, צום באַדויערן, נישט אָפּלייקענען. אויף די פאַרזאַמלונגען איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון עטלעכע אָנגעזעענע שרייבער, קינסטלער און טוער, וועמען ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן צונויפצושטעלן אַ מעמאָראַנדום וועגן דעם גאַנצן ענין און דעם מעמאָראַנדום פאַנאַנדערצושיקן צו די סאָוועטישע פאָרשטייער אין יו־ען, און אויך צו די רעדאַקטאָרן פון די טאָג־צייטונגען און מאַגאַטלעכע זשורנאַלן אין מאָסקווע און אין לענינגראַד, ווי אויך צו ק. סימאָנאָוו, אַ. פאַדייעוו, דוד זאַסלאַווסקי, איליאַ ערענבורג און אַנדערע.

אינעם מעמאָראַנדום איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז „עס איז שוין פאַריבער צוויי יאָר, ווי עס האָבן אויפגעהערט צו דערגיין צו אונדז פון ספ"ב צייטונגען

און ביכער אין דער יידישער שפּראַך. גלייכצייטיק האָבן אויפגעהערט דער־מאָנט צו ווערן אין די סאָוועטישע צייטונגען די נעמען פון די יידיש־שרייבער, און עס זיינען אויך פאַרשוואונדן געוואָרן די אַנאָנסן וועגן יידישן טעאַטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד". און ווייטער האָבן מיר געשריבן, אַז „אין די ידיעות, וואָס ווערן פאַרשפּרייט, דערציילט מען וועגן פאַרשיקונגען, אַרעסטן און אפילו היגריכטונגען פון באַוואוסטע יידישע שרייבער". מיר האָבן אויך צוגעגעבן, אַז „זינט אָנהייב 1949 האָבן מיר דורך פאַרשידענע וועגן געפּרוּווט באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן די יידישע שרייבער, געשיקט אַ דעלעגאַציע צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר קיין וואַשינגטאָן, אָבער אַלץ אָן קיין שום דערפאָלג"... מיר האָבן צוגעגעבן לסוף, אַז „מיר האָפן, אַז דאָס אַלץ איז עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש, און אויב עס איז יאָ געשען, וועט די עוולה זיכער פאַרריכט ווערן" א. אַז. וו.

עס ליגט פאַר מיר די רשימה פון די צייטונגען, זשורנאַלן און שרייבער, צו וועמען דער מעמאָראַנדום איז אַרויסגעשיקט געוואָרן. אויף אָט דעם האַרצרייסנדיקן מעמאָראַנדום איז קיין שום תשובה נישט געווען, און אפילו נישט קיין באַשטעטיקונג, אַז ער איז דורך עמעצן דערהאַלטן געוואָרן.

עס איז וויכטיק צוצוגעבן, אַז קאָפּיעס פון דעם מעמאָראַנדום זיינען דורך אונדז אויך געשיקט געוואָרן צו א. ווישינסקי, וואָס איז געווען דאַן דער פאָרטרעטער פון ספ"ב אין יו־ען, צו אל. פּאַניושקין, דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, צו יאַקאָב מאַליק, צום קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, צו וו. אַזשאַיעוו, דעם מחבר פון בוך „ווייט פון מאָסקווע" און צו נאָך און נאָך באַוואוסטע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אָבער אין קול ואין עונה.

אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען פון די פּראָגרעסיווע שרייבער און שוי־שפּילער און קינסטלער האָבן מיר אַנגעוויזן, אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז די יידישע שרייבער און קינסטלער גופא אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואַרטן און קוקן אַרויס אויף הילף, וואָס קאָן און דאַרף קומען פון זייערע פריינט, די קאָלעגן אין אַנדערע לענדער. ווייל עס איז באַקאַנט, אַז „אין חבוש מתיר עצמו מבית אסורים", אַז דער אַרעסטירטער אַליין קאָן זיך נישט אַרויס־באַפרייען פון תפיסה...

יאָ, אייניקע האָבן געקוקט קרום אויף אונדזערע באַמיאונגען און באַ־ראַטונגען און פאַרזאַמלונגען, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז זיי האָבן צוטרוי צום סאָוועטנפאַרבאַנד און אויב עפּעס איז געשען, וועט עס אויפ־געקלערט ווערן, און דעריבער „זאָל מען נישט אַריינשפּילן אין די הענט פון די שונאים" א. אַז. וו. — די באַקאַנטע איינרעדענישן און פּזמונות!

און איניקע האָבן געגומען זוכן און געפונען אַ פאַרענטפערונג און באַ־רעכטיקונג, אַז יידן האָבן נישט געוואָלט קיין יידיש, און אַז יידיש איז נאַטיר־לעך, אויף אַ גאָר נאָרמאַלן אופן, אונטערגעגאַנגען... אַט ערשט געלעבט, געשטורעמט, אַרויסגערוקט צענדליקער פּרעכטיקע יונגע שרייבער און אין איין שיינעם טאָג... אויס, פאַרשוואונדן, נישטאָ, ווייל עס איז נישטאָ קיינער וואָס דאַרף עס! יידן, הייסט עס, ווילן נישט, און אַז וויבאַלד יידן ווילן נישט, איז דאָך ניט שייך, מען זאָל קעגן זייער ווילן אַרויפצווינגען אויף זיי אַ יידישע שפּראַך און ליטעראַטור און טעאַטער, און דעריבער — איז עס נישטאָ. און די מלוכה קאָן נישט און דאַרף עס נישט שטיצן א. אַז. וו. אַזעלכע פאַלשע רייד און באַהויפּטונגען, וואָס האָבן געזאָלט און געדאַרפט מטהר זיין דעם פאַרברעך בק״ן טעמים...

דערווייל האָבן געגומען אָנקומען באַרואיקנדיקע ידיעות, אַז דער פיינ־לעכער ענין איז ענדלעך אַרויפגעגומען געוואָרן „אויפן טיש״, און אַז אַט־אַט ווערט ער באַהאַנדלט און אַז אַט־אַט, און עס וועט אַלץ זיין כשר וישר ווי אין די שנים קדמוניות... האָט מען געוואָלט גלויבן אין אַט די ידיעות און מען האָט געגלויבט, אַז עס וועט טאַקע באַלד זיין דער „יעבור זעם״ און די ביטערע גזירה וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

און דער „דערווייל״ ציט זיך און מען האַלט שוין ביים אָנהייב יאַנואַר 1953, ווען פלוצים אינמיטן דרינען, ווערן פאַרעפנטלעכט אין דער סאָוועט־טישע פּרעסע און אויך אין די נאָענטע צו זיי צייטונגען אין דער וועלט די גרויל־ידיעות און די נישט־געשטויגענע ווילדע בלבולים אויף די יידישע דאָקטוירים און די אַלע אַנדערע העסלעכע צוגאָב־געשיכטן, וואָס האָבן געדאַרפט צו־זאָלצן דעם מיאוסן בלבול, אין וועלכן עס איז אויך אַריינגע־מישט געוואָרן דער הייליקער נאָמען פונעם קדוש און מאַרטירער ש. מיכאָעלס.

עס איז איצט נישט די צייט אויפצוּוויקלען די גאַנצע העסלעכע מגילה פון יענער טראַגישער און פיינלעכער געשיכטע, אין וועלכער עס זיינען פאַרוויקלט געווען אַנגעזעענע פאַרדינסטפולע יידישע דאָקטוירים־וויסנשאַפט־לער, וואָס האָבן אויך געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אין דעם אַנטיפאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו אונדזער ש. מיכאָעלס איז גע־שטעמפּלט געוואָרן ווי אַ פאַרקויפטער מיאוסער שפּיאָן, ספּעציעל אָנגעשטעלט און באַצאָלט פון... דזשאָינט א. אַז. וו.

עס ליגן פאַר מיר די פיינלעכע און שענדלעכע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער סאָוועטישער פּרעסע און אויך אין יידישע צייטונ־גען, וואָס איצט באַלד דריי יאָר ווי עס איז געשען, ציטערט מען אויף און מען קאָן אין קיין פאַל נישט באַגרייפן דעם אמתן באַטייט פון דעם געשעענעם

און די קורצזיכטיקייט און די פאַרבלענדקייט און די ענגהאַרציקייט פון די אַלע, וועלכע האָבן געקאָנט דאָס אַלץ נאָכזאָגן און נאָכשרייבן.

שרייבט איינע אַ יידישע צייטונג אַזעלכע ווערטער אין איר לייט־אַרטיקל פונעם 14־טן יאַנואַר 1953: „ווערבירנדיק פאַר זיך אַגענטן צווישן די שונאים פון אונדזער באַפרייטער וועלט, צווישן די יידישע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, אַזעלכע ווי שימעלעוויטש און מיכאָעלס, האָט דער דזשאָינט זיך באַמיט דורך זיי צו שעדיקן, צו שפּיאָנירן, צו מאָרדן די געטרייסטע פירנדיקע טוער פון ראַטנפאַרבאַנד, פון דער באַפרייערישער סאָוועטישער אַרמיי".

און אַ צווייטע פירנדיקע צייטונג אין אַן אַנדער לאַנד האָט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז „די אַרעסטירטע דאָקטוירים ווערן באַשולדיקט אין מאָנסטערהאַפטע קרימינעלע פאַרברעכנס", און אַז „די דאָזיקע טעראָריסטן (!), וואָס האָבן פאַרדעקט מיט שאַנד זייער פּראָפעסיע, האָבן געאַרבעט לויט די דירעקטיוון פון דער וואַשינגטאָנער און לאָנדאָנער שפּיאָנאַזש־דינסט".

און ווען פּראָגרעסיווע שרייבער און קולטור־טוער האָבן געצווייפלט אין די אַלע מעשים־תעתועים, וואָס מען האָט צוגעשריבן צו אַנגעזעענע דאָקטוירים און צו שלמה מיכאָעלס, האָט מען אויף זיי געקוקט קרום און באַשלאָסן, אַז זיי זיינען שונאים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. און נאָך מער, ווען אין איינער אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור־אינסטיטוציע איז גע־האַנגען אַ בילד פון שלמה מיכאָעלס, האָט מען געזען אין דעם רעאַקציע און שנאה־האַס צום ראַטנפאַרבאַנד.

צום גליק האָט זיך דער ענין פון די „מערדער־טעראָריסטן, שפּיאָנען און פאַרברעכער" שפּעטער אויפגעקלערט אין אַן אָפיציעלער מעלדונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג, און די בלבולים־מאַכער און העצער זיינען גאָר אַליין מיאוס געטאַדלט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט און באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף. און דערביי איז אויך געמאָלדן גע־וואָרן, אַז די „פאַרשער־אויספאָרשער" האָבן זיך באַנוצט מיט מיאוסע גרויליקע פאַרש־מיטלען. דאָן, אין יענער צייט, איז אויפגעקומען די האָפ־נונג און דער גלויבן, אַז דער צווייטער גערעכטער שריט וועט זיכער זיין דאָס ריינוואַשן די יידישע שרייבער, וואָס מסתמא האָבן די זעלבע פאַר־ברעכער אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַרעסטירט, פאַרשיקט און צוגענומען ביי זיי דאָס רעכט אויף לעבן, שרייבן און אַרויסגעבן זייערע ווערק אין דער יידישע שפּראַך. און בכלל, וועט גלייך און גיך קומען אַן אַלגעמיינע רעוויזיע פון דער גרויסער עוולה, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן דעם יידישן פאָלק, קעגן זיין שפּראַך און קולטור, קעגן דער יידישער פּרעסע און טעאַטער,

וואָס ווערט פאַרשוויגן און דיסקרימינירט אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער פּרעסע, אין די ענציקלאָפּעדיעס, אינעם עפנטלעכן לעבן א. אַז. וו.

און ווידער זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן ידיעות, אַז אָט־אָט און עס נעמט אָן אַ נייער קער, אַ נייע ווענדונג, און אַז דער אמת וועט ענדגילטיק זיגן, און אַז יידישע שרייבער וועלן ווידער קומען צו דער עפנטלעכקייט, אַז די יידישע פּרעסע וועט ווידער דערלויבט ווערן א. אַז. וו. און אַ סימן — די איינציקע „ערשטע שוואַלבן״, וואָס זאָגן אָן, אַז דער פרילינג איז שוין נישט ווייט, און אַז ס׳וועט ווידער זיך איינשטעלן אַ געזעצלעכע און יושרדיקע באַציאונג צום יידישן פאָלק, צו זיין שפּראַך, קולטור, צו זיינע וואָרט־זאָגער...

אָבער ליידער און ליידער, איז די דאָזיקע האָפענונג דערוויל נאָך אַלץ נישט דערפילט געוואָרן. און דער נייער „דערוויל״ דויערט שוין ווידער צוויי יאָר. די שווערע לאַגע, די טראַגישע לאַגע דויערט נאָך אַלץ, און די איינצעלנע גרוסן, וואָס דערגייען פון דאָ און דאָרטן זיינען פון אַ גאָר קנאַפּן ווערט און פון אַ גאָר קנאַפּער פרייד.

מיר וויסן נאָך אַלץ נישט וואָס עס איז געוואָרן מיט די יידישע שרייבער, וואָס זיי טוען, פאַרוואָס און פאַר וועו זיי זיינען באַזייטיקט געוואָרן פונעם עפנטלעכן לעבן, וואָס איז געווען זייער שולד, זייער זינד, און פאַרוואָס קומען זיי אָפּ גלות און פאַרשיקונג און אַרעסטן א. אַז. וו.

איך האַלט, און איך בין זיכער, אַז יעדער אָנשטענדיקער פּראָגרעסיווער מענטש און ייד דאַרף און מוז אַזוי האַלטן, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, יידן ווי נישט־יידן, אין אַלע טיילן וועלט זאָלן ענדלעך זיך נעמען פאַר אָט דעם ווייטיקדיקן, טראַגישן און פּיינלעכן ענין.

געגנוג איבערלאָזן דעם ענין פאַר די שטענדיקע פּראָפעסיאָנעלע שונאים פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע שלאָגן פּשוט פּאָליטישן קאַפּיטאַל פון דער טיף־טרויעריקער און גרויליקער געשיכטע.

און מיינע ווערטער זיינען אויך געווענדט צו די פּראָגרעסיווע ישׂראל־שרייבער, וואו עס איז דאָ אַלע יאָרן אַ טעטיקע פריינטשאַפט־ליגע מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. עס וואָלט גוט געווען, ווען אויך אָט די „ליגע״ נעמט אויף די פראַגע וועגן די יידישע שרייבער אין ספ״ב, און זען, אַז איין מאָל פאַר אַלעמאָל זאָל מען אַ רוק טאָן דעם טרויעריקן ענין, די טראַגישע לאַגע פון דעם יידישן קולטור־לעבן פון דעם טויטן פּונקט.

און עס איז נישטאָ און עס דאַרף נישט זיין קיין אויסרייד, אַז איצט איז נישט די פּאַסיקע צייט דערויף, אַז איצט שטייט מען פאַר געגנוג־פּאַרוויקלטע און פאַר טרויעריקע דערשיינונגען און געשעענישן, וואָס קאָנען נישט אָפּגעלייגט ווערן.

דער ענין פון יידישע שרייבער, פון יידיש, פון יידישער פרעסע און טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ געגוג ערנסטער און ווייטיקדיקער און געגוג, שוין געגוג אָפּגעלייגט, און וואָס־ווייטער מען וועט צוליב די אָדער אַנדערע סיבות און מאָטיוון אַלצמער אָפּלייגן — וועט עס דעם ענין נאָך מער באַשווערן, און דאַן וועט שוין זיין אפשר צו־שפּעט!

און ווער ווייסט — צי שוין איצט איז שוין נישט צו שפּעט!

מיר פרעגן זיך און מיר דאַרפן פרעגן ערנסט און בקול רם אַלע פּראָ־גרעסיווע עלעמענטן אין יעדן לאַנד און אויך ביי די פאָרשטייער פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד אין יעדן לאַנד און מיר פרעגן אויך ביי מאָסקווע, ביים קרעמלין:

וואָס וועט דאָך זיין דער סוף מיט דער יידישער שפּראַך, מיט דער יידישער קולטור, מיט די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד?!

אָקטאָבער 1955

אונדזער ווייטיק און אונדזער טרייסט

דער היסטאָרישער באַדייט פון 20טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד באַשטייט צווישן אַנדערן אין דעם, וואָס ער האָט אויף אַן אַנטשיידענעם, ריקזיכטלאָזן אופן פאַראורטיילט דעם פּער־זאָנען־קולט, וועלכער האָט אין משך פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר געבראַכט צו אַ סך פאַרקריפּלונגען אין דעם פּאַרטייאישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

דאָס ווילד־פלייש, וואָס איז אין משך פון די דאָזיקע יאָרן אויסגעוואַקסן אויפן געזונטן קערפּער פונעם ערשטן לאַנד פון סאָציאַליזם, האָט אויף אַ פילבאַרן אופן געשטערט דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון זיין, אין אַלגע־מיין גענומען געזונטן אָרגאַניזם, האָט געבראַכט צו אַ סך ליידן און צו אומ־שולדיקע קרבנות.

אין דער לאַגע, וואָס איז דורך דעם פּערזאָנען־קולט געשאַפן געוואָרן, איז געקומען צו אַ געוויסער פאַרקריפּלונג פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס האָט דערמעגלעכט דער בעריאַ־קליקע צו פּראָ־וואָצירן צווישן־נאַציאָנאַלע רייבונגען, ברענגען צו אַ געוויסן אַנוואוקס פון נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם.

אין דער פרעמדער פאַרן מאַרקסיזם־לעניניזם אַטמאָספער פון פּערזאָנען־קולט האָט געקאָנט אויפקומען דער באַזונדערס־ווייטיקלעכער פאַר אונדז, ייִדן, פּעריאָד פון צעשטערן די רעזולטאַטן פון דער לענינישער פּאָליטיק לגבי די ייִדישע פאָלקס־מאַסן.

אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר מיליאָנען ייִדישע פאָלקס־מענטשן אין דער גאַרער וועלט איז אַלעמאָל געווען די לענינישע

מיר ברענגען, מיט קיצורים, די מעלדונג וועגן דעם טראַגישן גורל פון דער ייִדישער קולטור און גרויזאַמען אומברענגען פון ייִדישע שרייבער אין ספ"ב, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשעווער „פאָלקסשטימע" דעם 4טן אַפּריל, 1956. די מעלדונג, האָט מיט 3 יאָר צוריק אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע אויפטרייסלונג און אויפשיטערונג אין דער ייִדישער וועלט און באַזונדערס אין די פּראָגרעסיווע ייִדישע קרייזן.

נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין איר קאָנקרעטער אָנווענדונג צו דער אונטער־דריקטער און פֿאַרפֿאָלגטער דורכן צאַריזם יידישער באַפֿעלקערונג.

נישט בלויז דאָקומענטן פֿון העכסטן פּרינציפּיעלן באַדייט, נאָר די טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק פֿון דער לענין־פּאַרטיי, פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג איז געווען געווענדעט אויף אויסוואָרצלען ביז צום גרונט יעדן סימן פֿון נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע. פֿאַר די יידישע פֿאָלקס־מאַסן פֿון סאָוועטנלאַנד האָט זיך ברייט געעפֿנט טיר און טויער צו אַלע שטאַפּלען פֿון מלוכהשן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אין וועלכן זיי האָבן אַריינגעבראַכט די גאַנצע ליידנשאַפֿט פֿון מענטשן, וואָס זיינען דורות־לאַנג געווען אָפּגעצוימט פֿון דער וועלט דורך דער געטאָ־וואַנט פֿון דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״.

מיט דער גאַנצער ליידנשאַפֿט פֿון מענטשן, וואָס האָבן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג אָפּגעהיט די דערוואָרבענע פֿרייהייט, האָבן יידישע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס זיך געשטעלט אין די באַוואָפֿנטע רייען פֿון דער רויטער גוואַרדיע, פֿון דער רויטער אַרמיי, צו באַשיצן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

פֿון זייערע רייען זיינען אויסגעוואַקסן לעגענדאַרע העלדן, מיליטער־פֿירער, וועלכע האָבן דערגרייכט די העכסטע ראַנגען אין דער רויטער אַרמיי...

אין די הערצער פֿון די סאָוועטישע יידן איז געבוירן געוואָרן דאָס געפֿיל פֿון ריינסטן פּאַטריאָטיזם, פֿון ליבשאַפֿט און פֿריינטשאַפֿט צום סאָוועטנלאַנד. דאָס וואָרט פֿון אומשטערבלעכן לענין, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אויפֿן אַנטשיידנסטן אופֿן קעגן יעדן מין אויסדרוק פֿון גרויסרוסישן שאָוויניזם לגבי די קליינע און פֿריער אונטערדריקטע פֿעלקער, קעגן יעדן מין אויסדרוק פֿון אַנטיסעמיטיזם, האָט ביי די יידישע מאַסן געשטאַרקט די זיכערקייט, אַז מיט דער דאָזיקער שענדלעכסטער פּלאָג איז אויף דער סאָוועטישער ערד פֿאַרענדיקט געוואָרן אויף אייביק.

און ווירקלעך. די יאָרן פֿון דער וייטיקדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע האָבן געבראַכט אַלץ בוילעטערע און פֿולערע אויסדרוקן פֿון אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, פֿון זייער אַקטיוון אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג, פֿון זייער שעפֿערישער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פֿון פּאָליטישן,ווירטשאַפֿטלעכן און קולטור־לעבן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד. דאָס יידן־פּראָבלעם איז צו יענער צייט פֿול־שטענדיק געלייזט געוואָרן.

וואָס פֿאַר אַ קוואַל פֿון האָפֿענונג עס איז פֿאַר די יידישע מאַסן פֿון דער גאָרער וועלט געווען די פּאָליטיק פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד און פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, וועלכע האָבן אויפֿן גרינטלעכסטן אופֿן פֿאַר־ענדיקט מיט דער יידישער באַדנלאָזיקייט אַלס ירושה פֿון צאַריזם, מיט דער

נויט און תכליתלאָזיקייט פונעם יונגן יידישן דור! אָנשטאָט דעם פאַר־חושכטן וואַרשטאַטל זיינען אויפגעקומען גרויסע אַרטעלן אין אַלע יידישע שטעטלעך. אומבאַגרענעצט איז געוואָרן דער צוטריט צו דער גרויסער פאַב־ריק, צו דער שווערער אינדוסטריע, צום דראָבערן נייע, קיינמאָל ביי יידן ניט באַקאַנטע פאַכן. עס איז אין משך פון קנאַפּע יאָרן אויסגעוואַקסן אַ גרויס־אינדוסטריעלע יידישע אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט זיך געטריי אָנגע־שלאָסן אין דעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער בויאונג. פריי איז געוואָרן דער צוטריט אויף ערד און עס איז אויסגעוואַקסן אַ שיכט יידישע פּויערים. עס האָבן אויפגעבליט און ס׳זיינען געוואַקסן די יידישע דערפער אין דרום־אוקראַינע און אין קרים, וועלכע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַציאָנאַלע יידישע ראַיאָנען. עס האָט אָנגעהויבן אויפקומען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

דער פּראָצעס פון סאָציאַלער איבערשיכטונג פון די סאָוועטישע יידן האָט אין דער צייט פון קאָנסעקווענטן דורכפירן די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק דערגרייכט זיין פולקאָמע פאַרענדיקונג.

אויף דעם יסוד פון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער גלייכבאַרעכ־טיקונג איז זיך צעוואַקסן די יידישע סאָוועטישע קולטור און דערגרייכט אַ ניט באַקאַנטע אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק הויך.

עס זיינען אויפגעקומען גרויסע יידישע קולטור־צענטערס אין מאָסקווע און אין קיעוו, אין מינסק און אין אָדעס, אין כאַרקאָוו און אין וויטעבסק. יידישע מלוכה־טעאַטערס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַלע גרעסערע שטעט מיט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן, מיטן ליבלינג און שטאָלץ פון די סאָוועטישע יידישע מענטשן — דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער בראש.

עס זיינען צו די אַלטע קאַדרען וויסנשאַפטלייט, פאָרשער פון דער יידי־שער געשיכטע, שפּראַך און ליטעראַטור צוגעקומען נייע, יונגע כוחות. און קודם כל: פון די ערשטע טעג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אויפ־געקומען אַ פּלעיאַדע יידישע דיכטער, פּראָזאַאיקער, דראַמאַטורגן, קריטי־קער, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די איידלסטע און אינטימסטע געפילן פון די דערהויבענע צו אַ ניי באַפרייט לעבן יידישע פאָלקס־מאַסן.

צו די באַקאַנטע נאָך פון פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע גרויסע מייס־טער פון יידישן קינסטלערישן וואָרט — דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, זיי־נען צוגעקומען וואונדערבאַרע זינגער פון יידישן ווידערגעבורט בעתן אָק־טאָבער — דוד האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, אהרן קושנירעוו, שמואל האַלקין, ליפע רעזניק, עזרא פינינבערג, איציק פעפער, הירש אָר־לאַנד, נח לוריע, איזי כאַריק, איציק קיפּניס, זעליג אַקסעלראָד, נאָטע לוריע

און צענדליקער נייע און יונגע שעפער פון דער סאַמע פּראָגרעסיווער יידי־שער ליטעראַטור, וועלכע האָט געהאַט צו איר דינסט אַ פּאַרצווייגט פאַר־לאַג־וועזן און פּרעסע.

אַזאַ איז געווען דער רעזולטאַט פון לעניניש אָנווענדן די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד לגבי די יידישע פאָלקס־מאַסן — דער רעזולטאַט, וואָס האָט געהאַט זיין אומגעהויערע ווירקונג אויף דעם טראַכטן און געזעלשאַפטלעכן האַנדלען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָבן מיט רעכט אין די דאָ־זיקע דערגרייכונגען געזען דאָס פאַרבילד פון אַלזייטיקער, אַבסאָלוטער רעאַליזירונג פון זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

דער דאָזיקער נאַטירלעכער פאַר דער סאָוועטן־מאַכט שעפערישער פּראָצעס האָט אָבער אויף אַ באַשטימטן הויך־פונקט פון זיין אַנטוויקלונג אָנגעהויבן דערפילן געוויסע שטערונגען. די געזעלשאַפטלעכע פּלאָג, וועל־כע איז היינט טרויעריק באַקאַנט אַלס „בעריאַווטשינע״, האָט צוזאַמען מיט איר פאַרדאַרבנדיקער אויסווירקונג אויפן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, מיט דער סיסטעם פון רעפּרעסיעס און פאַרניכטונג, גע־בראַכט מיט זיך טרויעריקע רעזולטאַטן אויך פאַר דער שעפערישער טע־טיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד און פאַר אַ רייע אירע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער.

אַלס ערשטע קרבנות פון דער דאָזיקער פּלאָג זיינען געפאַלן אַזעלכע פאַרדינסטפולע און באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערע טוער, ווי ש. דימאַנשטיין — דער נאָענטער מיטאַרבעטער פון לענינען און אָנפירער פון יידישן קאָ־מיסאַריאַט, ווי די חברטע אסתר (מאַריע פרומקין), ווי די ח״ח רחמיאל ווינ־שטיין, א. מערעזשין, משה ליטוואַקאָוו, מיכאל לעוויטאַן, יאַנקל לעווין, דער יוגנט־טוער הערשל בריל און פיל, פיל אַנדערע. עס זיינען דאַן, אין סאַמע בלי־פּעריאָד פון זייערע טאַלאַנטן, אַרויסגעריסן געוואָרן אַזעלכע שעפער פון אונדזער קולטור, ווי איזי כאַריק, משה קולבאַק, מאַקס עריק, יאַשע בראָנשטיין, ח. דוניעץ און נאָך און נאָך ערלעכע, טאַלאַנטפולע מענטשן, וועלכע זיינען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער גרויסער זאַך פון קאָ־מוניזם, דער פולער אויפריכטונג פון די יידישע מאַסן.

דאָס גרונט־געזעץ פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט און אירע טרייב־כוחות זיינען אָבער געווען מעכטיקער פון דער צעשטערערישער „בעריאַוו־שטשינע״. נישט געקוקט אויף די פילבאַרע פאַרלוסטן, איז ווייטער אָנגע־גאַנגען די שעפערישע טעטיקייט פון דער סאָוועטישער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט, פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער, פון די יידישע סאָווע־

טישע טעאַטערס, יידישע פאַרלאַגן, צייטונגען, זשורנאַלן א. דגל.

אויפן פאַן פון דער אַלגעמיינער באַפרייטער, שעפערישער טעטיקייט פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן אויפן געביט פון עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן זיינען אין די שטעט און שטעטלעך פון מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע אויפגעקומען יידישע אָנפאַנג־ און מיטל־שולן, יידישע טעאַטערס און צייטונגען. די יידישע שרייבער פון פוילן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערישן גיהנום זיינען מיט ברייט־צעעפנטע אָרעמס אויפגענומען און פאַראייניקט געוואָרן אין דער משפחה פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער.

וואָס פאַראַ נייע גרויסע פערספעקטיוון האָבן זיך דאַן געעפנט פאַר דער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פון די יידישע מאַסן!

איז געקומען דער היטלערישער טויטן־מאַרש.

פון מאָסקווע האָט דאַן צו אַלע וועלט־טיילן דערגרייכט די שטימע פון די יידישע סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער און שלאַכטלייט, די שטימע, וואָס אַלעמען גערופן צו אייניקייט אין קאַמף קעגן די יידן־מערדער, די שטימע, וואָס איז צו פראָנטן דערגאַנגען און אין פּאַרטיזאַנער וועלדער אָפּגעהילכט, דורכרייסנדיק זיך אפילו הינטער די געטאָ־צוימען, כדי אַלעמען צו דערמונטערן און וועקן צום שטעלן אַן אַנטשיידענעם ווי־דערשטאַנד דער היטלערישער בעסטיע.

דער דאָזיקער אָנשטרענג פון דער סאָוועטישער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער יידישער אַנטי־פאַשיס־טישער קאָמיטעט, איז געווען אַ טייל פון דעם גראַנדיעזן אָנשטרענג פון אַלע סאָוועטישע פעלקער, וואָס האָבן אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמ. פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד אויסגעטראָגן אויף זיך די שווערסטע לאַסט פון דער אַנטי־היטלערישער מלחמה, כדי אין איר זיגערישן רעזולטאַט צו ברענגען די באַפרייאונג פאַר אַלע פעלקער פון אייראָפּע, כדי אָפּצוראַ־טעווען פון טויט מיליאָנען יידן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, הונדערטער טויזנטער יידן פון פוילן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון די באַדראָטע יידן פון ישראל און זיי העלפן שפּעטער אין זייער קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד.

ווי אַזוי־זשע איז עס געקומען דערצו, וואָס די יידישע געזעלשאַפט־לעכע רעפּרעזענטאַנץ, וועלכע האָט אין די שרעקלעכסטע גורל־שעה׳ן פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַר אונדזער יידישן פאָלק באַוויזן אויסצושמידן די איי־ניקייט אינעם יידישן ווידערשטאַנד — ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען, אַז די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנץ, אין וועלכער עס זיינען געווען פאַרטראָטן די בעסטע זין און טעכטער פון די סאָוועטישע יידישע פאָלקס־מאַסן — דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט — איז פּלוצלונג, אַן אַ פאַרוואָס

און אָן אַ פאַרוועז, ליקווידירט געוואָרן און זיינע אָנפירער זיינען פאַרמשפט געוואָרן צום אומקום?!

יאָ, מיר ווייסן, אַז אַזוי שטעלן די פראַגע, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער צעשטערערישער טעטיקייט פון דער „בעריאַווטשינע" — הייסט נישט דערזען דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער דערשיינונג, וועלכע עס האָט מיט דער טיפסטער דורכדרינגלעכקייט אַרויסגעבראַכט דער 20טער צוזאַמענפאָר פון דער סאָוועטישער קאָמ. פאַרטיי. די „בעריאַווטשינע", וועלכע האָט זיך געקאָנט דערהאַלטן נאָר אין דער אַטמאָספער פון פערזאָנען־קולט, האָט אומצאָליקע ליידן און קרבנות געבראַכט אָן אויסנאַם אַלע פעלקער פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד, פון אים האָט צוממערסטן געליטן די קאָמ. פאַרטיי פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד, די פאַרקערפּערין פון די שענסטע און איידלסטע שטרעבונגען פון גאַנצן סאָוועטישן פאָלק.

מיטן אונטערשטרייכן די אַלגעמיינע שעדלעכקייט פונעם פערזאָנען־קולט גייט אונדז בכלל נישט אין געפינען אַ האַלבע טרייסט, וואָס עס גיט, ווי באַוואוסט, אַ צרת רבים. ניין, אונדז גייט אין אַרויסברענגען דעם אמת, אַז אין דער פולשטענדיקער אויסראָטונג פון יעדן שפור פונעם פערזאָנען־קולט זיינען פאַראינטערעסירט אַלע אָן אויסנאַם פעלקער פון סאָוועטנפאַר־באַנד צוזאַמען מיט דער קאָמ. פאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע האָט מיט לעניניסטער דרייסקייט זיך דערגרונטעוועט צום סאַמע תוך פון דער גע־פערלעכער דערשיינונג, כדי זי פולשטענדיק אויסצוראָטן. דאָס איז דער זיג פון דער קאָמ. פאַרטיי, פון לעניניזם. אין דעם דאָזיקן זיג איז אונדזער טרייסט, אין דעם דאָזיקן זיג איז אונדזער האָפענונג און זיכערקייט אין דער צוקונפט.

מיר, קאָמוניסטן, זיינען נישט געוואוינט צו פראַקלאַמירן אונדזערע גע־פילן פון ווייטיק און פיין. אין אָנבליק פון מפּלות (און זיי זיינען אומפאַר־מיידלעך אין דעם האַרטנעקיקן קאַמף, וועלכן מיר פירן) קומט אונדז נישט איינמאָל אויס צו פאַרשטעמען די ציין, כדי נישט געבן דעם שונא אַ מעג־לעכקייט פאַר שאַדנפרייד.

יאָ, ווירקלעך, מיר האָבן געשוויגן, נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן געזען און פיינלעך־ווייטיקלעך געפילט די טראַגישע רעזולטאַטן פון דער „בעריאַווטשינע". מיר האָבן געשוויגן, ווייל מיר האָבן טיף גע־גלויבט, אַז בלויז די לענין־פאַרטיי איז אימשטאַנד אויפצופלאָנטערן און וועט סוף־כל־סוף אויפפלאָנטערן דעם טראַגישן קנויל; מיר זיינען געוועזן אי־בערצייגט, אַז די לענין־פאַרטיי וועט סוף־כל־סוף אַנטפּלעקן דעם גאַנצן אמת און דרייסט, אַנטשיידן אים אַרויסברענגען פאַר אַלע פעלקער. אונדזער

גלויבן און איבערצייגונג האָט זיך פולשטענדיק באַרעכטיקט!

די יידישע פאָלקס־מענטשן האָבן פונקט ווי מיר, קאָמוניסטן, געגלויבט, אַז דער אמת מוז און וועט זיגן. דער צוואַנציקסטער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמ. פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט געגעבן דעם פּאַראָל אויסצוראָטן מיטן וואָרצל דעם פּערזאָנען־קולט, דעם קוואַל פון פאַרקריפּ־לונגען, האָט באַרעכטיקט די טיפע האָפענונגען און איבערצייגונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דעם זיג פונעם לעניניסטישן אמת.

שוין לאַנג פאַרן צוואַנציקסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז געקומען די ענערגישע האַנדלונג פון צ. ק. פון דער סאָוועטישער קאָמ. פּאַרטיי, כדי צו רעהאַביליטירן די אומשולדיקע, אויפצושטעלן דעם גוטן נאָמען פון די, וועלכע זיינען דורך די בעריאַ־מערדער פאַרשניטן געוואָרן און צוטריטלעך מאַכן פאַר די ברייטסטע מאַסן זייערע ווערק. דאָס האָט די סאָוועטן־רעגי־רונג און די קאָמ. פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד רעהאַביליטירט די דאָק־טוירים־גרופּע פון שענדלעכן בלבול, און זיי צוריקגעשטעלט אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער; דאָס האָט די סאָוועטן־רעגירונג און די סאָוועטישע קאָמ. פּאַרטיי אויפגעשטעלט דעם גוטן נאָמען פון מיכאָעלסן, פון אַלע אומ־שולדיק־אומגעבראַכטע יידישע שרייבער. דער גלויבן, אַז די לענין־פּאַר־טיי וועט פאַרריכטן דעם טראַגישן פאַל, איז מקוים געוואָרן. אַזוי אַרום האָבן מיר אויך צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד די פּראַקטישע אויסווירקונג פון דעם אומקער צו די לענינישע נאָרמעס.

מיר נעמען אויף ווי לאַנג־געגאַרטע פריידיקע בשורות יעדע ידיעה וועגן צוריקקער פון יידישע שרייבער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער צו זייער איבעַרגעגעבענעם שאַפן. עס איז אונדזער אַלעמענס טרייסט, וואָס ביים הײַנטיקן טאָג זיינען העכער זעכציק יידישע סאָוועטישע שרייבער צוריק שעפעריש און גרייטן אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. מיט דער גרעס־טער שפּאַנונג נעמען מיר אויף יעדע ידיעה פון לייבלעך־נאָענטע חברים און פריינט פון מאָסקווע און קיעוו, פון מינסק און אָדעס, וועלכע זיינען אומ־געבראַכן און אַנטשלאָסן אָפּצוגעבן אַלע זייערע כוחות פאַר דער ווידער־אויפלעבונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. פול מיט האָפע־נונגען זיינען די ידיעות וועגן דער צוריקאויפשטעלונג פון יידישן מלוכה־טעאַטער, וועגן אַ רייע וואָגיקע שריט פון פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קול־טורעלן באַדייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

איז דאָס אונדזער טרייסט, די טרייסט פון אַלע יידישע פאָלקס־מענטשן אין דער גאָרער וועלט.

אַפּריל 1956

זאָלן זייערע געשטאַלטן שטיין פאַר אונדזערע אויגן!

... טייערע חברים און חברטעס:

עס ווילט זיך איצט אָפּקערן אַביסל אָן אַ זייט און באַרירן, דערווייל בלויז באַרירן, אַ טרויעריק־טראַגישן ענין, אַ זייער שווערע זאַך, וואָס דריקט אונדזערע אַלעמענס הערצער די לעצטע וואָכן און טעג. עס האָט אַ טיפע שייכות צו אונדזער לעבן און שאַפן, און ממילא האָט עס אויך אַ שייכות און אַ פאַרבינדונג צו שלום־עליכמען און אַוודאי — צו אַ צונויפקום פון עטלעכע הונדערט מענטשן צו דעם ש״ע־יאָרצייט און אין זיין אָנדענק...

אין זיין אומשטערבלעך בוך, אין זיין „פונעם יאַריד״, וואָס זיינע לעצטע זייטלעך האָט דער גרויסער ש״ע געשריבן אויפן טויטן־בעט דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט ער געזאָגט צו אונדז: „... לייענט דאָס בוך, אפשר וועט איר אָדער אייערע קינדער דערפון עפּעס לערנען, — ווי ליב צו האָבן אונדזער פאָלק און ווי צו שעצן זיינע גייסטיקע אוצרות, וואָס ליגן צעוואָרפן אין אַלע פינצטערע ווינקעלעך פון אונדזער גרויסן גלות אויף דער גרויסער וועלט...״

געדענקט: — ליב האָבן אונדזער פאָלק און שעצן זיינע גייסטיקע אוצרות...

איז וואו־זשע האַלטן מיר איצט אין אונדזער יידישן לעבן מיט די גייסטיקע אוצרות פון אונדזער פאָלק?

נאָך דעם מוראדיקן וועלט־חורבן, נאָכן אומקום פון די מיליאָנען ברידער־שוועסטער, נאָכן צעשטערן הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע, האָבן מיר באַזונדערס אַרויסגעקוקט און אַרויפגעקוקט צום סאָוועטישן יידנטום, וואָס האָט, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים, געפילט אויף זיך די מערדערישע האַנט פון היטלערן, ימח שמו, און פון

פון מיין לענגערן רעפעראַט, געהאַלטן אויפן שלום־עליכם־אָוונט, שבת, דעם 14טן אַפּריל 1956, איינגעאָרדנט דורך דעם „איקוף" אין ניו־יאָרק. עס איז געווען איינגיכן נאָך דעם, ווי עס איז אָנגעקומען דורך פוילן, דורך דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" די גרויליקע ידיעה וועגן דעם אומקום און דער דערמאָרדונג פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער. נ. מ.

זיינע אַרויסהעלפער אין די לענדער פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. עס האָט זיך געשאַפן אַן ענגער און נאָענטער קאָנטאַקט צווישן די סאָוועטישע יידן מיט די יידן פון גאַר דער וועלט. מיר האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אָט דער געמיינזאַמער טעטיקייט; מיר האָבן געהאָפט, אַז אינאיינעם וועלן מיר אויפשטעלן די גייסטיקע חורבות, אַז אינאיינעם וועלן מיר טראָגן ווייטער די גרויסע גבעאָטן פונעם יידישן פאָלקס־שאַפן. אַלע סימנים זיינען געווען דערפאַר, אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק נאָכן גרויסן דריטן חורבן, דעם גרעסטן פון אַלע יידישע חורבנות.

אָבער אין סאַמע מיטן וואוקס, אין סאַמע מיטן גרויסן פאַרמעסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווערע פאַררעטערישע האַנט אויף אונדזער יידיש לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אויף דעם יידישן וואָרט און אויף די דאָרטיקע יידישע שאַפער, — שרייבער, שוישפּילער און קולטור־טוער. דער ווייטיק, דער גרויל איז געווען נאָך שטאַרקער, וואָס דאָס האָט געקאָנט געשען גראָד אין דעם לאַנד, וואו מיר האָבן געהאָפט, אַז די זון גייט אויף פאַר אונדזער פּיל־געפּרוואווטן יידישן פאָלק, וואָס איז אָט ערשט געקומען צוריק צום לעבן נאָך די מוראדיקע היטלעריסטישע אכזריותן און גרויזאַמקייטן.

דאָרט, אין יענעם לאַנד, וואו מיר זיינען געוואָרן גלייכע צווישן גלייכע, אַ פאָלק צווישן פעלקער, דאָרטן האָבן זיך אַרויסגערוקט פינצטערע, פאַר־ברעכערישע, פּראָוואָקאַטאָרישע כוחות, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפן גוף און אויף דער נשמה פון אונדזערע שענסטע, דערהויבנסטע יידישע קינסטלער, די ליבלינגען פונעם גאַנצן יידישן פאָלק אין דער גאָרער גרוי־סער וועלט, ווי אויך אויף דעם יידישן וואָרט, יידישן בוך, פּרעסע און טעאַטער.

שוין עטלעכע יאָר, ווי מיר האָבן געוואוסט וועגן דעם גרויסן אומגליק, אָבער די שוואַרצסטע פאַנטאַזיע האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז די פאַרברעכער האָבן באַוויזן אַזוי ווייט און אַזוי לאַנג אָנצוגיין מיט זייערע מערדערישע טעראָר־אַקטן, און אַז זיי האָבן אויך באַוויזן אומצוברענגען אַזאַ גרויסע צאָל פאַרדינסטפולע יידישע שרייבער, יידישע קינסטלער צו־זאַמען מיטן גאַנצן יידישן שאַפן.

לאָמיר זיך נישט נאַרן, אַז עס איז געווען פאַר אונדז אינגאַנצן אַן אומ־געריכטע זאַך. אין דער שטיל האָבן מיר עפּעס שוין געוואוסט, אמת, נישט אין דער פולער מאָס. פּונקט ווי אויך איצט ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט, ווי גרויס און ווי טיף און ווי ברייט עס איז דער נאַציאָנאַלער אומגליק.

און באַזונדערס פילן מיר אָט דעם גרויסן יידישן פאָלקס־אומגליק, מיר, וואָס האָבן אַלע מאָל געהאַלטן און האַלטן אויך איצט, אַז דאָס סאָוועטיש־יידישע שאַפן, די גרויסע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען פון דער סאָוועטיש־

יידישער קולטור אין אירע פאַרשיידנסטע אַנטפּלעקונגען, זיינען געווען און פאַרבליבן אַ וויכטיקער אינטעגראַלער טייל פון דער נאַציאָנאַלער קולטור פונעם יידישן פאָלק, און די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער, פּונקט ווי די לעבן־פאַרבליבענע, זיינען אונדזערע אייגענע ברידער, לייב פון אונדזער לייב, גייסט פון אונדזער גייסט.

אונדזער צער און צאָרן איז זייער גרויס.

טייערע פריינט!

טרייסטן, זוכן און געפינען נחמה־ווערטער?

זיי זיינען דערווייל נישטאָ! צו גרויס איז דער אומגליק, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען פאַרוויגן, אַז מיר זאָלן קאָנען קומען צו זיך דורך חלשות־טראָפּן.

קודם־כל ווילן מיר און דאַרפן מיר וויסן, וואָס עס איז געשען. מיר האָבן דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען, צו פאָדערן, מען זאָל אונדז דערציילן אַלץ, אַלץ גענוי!

און מיר פאָדערן עס פון דער סאָוועטישער רעגירונג מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט.

מיר זיינען אַלע אויפגעטרייסלט, דערשיטערט. אָבער, טייערע חברים און חברטעס, עס וואָלט געווען נישט גוט, ווען מיר פאַלן אַריין אין יאוש, אין פאַרצווייפלונג. מיר מוזן יעדער איינער זיך אַליין שטאַרקן און מוטיקן, און מיר דאַרפן אויך אַלע אַרומיקע שטאַרקן, מוטיקן און דערמוטיקן. מיר טאָרן נישט אָנווערן, מיר טאָרן נישט פאַרלירן אונדזער גלייכגעוויכט. מיר וויסן, אַז עס איז איצט נישט מעגלעך די פאַרשניטענע שרייבער צוריקצו־ברענגען צום לעבן, אָבער מיר קאָנען, אויף צעפּוקעניש די פאַרברעכער, פאַרשטאַרקן די שאַפערישע טעטיקייטן און פאַרזעצן די שאַפונגען פון די טראַגיש־און גרויליק־אומגעבראַכטע ברידער־שרייבער.

נצח ישראל לא ישקר! — מען ווערט אין ערגעץ נישט אומברענגען דאָס יידישע פאָלק — נישט אין סאָוועטנפאַרבאַנד און נישט אין מדינת ישראל. היטלער צי בעריאַ, צי נאָך ווער פון זייערע שטיצער, אינספּירירער און אַרויסהעלפער.

נאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש, נאָר נישט זייען קיין צעטומלעניש, קיין פּאַניק! אַלע אינאיינעם לאָמיר זוכן וועגן און מיטלען, ווי צו היילן די שווערע וואונד, — וואָס איז, אמת, גאָרנישט אַזוי לייכט צו היילן.

דערווייל... דערווייל לאָמיר זיך טוליען פעסטער איינער צום אַנדערן! לאָמיר אַרומרינגלען אונדזער איקוף מיט מער טרייקייט און איבערגעבנקייט. איצט האָט פאַר זיך דער איקוף אַלץ־גרעסערע און אחריות־פולע אויפגאַבן און פליכטן. דער איקוף דאַרף און זאָל אַרויסגעבן די ווערק פון די דערמאָר־

דעטע און פאַרפייניקטע יידישע שרייבער, ווי ער באַדאַרף נישט אויפהערן צו פאָדערן און פאַרלאַנגען צוריקאויפצושטעלן די יידישע קולטור־אינסטי־טוציעס אין דער יידישער שפּראַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

לאָמיר אַלע זיין וואַך, און לאָמיר שטיין פעסט אויף דער וואַך פון אונדזערע קולטור־שאַפערישע פּאָזיציעס.

זאָלן די ליכטיקע געשטאַלטן פון די טראַגיש־אומגעבראַכטע גרויסע יידישע שרייבער, די פאַרשניטענע דורך די גרויזאַמע הענקער, שטיין פאַר אונדזערע אויגן.

זאָלן זיי אַריין אין דער פאָלקס־געדעכעניש, צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע הרוגי מלכות פון פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע דורות.

מיר וועלן זיי, זייערע שאַפונגען טראָגן אין אונדזערע הערצער, אין אונדזער ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער טראַגישן לעבן.

מען האָט זייער שאַפן איבערגעריסן, וועלן מיר עס ווייטער ציען און פאָרזעצן.

און זאָל ווידער אויפשיינען אמת און יושר פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַר דעם יידישן וואָרט און פאַר דעם יידישן וואָרט־קינסטלער אין גאָר דער וועלט, און אויך אין מדינת ישראל, וואו יידן, אונדזערע ברידער און שוועסטער, ראַנגלען זיך איצט דאָרטן מיט זייערע אַרומיקע שונאים פאַר זייער לייב און לעבן, פאַר דעם יידישן היימלאַנד, פאַר זיין פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט!

אמן!

1956

דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער אויפן קריגס־פראָנט

.1

אַ גאָר וויכטיק און העראָאיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם יידישן קולטור־לעבן און שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז די דירעקטע, אַקטיווע, מסירת־נפשדיקע באַטייליקונג פונעם סאָוועטיש־יידישן שרייבער, דעם יינגערן ווי עלטערן, אויפן קריגס־פראָנט אין די שווערע, געפערלעכע שלאַכטן קעגן די דייטש־נאַצישע מיליטערישע באַנדעס.

אין דעם מוראדיקן חורבן און אין דער גרויזאַמער פאַרניכטונג פון דער יידישער קינסטלערישער וועלט סוף 1948, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פיל שרייבער און צוזאַמען מיט זיי פיל מאַטעריאַלן און ווערק, וואָס וואָלטן גע־קאָנט דערציילן און איבערגעבן וועגן דער גרויסער ראָלע, וואָס דער יידישער מענטש בכלל און דער יידישער קינסטלער בפרט האָבן געשפּילט אין די גרויליקע יאָרן פונעם צווייטן וועלט־קריג. ווער ווייסט, צי ס׳וועט זיך ווען ס׳איז איינגעבן אויפשטעלן אַ פול און ריכטיק בילד פון די אומגעהויערע אָנשטרענגונגען, וואָס די יידישע פאָלקס־מאַסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן געמאַכט אין די עטלעכע גורלפולע יאָרן פונעם צווייטן וועלט־קריג.

מיר האָבן איצט אפילו נישט קיין פולע, אויסשעפּנדיקע רשימה פון די יידישע שרייבער, שוישפּילער, קינסטלער, לערער, קולטור־טוער, וועלכע האָבן מיט לייב און לעבן געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און אין די וועלדער, ווי פאַרטיזאַנער, און אויך דאָרט אומגעקומען.

אין אַן אַרטיקל „די רויטע אַרמיי אין דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג" („יידישע קולטור", 1944, אויגוסט־סעפּטעמבער) שרייבט דער באַוואוסטער דיכטער עזרא פינינבערג: „... ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאַ־טערלענדישע מלחמה, ווי נאָר דער פיינט איז באַפאַלן אונדזער לאַנד, זיינען צענדליקער סאָוועטישע יידישע דיכטער אַוועק מיט געווער צו באַשיצן דאָס לאַנד. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג, מיט וועלכער אונדזערע דיכ־טער זיינען אַוועק אויפן פראָנט, איז דער בריוו, וואָס אַ יונגער דיכטער האָט צוגעשיקט אין סאַמע אָנהויב מלחמה דעם אויטאָר פון אָט די שורות: „מאָסקווע, 9טער יולי 1941. עס טוט מיר זייער באַנג, וואָס ס׳איז מיר ניט

אויסגעקומען זיך זען מיט איך אין אָט די היסטאָרישע טעג. איך האָב פאַר־ענדיקט דעם אינסטיטוט און איצט גיי איך אין דער רויטער אַרמיי. מען שיקט מיך אין אונטער וואַסער־פּלאַט. איך פאָר קיין לענינגראַד. „די האַנט שטאָל אָן, דער שונא ביי די טויערן! — מיט אָט דעם ליד גיי איך אין דער אַרמיי״.

און ע. פינינבערג גיט צו: „אַזוי ווי שוואַרצמאַן און מיט שוואַרצמאַנס פערזן אויף די ליפּן איז העלדיש אומגעקומען אויפן שלאַכט־פעלד דער אויטאָר פון דער פּאָעמע ,אשר שוואַרצמאַן׳ — משה כאַשטשעוואַצקי. מיט פערזן וועגן אשר שוואַרצמאַן: „... דאָ אויפן פראָנט, ווערט נאָך נעענטער צום האַרצן / מיין עלטערער ברודער — אשר שוואַרצמאַן!...״ איז געפאַלן פאַרן סאָוועטישן פאָטערלאַנד דער יונגער דיכטער ה. שוועדיק״ (ז׳ 9).

אויף וויפל בכלל עס איז געווען די באַטייליקונג און ס׳איז גרויס געווען די העלדישקייט פון די יידישע קעמפער אויף די קריגס־פראָנטן, זעען מיר פון די עטלעכע ציפערן, וואָס עס ברענגט ל. זינגער אין זיין ביכל „דאָס אויפגעריכטע פאָלק״ (מאָסקווע, 1948). ער שרייבט צווישן אַנדערן: „... איר ווירדיקן חלק אין פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד האָט אויך אַריינגעטראָגן די יידישע באַפעלקערונג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. וועגן דעם אַרט, וואָס די יידן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן פאַרנומען אינעם פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, רעדט דער פאַקט, וואָס פאַר אַרויסווייזן גע־וואַגטקייט און העלדישקייט אין די שלאַכטן קעגן די דייטשע פאַרכאַפּער זיינען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדנס און מעדאַלן 123.822 יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, און 105 יידן האָבן געהאַט דעם כבוד צו קריגן דעם הויכן טיטל—העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. לויט דער צאָל באַלוינטע פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן מיט אָרדנס און מעדאַלן, ווי אויך לויט דער צאָל העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרנעמען די יידן צווישן די איבעריקע פעלקער פונעם לאַנד דאָס פערטע־פינפטע אָרט״. ל. זינגער רעכנט אויס די אַלע, וואָס האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אין די קאַמפן, ווי אויך אין הינטער־לאַנד.

.2

וועגן דער מסירת־נפשדיקער באַטייליקונג פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער אין די קאַמפן און שלאַכטן דערציילן זייערע קאָלעגן ביי פאַרשיי־דענע געלעגנהייטן.

אין אַ רעדע, וואָס איציק פעפער האָט געהאַלטן אויף אַ קאָנפערענץ פון אוקראַינער שרייבער אין קיעוו (האַרבסט 1944) האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט: „... די יידישע שרייבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן געשוואוירן

ניט צו רוען ביז יעדער נאַצי וועט נישט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד. פון הונדערט יידישע שרייבער זיינען צוויי און זעכציק אַוועק אין דער מלחמה. פיר און צוואַנציק זיינען העראָאיש אומגעקומען אין קאַמף מיט די נאַציס. זיי זיינען נישט געשטאָרבן אין די געטאָס, נאָר געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד. צווישן זיי זיינען: ש. גאָדינער, ב. אַלעווסקי, י. זעלדין, ש. ראָסין, מ. גער־שענזאָן, קאַראַבייניק, קורלאַנד, דיאַמאַנט, גאָלדענבערג, דובילעט און געל־מאַן פון אוקראַינע, עלי קאַהאַן״ . . . („אייניקייט״, ז׳ 12, ניו־יאָרק, אָק־טאָבער 1944).

אין אַן אַרטיקל וועגן וואַסילי גראָסמאַנס מלחמה־ראָמאַנען („אייניקייט״, ניו־יאָרק, 1945, ז׳ 1) שרייבט ז. ווענדראָף פון מאָסקווע: „פונעם ערשטן טאָג מלחמה האָט דער סאָוועטישער שרייבער זיך איינגעשלאָסן — אין זיין גרעסטן טייל פרייווויליק — אין די רייען פון די קעמפּער. דער שרייבער האָט באַגלייט דעם סאָלדאַט אין אַלע זיינע שלאַכטן, דורכגעגאַנגען מיט אים דעם גאַנצן וועג— פון דער וואָלגע ביז דער ווייסל, פון סטאַלינגראַד ביז בוקאַרעסט, פון דער באַלטיק ביז צו די טויערן פון דייטשלאַנד. ער האָט געשריבן וועגן פאַרשיידענע מענטשן פון דער מלחמה אויף די פאָדערשטע ראַנדן פון די פּאָזיציעס און אין די כאַטעס פון שטאַבן, אויף לאַפעטן פון האַרמאַטן און אויף די פּאַנצערס פון טאַנקען, אויף קאָמאַנדע־פּונקטן און אין בלינדאַזשן. ער האָט באַלויכטן דעם וועג פון דער אַרמיי, פאַרהערלעכט אירע שווערינקייטן, געלעבט מיט די ליידן און פריידן פון דער רויטער אַר־מיי... ניט ווייניק שרייבער — צווישן זיי אַ היפּשע צאָל יידישע — זיינען מיט העלדישן טויט געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער מיטן ביקס אין איין האַנט און מיטן פען אין דער צווייטער״... (ז׳ 24).

אין זיין אַרטיקל וועגן דעם דיכטער משה כאַשטשעוואַצקי, (צו זיין ערשטן יאָרצייט, אין „אייניקייט״, ניו־יאָרק, מערץ 1945), שרייבט פּייוול סיטאַ: „די לעצטע באַגעגעניש אונדזערע איז פאָרגעקומען אין אַ ,טעפּ־לושקאַ׳ פון אַן עשאַלאָן מיט עוואַקואירטע. אין סעפּטעמבער 1941, ווען די נאַציס האָבן געהאַט אָנגעריפט אויף אוקראַינע, האָבן מיר צוזאַמען פאַר־לאָזט כאַרקאָוו און זיינען געפאָרן אין וואַגאָן ביז סאַראַטאָוו, און דאָרט זיינען זיך אונדזערע וועגן פאַנאַנדערגעגאַנגען: אים האָט אַן עשאַלאָן אַוועקגע־פירט קיין אוזבעקיסטאַן און מיך — קיין באַשקיריע... בשעת דער לעצ־טער באַגעגעניש אונדזערער אין וואַגאָן, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— פּייוול, מיר מוזן גיין מלחמה האַלטן!

— דו? דו זעסט דאָך כמעט גאָרניט. פאַרלירסטו צופעליק די ברילן, ביסטו דאָך אינגאַנצן אַ בלינדער.

— פּאַר אַ מענטשן, וואָס האָט ליב זיין לאַנד, איז דאָס קיין תירוץ נישט, — האָט ער מיר געענטפֿערט...

אין צוויי יאָר אַרום נאָך אונדזער לעצטן געשפּרעך, האָט כאַשטשע־וואַצקיס פֿרוי מיר באַוויזן זיינע בריוו פֿון פֿראָנט, און אין איינעם פֿון זיי האָב איך איבערגעלייענט די שורות: „מ׳דאַרף מלחמה האַלטן, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין, קיינער וועט פֿאַר דיר ניט גיין אין שלאַכט און איז ניט מחויב". האָב איך זיך דערמאָנט אונדזער געשפּרעך, אין וואַגאָן און זיך איבערצייגט, אַז אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט האַנדלען. ער איז געווען אויפֿן פֿראָנט ווי אַ הייסער פּאַטריאָט פֿון זיין היימלאַנד און איז אומגעקומען ווי אַ פּאַטריאָט" (ז׳ 24).

דוד האָפֿשטיין, וועלכער איז טראַגיש אומגעקומען אָדער פֿאַרפֿייניקט געוואָרן אין די גרויל־יאָרן פֿון דער בעריאַ־סטאַלין הערשאַפֿט, האָט (אין דער ניו־יאָרקער „איינקייט", מאַי 1945), פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל: „לי־דער פֿון דער געפֿאַלענער דיכטערין אַניוטאַ פּיאַטיגאָרסקי", וועלכן ער הויבט אָן אַזוי: „ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט, ווען מיר וועלן קאָנען ווירדיק באַצייכענען דעם אָנדענק פֿון אונדזערע חברים און פֿריינט, וואָס זיינען געפֿאַלן אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה, סיי די, וואָס זיינען געפֿאַלן אויפֿן שלאַכטפֿעלד, סיי די, וואָס האָבן אין היג־טערלאַנד געטראָגן די לאַסט פֿון מלחמה און מיט אַלע זייערע כוחות מיטגע־האָלפֿן דער רויטער אַרמיי אויף די פֿראָנטן. ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט. אונדזער שרייבערישע משפּחה האָט אין די שווערע יאָרן פֿאַרלוירן פֿיל פֿון איר באַשטאַנד".

דוד האָפֿשטיין „באַצייכנט, ווי ער זאָגט, דעם אָנדענק פֿון דער יידישער דיכטערין אַניוטאַ פּיאַטיגאָרסקי, וועלכע האָט ווי פֿאַרגעשטעלט אונדזער יידישע סאָוועטישע דיכטונג אין באַלאַגערטן לענינגראַד". ער האָט פֿאַר זיך געהאַט די ווערק פֿון דער דיכטערין, וואָס איז אומגעקומען אין לענינגראַד. „זי איז שוין פֿיל יאָרן געווען אַ לענינגראַדערין. פּונקט ווי אין אוקראַינע, וואו זי האָט אַזוי פֿיל מי אָפּגעגעבן דער בויאונג פֿון דער יידישער שול, פֿון דער יידישער ליטעראַטור, האָט זי זיך פֿאַרבונדן מיט דער קולטור־אַרבעט פֿון דער לענין־שטאָט... זי איז געווען אַ לערערין, אַ לעקטאָר..." די דיכטערין האָט איבערגעלאָזט „נאָך זיך אַ העפֿט מיט יידישע לידער. אַלץ, וואָס די גרויסע שטאָט האָט איבערגעלעבט, האָט אַניוטאַ פּיאַטיגאָר־סקי אַרויסגעבראַכט אין קורצע שורהלעך". דוד האָפֿשטיין ברענגט אויס־צוגן פֿון די לידער, אין וועלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק „דער גרויל פֿון דער צייט", וואָס האָט דאָך „ניט געבראַכן איר דיכטעריש געמיט"...

און ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל: „אויף די ברייטע שטחן פון אונדזער לאַנד זיינען דאָ אַ סך קברים פון אונדזערע ליבע און טייערע, וואָס זיינען געפאַלן פאַר אונדזער פאָטערלאַנד אין די יאָרן פון גרויסן באַפרייענדיקן קריג... אָפּהיטן אַלץ, וואָס קאָן באַצייכענען אָט די קברים, קאָנען מיר דערווייל נאָר מיט ליטעראַרישער זאַמל־אַרבעט און מיטן האַרציקן אויפרוף: ,ערע די געפאַלענע׳ ״... (ז׳ 26).

און ווי טראַגיש און אומזיניק איז דער פאַקט, אַז אויך דוד האָפּשטיין איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אומגעקומען אָדער אומגעבראַכט געוואָרן דורך מערדערישע הענט, און מען ווייסט אַפילו נישט וואו זיין קבר איז...

.3

זומער 1945 איז אין מאָסקווע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּלענאַרע סעסיע פונעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרייבער, וואו עס איז אונטערגעפירט געוואָרן אַ סך־הכל פון די רעזולטאַטן, וואָס די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט דערגרייכט אין דער צייט פונעם קריג. פאַרשטייער פון די סאָוועטישע פעלקער האָבן אויף דער סעסיע אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן די קאַמפן פון די שרייבער אויף די שלאַכט־פראָנטן. אַ לענגערע רעדע וועגן דער ראָלע פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אויף די פראָנטן און וועגן דער טעטיקייט פון די יידישע שרייבער אין די מלחמה־יאָרן האָט געהאַלטן דער גוואַרדייער־קאַפּיטאַן אהרן קושניראָוו, דער באַוואוסטער יידישער דיכטער און דראַמאַטורג און אַקטיווער קעמפער אין דער מלחמה, וועלכער איז דריי מאָל באַלוינט געוואָרן מיט מעדאַלן פאַר זיין העראָאיזם. רעדנדיק וועגן דעם ווי אַלע נאַציאָנאַליטעטן פונעם פאַרבאַנד האָבן זיך באַטייליקט אין קריג קעגן דעם היטלערישן דייטשלאַנד, האָט קושניראָוו געזאָגט: „אַלס אַ יידישער שרייבער האַלט איך פאַר מיין חוב צו באַריכטן וועגן דעם קאַמף און וועגן דער אַרבעט פון די יידישע שרייבער און וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין די יאָרן פון דער פאַטריאָטישער מלחמה״.

„צו רעדן וועגן דער יידישער ליטעראַטור — האָט ער געזאָגט — הייבט צו טאָג מיינט רעדן וועגן די לעבעדיקע און וועגן די טויטע. עס איז פיינלעך צו רעדן וועגן די, וואָס וועלן שוין מער קיינמאָל ניט רעדן פון דער דאָזיקער פּלאַטפאָרם. עס זיינען געווען אַ סך צווישן זיי, וועמענס שטים וואָלט הייבט אָפּגעקלונגען אין געדרוקטן וואָרט. צו דערמאָנען די נעמען פון ש. גאָדינער, איינער פון די בעסטע פּראָזע־שרייבער; ש. ראָסין, דער וואונדערבאַרער ליריקער; די פּאָעטן אַלעווסקי, כאַשטשעוואַצקי און אַנדערע, וואָס זיינען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד... אין זיין באַריכט האָט ניקאָלאַי טיכאָנאָוו

דערמאָנט 140 שרייבער, וועלכע זיינען אומגעקומען אויפן פראָנט. 26 פון אונדזערע חברים זיינען נישט געקומען אַהער צו מעלדן זייערע נעמען צו דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור״...

דער פּראָצענט פון די אומגעקומענע יידישע שרייבער איז, ווי מיר זעען, פיל גרעסער, לויט דער פּראָפּאָרץ, אין פאַרגלייך מיט די געפאַלענע שריי־בער ביי אַנדערע פעלקער.

א. קושניראָוו האָט אין זיין לענגערן רעפעראַט דערנאָך גערעדט וועגן דעם, אַז „די אַלע פאַרלוסטן האָבן ניט אָפּגעשוואַכט אונדזער ליטעראַטור. אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן אונדזערע שרייבער פאַרגעזעצט זייער אַרבעט אויפן פראָנט און אין הינטערלאַנד. זייערע נייע ווערק האָבן דער־מוטיקט די מאַסן אין דער שווערער צייט. דוד בערגעלסאָנס פּיעסע „לא אמות כי אחיה״ האָט מען געשפּילט אין ניו־יאָרק (אויך אויף העברייאיש אין ארץ־ישראל — נ. מ.). בערגעלסאָן האָט אויך אָנגעשריבן די היסטאָ־רישע פּיעסע „פּרינץ ראובני״ און אַ בוך דערציילונגען. דער נסתר פאַר־ענדיקט דעם צווייטן טייל „משפחה מאשבער״. א. קושניראָוו האָט אויסגע־רעכנט די שרייבער און דיכטער לייב קוויטקאָ, פרץ מאַרקיש, איציק פעפער, ש. האלקין, דוד האָפשטיין און די ווערק, וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן און פאַר־עפנטלעכט אין די שווערע קריגס־יאָרן. און ווייטער האָט ער געזאָגט: „צוויי ביכער מלחמה־לידער זיינען אָנגעשריבן געוואָרן פון ע. פינינבערג, וועלכער האָט געקעמפט אין דעם ערשטן פעריאָד פון דער מלחמה. מ. טאַלאַלאַיעווסקי, ה. פּאָליאַנקער, מ. גאָלדשטיין, נאָטע לוריע, ע. קאָזאַקע־וויטש, י. פאַליקמאַן, עליע גאָרדאָן, מ. טייף און אַנדערע זיינען אַלע געווען אויפן פראָנט זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. מיר קוקן אַרויס אויף זייער צוריקקערן זיך מיט די נייע ביכער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אונטער די פראָנט־באַדינגונגען. דער דיכטער מ. גרוביאַן איז צוריקגעקומען פון פראָנט אַן ערנסט־פאַרוואונדעטער״.

און ווייטער האָט ער דערמאָנט די שרייבער רחל בוימוואָל, נח לוריע, איציק קיפּניס, ה. אָרלאַנד, י. ראבין, י. קאָטליאַר, פ. סיטא, ז. ווענדראָף, הנה לעווין, א. פלאטנער, א. גאָנטאר, ל. קאַצאַוויטש, ש. פערסאָוו, מ. פינ־טשעווסקי און די ווערק, וואָס זיי האָבן געשאַפן. „אַ סך פון אונדזערע בלי־ענדיקע טאַלענטן — האָט ער פאַרגעזעצט — זיינען אומגעקומען אויפן פראָנט. אָבער אַסך נייע טאַלענטן זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן. דער יונגער דיכטער י. קערלער האָט אָנגעשריבן זיין ערשטן בוך אין די טראַנ־שייען. זיינע לידער זיינען צוציענדיק מיט זייער פרישקייט״...

איינעם רעפעראַט האָט ער אָנגעוויזן, אַז „עס איז דער חוב פון די שריי־

בער, וועלכע האָבן אַדורכגעלעבט די איצטיקע מלחמה. אַרויסצוברענגען אין זייערע שריפטן די פשוטע גרויסע סאָוועטישע מאָסן־מענטשן, וועלכע האָבן געוואונען דעם זיג פאַר אונדזער לאַנד („יידישע קולטור", אויגוסט־סעפּטעמבער 1945, ז״ז 73־74)".

.4

אַ דערגאַנצונג צו דער רירנדיקער און וויטיקפולער רעדע פון א. קושניראָוו איז דער אַרטיקל פון מ. נאַטאַוויטש „יידישע סאָוועטישע שרייבער־שלאַכטלייט פון דער רויטער אַרמיי" („יידישע קולטור", דעצעמבער 1945).

מיר וועלן ברענגען דאָ בלויז אייניקע אויסצוגן.

דער אַרטיקל הויבט זיך אָן אַזוי: „אין די ערשטע טעג פון דער פאָטערלענדישער מלחמה האָבן די מאָסקווער יידישע שרייבער אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלונג „פאַרן הימלאַנד, אין שלאַכט!" דאָס איז געווען דער קאַמף־רוף, וואָס האָט באַלד אין אָנהויב פון דער מלחמה זיך דערהערט אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין אָט דער זאַמלונג האָט דער יידישער געלערנטער און שרייבער מאיר ווינער געשריבן: „פאַר יעדן מענטשן באַזונדער איז איצט דער הייליקסטער חוב צו דיסציפּלינירן די גאַנצע ענערגיע אין זיין אייגענער נשמה, צונויפזאַמלען דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע, דער־הויבנסטע אין זיין געמיט, צונויפזאַמלען עס ווי אין אַ פויסט, צונויפזאַמלען דאָס אין שטאַנדהאַפטיקן קאַמפסמוט, אין מסירת נפש... נישטאָ קיין שענערע זאַך, ווי צו קעמפן פאַר אונדזער פאָטערלאַנד! נישטאָ קיין מער טייערע זאַך אויף אַוועקצוגעבן דערפאַר דאָס לייב און לעבן".

„דאָס זיינען געווען — שרייבט מ. נאַטאַוויטש — מאיר ווינערס לעצטע ווערטער. ער איז אַוועק באַשיצן אונדזער פאָטערלאַנד. פאַר דעם פאָטערלאַנד האָט ער אָפּגעגעבן זיין לעבן... צוזאַמען מיט מ. ווינער זיינען פריי־וויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי א. גורשטיין, ש. גאָדינער, ש. ראָסין, י. זעלדין, א. קושניראָוו, ע. פינינבערג א. אַז. וו... זיי האָבן זיך אין דער „אָפּאָלטשעניע" געלערנט ווי צו ווערן קריגער. דאָס האָט דער דיכטער א. קושניראָוו געלערנט זיין וזוואָד צו מאַרשירן"...

און מ. נאַטאַוויטש זעצט פאָר: „... זינט א. קושניראָוו איז אַוועק מיט די ערשטע יידישע שרייבער אין דער רויטער אַרמיי איז פאַריבער עטלעכע יאָר מלחמה. דער דיכטער האָט זיך באַרימט געמאַכט אויך אַלס שלאַכטמאַן. ער איז באַלוינט געוואָרן מיט די מעדאַלן, „פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן", פאַר באַשיצן מאָסקווע"... פון די יידישע שרייבער, „אָפּאָלטשענצעס" זיינען געבליבן געציילטע. א. קושניראָוו האָט געבראַכט אַ טייערן

גרוס פון זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג געשאַפן און נאָכדעם אַנטיילגענומען אין דער מלחמה. סוף סעפּטעמבער 1941 — דערציילט א. קושניראָוו — האָב איך זיי געזען דאָס לעצטע מאָל. אין יענע גרויזאַמע טעג האָבן ווינער, גורשטיין, גאָדינער, ראָסין, זעלדין געלעבט מיט איין געדאַנק: ניט שוינען דאָס לעבן, נאָר ראַטעווען מאָסקווע, באַשיצן די סאָוועטן־מלוכה. יעדער פון זיי האָט זיך דאַ אַרויסגעוויזן מיט זיינע שענסטע אייגנשאַפטן. גורשטיינען איז געווען פיזיש־שווער אַריבערצוטראָגן דאָס קאָמפּליצירטע פראָנט־לעבן. ער האָט אָבער געפונען אין זיך אַ מערקווירדיקן כוח בייצוקומען די אַלע שוועריקייטן און האָט מיט זיין ביישפּיל געווירקט אויך אויף אַנדערע״...

און ווייטער שרייבט מ. נאָטאָוויטש: „... אין דער גרויסער און הייליקער פאָטערלענדישער מלחמה האָבן אַנטיילגענומען איבער זעכציק יידישע שרייבער. ביי דרייסיק יידישע שרייבער האָבן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן אין שלאַכט. צווישן זיי — גאָדינער, ווינער, גורשטיין, ראָסין, כאַשטשעוואַצקי, שוועדיק, ה. דיאמאנט, מ. גאָלדשטיין און נאָך און נאָך... די יידישע שרייבער־שלאַכטלייט האָבן דורכגעמאַכט אין דער רומפולער רויטער אַרמיי פּילצאָליקע שלאַכטן. א. קושניראָוו האָט זיך באַטייליקט אין די היסטאָרישע שלאַכטן פאַר מאָסקווע. מאָסקווע האָבן אויך באַשיצט די שרייבער י. ליובאָמירסקי און א. פרומקין. אויף די ריאַזאַנער שלאַכטפעלדער האָט געקעמפט עזרא פינינבערג. מאָטל גרוביאַן איז פאַרוואונדעט געוואָרן ביי סטאַלינגראַד. ה. פאָליאנקער האָט אַנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר וואַרשע. מיט די אָנגרייפנדיקע טיילן האָבן מאַרשירט אויף בערלין עליע גאָרדאָן, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, נחום לעווין און נאָך און נאָך... צווישן די יידישע שרייבער־שלאַכטלייט זיינען פאַראַן עטלעכע ליטעראַרישע דורות״...
און דערמאָנענדיק און דערציילנדיק וועגן דעם הערלעכן בוזי אַלעווסקי און דעם ביראָבידזשאַנער אהרן ווערגעליס, און זייערע שאַפונגען, שרייבט ווייטער מ. נאָטאָוויטש: „ביינאַנד מיט די דערמאָנטע שרייבער שטייט אַ גרויסע גרופּע יונגע יידישע שרייבער פראָנטאָוויקעס: מ. הארצמאַן, ה. דיאמאנט, נאָטע לוריע, נ. זאבארע, ע. קאָזאַקעוויטש, מ. טייף, פ. מאַלטינסקי, ה. דאבין, י. פאַליקמאַן, ה. פאָליאַנקער, ז. טעלעסין, ש. דריז, מ. גאָלדשטיין און נאָך און נאָך״...

און מ. נאָטאָוויטש שרייבט ווייטער: „וועגן דעם דיכטער ז. טעלעסין האָט נאָך מיט העכער אַ יאָר צוריק דערציילט עליע קאהאן: „מיין חבר טעלעסין געפינט זיך שטענדיק אין מאַרש. אין איינער אַ שלאַכט ביים פראָנט מ. האָט ער פאַרביטן דעם געפאַלענעם קאָמאַנדיר. אין דער דאָזיקער

שלאַכט האָט ער אַליין פון זיין אויטאָמאַט דערשאָסן אַ היפשע צאָל דייטשן...
אין אַ דערפּעלע ביים דניעפּער האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט — די שריי־
בער און שלאַכט־חברים — עליע קאהאַן און זיאמע טעלעסין. ווייזט אויס,
— האָט דערציילט ע. קאהאַן — אַז אונדזערע ביידנס טיילן גייען שוין העכער
אַ יאָר איבער איינע און די זעלבע מלחמה־וועגן: מיין אַרטילעריע האָלט
אונטער ,זיין' פּעכאָטע. טעלעסין איז אַוועק ווייט אויף מערב. זיין חבר
קאהאַן איז געפאַלן אין שלאַכט. זיין קבר געפינט זיך אויפן בית־עולם פון
די רויט־אַרמייער אין דרומדיקן טייל פון דאָרף זאליע, פּאָליעסער געגנט,
צופּוסנס פון אַ באַרג נעבן אַ קוסטאַרניק. וועגן דעם שרייבער עליע גאָר־
דאָן זאָגן זיינע שלאַכט־חברים: זיין מוזע געפינט זיך אין „סאָמע פייער"...

און מ. נאַטאַוויטש פירט אויס: „אין די טעג פון דער גרויסער פאָטער־
לענדישער מלחמה האָבן צענדליקער יידישע סאָוועטישע שרייבער־שלאַכט־
לייט זיך ארויסגעוויזן מיט זייער העלדישקייט, מיט זייער מסירת־נפש"...
ער דערציילט וועגן עליע פאלקאָוויטש, וועגן הערשל דאבין און וועגן יוסף
קערלער... „אין די טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה זיינען
די יידישע סאָוועטישע שרייבער־שלאַכטלייט די בוילעטסטע אַנטפּלעקונג
פון דער העלדישער שוואַרצמאַן־טראַדיציע" (ז"ז 51־53).

דאָס איז אין קורצן געווען די באַטייליקונג פונעם סאָוועטיש־יידישן
שרייבער אין די קאַמפן קעגן דעם בלוטיקן שונא פון דער מענטשהייט און
פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

1957

דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער־פּאַרמעג

.1

אין חודש נאָוועמבער 1957 ווערט 9 יאָר, ווי דאָס יידישע אַקטיוו־שאַפערישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז פּלוצים, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועז, אויף אַן אומדערהערטן ברוטאַלן אופן איבערגעריסן און אָפּגעהאַקט געוואָרן: דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אינעם סאָוועטיש־יידישן לעבן, איז פאַרמאַכט געוואָרן; די מאָסקווער יידישע צייטונג „אייניקייט" איז אָפּגעשטעלט געוואָרן; דער יידישער מלוכה־פאַרלאַג „עמעס", ווי אויך די אַנדערע יידישע פאַרלאַגן איבערן לאַנד זיינען ליקווידירט געוואָרן און צוזאַמען מיט זיי — די פּעריאָדישע זאַמלביכער אין מאָסקווע, קיעוו און מינסק; די יידישע מלוכה־טעאַטערן מיט זייערע רעזשיסערן און סטודיעס זיינען פאַנאַנדערגעטריבן געוואָרן, און אַ גרויסע צאָל יידישע שרייבער, פאַרשער, שוישפּילער און לערער זיינען אַרעסטירט געוואָרן, טיילווייז איינגעזעצט אין תפיסות און טיילווייז — פאַרשיקט געוואָרן אין די „הרי־חושך", ערגעץ אין ווייטע לאַגערן, ווי די גרעסטע פאַרברעכער. און אַ טייל זיינען נאָך פייניקונגען דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אָן קיין שום דערקלערונג, אָן קיין שום עפנטלעכער באַשולדיקונג, אָן קיין שום משפט...

וואָס עס זיינען געווען די סיבות און מאָטיוון פון אָט דעם מוראדיקן אַקט, דעם פאַרברעך, וועלכער האָט געפירט צום אומקום פון פיל פון די אַרעסטירטע שרייבער, קינסטלער און טוער, און לסוף, וואָס האָט דערפירט צו עפּעס אַ „פּראָצעס" און צו דער גרויזאַמער דערמאָרדונג, אין סאַמע האַרץ פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אין מאָסקווע גופא, פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער, ווי דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, דוד האָפשטיין, י. נוסינאָוו און אַנדערע, — וואָס זיינען געווען די סיבות פון דעם אַלעמען, ווייסן מיר עד־היום נישט. מיר ווייסן נישט און קאָנען זיך אויך נישט דערשלאָגן צו קיין שום אויפקלערונג, הגם דורך פאַרשיידענע וועגן און אויף פאַרשיידענע אופנים האָט מען געפּרואווט דערגיין די געהיימנישן פון דעם גרויליקן פאַרברעך, וואָס מ׳איז באַגאַנגען קעגן אַ פרידלעך פאָלק,

קעגן זיין שפּראַך, קולטור און קעגן זיינע וויכטיקסטע און באַליבטסטע וואָרט־זאָגער, וואָס זיינען געווען טרייע בירגער און הייסע פּאַטריאָטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

ניין יאָר איז אפשר נישט קיין „קיילעכדיקע" דאַטע (ווי 5, 10, 15), עס איז נישט קיין „רונדיקע" דאַטע, אָבער דערפאַר איז עס אַ געווג טראַגישע, און שרעקלעכע, וואָס מען מוז עס פאַרצייכענען, כדי נישט צו פאַרגעסן און נישט צו פאַרגעבן, כדי צו דערמאָנען און נישט מיד צו ווערן ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו מאָנען, און דערביי אויך פאַרלאַנגען, מען זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּרופן, אָפּשאַפן דעם ווילדן פאַרבאָט אויף יידיש, אויף יידיש וואָרט, אויף יידיש בוך, אויף אַ פריי און עפנטלעך יידיש קולטור־לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

ביי אָט דער טיף־טראַגישער געלעגנהייט איז וויכטיק פעסטצושטעלן, ווי גרויס איז געווען דער יידישער שרייבער־פאַרמעג אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס קורסירן וועגן דעם פאַרשיידענע ציפערן, און ס'איז שווער צו דערגיין די אמתדיקע, ריכטיקע צאָל פון די אַקטיוו־שאַפערישע יידישע שרייבער די אַלע יאָרן פון זייער פּראָדוקטיוו און פאַרצוויייגט לעבן, ווי אויך — וויפל פון זיי זיינען געבליבן לעבן נאָכן מוראדיקן וויסטן חורבן און גרויזאַמען אויסראָט.

מיר מאַכן אַ פּרוואו, אויפן סמך פון אויטענטישע מאַטעריאַלן, צו דער־גיין, וויפל עס זיינען געווען שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד און וויפל פון זיי זיינען לעבן געבליבן און פילן זיך געבונדן צו דער משפחה־שרייבער, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט זיך ענדלעך איינגעבן אַנצוהויבן פונ־דאַסניי אַן עפנטלעך אַקטיוו־שאַפעריש יידיש קולטור־לעבן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד אין דער יידישער שפּראַך.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע רשימות פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע יאָרן.

2.

די ערשטע רשימה איז געבויט אויף דעם „קאַטאַלאָג" פון דער אַלפאַר־באַנדישער פאַראייניקונג, „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ", מאָסקווע, 1935", וואָס האַלט 147 זייטן. עס איז אַן אויספירלעכע און גענויע רשימה פון די יידישע ביכער, מיט די פולע נעמען פון די מחברים און איבערזעצער, וואָס זיינען דערשינען אין מאָסקווע, מינסק, כאַרקאָוו און קיעוו אין די יאָרן 1926־1935, — בעיקר — אין די לעצטע פאַר יאָר — 1931־1935. ס'איז צום באַוואונדערן און צום שטוינען, ווי גרויס, ברייט און צאָלרייך עס איז געווען די יידישע

שאַפונגס־פּראָדוקציע אין יענער צייט און אויך איז צום שטוינען פון דער גרויסער צאָל שרייבער, איבערזעצער, פאָרשער, וויסנשאַפטלער אין דער יידישער שפּראַך, עלטערע און יונגע.

קיין שום אַנדערער יידישער קולטור־צענטער, נישט די יידישע אַמעריקע און נישט דאָס יידישע פּוילן פון יענע יאָרן קאָן זיך פאַרגלייכן מיט דעם יידישן ישוב אין ספ״ב אין דעם פּאַרנעם!

די גרויסע צאָל ביכער איז געטיילט אויף די געביטן: קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם; וועגן מאַרקס־לענין־סטאַלין; פּאָליטמאַסאָווע ליטע־ראַטור; רעקאָנסטרוקציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַר־פאַרבאַנד; געשיכטע, געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען; זכרונות, ביאָגראַפיעס, קינסטלערישע ליטעראַטור, — 1) פּראָזע, 2) פּאָעזיע, 3) דראַ־מאַטישע ליטעראַטור; קינסטלערישע זאַמלביכער; קינדער־ליטעראַטור; שפּראַכוויסנשאַפט, ליטעראַטור־פאָרשונג און ליטעראַטור־קריטיק; רייזע־באַשרייבונגען, געאָגראַפיע; לערנביכער: 1) שפּראַך און ליטעראַטור, 2) געזעלשאַפטקענטעניש און געשיכטע, 3) מאַטעמאַטיק און צייכענען, 4) נאַ־טורוויסנשאַפט און געאָגראַפיע, 5) פּעדאַגאָגיק; פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור; היגיענע און מעדיצין; טעכניק; פאַרשידענע.

לאָמיר געדענקען, אַז דאָס אַלץ, די אַלע ביכער זיינען אין דער יידישער שפּראַך. ס'זיינען דאָ ביכער אָריגינעל פאַרפאַסט אין יידיש און אויך — איבערזעצונגען.

שוין פונעם אויבנאויפיקן אַדורכבלעטערן און איבערלייענען די נעמען פון די ביכער (וואָס זיינען געגעבן מיט אַ קורצן אינהאַלט), איז צו זען, אַז די יידישע ביכער נעמען אַרום די פאַרשיידענסטע צווייגן און געביטן פון לי־טעראַטור, קולטור, וויסן, טעכניק א. אַז. וו. ס'איז בכלל צום ערשטן מאָל אין דער קולטור־געשיכטע און בוך־פּראָדוקציע, אַז אין יידיש זיינען דער־שינען ביכער פון אַזאַ מין פאַרמעסט און פאַרנעם.

מיר האָבן אין קאַטאַלאָג פאָלגנדיקע נעמען פון יידישע שרייבער:

מ. אבאַרבאַנעל, א. אבטשוק, ש. אגורסקי, נחום אויסלענדער, איבראַ־מאָוו, אידעלטשוק, ש. איזראַעליט, מ. איטקאָוויטש, דר. ב. אייזנשטאַט, ס. אייזנאַפּט, מ. אלבערטאָן, פּ. אַלטמאַן, מ. אַלטשולער, ב. אָלעווסקי, ש. אלעק, ה. אַלעקסאַנדראָוו, ב. אַקסעלראָד, ז. אַקסעלראָד, ז. אַראַנאָוו, מ. אַראָנסקי, פּ. אַראָנעס, אַרלאַנד, ב. אָרשאַנסקי, א. אַשעראָוויטש.

צ. באַטווינסקי, ר. באַיאַרסקע, ר. באַליאַסנע, באַראָווסקי, כ. באַראַן, ס. באַרזשעס, פּ. בורגאַנסקי, ג. בורטיאַנסקי, פּ. ביבערמאַן, רחל בוימוואַל, א. ביילין, ש. בילאָוו, ה. בלאָשטיין, בליאכער, ק. בעזנאָסיק, ט. בענסמאַן,

ב. בערגאָלץ, דוד בערגעלסאָן, ל. בערמאַן, מ. בערעגאָווסקי, י. בראָנשטיין, מ. ברוקאַש, ש. בריאַנסקי, ש. בערגמאַן.

ש. גאָדינער, מ. גאָלד, י. גאָלדבערג, ל. גאָלדבערג, ל. גאָלדין, י. גאָלד־מאַן, י. גאָלדע, ב. גאָלדענבערג, ש. גאָלדענבערג, א. גאָלדשטיין, מ. גאָלד־שטיין, א. גאָנטאַר, ב. גאַראַן, ג. גאָראַכאָוו, ד. גאַרבאָווסקאַיאַ, ע. גאָרדאָן, ש. גאָרדאָן, ב. גוטיאַנסקי, פּ. גוטמאַן, חוה גוטמאַן, גולקאַ, א. גוקאָווסקי, ל. גורעוויטש, מ. גיטליץ, ש. גיטעליס, מ. גיטערמאַן, יאַ. גילבורד, כ. גילדין, א. געלבמאַן, ל. גרייוועוו, כ. גרין, אי. גרינזייט.

ה. דאָבין, י. דאָבקין, ד. דאָברושין, ד. דאַווידאָוויטש, צ. דאָלגאָפּאָלסקי. מ. דאַניעל, דוואָרעצקאַיאַ, מ. דובינסקי, מ. דובראָוויצקי, כ. דושאַצקי, ה. דיאַמאַנט, מ. דייטש, ש. דימענטשטיין, מאַטע דעכטיאַר, מ. דרויאַנאָוו, ש. דריז.

מ. האָדער, א. האָלדעס, כ. האָלאַמשטאַק, ל. האַלאַמשטאַק, מ. האָלאָמ־שטאַק, ש. האַלקין, דוד האָפּשטיין, מ. האַרצמאַן, א. הובערמאַן, זשעניאַ הור־רעוויטש, א. הינדעס, ש. העלמאָנד, ל. העלער, י. העך, מ. הער, י. הערשנבלום.

א. וואָלאָברינסקי, מ. וואַלעסמאַן, דוד וואָלקנשטיין, ש. מ. וואַפּניאַרסקי, א. וואָראָבייטשיק, מ. וואָרטמאַן, י. וויטענזאָן, מ. וויינגער, נ. וויינהויז, כ. וויינערמאַן, א. וויינשטיין, ז. ווייסמאַן, ל. ווילענקין, ה. ווינאָקור, מ. ווינער, א. וועוויאָרקאַ, מ. וועלטמאַן, א. וועלעדניצקי, ס. וועריטע, ז. ווערעמייקין.

נ. זאַבאַרע, מ. זאַנדבערג, א. זאַרעצקי, כ. זייטשיק, כ. זילבערמאַן, ל. זינגער, י. זעלדין, ס. זשוקאָווסקי.

כ. טאַבאַטשניקאָוו, ל. טאַלאַלאַי, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, ס. טוטשינסקי, משה טייטש, מ. טייף, א. וו. טראַכטענבערג, א. טשעמערינסקי, ע. טשער־ניאַווסקי, י. טשערניאַק.

י. יאַכינסאָן, י. יאַנקעלעוויטש, יודל יאַפע, א. יודיצקי, א. יודעלסאָן.

מ. פּ. כאַוקין, מ. כאַימסקי, מ. כץ, ה. כאַצקעלעס, פּ. כאָראַוועצער, דבורה כאָראָל, אי. כאַריק, מ. כאַשטשעוואַצקי, א. כאַשין.

ג. נ. לאָזאָוויק, י. לאַנגמאַן, ב. לאַפּידוס, נאָטע לוריע, נח לוריע, דינה ליבקיס, מ. ליבערמאַן, רחל ליבערפּאַרב, י. ליובאָמירסקי, משה ליטוואַקאָוו, ש. ליטינסקי, א. לייבמאַן, מ. ליסאַק, מ. ליפשיץ, אבא לעוו, זיסקינד לעוו, מיכל לעוויטאַן, כ. לעווין, ליפּמאַן לעווין, נ. לעווין, שלום לעווין, א. לע־וויצקי, ד. לערמאַן, ל. לערמאַן.

ש. מאָדילעווסקי, כ. מאַלטינסקי, דוד מאַניעוויטש, כ. מאַנקאָוו, א. מאַר־גאָליס, פּרץ מאַרקיש, דניאל מאַרשאַק, ב. מדרש, וו. מיזשיריצקי, א. מייזיל, ה. מייזל, ב. מילער, פּ. מינסקי, א. ז. מיראָל, י. מלינעק.

כ. נאָדעל, י. נוסינאָוו, ל. ניימאַן, מ. נעוול.

ע. סאָווינקאָווסקי, ה. סאָלאָוויי, דר. מ. סאַנדאָמירסקי, ג. סאַנדלער, י. סאָסיס, א. סאפרא, א. סטאַיאַנאָווסקי, סטערליץ, פּייזל סיטא, ב. סלוצקי, א. ספּיוואַק, עלקע ספעקטאָר, ז. סקודיצקי.

שכנא עפּשטיין, מאַקס עריק, א. ערליך, ב. ערקעס.

ה. פּאפּאס, א. פּיאַטיגאָרסקי, מ. פּינטשעווסקי, אידע פּינכאסיק, א. פּלאָטנער, ש. פּערסאָוו, ל. פּרוסמאַן.

נ. פוּיניצקי, נ. פידעלמאַן, כ. פיינליובער, עזרא פינינבערג, או. פינקל, ש. פינקל, ד. פעלדמאַן, אי. פעפער, ב. פרומקין (אסתר), ג. פרידמאַן, מענדל פריץ.

ל. צארט.

נ. קאבאקאָוו, ב. קאגאַן, א. קאַהאַן, אייזיק קאַהאַן, כ. קאַהאַן, ע. קאַהאַן, שרה קאַהאַן, י. קאָוונער, עמנואל קאָזאַקעוויטש, א. קאָטיק, י. קאָטליאַר, צ. קאָטליאַר, כ. קאָלקער, פּראָפ. ס. קאמינסקי, ה. קאַמענעצקי, י. קאַמענעצקי, א. קאנטאר, י. קאַן, ל. קאצאוויטש, ב. קאָראַבייניק, י. קאַרפּינאָוויטש, ש. קאשעווניק, ל. קוויטקאָ, משה קולבאַק, ש. קופּערשמיד, ד. קורלאַנד, א. קושניראָוו, י. קיפּניס, א. קירזשניץ, ד. קליאַצקינא, ש. קליטעניק.

ישראל ראַבינאָוויטש, כ. א. ראַבינאָוויטש, ס. ראַבינאָוויטש, י. ראַבין, י. ראדעק, י. ראַווין, י. ראָזענהויז, א. ראָזענצווייג, מ. ראָטמייער, כייע ראַיק, פּ. ראָכקינד, כ. ראָכשטיין, ש. ראַסין, מ. ראפּאלסקי, י. רוביק, ד. רובינשטיין, נ. רובינשטיין, ד. רומאַנאָווא, י. ריוועס, ש. ריוועס, רוואַוע רייזען, א. רייטשיק, י. רימאַן, י. רימינסקי, ב. ריסקינד, י. רעזניק, ל. רעזניק.

פּ. שאמעס, א. שאַפּירא, ד. שאַפּיראָ, וו. שאַץ, ג. שאַצקי, ה. שאַצקי, ד. שוב, ה. שוועדיק, ד. שטאַרק, י. שטולמאַן, א. שטיינבאַך, נ. שטיף, י. שטשופּאַק, ג. שיינגאָלד, נ. שיינין, מ. שימשעלעוויטש, ע. שניידערמאַן, ע. שעכטמאַן, נ. שעכטמאַן, פּ. שפּיטאַלניק, פ. שפּראַך, ש. שקאראָווסקי, ה. שקליאַר.

די דאָזיקע רשימה, וואָס נעמט אַרום מחברים פון ביכער, וועלכע זיינען דערשינען אין די יאָרן 1926־1935, באַשטייט פון 326 יידישע שרייבער.

3.

די צווייטע רשימה באַשטייט פון 47 באַוואוסטע און באַקאַנטע שרייבער, וואָס האָבן באַגריסט דוד בערגעלסאָנען צו זיין 60טן געבוירנטאָג, אָנהויב 1944. זי איז פאַרעפנטלעכט אין מאָסקווער „אייניקייט״:

מ. אלבערטאַן, הירש ארלאנד, ב. אָרשאַנסקי, ישראל אשענדאָרף, רחל

בוימוואַל, ע. גאָרדאָן, גאָנטאַר, נסתר, דאָברושין, האַלקין, האָפּשטיין, העלער, ז. ווענדראָף, דוד וואָלקנשטיין, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, משה כאַשטשעוואַצקי, ליפמאַן לעווין, נאָטע לוריע, נח לוריע, כאנע לעווין, פּרץ מאַרקיש, י. מאַר־גאָליס, בוזי מילער, י. נוסינאָוו, א. ספּיוואַק, פּייזל סיטאָ, ל. סטראָנגין, ישראל עמיאָט, שכנא עפּשטיין, ש. פּערסאָוו, ה. פּאָליאַנקער, יחיאל פאַליק־מאַן, איציק פעפער, אפרים קאַגאַנאָווסקי, אהרן קושניראָוו, איציק קיפּניס, ל. קוויטקאָ, אברהם קאַהאַן, עמ. קאַזאַקעוויטש, רחל קאָרן, ר. רובינא, ליפע רעזניק, יוסף רובינשטיין, ש. שקאַראַווסקי, דר. מ. שאַץ־אַניז, עלי שעכטמאַן, יעקב שטערנבערג.

דאָ האָבן מיר אויך איניקע יידישע שרייבער פון פוילן, רומעניע, לעט־לאַנד, וואָס האָבן אין יענער צייט געלעבט אין מאָסקווע.

און איצט נאָך אַ רשימה, די דריטע, פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אונטער דעם ריירנדיקן נעקראָלאָג נאָכן טויט פונעם דיכטער משה כאַשטשעוואַצקי, אַפּריל 1944:

נחום אויסלענדער, מ. אַלבערטאָן, איטקאָוויטש, ה. אקצין, ה. אָרלאַנד, מ. אַראָנסקי, ב. אָרשאַנסקי, ישראל אשענדאָרף, רחל בוימוואַל, ב. בערגאָלץ, י. באַליאַסנע, בענדאַס, מ. ד. בערעגאָווסקי, דוד בערגעלסאָן, בעזימענסקי, ש. בערלינסקי, מ. גאַלאָדני, בוזי גאָלדנבערג, עלי גאָרדאָן, שמואל גאָרדאָן, א. גאָנטאַר, ח. גראַדע, גוטיאַנסקי, מ. גרוביאַן, שלום גאָרדאָן, גאַלאָוטשינער, ל. גאָלדבערג, י. דאָברושין, א. דרוקער, א. האַלדעס, ש. האַלקין, א. האַרצמאַן, דוד האָפּשטיין, ב. העלער, הובערמאַן, ז. ווענדאָרף, ד. וואָלקנשטיין, וועלעד־ניצקי, וויינערמאַן, א. ווערגעליס, וויסמאַן, ליובע וואַסערמאַן, ווינאַקור, משה טייף, ז. טעלעסין, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, שפרה כאַלאַדענקאַ, כייקינאַ, מירא כענקינאַ, דבורה כאָראָל, ח. לויצקער, ליפמאַן לעווין, נאָטע לוריע, נח לוריע, כאנע לעווין, מ. ליפשיץ, י. ליובאָמירסקי, לייב מאַרגנטוי, פּרץ מאַרקיש, י. מאַרגאָליס, בוזי מילער, מיידאַנסקי, פּעסקין, י. פאַליקמאַן, איציק פעפער, עלי פאַלקאָוויטש, פרומקין, ע. פינינבערג, א. פינקל, פינ־שרויט, איציק קיפּניס, ל. קוויטקאָ, א. קאַהאַן, עלי קאַהאַן, ל. קאַצאָוויטש, עמ. קאַזאַקעוויטש, רחל קאָרן, יאָסל קאָטליאַר, הירש קאַמענעצקי, יוסף קערלער, קאָטיק, י. ראַבין, ישראל ראַבינאָוויטש, י. ריוועס, רבקה רובינאָ, י. רובינשטיין, ראָזאָווסקי, דר. מ. שאַץ־אַניז, ב. שנייפּאַל, עלי שעכטמאַן.

אָט די דריטע רשימה, וואָס האָט 94 שרייבער, נעמט אַריין, ווייזט אויס, דעם רוב מער וויכטיקע יידיש־סאָוועטישע שרייבער פון נאָכן צווייטן וועלט־קריג, נאָך דעם ווי ס'זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטן קרוב צו 40 יידישע שרייבער.

מ׳וואָלט אויך באַדאַרפט ברענגען אַ פולע, גענויע רשימה פון די יידיש־ש־סאָוועטישע שרייבער, וואָס האָבן אָוועקגעגעבן זייערע לעבנס אין קאַמף קעגן היטלערן און פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד.

אַזאַ פולע און פּינקטלעכע רשימה האָבן מיר נישט.

און איצט אַ פּערטע רשימה פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וואָס זייערע שאַפונגען קומען אַריין אינעם אַלמאַנאַך „אויף נייע וועגן" (דרייסיק יאָר סאָוועטיש־יידיש שאַפן), וואָס איז צונויפגעשטעלט, זומער 1947, דורכן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, און איז דערשינען אין איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, סוף 1948. ס׳קומען שאַפונגען פון פאָלגנדיקע 67 יידיש־סאָוועטישע שרייבער, עלטערע און יינגערע (בלויז דיכטער און פּראָזאַאיקער).

די רשימה האָבן מיר שוין פריער געבראַכט אין דעם אַרטיקל וועגן דעם אַלמאַנאַך. מיר ברענגען זי איצט נאָך אַמאָל:

מ. אַלבערטאָן, ב. אָלעווסקי, מ. אַראָנסקי, הירש אָרלאַנד, אי. באָרו־כאָוויטש, רחל בוימוואָל, ד. בערגעלסאָן, משה בראָדערזאָן, ש. גאָדינער, משה גאָלדשטיין, שירקע גאָמאַן, אברהם גאָנטאַר, עליע גאָרדאָן, מ. גערשנזאָן, מ. גרוביאַן, הירש דאָבין, מ. דאַניעל, ש. האַלקין, ד. האָפשטיין, מ. האַרצמאַן, מ. העלמאָנד, ב. העלער, אהרן ווערגעליס, י. זעלדין, לייב טאַלאַליי, מ. טאַ־לאַליעווסקי, משה טייף, זלמן טעלעסין, שפרה כאַלאָדענקאָ, משה כאַשטשע־וואַצקי, נאָטע לוריע, נח לוריע, מענדל ליפשיץ, ליפמאַן לעווין, חנה לעווין, חיים מאַלטינסקי, פּרץ מאַרקיש, ב. מילער, דער נסתר, אַנאַ סטעלמאַך, פּייזול סיטאָ, ישראל עמיאָט, הערשל פּאָליאַנקער, אייזיק פלאַטנער, יחיאל פאַליק־מאַן, עזרא פינינבערג, איציק פעפער, עליע קאַהאַן, עמנואל קאָזאַקעוויטש, יאָסל קאָטליאַר, הירש קאַמענעצקי, לייזער קאַצאָוויטש, לייב קוויטקאָ, אהרן קושניראָוו, איציק קיפּניס, יוסף קערלער, י. ראַבין, שמואל ראָסין, רבקה רובין, שלמה רויטמאַן, הערץ ריווקין, ליפע רעזניק, אשר שוואַרצמאַן, הענעך שוועדיק, יעקב שטערנבערג, עליע שעכטמאַן, יחיאל שרייבמאַן.

דאָ האָבן מיר ווידער עטלעכע שרייבער פון פּוילן און רומעניע, און איניקע, וואָס זיינען שוין, צו יענער צייט, געווען אויפן עולם האמת.

.4

און אָט נאָך אַ רשימה, אַ פינפטע. דאָ קומען נעמען פון שרייבער (אויך איניקע שווישפּילער), וואָס האָבן זיך געחתמעט אויף דער מיטלייד־מעלדונג נאָכן טויט פון מ. אַלבערטאַן, — געשטאָרבן דעם 20טן נאָוועמבער, 1947. עס קומען די נעמען פון פאָלגנדיקע שרייבער.

אויסלענדער, אַלטשולער, אַשעראָוויטש, בערגעלסאָן, בראָדערזאָן, בוימ־

וואָל, גאָנטאַר, גאָלדבערג, גאָמאָן, גאָרדאָן, ש. גאָרדאָן, גוטיאַנסקי, גרוביאַן, געץ, הובערמאַן, העלער, העפּטער, העלמאָנד, וואַסערמאַן, וויינערמאַן, וועג־דראָף, וועלעדניצקי, ווערגעליס, זאַבאַרע, זוסקין, זשיץ, טאַלאַלאַיעווסקי, טעלעסין, טייף, טשערניאַווסקי, כאַלאָדענקאָ, כייקינע, לוריע נוח, לוריע נאָטע, ליומקיס, ליפשיץ, לעוו אבא, לעוו מ., לעווין, לעווין כאַנע, לויטער, ליובאָמירסקי, לויצקער, מאַרקיש, מאלטינסקי, מאַרגאָליס, מילער, מיכאָעלס, מיזשיריצקי, מעלאַמוד, דער נסתר, נוסינאָוו, נאָטאָוויטש, ספּיוואַק, סטראָנגין, סערעבריאַני, עמיאָט, פּינטשעווסקי, פערסאָוו, פאָליאַנקער, פלאַטנער, פאלקאָוויטש, פאַליקמאַן, פעפער, פרומקין, פינקעל, פיש, אברהם קאַהאַן, קאַן, קאַמענעצקי, קאָזאַקעוויטש, קאַצאָוויטש, קאָטליאַר, קושניראָוו, קוויטקאָ, קיפּניס, קערלער, ראַבין, ראַבינקאָוו, ס. ראַבינאָוויטש, י. ראַבינאָוויטש, ריווע רובינא, רויטמאַן, שאַדור, שולמאַן, שנייפּאל, שעכטמאַן, שטערנבערג.

און לסוף ברענגען מיר אַ זעקסטע רשימה פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער וואָס האָבן באַוויזן, ביי פאַרשיידענע גרויזאַמע באַדינגונגען, איבערצולעבן די עטלעכע גרויליקע סטאַלין־בעריאַ־יאָרן, און וועלכע האָבן זיך מיט אַ יאָר צוריק אונטערגעשריבן אונטער דער באַגריסונג צום 80טן געבוירנטאָג פון ז. וועגדראָף, „דעם וועטעראַן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד". די יידישע באַגריסונג, אויף וויפל מיר ווייסן, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פּאַריז, וואַרשע, ניו־יאָרק. אין מאָסקווע איז נישט געווען (און ס'איז נאָך אַלץ נישטאָ) קיין יידישע צייטונג אָדער צייטשריפט, וואו אָט די 60 יידיש־שרייבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד זאָלן קאָנען פאַרעפנטלעכן זייערע יידישע ווערק אָדער אַפילו קורצע מעלדונגען אין יידיש.

אָט זיינען די נעמען פון די אָפּגעראַטעוועטע, לעבן־געבליבענע יידישע שרייבער, וואָס קומען אין דער־אָ רשימה:

נחום אויסלענדער, משה אַלטמאַן, אַלטשולער, הירש אָשעראָוויטש, אי. באָרוכאָוויטש, רחל בוימוואָל, באָרישעס, מ. בעלענקי, ה. בעריאָזקין, בראָנפמאַן, גאָנטאַר, גיבניצקי, עליע גאָרדאָן, שמואל גאָרדאָן, שלום גאָרדאָן, טביה געץ, הערשל דאָבין, צ. דאָלגאָפּאָלסקי, שיקע דריז, שירקע גאָמאַן, שמואל האַלקין, ליובע וואַסערמאַן, אהרן ווערגעליס, זילבערמאַן, משה טייף, זיאַמע טעלעסין, שפרה כאַלאָדענקאָ, דבורה כאַראַל, כאַראַץ, מירע כענקינאַ, נאָטע לוריע, נח לוריע, ח. לויצקער, ליומקיס, י. ליובאָמירסקי, חיים מאַלטינסקי, בוזי מילער, מ. נאָטאָוויטש, סלאָנים, מאָטל סאַקציער, ישראל סערעבריאַני, הערשל פאָליאַנקער, אייזיק פלאַטנער, עליע פאַלקאָוויטש, נחום פרידמאַן, פרומקין, אברהם קאַהאַן, איציק קיפּניס, י. קערלער, הערשל קאַמענעצקי,

יאַנקל ראַבין, הערשל ראַבינקאָוו, רבקה רובינא, מאָטל ריאַנט, מ. ראַזומני, רויטמאַן, ריוועס, הערשל רעמיניק, שאַמבאַדאַל, שטורמאַן.

מען דאַרף צוגעבן, אַז עס פעלן אין די געבראַכטע רשימות די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, — בעלעטריסטן און איבערזעצער, וואָס זיינען געווען פּראָדוקטיוו־שאַפעריש אין די יאָרן 1917־1927, וועלכע זיינען נישט אַריין אין דער ערשטער געבראַכטער רשימה פון די מחברים אינעם דערמאָנטן קאַטאַלאָג פון 1935. עס פעלן אויך יידיש־סאָוועטישע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די טעגלעכע סאָוועטיש־יידישע צייטונגען און די צייטשריפטן פון מאָסקווע, מינסק, קיעוו, כאַרקאָוו א. אַנד. זייער צאָל איז זיכער אַ גאַנץ־גרויסע.

מען באַדאַרף, אגב, באַמערקן, וואָס אין דער לעצטער רשימה פעלט אויס דער יידיש־סאָוועטישער שרייבער עמ. קאַזאַקעוויטש, וועלכער באַטייליקט זיך אויך נישט אין די פאַרשיידענע צונויפקומס פון די לעצטע יאָרן פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער אין מאָסקווע. אין אַזאַ צייט זיך אָפּטיילן פון איגענע קאָלעגן, איז גאָרנישט אַזוי שיין און פיין. און ער איז דאָך געווען אַ פּראָדוקט פון ביראָבידזשאַן, און אַ זון פון הענעך קאַזאַקעוויטש!

דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער־פאַרמעג איז געווען אַ זייער גרויסער און באַדייטנדיקער. באַטראַכטנדיק און איסרעכענענדיק אים, זעען מיר פון איין זייט — אויף וויפל דאָס סאָוועטיש־יידישע קולטור־שאַפערישע לעבן איז געווען רייך און גייסטרייך אין די יאָרן 1917־1948, און פון דער צווייטער זייט זעען מיר — אויף וויפל גרויס און מוראדיק עס איז געווען דער חורבן, די פאַרוויסטונג און פאַרניכטונג פון דעם אַקטיוון, פּראָדוקטיוון און אימפּולסיוון יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

נאָוועמבער 1957

ציפערן און פאַקטן

כדי צו האָבן אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג און באַגריף וועגן דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַריש־קינסטלערישן לעבן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, — לערך פון אַ 20 יאָר, פון 1917 ביז 1937 — וועלן מיר ברענגען איינצלנע, אָפּגעריסענע ידיעות און ציפערן, וועגן דעם אַלזייטיקן און פאַר־צווייגטן יידישן קולטור־לעבן, — וועגן די יידישע שולן, וועגן לערער און שילער אין פאַרשיידענע טיילן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. עס קומען אויך ידיעות און ציפער וועגן דערשינענע ביכער, וועגן קולטור־קאָנפערענצן, סע־מינאַרן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וועגן פאַרשיידענע פלענער און פאַרמעסטן, טעטיקייטן און אויפטוען אויף די קולטור־געביטן. די ידיעות, באַריכטן און ציפערן האָבן מיר גענומען פון פאַרשיידענע צייטשריפטן, בעיקר — פון די „ליט. בלעטער" פון איניקע איינצלנע יאָרן. זיי שעפּן אַוודאי וויט נישט אויס אַלץ, וואָס איז געווען, געשען און געטאָן געוואָרן אין ספ"ב — אויף די פאַרשיידענערליי געביטן פונעם דאַרטיקן יידישן לעבן.

זאָל עס דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר וויטערדיקע פאָרש־אַרבעטן.

שול־וועזן, — פאָלקס־ און הויך־שולן

אויף דער אַלרוסישער פּעדאַגאָגישער קאָנפערענץ אין מאָסקווע, האָט דער פאַרוואַלטער פונעם יידישן בילדונגס־ביוראָ ביים קאָמיסאַריאַט פון בילדונג ח' פּאַלאַטניק, געהאַלטן אַ פאָרטראָג וועגן די אויפגאַבן און פערס־פּעקטיוון פון יידישער בילדונגס־אַרבעט. פונעם פאָרטראָג איז צו זען, אַז די יידישע שול־נעץ אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 25 פּראָצענט. די אינערלעכע אַרבעט אין דער יידישער שול איז באַדייטנדיק פאַרבעסערט געוואָרן. די אַלגעמיינע צאָל קול־טור־אַנשטאַלטן האָט זיך פאַרגרעסערט פון 58 אויף 112. פאַראַן געוויסע דערגרייכונגען אין דער פאַרלאַגס־אַרבעט. שוואַך איז די נעץ פון פּראָפעסיאָ־נעלע שולן. די מאַטעריעלע לאַגע פון די שולן איז זייער אַ שווערע.

און ווייטער האָט דער רעפערענט געזאָגט, אַז ס'איז איצט נויטיק צו עפענען העכער טויזנט נייע שולן. דער דאָזיקער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין פאַרלויף פון 5 יאָר.

אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד זיינען איצט פאַראַן 750 יידישע שולן, וואו עס לערנען זיך 115 טויזנט קינדער; אין ווייסרוסלאַנד — 170 שולן מיט 25 טויזנט קינדער. אין די איבעריקע לענדער פון ראַטנפאַרבאַנד — 110 שולן. אין די אַרבעטער־פאַקולטעטן פון ווייסרוסלאַנד לערנען זיך 225 יידן, אַלע באַקומען מלוכה־סובסידיעס. (1926).

♦

י. י. זינגער, וועלכער האָט באַזוכט אין 1926 סאָוועטנפאַרבאַנד האָט איבערגעגעבן: „ס'ווערן אַרויסגעגעבן פיל ביכער פאַר דער יידישער שול. לערנביכער גייען זיך פאַנאַנדער אין 25 — 30 טויזנט עקז. ס'דערשיינען אויך פיל וויסנשאַפטלעך־פעדאַגאָגישע ליטעראַטור... עס דערשיינען ליטע־ראַרישע חודש־זשורנאַלן. „רויטע וועלט" אין כאַרקאָוו, דער מינסקער „שטערן". עס דערשיינען יוגנט־זשורנאַלן „יונג וואַלד", „פיאָנער" א. אַ. וו. יידיש איז גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע אַנדערע שפּראַכן. די סאָוועט־רעגי־רונג, וואָס גיט אַלע פעלקער די גרעסטע מעגלעכקייטן זיך צו אַנטוויקלען אין זייער שפּראַך, גיט אויך יידן, כאָטש נישט אַ טעריטאָריאַל פאָלק, די ווייטגייענדיקסטע מעגלעכקייטן פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור. עס לערנען זיך העכער 100 טויזנט קינדער אין די יידישע שולן. די צאָל וואַקסט. פאַראַן פיל יידישע פעדאַגאָגישע טעכניקומס, אַרבעטער־פאַקולטעטן, יידישע פויערן־שולן... (1927).

♦

לויטן אָפיציעלן באַריכט געפינען זיך אין אוקראַינע 1,556,000 יידן. ס'געפינען זיך איצט 432 שולן מיט 2146 לערער און 68,087 שילער; 12 טעכנישע שולן און 10 פאַבריק־שולן, 1 מוזיקאַלישע אַקאַדעמיע, 1 קונסט־אַקאַדעמיע, 1 אַגריקולטור־שולע, 4 פעדאַגאָגישע טעכניקומס, 1 אַרבעטער־פאַקולטעט, 1 יידישער דעפּאַרטמענט ביים דערציאונגס־אינסטיטוט און 1 דעפּאַרטמענט ביי דער אוקראַינישער אַקאַדעמיע. (1927).

♦

אין ווייסרוסלאַנד זיינען דאָ 184 יידישע פאָלקס־שולן, דריי פעדאַגאָגישע אַנשטאַלטן, אַ יידישע סעקציע ביי דעם פעדאַגאָגישן פאַקולטעט פונעם מלוכה־אוניווערסיטעט, אַ יידישע אָפּטיילונג ביים ווייסרוסישן קולטור־אינסטיטוט. אחוץ דעם — פאַך־שולן און פאַרלאַגן. (1927).

♦

פאַר די לעצטע דריי יאָר איז די יידישע שול־נעץ אויף אוקראַינע זייער שטאַרק אויסגעוואַקסן. אין 1923־1924 לערניאָרן זיינען געווען 260 יידישע שולן מיט 56,394 קינדער, אין 1925־1926 לערניאָרן זיינען געווען 457 שולן מיט 74,500 קינדער. איצט — קנאַפּע 500 שולן מיט העכער 80 טויזנט קינדער.

לויט די ידיעות פון דער צענטראַלער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג אין אוקראַינע מאַכט עס אויס כמעט 50 פּראָצענט פון דער צאָל יידישע קינדער, וואָס באַזוכן בכלל אַ שול. (1927).

♦

ס'איז געוואָרן 5 יאָר זינט ס'עקזיסטירט אין אוקראַינע דער יידישער פּעדאַגאָגישער טעכניקום. ער האָט שוין אַרויסגעלאָזט 115 לערער. איצט לערנען אין טעכניקום 166 שילער. (1927).

יידישע בילדונגס־אַנשטאַלטן זיינען איצט פאַראַן אין קיעוו: 24 מיטל־שולן מיט 5623 קינדער, 4 פּראָפעסיאָנעלע שולן מיט 276 קינדער, 4 פאַבריק־שולן מיט 357 שילער, 10 קינדער־הייזער מיט 650 קינדער, 10 קינדער־גערטנער מיט 467 קינדער, קינדער־קלוב מיט 40 קינדער, 2 שול־היימען מיט 327 קינדער, 2 אָוונט־שולן מיט 335 דערוואַקסענע תלמידים, 2 אַרבעט־קלובן, 13 קוסטאַר־קלובן, 5 ביבליאָטעקן, 8 יידישע אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע ביבליאָטעקן, 5 לייען־שטיבלעך אין די שטעטלעך, 1 פּעדאַגאָגישער טעכניקום פאַר 160 צוהערער. אַ באַדייטנדיקע אַרבעט פירט אויך די יידישע קאַטעדרע ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע. עס איז אויך פאַראַן אַ יידישע אָפּטיילונג ביים אַרבעטער־אוניווערסיטעט. דער ביודזשעט פון דער יידישער קולטור־ און בילדונגס־נעץ אין קיעוו באַטרעפט אַן ערך 25 פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם בילדונגס־בודזשעט. דער צוואַנג צו שיקן יידישע קינדער דווקא אין יידישע שולן, ווי עס איז געווען ביז פאַריקן יאָר, עקזיסטירט שוין מער נישט. נאָר די יידישע שול־נעץ איז דורך דעם נישט פאַרקלענערט געוואָרן, ווייל די יידישע שול האָט געוואונען דעם צוטרוי פון דער באַפעלקערונג, און די עלטערן אַליין שיקן זייערע קינדער גערן אין דער יידישער שול. (1927).

♦

לויט די אָפיציעלע ידיעות, זיינען איצט (1929) אין סאָוועטנפאַרבאַנד צום נייעם שול־יאָר טעטיק 360 יידישע קינדער־שולן, אין די שולן לערנען זיך 106 טויזנט קינדער. די יידישע קינדער פון שול־עלטער זיינען פאַרזאָרגט מיט שולן אויף איבער 70 פּראָצענט. אין דער צאָל גייען שוין אויך אַריין יענע יידישע קינדער, וואָס לערנען זיך אין די אַלגעמיינע שולן. אין אוקראַינע זיינען איצט פאַראַן 270 טויזנט יידישע קינדער פון שול־עלטער. פון זיי גייען 82 טויזנט אין אַלגעמיינע שולן און 80 טויזנט אין ספּעציעלע יידישע שולן. אין ווייסרוסלאַנד זיינען פאַראַן 58 טויזנט יידישע קינדער פון שול־עלטער. פון זיי גייען 20 טויזנט אין אַלגעמיינע שולן און 24 טויזנט אין יידישע שולן. אין דער רוסלענדישער סאָוו. רעפּובליק זיינען פאַראַן

76 טויזנט יידישע קינדער פון שול־עלטער, אַ העלפט פון זיי גייען אין יידישע שולן און די צווייטע העלפט — אין אַלגעמיינע שולן. (1929).

♦

דאָס יידישע שול־ווען אויף אוקראַינע איז געוואַלדיק גרויס און באַפעס־טיקט. היינטיקס יאָר זיינען דאָ אין אוקראַינע 532 ייד. שולן פון ערשטן קאָנצענטער מיט 66.252 קינדער, וואָס ווערן באַדינט דורך 2032 לערער. פון צווייטן קאָנצענטער זיינען דאָ 239 שולן מיט 22.176 קינדער און 1748 לערער. אויף ווי־וויט דאָס יידישע שול ווען אין אוקראַינע איז מעכטיק, באַווייזט דער פאַרגלייך מיט די ייד. שולן אין גאַנץ פוילן, וואָס געהערן צו דער צ. י. ש. א. ווי באַקאַנט זיינען אַרום דער צ. י. ש. אָ. דאָ אינגאַנצן 104 פאָלקסשולן מיט 13.200 קינדער. די ייד. פעדאַגאָגישע טעכניקומס אין אָדעס, זשיטאָמיר און וויניצע האָבן אין 1930 אַרויסגעלאָזט 610 לערער און היי־יאָר — 900 לערער. דעם 1טן יאַנואַר 1932 עפנט זיך אין קאַליניב־דאָרפער יידישן ראַיאָן אַ פערטער יידישער פעדאַגאָגישער טעכניקום, די שולן האָבן געליטן אַ גרויסן דוחק אין לערנביכער. היינטיקס יאָר זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן נייע 39 לערנביכער. (1931).

♦

דער היינטיקער לערניאָר אין די ייד. שולן פון ראַטנפאַרבאַנד שטייט פאַר אַ סכנה צוליבן שאַרפן דוחק אין לערנביכער, — ווערט געמאָלדן פון דער „בריגאַדע", וואָס האָט אונטערזוכט די אַרבעט פון דער ייד. סעקציע פון „צענטערפאַרלאַג" וועלכער האָט די אויפגאַבע צוצוגרייטן לערנביכער פאַר די ייד. שולן. 3 פערטל פון פאַרגאַנגענעם לערניאָר זיינען די ייד. שולן אין ראַטנפאַרבאַנד געבליבן אָן ביכער, און די לימודים זיינען שטאַרק געשטערט געוואָרן. היינטיקן יאָר שטייען די שולן ווידער פאַר דער זעלבער סכנה.

37 נייע לערנביכער דאַרפן אַרויסגעגעבן ווערן צום שול־סעזאָן (7 מאַ־טעמאַטישע, 5 איבער נאַטור־וויסנשאַפט, 4 ייד. גראַמאַטיקעס, 2 כעמישע, 6 שפּראַך־לערנביכלעך אאַז"וו). דערפון — 10 אָריגינעלע, און די איבעריקע איבערזעצט פון אוקראַיניש און רוסיש. ביז איצט אָבער זיינען אַרויס פון דרוק 8. פון די איבעריקע זיינען אַ טייל נאָך ניט פאַרטיק, און מען ווייס נישט, ווען זיי וועלן פאַרטיק ווערן, און אַ טייל זיינען נאָך אַפילו ניט אָנ־געשריבן. די „בריגאַדע" באַשולדיקט דערין סיי די פאַרפאַסער פון די לערנביכער, סיי די דרוקעריי און די פאַרוואַלטונג פון „צענטרפאַרלאַג". (1931).

♦

די צאָל יידישע שולן, טעכניקומס און הויך־שולן אין ווייסרוסלאַנד וואַקסט: אין 1928 האָט ווייסרוסלאַנד געציילט 209 יידישע שולן מיט 26.639 שילער; אין 1930 — 294 און 29.770 שילער; אין 1934 איז די צאָל

שולן פֿאַרקלענערט געוואָרן. אינגאַנצן 231 שולן — אָבער די צאָל שילער האָט זיך פֿאַרגרעסערט ביז 35,373. דאָס גלייכן וואַקסט די צאָל פֿון העכערע אַנשטאַלטן. עס ווערט אַלץ שווערער צו באַזאָרגן די לערן־אַנשטאַלטן, דער עיקר פֿון העכערן טיפּ, מיט דער נויטיקער צאָל קוואַליפֿיצירטע לערער און לעקטאָרן. אינעם יידישן סעקטאָר פֿון מאָהילעווער (ווייסרוסלאַנד) אינסטיטוט פֿאַר פֿאָליטישער בילדונג ווערן שוין אַלע לימודים, חוץ איינעם, געלערנט אויף רוסיש און ווייסרוסיש, ווייל עס זייַנען נישטאָ קיין לעקטאָרן, וואָס זאָלן קענען לייענען די לעקציעס אויף יידיש. דאָס זעלבע קומט אויך פֿאָר אין יידישן סעקטאָר פֿונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין מינסק, וואו אַ העלפֿט לעקציעס ווערן געלייענט נישט אין יידיש, צוליבן דוחק אין לעקטאָרן, וואָס קענען יידיש. (1934).

♦

אַ גרופּע ליטעראַטור־פֿאָרשער און קריטיקער (י. בוסינאַוו, ב. אויסלענדער, א. גורשטיין, י. דאָברושין און מ. ווינער) זייַנען אַרויסגעטראָטן אין „עמעס" מיט אַ פֿאָרשלאָג וועגן צונויפֿרופֿן אין מאָסקווע אַן אַלפֿאַרבאַנדישע קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע הויכשולן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. אין דער לערן־פּראַקטיק פֿון די יידישע הויכשולן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסע דערפֿאַרונג, אָבער די דאָזיקע דערפֿאַרונג בלייבט צעשפּליטערט. עס איז דעריבער נויטוועדיק צונויפֿצורופֿן אַ קאָנפֿערענץ, וואָס זאָל פֿאַר־סך־הכלען די דאָזיקע דערפֿאַרונג און אָנצייכענען אַ ליניע פֿאַר ווייטערדיקער אַרבעט. אין דער ערשטער ריי ווערט פֿאָרגעלייגט צונויפֿצורופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון יענע יידישע הויכשולן, וואָס אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור און שפּראַך, ווייל גראָד אויף די דאָזיקע געביטן האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך פֿראַגן, וואָס דאַרפֿן געלייזט ווערן. די קאָנפֿערענץ דאַרף, לויט דעם פֿאָרשלאָג פֿון די איניציאַטאָרן, באַהאַנדלען סיי די טעאָרעטיש־וויסנשאַפֿטלעכע, סיי די פּעדאַגאָגיש־מעטאָדישע פֿראַגן פֿון די הויכשולן, ווי אויך רעגולירן אַ ריי אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן. ווי מען רעכנט וועט דער פֿאָרשלאָג אָנגענומען ווערן אין בילדונגס־קאָמיסאַריאַט און די געפּלאַנטע קאָנפֿערענץ וועט צונויפֿגערופֿן ווערן אין מאָסקווע. (1934).

♦

דער פֿאָרזיצער פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן „ציק" האָט נאָכן אויסהערן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פֿון מינסקער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז עס דאַרף פֿאַרגרעסערט ווערן די נעץ פֿון יידישע שולן, ביבליאָטעקן, קלובן, און די יידישע באַפֿעלקערונג דאַרף באַזאָרגט ווערן מיט אַלע נויטיקע קולטור־אַנשטאַלטן, קינאָ, טעאַטער א. אַז. וו. (1934).

♦

אין ווייסרוסלאַנד גייען הײַ־יאָר אין יידישע שולן 33.000 קינדער אין די 215 שולן (96 אָנפאַנגסשולן, 109 נישט פולע און 12 מיטלשולן). (1935).

◆

אין ווייסרוסלאַנד, וואו ס׳וואוינען אַרום אַ האַלבן מיליאָן יידן, זײַנען דאָ צוויי יידישע פעדאַגאָגישע טעכניקומס, יידישע אָפּטיילונגען ביים אַל־געמיינעם פעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין האָמעל און אין מינסק, אַ יידישע אָפּטיילונג ביים כעמישן אינסטיטוט. הײַ־יאָר האָט זיך אויך געעפנט אַ יידישער לערער־אינסטיטוט. פאַראַן אַ יידישער סעקטאָר ביי דער ווייס־רוסישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. עס זײַנען דאָ 107 נישט־פולע יידישע מיטלשולן מיט 36,500 שילער, אייניקע פאַרשול־אַנשטאַלטן, 9 יידישע קינדער־הייזער, אַ גרויסע צאָל קינדער־פלעצער און יאַסלעס (וויג־היימען). פאַר דערוואַקסענע זײַנען דאָ קולטור־הייזער, קלובן, קינאָ־טעאַטערס, ס׳איז באַקאַנט איבערן גאַנצן לאַנד דער יידישער מלוכה־טעאַטער אין מינסק. ביי דעם אַלגעמיינעם ווייסרוסישן שרייבער־פאַרבאַנד זײַנען אָרגאַניזירט 34 יידישע שרייבער, צווישן זיי אַ היפשער פּראָצענט יוגנטלעכע. ס׳איז דאָ אַ גרויסע יידישע טעגלעכע צייטונג „אָקטאָבער”. אַ צייטונג פאַר קינדער און יוגנטלעכע, אַ ליטעראַריש־פּאָליטישער זשורנאַל „שטערן”, „אַ מלוכה־פאַרלאַג א. אַ. וו.”. (1936).

◆

אין ווייסרוסלאַנד זײַנען איצט דאָ 296 יידישע שולן, פון זיי — 10 מיטלשולן. עס לערנען זיך אין די יידישע שולן ביי 30,000 יידישע שילער. דאָס נעמט נישט אַרום אַלע יידישע קינדער פון שול־עלטער. אַ סך פון זיי גייען אין רוסישע, ווייס־רוסישע, אוקראַאינישע און פּוילישע שולן. (1937).

יידיש, שפּראַך־קאָנפערענצן, קולטור־טעטיקייטן

דער רעזולטאַט פון דער פאָלקסציילונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווייזט, אַז 92 (צוויי און נײַנציק) פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער טעגלעכע שפּראַך. אין אוקראַאינע איז דער פּראָצענט פון יידיש־רעדנדיקע 76 פּראָצענט. (1928).

◆

דער פאָלקקאָמבילד פון ווייסרוסלאַנד רופט צונויף דעם 28 יאַנואַר אַן אַלווייסרוסלענדישע קאָנפערענץ פון ייד. קולטור־טוער. די טאָג־אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ איז: 1) דער רעקאָנסטרוקטיווער פּעריאָד און די קולטור־רעוואָלוציע; 2) דער צושטאַנד און די אויפגאַבן פון קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אין ווייסרוסלאַנד; 3) די קולטור־אַרבעט פון די פּראָפאַראײַנען צווישן די ייד. אַרבעטער; 4) דער קלאַסן־קאַמף אויפן

טעאַרעטישן פּראַנט און די טעטיקייט פונעם יידסעקטאָר ביי דער ווייס־רוסישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע; 5) דער קלאַסן־קאַמף און פּעדאַ־גאָגיק; 6) די אויפגאַבן פון דער ייד. פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין רע־קאָנסטרוקטיוון פּעריאָד; 7) דער קאַמף פאַר מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע אין דער ייד. ליטעראַטור; 8) מעטאָדיק פון ליטעראַטור און שול; 9) דער צושטאַנד און די אויפגאַבן פון פאָליטאויפקלער־אַרבעט אין שטעטל און אין סאָציאַליסטישן סעקטאָר פון דאָרף; 10) אינטערנאַציאָנאַלע דערציאונג; 11) אַנטי־רעליגיעזע דערציאונג. (1931).

♦

אין קיעוו איז געשלאָסן געוואָרן די דריטע יערלעכע קאָנפערענץ פון דעם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס, אין וועלכע עס ווערן פאָרמולירט די ריכטליניעס און פּראָגראַם פאַרן שטודיום פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג צווישן די ייד. מאַסן. (1931).

♦

ביים מוזיי פאַר יידישער קולטור אויפן נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים אין אָדעס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן עקאָנאָמיש־שטייגערישע אָפּטיילונג, וואו עס וועלן געזאַמלט ווערן מאַטעריאַלן וועגן די עקאָנאָמישע פּראָצעסן אין דער יידישער סביבה און די אָפּטיילונג פון די יידישע מאַסן. די נייע אָפּטיילונג וועט הויפּטזעכלעך זיין געווידמעט די נייע עקאָנאָמישע דערשיי־נונגען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דורך דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער סאָוועטנמאַכט. (1931).

♦

דער קרימער „ציק" האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, לויט וועלכן די גאַנצע געשעפטספירונג אין די ייד. סאָוועטן און קאָלעקטיוון אין קרים מוז זיין אין יידיש. אין באַשלוס ווערט געזאָגט, אַז ביז איצט איז אין אַ טייל סאָוועטן און קאָלעקטיוון די געשעפטספירונג נישט פאָרגעקומען אין דער ייד. שפּראַך צוליבן מאַנגל פון דער אָנטשפּרעכנדיקער טערמינאָלאָגיע. איצט אָבער ווערט אין פעריידאָרף געעפנט אַ ספּעציעלע באַראַטונגס־ביוראָ, וואָס וועט מיטהעלפן די יידישע סאָוועטן איבערצוגיין צו דער געשעפטס־פירונג אין יידיש. עס וועלן אויך געעפנט ווערן ספּעציעל קורסן פאַר יידי־שער אַמט־פירונג. נאָך אַ געוויסער צייט וועט די אַמט־פירונג אין דער יידי־שער שפּראַך ווערן אַן אַבליגאַטאָרישע. (1932).

♦

אין קיעוו האָט זיך געעפנט די אוקראַינישע באַראַטונג איבער דער

פראַגע פון יידישער שפּראַכקענטעניש, צונויפגערופן פונעם פאָלקאָמבילד (פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג) פון אוקראַינע, פאָלקס־אינסטיטוט פאַר ייד. פּראָלעטאַרישער קולטור ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און פון דער רעדאַקציע „שטערן". אויף דער באַראַטונג זיינען אָנגעקומען העכער 100 דעלעגאַטן און געסט פון אוסס"ר, רסס"ר און ווסס"ר. עס איז פאַרגעשטעלט די גאַנצע יידישע פּרעסע פון ראַטנפאַרבאַנד, די פאַר־לאַגן, די וויסנשאַפטלעך־פאַרשערישע אַנשטאַלטן, די הויכשולן א. אַ. וו. (1934).

♦

די אוקראַינישע ייד. שפּראַך־באַראַטונג, וואָס עס רופט צונויף דער אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון דער אַלאוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, דער פאָלקאָמבילד פון אוסס"ר און די רע־דאַקציע „שטערן", איז באַשטימט אויפן 7טן מאַי.

די באַראַטונג וועט פאָרקומען אין אינסטיטוט (קיעוו).

דער טאָג־סדר פון דער באַראַטונג איז אַזאַ:

1) אַריינפיר־ווערטער פון דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט.

2) די סאָוועטישע לינגוויסטיק און די נייע לערע וועגן שפּראַך — פאַר־שטייער פון לענינגראַדער אינסטיטוט פאַר שפּראַך און דענקען.

3) די לאַגע אויפן שפּראַך־פראָנט אין אוקראַינע — ערשטער שטעל־פאַרטרעטער פון פאָלקאָמבילד פון אוסס"ר — כווילאַ.

4) די סאָוועטישע שפּראַך־פּאָליטיק אין דער אָנווענדונג פון יידיש און ספּעציעל צו דער פּרעסע — ע. ספּיוואַק און מ. לעוויטאַן.

5) וועגן טערמינאָלאָגיע — ע. ספּיוואַק און ב. סלוצקי.

6) וועגן אויסטייטש־ווערטערבוך — ל. האָלמשטאָק.

7) סיסטעם פון גראַמאַטיק — א. זאַרעצקי.

8) יידיש אין אָנפאַנג און מיטלשול.

9) פּלאַנירונג פון דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך־אַרבעט.

אויף דער באַראַטונג זיינען איינגעלאַדן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן, צווישן זיי די אינסטיטוטן, פאַר ייד. פּראָלעטאַרישער קול־טור אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד און אַנדערע שפּראַך־אינסטיטוטן, די פאָלקאָמבילד פון אוסס"ר, רספס"ר, קרים און פון מאָלדאַוויע, פאַרשטייער פון די יידישע פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן און טעכניקומס, פון מערב־אוני־ווערסיטעט, כאַרקאָווער זשורנאַליסטיק־אינסטיטוט, פון די צייטונגען „עמעס", „שטערן", „אָקטאָבער", „אַדעסער אַרבעטער", „פּראָלעטאַרישע פאָן" און אַלע אַנדערע יידישע שטאָטישע ראַיאָנע, „פּאָליטאָפּטיילערישע צייטונגען" און פאַבריק־זאַוואָדישע פאַרשטייער, פון די זשורנאַלן „פאַרמעסט", „שטערן",

„ראַטנבילדונג״ א״אַ. פאַרשטייער פון אַלע פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס ביכער אויף יידיש, פאַרשטייער פון 10 יידישע אַרבעט־שולן א״אַ. (1934).

♦

דער צענטראַלער „אזעט״ האָט באַשטימט 150 טויזנט רובל פאַר קולטור־אַנשטאַלטן אין ביראָבידזשאַן. אויסער דעם האָט די אָרגאַניזאַציע „אזעט״ אין מאָסקווע באַשטימט 100 טויזנט רובל פאַרן יידישן טעאַטער, דער לע־נינגראַדער „אזעט״ אָפּטיילונג — 180 טויזנט רובל פאַר וויסנשאַפטלעכע פאַרשונג־אַרבעט און דעם „אָזעט״ אין אוקראַינע אַ האַלבן מיליאָן רובל פאַר אַ „קולטור־הויז״.

♦

אָנהייב 1933 זיינען אין ביראָבידזשאַנער יידישע פונקטן געווען 22 קינ־דער־גערטנער, וועלכע עס האָבן באַזוכט 800 קינדער. אין יאָר 1933 האָט די צאָל פון די גערטנער דערגרייכט 27. אין דעם יאָר וועט די צאָל פון די קינדער אין גערטנער דערגרייכן 1200 און אין דערציאונגס־שולן 1500. אין די נידעריקערע שולן האָט די צאָל פון קינדער אין יאָר 1933 דערגרייכט 3438, אין יאָר 1934 וועט די צאָל דערגרייכן ביז 9720. עס עקזיסטירן 4 מיטעלע און העכערע שולן: אַ לערער־סעמינאַר, אַ שולע פאַר מלוכהשע באַאַמטע, אַן אַגראָנאָמישער טעכניקום און אַ מיטלשול ביי די וואַרשטאַט־הייזער. 200 יוגנטלעכע באַזוכן די דאָזיקע אַנשטאַלטן, פון וועלכע דער גרעסטער טייל זיינען אימיגראַנטן. די שילער באַקומען פון דער מלוכה וואוינונגען און געלט־שטיצע. אין ביראָפעלד איז פאַראַן אַן אינסטיטוט פאַר וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען, וועלכע איז אַן אָפּטיילונג פון דער אַגראָ־נאָמישער אַקאַדעמיע. דער מוזיי פאַר לאַנד־קענטעניש פאַרברייטערט זיין טעטיקייט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן. אַ גרויסע ראַיאָן־ביבליאָטעק איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם „אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור״. שוין צוויי יאָר, אַז עס עקזיסטירט אויך אַ פאַרלאַג, וועלכער האָט שוין אַרויסגע־געבן אייניקע זאַכן אויף יידיש, ווי אויך די שאַפונגען פון די ערשטע יונגע יידישע שרייבער אין ביראָבידזשאַן. (1934).

♦

דער אינסטיטוט פאַר ייד. פראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו באַשטייט פון אַ ריי סעקציעס: היסטאָרישע סעקציע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, ליטעראַ־רישע, עטנאָגראַפישע, לינגוויסטישע, פעדאַגאָגישע, ביבליאָגראַפישע און אַ סעקציע פאַר דער פאַרשונג פון ביראָבידזשאַן. די אַקאַדעמישע ביבליאָטעק פון אינסטיטוט באַשטייט פון 250.000 ביכער און איז די צווייטע אין דער וועלט לויט אירע אוצרות פון יודאאיקאַ. אין אַרכיוו פון דער ייד. פרעסע ביים אינסטיטוט איז צונויפגעזאַמלט 12.000 יערלעכע קאָמפּלעטן פון יידי־

שער פעריאָדיק. די סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק שטודירט פראַגן פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, די מאָדערנע ייד. ליטעראַטור און אַלגעמיינע פראַגן פון מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע פון דער ליטעראַטור. די דאָזיקע סעקציע האָט אָפּגעגעבן אין דרוק קאָלעקטיווע מאָנאָגראַפיעס, געווידמעט דער שאַפונג פון די גרעסטע ייד. שרייבער און פּאָעטן. עס דרוקט זיך אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון דעם פּאָעט אשר שוואַרצמאַן, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט בעתן בירגער־קריג. די סעקציע האָט אַרויסגעלאָזט פון דרוק עסייען איבער דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַרישער באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד פון 1917 ביז 1927 פון א. אבטשוק. עס דרוקט זיך אַ מאָנאָגראַפיע איבער דעם „פּראָלעטפּען", די אָרגאַניזאַציע פון יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער אין אַמעריקע א. אַ. דער אינסטיטוט האָט אויך פיל געטאָן אויפן געביט פון דער ייד. רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע. עס ווערט צוגעגרייט אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון 10 בענדער רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע, אין וועלכער עס וועט אַריין די דיכטונג פון מ. ווינטשעווסקי, ד. עדעלשטאַט, י. באָוושאָווער, מ. ראָזענפעלד. (1934).

◆

הייַנטיקס יאָר איז דער ערשטער אַרויסלאָז פונעם יידסעקטאָר ביים קרימער אינטערנאַציאָנאַלן פּעדטעכניקום. פון הייַנטיקס יאָר אָן וועט דער פּעדאַגאָגישער טעכניקום באַזאָרגן די ייד. שולן פון קרים מיט לערער. דער ייד. סעקטאָר איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין פרייַדאָרף אין 1932. איצט געפינט זיך דער סעקטאָר אין פעאָדאָסיע, דער ערשטער אַרויסלאָז באַשטייט פון 18 לערער, וועלכע ווערן געשיקט אין די ייד. שולן פון קרים. די לעצטע צייט האָט דער סעקטאָר געהאַט זייער גרויסע דערגרייכונגען אין זין פון אויסקשטעלן גוט די לימודים און אין מאַטעריעלן באַזאָרגן די סטודענטן. (1935).

◆

דעם 9טן פעברואַר 1937 ווערט צונויפגערופן אין ביראָבידזשאַן אַ ספּעציעלע שפּראַך־קאָנפערענץ, וואו ס'וועלן באַהאַנדלט ווערן פראַגן פון לעקסיק, אָרטאָגראַפיע, טערמינאָלאָגיע, פאָלקלאָר, שפּראַך־פאָרשונג, יידישע ווערטער־ביכער און אַ ריי אַנדערע וויכטיקע שפּראַך־פראַגן. אויף אַ באַראַטונג פון יידישע שרייבער, שפּראַך־פאָרשער, קולטור־טוער און פּאַרטיי־טוער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע, זיינען אַרויסגעטראָטן אַ ריי רעדנער, וועלכע האָבן באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ. ש. דימאַנטשטיין האָט אָנגעוויזן אויף די אויפגאַבן, וואָס עס שטייען איצט פאַר די בויער פון דער יידישער שפּראַך — וויסנשאַפטלעך פאָרשן די שפּראַך, אויך היסטאָריש פאַר אַ פעריאָד פון די לעצטע עטלעכע הונדערט

יאָר. אויסאַרבעטן די נויטיקע יידישע ווערטער־ביכער, שאַפן אַ טערמינאָ־לאָגיע פאַר דער געשעפט־פירונג פון די יידישע מלוכה־אַנשטאַלטן, אַנ־הייבנדיק פון אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט ביז די יידישע דאָרפס־ראַטן, קאָלווירט־אַרטעלן, אונטערנעמונגען, יידישע לערן־אַנשטאַלטן, אַ וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע און אַ טערמינאָלאָגיע פאַר פאַרשיידענע אַנדערע געביטן. (1937).

♦

אין אַן אַרטיקל „צו דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין ביראָבידזשאַן" ווערט איבערגעגעבן וועגן דער באַראַטונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע דעם 15טן דעצעמבער 1936. די באַראַטונג איז געעפנט געוואָרן דורך ס. ראַבינאָוויטש. ער האָט געזאָגט: „אין דער באַשטימונג פון דער רעגירונג פונעם 28טן אויגוסט וועגן דער בויאונג פון דער יידישער אויטאָ־נאָמער געגענט ווערט געזאָגט: „צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַקומט דער יידישער אַרבעטסמאַן מלוכהשע אָקטן אויף זיין מוטער־שפּראַך — אויף דער שפּראַך פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט". די יידישע שפּראַך איז דערהייבן געוואָרן צו אַ מלוכהשער שפּראַך און אונדזער אויפגאַבע איז אַלץ ברייטער און ברייטער פאַנאַנדערוויקלען די שפּראַך־בויאונג, כדי זי זאָל אַנטשפּרעכן דער גאַנצער ברויזנדיקער סאָציאַליסטישער אַרבעט".

ש. דימאַנטשטיין האָט געזאָגט, אַז „מיר פאַרווירקלעכן אין לעבן די אָנ־ווייזונגען פון דער רעגירונג וועגן דעם, אַז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט זאָל ווערן דער צענטער פון דער יידישער קולטור אין לאַנד. דאָס צונויפרופן די קאָנפערענץ אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט וועט זיין אַ מאַניפעס־טאַציע, וואָס וועט באַווייזן נישט נאָר די דערגרייכונגען פון אונדזער שפּראַך־בויאונג, נאָר אויך דעם אויפבלי פון אונדזער אַלגעמיינער קולטור אויפן באָדן פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק"... ווען ל. מ. קאַגאַנאָוויטש איז געוועזן היי־יאָר אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צונויפצורופן אַזאַ שפּראַך־קאָנפערענץ אין דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט.

ס'זיינען דערנאָך אויפגעטראָטן י. דאָברושין, מ. הער, א. זאַרעצקי, א. כאַשין, מ. כאַווקין, ע. פאַלקאָוויטש, פּ. מאַרקיש, מ. ווינער, סטערליק, ל. גאָלדבערג, דוד האָפשטיין.

פּ. מאַרקיש האָט אָנגעוויזן, אַז „די קאָנפערענץ וועט האָבן אַ מעכטיקן רעזאָנאַנס צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט".

מ. כאַווקין, סעקרעטאַר פונעם געגנט־קאָמיטעט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט געזאָגט, אַז „איצט, ווען ביי אונדז אין דער געגנט

הויבט אָן די יידישע קולטור צו פאַנאַנדערבליען זיך, ווען זי איז אַ טייל פון אונדזער גאַנצער מלוכהשער בויאונג, האָבן מיר דאָס רעכט צו פאָדערן עס זאָלן קומען צו אונדז די בעסטע טוער"... (1937).

שרייבער, ליטעראַטור און לייענער

אין זיין רעפעראַט, איבער דער „יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד" האָט דוד בערגעלסאָן צווישן אַנדערן געזאָגט: „ווי אַזוי די בויטיקייט צו דיכטן שפּראָצט אַרויס פון לעבן, באַווייזט דער פאַקט, אַז אין ווייסרוסלאַנד זיינען דאָ ביז אַ 500 דיכטער. געוויינלעך נישט אַלע וועלן בלייבן פּאָעטן, אָבער אַ פאַקט איז עס, אַז די מאַסן זיינען שטאַרק אַריינגעצויגן אינעם פּראָצעס פון שאַפן. (1927).

◆

אין דעם צעטל נייע ביכער, וואָס זיינען אַרויס לעצטנס אין מאָסקווער צענטראַלן פעלקער־פאַרלאַג געפינען זיך די ווערק (אין יידיש) פון פּרץ הירשביין — „גאַרבן פון שטילשווייגן" (פון מיין רייזע אין אינדיע), אברהם רייזען — אויסגעוויילטע ווערק אין 3 בענד (אַמאָליקע צייטן, און אַמעריקע. געקליבענע לידער). (1931).

◆

פּרץ מאַרקישעס פּיעסע „נישט געדאַגהט" ווערט איצט געשפּילט אין רוסישן טעאַטער אין מאָסקווע (געוו. קאַרש־טעאַטער). (1931).

◆

די מאָסקווער צענטראַלע ייד. ביבליאָטעק (לוביאַנסקי דורכפאָר 2) האָט איינגעאָרדנט אַן אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענק פון דיכטער יוסף באָוושאָווער, צו זיין 15טן יאָרצייט. (1931).

◆

אין צוזאַמענהאַנג מיטן קומען פונעם שרייבער דוד בערגעלסאָן קיין מאָסקווע, פירט אויף דער מאָסקווער מלוכהשער יידישער טעאַטער דעם 13טן נאָוועמבער בערגעלסאָנס פּיעסע „דער טויבער". (1931).

◆

דעם 25טן נאָוועמבער וועט אין מינסק געעפנט ווערן אַן אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון ייד. פּראָלעטאַרישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. עס וועלן זיך באַטייליקן אַ 50 ייד־פּראָלעטאַרישע שרייבער פון ר. ס. ס. ר., אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, ווי אויך פאַרשטייער פון די ליטעראַרישע „פּריזיוויניקעס" ד. ה. פון די אָנהייבערס אַרבעטער־שרייבער, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ליטעראַטור, לויט אַ באַשלוס פון דער פּאַרטיי. צום צוזאַמענפאָר ווערט צוגעגרייט אין מינסק אַן אויסשטעלונג פון דער יידישער

„פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור". די אָרגאַניזאַציע פון דער אויסשטעלונג האָבן בדעה צו דעמאָנסטרירן: די פּאַרטײ־אָנפירונג אויפן געביט פון ליטעראַטור, דער וואוקס פון דער סאָוועטיש־פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, די פּיאָנערן פון דער ייד. פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, דער צוזאַמענבונד פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. (קעגנזײַטיקע איבערזעצונגען), יידישע רעוואָלוציאָנערע שרײַבערס אין אויסלאַנד, ייד. פּראָלעטאַרישע שרײַבערס פאַר קינדער אאַז"וו. (1931).

♦

פּרץ מאַרקישעס ראָמאַן „דור־אויס דור־איין" איז דערשינען אין מאָסקווע, אויף רוסיש. (1931).

♦

אין מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס" איז אַרויס אַ נײַ בוך פון א. אַלבערטאָן (דער מחבר פון „ביראָבידזשאַן"), א"נ „שאַכטעס", — 274 ז. ער שילדערט דאָס לעבן פון די אַרבעטער אין יעקאַטערינאָסלאַווער און דאָנער באַסיין־שאַכטעס. (1931).

♦

די ייד. סאָוועטישע שרײַבער פאַרענדיקן איצט פאָלגנדיקע ווערק: איציק פעפער גרייט צו אַ באַנד פּאָעמען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער אויפבוי־אַרבעט. ח. גילדין אַרבעט איצט איבער די פּאָעמען: „דנעפּראָסטראָי", „קאָלעקטיוויזאַציע", „קלאַסנקאַמף", „אין אַ יידיש שטעטל" און „סטאַלין". א. קושניראָוו גרייט צו אַ ראָמאַן „די גענעראַלע ליניע", וועגן דעם אָנטייל פון דער ייד. יוגנט אין דער אויפבוי־אַרבעט. חוץ דעם שרײַבט א. קושניראָוו נאָוועלן וועגן לעבן אין דאָנער באַסיין. פּרץ מאַרקיש גרייט צו אַ נײַע פּאָעמע, געווידמעט דעם דניעפּראָסטראָי א"נ „פינף און פיר", מ. טייטש שרײַבט אַ רײ נאָוועלן וועגן דער יידישער יוגנט אין די קוילן־גרובן פון דאָנבאַס. א. וועוויאָרקא גרייט צו אַ דראַמע וועגן קאָלעקטיוויזאַציע און דעם קאַמף צווישן רעכטע און לינקע טענדענצן. אַ באַנד קינדער־דערציילונגען פון חנה לעווין א"נ „יונגע בויער", ווערט שוין געדרוקט. (1931).

♦

אין עלטער פון 30 יאָר איז געשטאָרבן דער יונגער יידישער קריטיקער אין אוקראַינע סיאָמע זשוקאָווסקי. „דאָס לעצטע יאָר — שרײַבט דער „עמעס" — האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערס־גרויסן וואוקס אויפן טעאָרעטישן געביט און אָפּגעגעבן אין דרוק דרײַ גרעסערע ווערק: אַ בוך „פּרואוון" (עטיודן און אַרטיקלען וועגן דער ייד. סאָוועטישער ליטעראַטור); אַ בוך „די איבערשאַצונג פון פּלעכאַנאָווס מעטאָדאָלאָגיע פון ליטעראַטור־קענטעניש" און „לענין און טאָלסטאָי". ער איז געווען אַן אַספּיראַנט פון קיעווער

אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. — לעצטנס האָט ער געוואוינט אין מאָסקווע. (1931).

♦

אויף דער באַגעגעניש פון די אַרבעטער פונעם זאַוואָד אויף ל. מ. קאַהאַ־נאָוויטשעס נאָמען מיט די מאָסקווער ייד. סאָוועטישע שרייבער איבעם פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו זיינען זיך צונויפגעקומען אַ סך אַרבעטער מיט זייערע פרויען. עס זיינען געווען קורצע פאַרטראָגן און אַרויסטרעטונגען. דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן פרידמאַן — אַן אַרבעטער. ער האָט גע־רעדט וועגן איינשטעלן אַן ענגן קאָנטאַקט אויך אויף ווייטער מיט די שעפער פון דער ייד. סאָוועטישער ליטעראַטור. נאָך אים האָט גערעדט י. דאָברושין. ד. בערגעלסאָן האָט פאָרגעלייענט אַ קאַפּיטל פון זיין בוך „ביראָבידזשאַנער". נאָכן „אָפיציעלן" טייל האָבן די אַרבעטער צוזאַמען מיט די שרייבער זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אויף שיפלעך איבערן טייך מאָסקווע. אין אָוונט האָט מען זיך ווידער אומגעקערט אין דער קולטור־באַזע פון פּאַרק. פּ. מאַרקיש האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן די גרויסע דערגרייכונגען, וואָס דער ראַטנ־פאַרבאַנד האָט פאַר די לעצטע יאָרן אין געביט פון קונסט, טעכניק און וויסנשאַפט. ש. גאָדינער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי די אינדוסטריעלע בויאונג פונעם לאַנד ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. די אַרבעטער האָבן באַוויזן אייניקע געלונגענע נומערן פון זעלבשטענדיקער קונסט. שפּעט אין אָוונט האָט זיך די באַגעגעניש פאַרענדיקט ביי זייער אַ געהויבענער שטימונג. (1934).

♦

זיסקינד לעוו האָט פאָרגעלייענט פאַר אַ גרופּע יידישע שרייבער אין מאָסקווע זיין נייע דראַמע „הערמאַן פרידבערג". נאָך דער פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע, ס'האָבן גערעדט: מ. ליטוואַקאָוו, א. כאַשין, ש. קליטעניק, א. קושניראָוו, י. זעלדין, א. גורשטיין, סאָריק, ליפּמאַן־לעווין. ש. מיכאָעלס האָט געמאָלדן, אַז די דראַמע איז אָנגענומען צום שטעלן דורך דעם מלוכה־טעאַטער. ז. לעווס דראַמע ווערט אין „עמעס" באַצייכנט אַלס אַ גרויסע ליטעראַרישע דערשיינונג". (1934).

♦

יוני וועט אין מאָסקווע אָפּגעהאַלטן ווערן אַן אַלפאַרבאַנדישער באַ־ראַטונג פון ייד. סאָוועטישע שרייבער. די ייד. שרייבער אין אוקראַינע וועלן זיין פאָרטראָטן דורך 12 דעלעגאַטן, פון ווייסרוסלאַנד — דורך 8 דעלעגאַטן, ר.ס.פ.ס.ר. דורך 10 דעלעגאַטן, מאָסקווע דורך 8 דעלעגאַטן. פון ביראָ־בידזשאַן און פון מאַגניטאָגאָרסק וועלן קומען צו 1 דעלעגאַט. אויפן טאָג־אָרדענונג: די צוגרייטונג צום אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־צוזאַמענפאָר, וואָס

דאַרף פאַרקומען אין סעפטעמבער: פאַרטראַגן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער ייד. ליטעראַטור אין אויסלאַנד, וועגן פּאָעזיע, וועגן פּראָזע, וועגן קריטיק און וועגן די ייד. שרייבערישע קאַדרען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַלס רעפּערענטן וועלן אַרויסטרעטן א. פאַדעיעוו, די פּאָעטן א. כאַריק און איציק פעפער, און די קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער י. בראָנשטיין, מ. עריק, י. דאָברושין, כ׳ דונעץ און י. נוסינאָוו. (1934).

◆

אין מאָסקווע איז אויף דעם 9טן יוני באַשטימט אַן אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. אויף דער טאָג־אָרדענונג פאָלגנדע פראַגן: די אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — פאַרטרעגער, דער רוסישער שרייבער א. פאַדעיעוו; די יידישע רעוואָלוציאָנערע און בורזשואַזע ליטעראַטור אין אויסלאַנד — איציק פעפער; די יידישע סאָוועטישע פּאָעזיע — פאַרטרעגער: י. בראָנשטיין און פּרץ מאַרקיש. די ייד. סאָוועטישע פּראָזע — דונעץ, עריק און גאָדינער. די ייד. סאָוועטישע דראַמאַטורגיע —י. נוסינאָוו און א. קושניראָוו. וועגן דער קינדער־ליטעראַטור וועט רעפערירן ל. קוויטקאָ, וועגן דער אַרבעט מיט יונגע אָנפאַנגער — י. דאָברושין און אי. כאַריק. (1934).

◆

די מינסקער ראַדיאָ־סטאַנציע האָט פאַרגאַנגענע וואָך איבערגעגעבן אַן אוידיציע צו שלום־עליכמס 18טן יאָרצייט. אין אָנהייב איז געווען אַ וואָרט וועגן ש״ע, נאָכדעם האָבן אַרטיסטן פון ייד. מלוכה־טעאַטער אין מינסק פאָרגעלייענט: „ווען איך בין ראָטשילד״, „נישטאָ קיין מתים״ און אַ קאַפּיטל פון „מאָטל פייסי דעם חזנס״ — „מען שטרייקט״. צום סוף האָט מען געבעטן די ראַדיאָ צוהערערס זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען וועגן דער פּייערונג. (1934).

◆

י. אַפּאַטאָשו איז באַגעגנט געוואָרן אויפן וואָקזאַל אין מאָסקווע דורך דוד בערגעלסאָן און פּרץ מאַרקיש. לכבוד דעם גאַסט איז אין „דאָם פּיסאַטעלעי״ איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גלעזל־טיי. ס׳זיינען געווען מ. ליטוואַקאָוו, פּרץ מאַרקיש, ב. אויסלענדער, מ. ווינער, ש. גאָדינער, מ. כאַטשעוואַצקי, ע. פינינבערג, א. כאַשין א. אַ. (דוד בערגעלסאָן איז אַפּגעפאָרן קיין קאַווקאַז). ס׳האָבן גערעדט מ. ליטוואַקאָוו, א. כאַשין, פּ. מאַרקיש, ש. גאַדינער, מ. ווינער א. אַ. דער טאָן פון די רעדעס — אַ פריינטלעכער און פול אַכטונג צום גאַסט. י. אַפּאַטאָשו איז אַפּגעפאָרן קיין קיעוו. (1934).

◆

ס׳איז פאַרגעקומען אַן אָוונט לכבוד דעם יידיש־סאָוועטישן קריטיקער

כ. דונעץ. א. יודעלסאָן האָט געמאַכט אַזאַ חשבון: פאַרן יאָר 1933 האָבן 29 קריטיקער אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען („עמעס", „שטערן", „אָקטאָ־בער") און די צוויי זשורנאַלן („פאַרמעסט" און „שטערן") 99 אַרטיקלען איבער פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט. פון דעם האָבן די קריטיקער: ווינער, וואָרטמאַן, כאַשין, רעמיניק, מיזשירעצקי, הירש, זאַקס, סערעבריאַני, רובינאַ, וואָראָבייטשיק — אָפּגעדרוקט צו 1 אַרטיקל; די קריטיקער: ליטוואָקאָוו, דרוקער, דאַמעשעק — צו 2 אַרטיקלען; די קריטיקער: גורשטיין, נוסינאָוו, בראָנשטיין, אויסלענדער, צווייג — צו 3 אַרטיקלען. די קריטיקער: עריק, קליטעניק, קאַבאַקאָוו צו 4 אַרטיקלען; האַלדעס, ליבערמאַן — צו 5 אַרטיקלען; צאַרט, וויטקין — צו 6 אַרטיקלען; דער קריטיקער דאָברושין — 8 אַרטיקלען; דער קריטיקער דונעץ — 25. (1934).

♦

אין דעם אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע שרייבער, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן אין מאָסקווע מיטן אָנטייל פון איבער 500 דעלעגאַטן און נאָכאַמאָל אַזוי פיל שרייבער־געסט, באַטייליקן זיך פאָלגנדע 17 ייד. שרייבער אַלס דעלעגאַטן: ד. בערגעלסאָן, י. בראָנשטיין, ש. גאָדינער, ח. דונעץ, ד. האָפשטיין, א. וועוויאָרקע, אי. כאַריק, א. כאַשין, נאָטע לוריע, משה ליטוואָקאָוו, פּרץ מאַרקיש, י. נוסינאָוו, איציק פעפער, ל. קוויטקאָ, מ. קולבאַק, א. קושניראָוו און י. ראַבין. די דאָזיקע שרייבער זיינען מיטגלידער פון די רעפּובליקאַנישע דעלעגאַציעס פון מאָסקווע, ווייסרוסלאַנד און אוי־קראַינע. אויסער די אויבנדערמאָנטע זיינען געקומען צו פאָרן אַ רייע יידישע שרייבער אַלס געסט פון צוזאַמענפאָר. אין פּרעזידיום פון צוזאַמענפאָר איז פון די יידישע שרייבער אַריין דער פּאָעט איציק פעפער, אין סעקרעטאַריאַט — פּרץ מאַרקיש, אין דער מאַנדאַט־קאָמיסיע — אי. כאַריק. (1934).

♦

צווישן 101 מיטגלידער פון דער אויסגעוויילטער פאַרוואַלטונג פון אַלפאַרבאַנדישן פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרייבער געפינען זיך אויך 2 יידישע שרייבער. די פּאָעטן איציק פעפער און איזי כאַריק. פעפער אַלס פאָרשטייער פון דער ייד. ליטעראַטור אין אוקראַינע און כאַריק — פון ווייס־רוסלאַנד. 12 יידיש־רוסישע שרייבער זיינען אַריין אין פאַרוואַלטונג. די פּאָעטן בעזימענסקי און באַריס פּאַסטערנאַק, די דראַמאַטורגן וו. קירשאָן און ביל־בעלאָצערקאָווסקי. די יידיש־רוסישע שרייבער פון סיביר איטין און גאָלדבערג, דער שרייבער פאַר קינדער ס. מאַרשאַק, די שרייבער מיכאַאיל קאָלצאָוו, איליאַ ערענבורג, בעלאַ אילעש (אונגאַרן) און דער יידיש־אוקראַינישער שרייבער און פּאָעט קוליק, די ליטעראַטור־קריטיקער קיר־פּאָטין און סוכאָצקי. (1934). ♦

אין דעם אָקאָרשט־דערשינענעם 7טן באַנד פון דער רוסישער ליטע־ראַטור־ענציקלאָפעדיע, וואָס דערשיינט אין מאָסקווע דורך דער קאָמוניס־טישער אַקאַדעמיע, זיינען צווישן אַנדערן דאָ אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן מענדעלע מוכר־ספרים און קלענערע באַטיצן־כאַראַקטעריסטיקעס וועגן משה נאַדיר, מאַני לייב, קאַדי מאָלאָדאָווסקי. (1934).

♦

אונטערן נאָמען „אַ פלאַמיקער סטודענטישער גרוס די יידישע סאָוועטישע שרייבער", איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט אין מינסקער פּעדאַ־גאָגישן טעכניקום. דער זאַל איז געווען שיין באַפּוצט. אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעהאַנגען ציטונגען, וואָס האָבן אילוסטרירט דעם גאַנג פונעם סאָוועטישן שרייבער־צוזאַמענפאָר. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט סטו־דענטן און לעקטאָרן. אַלע נייע גרופּן סטודענטן האָבן געהאַלטן אין אַריינ־שטראָמען מיט געזאַנג און מונטערקייט. עס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט באַ־גריסונגען פאָרשטייער פון די סטודענטן, לעקטאָרן. זיי האָבן אויסגע־דריקט דאַנקבאַרקייט צו די שרייבער פאַר זייער אויפמערקזאַמקייט צום טעכניקום. מ. קולבאַק האָט איבערגעגעבן איינדרוקן פונעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייבער. קולבאַק, אַקסעלראָד, קאַצאָוויטש, טייף, פלאַט־נער האָבן פאָרגעלייענט זייערע ווערק. מיט גרויס פרייד האָבן די סטודענטן אויפגענומען די דורכגעלייענטע ווערק. אויף דעם האָט מ. קולבאַק געענט־פערט: „מיר, שרייבער, זאָגן צו, אַז מיר וועלן שרייבן גוט, און איר, סטו־דענטן, סטאַרעט זיך לייענען אונדז גוט". (1934).

♦

אין עלטער פון 28 יאָר איז אין מינסק געשטאָרבן פון שווינדזוכט חיים לאַסקער, אַ באַגאַבטער יידישער דיכטער. ער האָט געשריבן לירישע לידער, ווי אויך לידער אויף טעמעס פון סאָציאַליסטישער בויאונג. אַ זאַמלונג פון זיינע לידער „צום מאַיאַק" איז דערשינען עטלעכע טעג פאַר זיין טויט. (1935).

♦

אין כאַרקאָוו איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון ייד. סאָוועטישע שריי־בער, געווידמעט די רעזולטאַטן פון פּלענום פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד אין מאָסקווע. אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געהאַלטן געוואָרן פאָרטראַגן וועגן דער קריטיק און אויפגאַבן פון דער ייד. סאָוועטישער לי־טעראַטור. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע שרייבער מוזן זיך אַנשליסן אין דער גרויסער אַרבעט צו שאַפן די געשיכטע פון גרויסן בירגער־קריג אין סאָוועט־רוסלאַנד. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'רוב ייד. סאָוועטישע שרייבער פאַרענדיקן ווערק איבערן בירגער־קריג. ל. קוויטקאָ האָט פאַר־

ענדיקט אַ בוך אין פערזן וועגן בירגער־קריג און שרייבט אַ נייעם ראָמאַן אין פּראָזע וועגן בירגער־קריג. מ. דאַניעל האָט פאַרענדיקט אַ פּיעסע וועגן אָנטייל פון יוגנט און קינדער אין בירגער־קריג. אויך דיאַמאַנט, ל. רעזניק און א. פּעפּער פאַרענדיקן פּאָעמעס און ראָמאַנען וועגן בירגער־קריג און וועגן נייעם סאָוועטישן מענטש. (1935).

♦

אין כאַרקאָוו איז פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער דיספּוט איבער נסתרס בוך „הויפּט־שטעט", וואָס האָט צוגעצויגן אַ סך אַרבעטער, קולטור־טוער און סטודענטן. מיט אַן אַריינפיר־וואָרט וועגן „הויפּט־שטעט" איז אַרויסגעטראָטן ה. בלאָשטיין. אין די דעבאַטן האָבן זיך באַטייליקט אַ גרויסע צאָל שרייבער, וואָס האָבן באַטאָנט, אַז דאָס בוך „הויפּט־שטעט" איז אַ דערגרייכונג. נסתר האָט אין זיין וואָרט געזאָגט, אַז באַפרייען זיך פון זיין סטיל איז נישט אַזוי גרינג. און אַז זיינע פאַרצייכענונגען זיינען אַ דורכגעמאַכטער עטאַפּ פאַר זיין ווייטערדיקער שעפערישער אַנטוויקלונג. אויפן וועג פון ריכטיק באַנעמען אונדזער גרויסע עפּאָכע און זי אָפּשפּיגלען אין ברייטע פּראָזאַאישע ווערק, וואָס ער זאָגט צו צו געבן אינגיכן דעם לייענער. (1935).

♦

עס ווערט איצט צונויפגעקליבן אַ גענויע ביבליאָגראַפיע פון אייזיק מאיר דיק. די אַרבעט ווערט געפירט פון אַ. ספּעקטאָר, טוער פון לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק. ביז איצט האָט ער שוין צונויפגעקליבן ביי 150 נעמען. די אַרבעט ווערט פאָרגעזעצט, און ספּעקטאָר דערוואַרט אינגיכן אַרויסצוגעבן זיינע אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן אין אַ בוך. (1935).

♦

אין יאָר 1934 איז ביים אינסטיטוט פון די נאַציאָנאַליטעטן פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון דער סאָוועטן־רעגירונג אָרגאַניזירט געוואָרן די יידישע בילדונגס־קאָמיסיע. זי האָט דורכגעפירט אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט אויף צו דערלערנען די סאָציאַלע לאַגע פון די יידישע מאַסן און די פראַגן פון קולטור־בויאונג צווישן זיי. אַ ספּעציעלע עקספּעדיציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך דער בילדונגס־קאָמיסיע צוזאַמען מיטן קאָמערד און געזערד, האָבן באַזוכט 16 יידישע שטעטלעך. די קאָמיסיע האָט צונויפגעקליבן אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע פון די יידישע שטעטלעך, וואָס איז טיילוויז גענוצט געוואָרן פאַר אָננעמען אַ ריי פּראַקטישע מיטלען איבער די פראַגן פון אָרגאַניזירן די יידישע איבערוואַנדערונג. היינטיקס יאָר וועט די קאָמיסיע פאָרזעצן איר אַרבעט אויף צו אונטערזוכן אַ ריי שטעטלעך. די קאָמיסיע איז גלייכצייטיק צוגעטראָטן צו פאַנאַנדעראַרבעטן

די פראַגע וועגן שאַפן אַ מאַרקסיסטיש־לענינישע געשיכטע פונעם יידנטום. עס איז אָנגעמערקט אַרויסצוגעבן די געשיכטע פונעם יידנטום אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד פון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די קאָמיסיע באַהאַנדלט אויך די פראַגע וועגן שאַפן אַ יידישע ענציקלאָפּעדיע. (1935).

♦

אין מאָסקווער שרייבער־הויז איז פאָרגעקומען אַ גרויסער כאַריק־אָוונט. אויסער די מאָסקווער יידישע שרייבער, זיינען אויך בייגעווען רוסישע שרייבער, דער באַוואוסטער שרייבער מיקיטענקאָ, דער אַרמענישער דיכטער זאַריאַן. ס'האָבן גערעדט י. נוסינאָוו, אַ. קושניראָוו, י. דאָברושין, פּ. מאַרקיש, איוואַן מיקיטענקאָ, זאַריאַן, מ. גאַלאָדני. די רוסישע דיכטער בראָדסקי און קאליעטשעוו האָבן געלייענט איבערזעצונגען פון כאַריקס לידער. איזי כאַריק האָט געלייענט זיינע נייע שאַפונגען. (1936).

♦

די לענינגראַדער שטשעדרין־ביבליאָטעק האָט אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון מענדעלע מו"ס, עס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן העכער 100 ביכער פונעם שרייבער און פון ווערק איבער אים. (1936).

♦

דעם 26־27טן יאַנואַר 1936 איז פאָרגעקומען אין מינסק אַ מענדעלע־סעסיע, אָרגאַניזירט דורך דעם יידישן סעקטאָר פון דער ווייסרוסלענדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, צו וועלכער עס זיינען געקומען איינקע יידישע וויסנשאַפטלער פון ספ"ב. דעם 28טן, ביים שליסן די סעסיע, האָבן דורך דער ראַדיאָ גערעדט וועגן מענדעלען מ. ווינער, מאַקס עריק, ש. אגורסקי. (1936).

♦

אויף אַ גאָר פיינעם אופן זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן די מענדעלע־פייערונגען אין קיעוו, אָרגאַניזירט דורך דער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק. אַ באַזונדערן אָרט האָט פאַרנומען די מענדעלע־אויסשטעלונג. ס'איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אָנדענק־ביכל, פון מענדעלעס 100־יאָריקן יובילײ. (1936).

♦

לויטן באַשלוס פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע שרייבער, ווערט איצט געפייערט מיט אַ גרויסן פאַרנעם דער מענדעלע־יובילײ. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ יובילײ־קאָמיטעט מיט מ. גאָרקי אַלס ערן־פאַרזיצער. איינעם גרויסן זאַל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע וועט פאָרקומען אַ פייערלעכער אָוונט. דער מלוכהשער יידישער טעאַטער אַרבעט אויף אַ ספּעקטאַקל „מסעות בנימין השלישי",

עס וועלן אויך דורכגעפירט ווערן אָונטן אינעם צענטראַלן יידישן קלוב, אין אייניקע הויכשולן, אַרבעטער־קלובן א. אַ. וו. די אַלפאַרבאַנדישע ביבליאָטעק אויף לענינס נאָמען אָרגאַניזירט אַ מענדעלע־אויסשטעלונג. (1936).

♦

אַנהייב יאַנואַר 1937 איז אין מינסקער ראַדיאָ געגעבן געוואָרן אַ יידישע ניי־יאָר אוידיציע. ס׳זיינען אויפגעטראָטן די דיכטער איזי כאַריק, משה קולבאַק, אייזיק פלאַטנער, מענדל ליפשיץ, ר. מאַלטינסקי; די אַקטיאָרן פונעם ווייסרוסלענדישן יידישן מלוכה־טעאַטער פיקעלטשיק, אַראַנטשיק און אַנדערע האָבן רעציטירט לידער פון פּ. מאַרקיש, איציק פעפער, און ה. קאַ־מענעצקי, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פון ווייסרוסיש, אוקראַייניש און גרוזיניש. אַ כאָר, אונטער דער אַנפירונג פון קלאַוס, האָט געזונגען יידישע לידער. רעדנדיק וועגן דער נייער קאָנסטיטוציע, האָט משה קולבאַק גע־זאָגט: „מיר, ווי אַ יידישן שרייבער, איז באַזונדערס טייער דער 22טער פּאַראַגראַף פון דער קאָנסטיטוציע, וואו איך לייען צווישן די נעמען פון די אויטאָנאָמע געגנטן אויך דעם נאָמען פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט״. (1937).

♦

פרץ מאַרקיש האָט פאַרענדיקט אַ נייע פּיעסע מיטן נאָמען „די משפחה אוואדיס״. די האַנדלונג קומט פאָר אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. פּ. מאַרקיש האָט זיין דראַמע געלייענט פאַר די אַקטיאָרן פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין מינסק. ווי אויך ביים בייזיין פון אייניקע שרייבער. ס׳איז פאָרגעקומען אַ מיינונגס־אויסטויש. ס׳האָבן גערעדט מ. קולבאַק, מ. טייף, ז. אַקסעלראָד, א. כאַריק, מ. ראַפּאַלסקי א. אַ. אין די אַרויסטרעטונגען האָט מען באַגריסט דעם דיכטער מיט זיין ניי ווערק. אָפּשאַצנדיק די פּאָזי־טיווע זייטן פון דער פּיעסע, האָט מען אויך אָנגעוויזן אויף אייניקע ערטער, וואָס דאַרפן אויסגעבעסערט ווערן. (1937).

♦

נאָך אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג פון קיעווער שטאַטראַט צום אָנדענק פון שלום עליכם, זיינען די מיטגלידער צוזאַמען מיט די בייגעוועזענע יידישע שרייבער. איציק פעפער, ל. קוויטקאָ, ד. האָפשטיין, אַוועק צום הויז אויף דער רויטאַרמייער גאַס (געוו. באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַ 5), און עס איז צו־געשלאָגן געוואָרן אַ געדענק־טאָוול, וואו מיט גאָלדענע אותיות פינקלען אויף ווייסן מאַרמאָר אָן אויפשריפט אויף יידיש און אוקראַייניש: „אין דעם דאָזיקן הויז האָט פונעם יאָר 1897 ביזן יאָר 1904 געוואוינט דער אָנגעזעענסטער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור שלום עליכם (שלום ראַבינאָוויטש). (1937).

♦

אין מאָסקווער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט האָט דער אַספּיראַנט ה. רימיניק פּאַרטיידיקט זיין דיסערטאַציע וועגן שלום עליכם. פּראָפ. מ. ווינער האָט אין דער דיסקוסיע אָנגעוויזן אויף דער מעלה, וואָס ה. רימיניק האָט צום אַנאַליז פון שלום עליכמען אויסגענוצט באַשטימטע צו ש"ע קרובהשע דער־שיינונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור (דיקענס, באַלזאַק, טשעכאָוו א. אַנד.). דער אָפּיציעלער אָפּאָנענט איז געווען פּראָפ. נ. אויסלענדער. אין דער דיס־קוסיע האָבן זיך אויך באַטייליקט בארכין, א. גורשטיין, י. דאָברושין, וואָרט־מאַן.

ביכער, לערנביכער, פאַרלאַגס־טעטיקייטן

יידישע ביכער און בראָשורן זיינען דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין די ערשטע 5 יאָר:

יאָר	אויסגאַבעס	דרוק־בויגן
1917	150	168
1918	236	496
1919	274	657
1920	104	264
1921	85	186
סך־הכל	849	1.771

אין די צווייטע 5 יאָר:

יאָר	אויסגאַבעס	דרוק־בויגן
1923	40	194
1924	76	412
1925	168	856
1928	164	904
1927	217	1.329
סך־הכל	665	3.695

מיר זעען דאָ אַ גרויסן וואוקס פון דער צאָל ביכער, — אַנשטאָט ביכלעך אין די ערשטע 5 יאָר — 1917 — 1921 — ווען דער דורכשניט פון דער גרויס פון אַ בוך איז געווען 2,1 דרוק־בויגן, איז אינעם 2טן פינפיאָר שוין געווען דער דורכשניט 5,6 דרוק־בויגן אַ בוך.

♦

עס זיינען דערשינען אין 1921: —

מ. האָדער — אַלף־בית פאַר דערוואַקסענע, מיט מעטאָדישע אָנווייזונגען פאַרן לערער. מינסק, — 10 טויזנט עקז.

א. ספיוואַק — אויס עם־הארצות, אַלף־בית פאַר גרויסע, קיעוו, — 20 טויזנט עקז.

ז. קאַלמאַנאָוויטש — יידישע גראַמאַטיק. קאָנספּעקט פון לעקציעס, גע־לייענט פאַר לערער, מינסק — 10 טויזנט עקז.

♦

די יידישע בוך־פּראָדוקציע אין אוקראַינע: אין יאָר 1923־1924 זיינען דערשינען 41 יידישע ביכער אין 195 עקז.; אין יאָר 1924־1925 — 84 ביכער אין 510 טויזנט עקז.; אין יאָר 1928־1929 — 178 ביכער אין 721 טויזנט עקז. (1930).

♦

אין אַ באַריכט וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין כאַרקאָווער „שטערן”, ווערט איבערגעגעבן, אַז „דאָס אַרויסגעבן יידישע ליטעראַטור אין אוקראַינע האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן אויסגעצייכנט מיט אַ באַדייטנדיקן וואוקס אין צאָל (אין 1927 — 92 ביכער, 413 דרוק־בויגן), אין 1929 — 155 ביכער, 1396 דרוק־בויגן. (1939).

אין 1931 זיינען אינעם כאַרקאָווער יידישן מלוכה־פאַרלאַג דערשינען 746 ביכער, מיט אַ טיראַזש פון איבער 5 מיליאָן עקז. (1932).

♦

לויטן פאַרלאַגס־פּלאַן אויף יאָר 1934 איז אין מאָסקווע אַנגעמערקט גע־וואָרן אַרויסצוגעבן 4.000 דרוק־בויגן (צו 16 זייטן אַ בויגן) יידישע ביכער, אין דער צאָל פון 2 מיליאָן 558 עקז.; אין דעם זיינען איינגעשלאָסן לערנ־ביכער, וואָס דערשיינען געוויינלעך אין אַ טיראַזש פון 10 ביז 50 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

פאַר די לעצטע פינף יאָר האָט זיך די צאָל אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער פאַרגרעסערט אויף איבער 200 פּראָצענט. (1934).

♦

אין מאָסקווע ווערט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ ווערק, וואָס זאָל גענוי שילדערן דעם פּולן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן איבערבוי פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס זאָל באַשריבן ווערן, ווי אַזוי שטעטלדיקע און שטאָטישע יידן, וואָס זיינען פריער געווען מערסטנס אַ קלאַס פון געצוואונגענע לופט־מענטשן, האָט זיך ביי די סאָוועטישע באַדינגונגען באַהעפט מיט דעם אַלגע־מיינעם אינדוסטריעלן און לאַנדווירטשאַפטלעכן איבערבוי און אויפבוי. דאָס ווערק זאָל אויך געבן אַ קלאָר בילד פון די געגרינדעטע יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין קרים, אוקראַינע און ביראָבידזשאַן. מען זאָל פון בוך אויך קריגן אַ בילדלעכע פאַרשטעלונג פון די הונדערטער טויזנטער שטעטלדיקע

ייִדן, וואָס האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דער אינדוסטריע, געהאָלפֿן אויפֿשטעלן אייניקע פֿון די וויכטיקסטע זאַוואָדן און פֿאַבריקן. גלייכצייטיק זאָל אין דעם ווערק אויך געשילדערט ווערן, ווי אַזוי דאָס ייִדישע שטעטל גופֿא האָט זיך אַליין איבערגעבויט, געוואָרן פּראָלעטאַריש און קאָלעקטיוויסטיש אין אויסזען און אין גייסט. (1934).

♦

די בעסטע ווערק פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין ספּ״ב וועלן אַרויסגעגעבן ווערן דורכן פֿאַרלאַג „סאָוו. ליטעראַטורא״ צום אַלפֿאַרבאַנדישן צוזאַמענפֿאָר, וואָס וועט פֿאַרקומען סוף זומער 1934... ס'וועלן אויך איבערגעזעצט ווערן אייניקע ביכער פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור״. (1934).

♦

דער מאָסקוער ייִדישער מלוכה־פֿאַרלאַג „עמעס״ האָט אין יאָר 1933 אַרויסגעגעבן 925 טויזנט עקז. ביכער:

מאַרקס־ און לענין־ליטעראַטור — 66.000 עקז.
פּאַרטיי־פּאָליטישע ביכער — 31.000
פּאָליטישע מאַסן־ליטעראַטור — 116.000
טעכנישע און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע — 21.000
קינסטלערישע ווערק, ליטעראַטור־פֿאָרשונג,
קריטיק — 105.000
לערנביכער פֿאַר מיטל־הויך־שול — 290.000
אַלגעמיינע ליטעראַטור — 296.000 עקז.

דער דורכשניטלעכער טיראַזש פֿון אַ בוך — 7.408 עקז.

דער דורכשניטלעכער טיראַזש פֿון לערנביכער פֿאַר דער שול — 17.000 עקז.

די צאָל אָפּגעדרוקטע בויגנס האָט דערגרייכט ביז קרוב צו 7 מיליאָן, מיט אַ מיליאָן בויגן מער ווי ס'איז אָנגעמערקט געוואָרן פֿאַרן יאָר לויטן פּלאַן.

פֿון די 108 נעמען, וואָס זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין 1933 זיינען 43 אינגאַנצן אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן. פֿון די איבעריקע, אַ טייל פֿון וועלכע (26) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינעם לעצטן קוואַרטל פֿון פֿאַריקן יאָר, איז פֿאַרבליבן אויפֿן לאַגער צו עטלעכע הונדערט עקז.; 40 פּראָצ. פֿון אַלע געדרוקטע ביכער זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן געבונדן (1934).

♦

דער אוקראַינישער מלוכה־פֿאַרלאַג האָט אין 1933 אַרויסגעגעבן 189 ביכער אין ייִדיש, דערונטער 40 לערנביכער, 36 פּאָליטישע ליטעראַטור, 23

יוגנט־ליטעראַטור, 27 בעלעטריסטיק, 17 פּאָפּולערע וויסנשאַפט און 9 אַגרי־קולטור, אין אַ צאָל פון אַ מיליאָן מיט אַ פערטל עקז. די דורכשניטלעכע אויפלאַגע פון אַ בוך איז געוועזן 6 טויזנט עקז., אַ 16 טויזנט ביי לערנביכער און 3 טויזנט ביי בעלעטריסטיק. (1934).

◆

דער מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס" איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן די ער־שטע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון מענדעלע מ"ס ווערק. עס געפינען זיך שוין אין דרוק צוויי בענדער און עס ווערט דורכגעפירט די קריטיק צוגריי־טונג־אַרבעט פאַר די איבעריקע בענדער. צווישן די בענדער וועט זיין אַ באַנד, ספּעציעל געווידמעט מענדעלעס בריוו. שטרעבנדיק צו געבן אַלע מענדעלעס בריוו ווענדט זיך די רעדקאָלעגיע צו אַלע אַנשטאַלטן און פּער־זאָנען, וואָס פאַרמאָגן מענדעלעס בריוו, מיט דער ביטע צו שיקן איר די אָריגינאַלן (אָדער די פּינקטלעכע קאָפּיע). די מאַטעריאַלן וועלן אומגעקערט ווערן באַלד נאָכדעם, ווי זיי וועלן אויסגענוצט ווערן פאַר דער אויסגאַבע. (1934).

◆

פון אַ באַריכט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דער פאַרלעגע־רישער טעטיקייט אין ווייסרוסלאַנד, איז צו זען, אַז אין משך פון 1933 זיינען דערשינען 67 ביכער אין יידיש אין אַ צאָל פון 408 טויזנט עקז. 18 שול לערנביכער האָבן באַטראָפן 60 פּראָצענט פון טיראַזש. די צאָל דרוק־בויגנס האָט אויסגעמאַכט 416, די צאָל אָפּצוגן — 3 מיליאָן עקז. אויף 1934 איז אַנגעמערקט אין ווייסרוסלאַנד אַ פּלאַן פון 106 ביכער־אויסגאַבן. די צאָל דרוקבויגן זאָל באַטרעפן 648. דאָקעגן וועט פאַרקלענערט ווערן דער טיראַזש, וואָס זאָל אויסמאַכן סך־הכל 320 טויזנט. (1934).

◆

אינטערעסאַנטע ציפערן וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון אייניקע יידישע ביכער אין ווייסרוסלאַנד: איזי כאַריקס בוך „מיט לייב און לעבן" איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין 12 טויזנט עקז. (נישט איינשליסנדיק די 2.500 עקז., וואָס זיינען דערשינען אין דער אוקראַינער אויסגאַבע פון כאַריקס „לידער און פּאָעמעס"); כאַריקס „קיילעכדיקע וואָכן" איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין 7.000 עקז.; מ. קולבאַקס „זעלמעניאַנער" (1טער טייל) — אין 6 טויזנט עקז.; דער צווייטער טייל „זעלמעניאַנער" גייט אַרויס אין 6 טויזנט עקז.; ד. בער־געלסאָנס ניי בוך „צווישן לעבעדיקע מענטשן" (מלוכה־פאַרלאַג פון ווייס־רוסלאַנד) דערשיינט אין צען טויזנט עקז. (1935).

◆

אין ליטעראַטור־פאַרלאַג פון אוקראַינע דערשיינט אַ ניי בוך לידער

פון י. קאָטליאַר. אינעם זעלבן פאַרלאַג דערשיינט דער היסטאָרישער ראָמאַן פון אברהם קאַהאַן — „אהרן ליבערמאַן״, אַ נייַ בוך לידער פון מ. טאַלאַלאַיעווסקי („פונעם פּולן האַרצן״) און נייע דערציילונגען פון פייוול סיטאַ „וואָס איז געשען״? אין נאָצמינד פאַרלאַג דערשיינט אינגיכן די צווייטע אויפלאַגע פון עליע שעכטמאַנס ראָמאַן „פּאַראַקערטע מעזשעס״. אינעם זעלבן פאַרלאַג דערשיינט אַ נייַ בוך לידער פונעם דיכטער מ. כאַשטשעוואַצקי אונטערן נאָמען „האַנט ביי האַנט״. (1935).

♦

אין סאָוועטישן פאַרלאַג „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ״ דערשיינט אינגיכן אַ גרויס ווערק וועגן דעם יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס בוך פירט אונטער דעם סך־הכל פון 17 יאָר סאָציאַליסטישער איבערבוי־אַרבעט, פון די מאָסמיטלען, וואָס די ראַטן־רעגירונג האָט אָנגענומען, כדי געזונט צו מאַכן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע מאַסן. פון קולטורעלן אויפשוואונג פון דער סאָוועטישער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. אין דעם אַריינפיר דערציילט דימאַנשטשטייַן, פאָרזיצער פון אַלפאַרבאַנדישן געזערד, איינצלהייטן וועגן די ערשטע טריט פון דער יידישער ערד־איינאָרדענונג; דער פאָלק־אַרטיסט פון דער רעפּובליק ש. מיכאָעלס און י. דאָברושין דערציילן וועגן די דערגרייכונגען פון דעם ייד. טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד; וועגן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור שרייבט פּראָפ. נוסינאָוו; דער מיטגליד פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט אַקאַדעמיע פּראָפ. ליבערבערג פאַרעפנטלעכט נייע ידיעות וועגן דער סאָוועטיש יידישער אַקאַדעמישער אַרבעט; אַ ספּעציעלער קאַפּיטל איז געווידמעט דער טעטיקייט פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס העלפן מיט דער פּראָדוקטיוויזירונג און ערד־איינאָרדענונג פון די יידישע מאַסן. דאָס בוך ברענגט אַ רייַ ציפערן וועגן דער צאָל יידישע פּראָלעטאַריער אין ספ״ב. וועגן די יידישע אַרבעטער אין דער שווערער אינדוסטריע און אין דער קאָאָפּעראַטיווער קליין־אינדוסטריע. דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט. העכער 150 פאָטאָגראַפיעס גיבן אַן אַלזייטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם יידישן לעבן אין ספ״ב. (1935).

♦

דער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער נאַציאָנאַליטעטן־אינסטיטוט ביים צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פ.ס.ס.ר. גרייט צוזאַמען מיט דער יידישער סעקציע פון נאַציאָנאַליטעטן־אינסטיטוט ביי דער ווייסרוסישער וויסנשאַפטאַקאַדעמיע און אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו אַ גרויסע קאָלעקטיווע אַרבעט אין צוויי בענדער איבער דער געשיכטע פון די יידן אין פ.ס.ס.ר. די אַרבעט וועט טראָגן דעם נאָמען „20 יאָר פּראָלעטאַ־

רישע דיקטאַטור און די יידישע מאַסן". דער צווייטער באַנד וועט האַלטן 60 דרוק־בויגן, קנאַפּע 1000 זייטן און וועט דערשײַנען אין 1937. די רע־דאַקציע־קאָלעגיע באַשטייט פון דיאמאנטשטיין (רעדאַקטאָר), מ. ליטוואַקאָוו, מ. אַלטשולער, מ. לעוויטאַן, י. גאַראַכאָוו, ש. אגורסקי, ה. אַשעראָוויטש. (1935).

♦

פאַרגאַנגענע וואָך איז אין ראַטנפאַרבאַנד געפּייערט געוואָרן דער 15־יאָריקער יובילײ פונעם דיכטער איזי כאַריק. אין מינסק זיינען איינגע־אָרדנט געוואָרן אַ ריי אָוונטן, אויף וועלכע ס'זיינען אויפגעטראָטן שריפט־שטעלער און אַרטיסטן. דער יידישער אָוונט איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך פיל סאָוועטישע ראַדיאָ־סטאַנציעס. כאַריק האָט באַקומען הונדערטער באַ־גריסונגען פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, ווי אויך פון פיל באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן; כאַריק איז באַזונדערס באַ־ליבט אין ווייסרוסלאַנד, וואו ער פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אויך אינעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. (1935).

פּעריאָדישע אויסגאַבעס

אין 1929:

טאָגבלעטער

1. אָקטאָבער, מינסק.
2. דער עמעס, מאָסקווע.
3. דער שטערן, כאַרקאָוו.
4. אַרויספאָר־שטערן, דניעפּראָפּעטראָווסק (נישט רעגולמעסיק).
5. דער שטערן אין קרעמענטשוג (נישט רעגולמעסיק).
6. דער שטערן אויפן טראַקטאָבוי, כאַרקאָוו (איין מאָל אין 2 טעג).

וואָכנבלעטער

1. דער אָדעסער אַרבעטער, אָדעס.
2. דער אַרבעטער, בערדיטשעוו.
3. ביראָבידזשאַנער שטערן, טיכאָנקע.
4. יונגע גוואַרדיע, כאַרקאָוו.
5. דער יונגער אַרבעטער, מינסק.
6. יונגער לענינעץ, מינסק.
7. דאָס סאָציאַליסטישע דאָרף, כאַרקאָוו.
8. סטאַלינדאָרפער עמעס, סטאַלינדאָרף.
9. פּראָלעטאַרישע פאָן, קיעוו.

10. פאַרן סאָציאַליסטישן איבערבוי, איזלוטשיסטע.
11. קאַלווירט־עמעס, קאַליבינדאָרף.

צוויי וועכנטלעכע און חודשדיקע

1. אָקטאָבערל, קיעוו.
2. געזונט און אַרבעט, כאַרקאָוו.
3. זיי גרייט!, כאַרקאָוו.
4. פּראָליט, כאַרקאָוו.
5. פאַר דורכאויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, ניי־זלאָטאָפּאָל.
6. דאָס קאָמוניסטישע וואָרט, טשערקאַס.
7. דער קוסטאַר, כאַרקאָוו.
8. ראַטנבילדונג, כאַרקאָוו.
9. די רויטע וועלט, כאַרקאָוו.
10. די רויטע נאָדל, מאָסקווע.
11. שטערן, מינסק.

♦

דער טיראַזש פונעם מאָסקווער „עמעס" איז אין מערץ 1930 געווען 24 טויזנט עקז., און אין מערץ 1931 — 31 טויזנט עקז. (1931).

♦

עס קומט פאַר אַ ווייטערדיקער וואוקס פון דער ייד. פּרעסע אין ראַטנ־פאַרבאַנד. אין 1924 זיינען אין רוסלאַנד געווען בלויז 7 צייטונגען. אין 1928 איז שוין די צאָל ייד. פּעריאָדישע צייטונגען אויסגעוואַקסן ביז 25 (פון זיי 15 אין אוקראַינע!) אין 1932 איז די צאָל דערגאַנגען ביז 40. טאָג־צייטונגען זיינען דאָ אין מאָסקווע „עמעס", אין כאַרקאָוו „שטערן" און אין מינסק „אָקטאָבער". וועכנטלעכע צייטונגען גייען אַרויס אין פאַרשיידענע שטעט. פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע צייטונגען דערשיינען אין אוקראַינע „סאָצדאָרף" — 2 מאָל אין 5 טעג. (1932).

♦

די טעג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ נייע טעגלעכע יידישע צייטונג אין ווינציע. די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן לויטן באַשלוס פון דעם געגנט־פאַרטיי־קאָמיטעט. די צייטונג איז באַזאָרגט מיט מיטלען און מיט טעכנישער אויסשטאַטונג. (1935).

♦

די פייערונגען אין מאָסקווע פונעם מאָסקווער מלוכהשן ייד. טעאַטער נעמען אָן אַ ברייטן פאַרנעם. אויף איינע פון די לעצטע פאַרזאַמלונגען איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס: „אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַזונדערער

הייסער ליבע און אַכטונג, וואָס עס רופט אַרויס ביים ייד. אַרבעטער־צושויער מיט זיין מייסטערישער שפּיל ב. זוסקין, זאָל די מאַסן־פאַרזאַמלונג פון די ייד. אַרבעטער אין קלוב „קאָמוניסט" פאַראייניקן זיך צו דער ווענדונג פון די פאַרשיידענע פאַבריקן, אָרגאַניזאַציעס און יובילײ־קאָמיטעט צו דער קאָלעגיע פון פאָלקאָמבילד און יובילײ־קאָמיטעט פון רספס"ר וועגן באַלוינען דעם אַרטיסט ב. זוסקין מיטן טיטל פאַרדינסטפולער אַרטיסט". (1931).

♦

אין מאָסקווע איז פאַרגעקומען די עפענונג פון נייעם סעזאָן פונעם ייד. מלוכה־טעאַטער. ס'איז געשטעלט (צום 412טן מאָל) שלום־עליכמס 200.000. דער קינסטלערישער לייטער פונעם טעאַטער, ש. מיכאָעלס, האָט אין אַ געשפּרעך מיט אַ זשורנאַליסט איבערגעגעבן: דאָס טעאַטער פאַרמאָגט איצט פיר פּיעסן, וועלכע דאַרפן רעאַליזירט ווערן סוף 1931. אינעם פאַרטפעל פון טעאַטער זיינען פאַראַן די פּיעסן „יוליס" פון דאַניעלן), „ספּעציאַליסט" (דאָברושין און נוסינאָוו), „דער פינפטער האָריזאָנט" (מאַרקיש) און „סאַלאַמאַנדרע" (אָרלאַנד). (1931).

♦

אינעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין כאַרקאָוו גייט איצט אַ פּיעסע פון דניאל „יוליס". שטעלונג איזראעל, מוזיק — מ. מילנער. אין דער פאַרשטעלונג נעמען אָנטייל די אַרטיסטן זאַסלאַווסקי, טאַרלאַ, סאָנץ א. אַ. (1931).

יידיש טעאַטער, ראַדיאָ, קאָנצערטן

אין מאָסקווע איז פאַרגעקומען אַ באַראַטונג פון יידישע טעאַטערס אין ספּ"ב. דאָס איז די ערשטע אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון יידישע טעאַטער־טוער, זינט עס עקזיסטירט דער סאָוועטישער יידישער טעאַטער. אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט די אָנפירער און פאַרשטייער פון מאָסקווער, כאַרקאָווער, מינסקער, קיעווער, אָדעסער, סימפעראָפּאָלער און ביראָבידזשאַנער יידישע טעאַטערס, ווי אויך פון דניעפּראָפּעטראָווסקער אַרבעטער־טעאַטער. עס נעמען אָנטייל אין דער באַראַטונג פאַרשטייער פון בילדונגס־קאָמיסאַריאַט און פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די באַראַטונג האָט באַהאַנדלט פראַגן פון אָרגאַניזאַציאָנעלן און פינאַנציעלן צושטאַנד פון די יידישע טעאַטערס, פראַגן פון רעפּערטואַר, וועגן קינסטלערישער אָנפירונג, וועגן דער אַרבעט פון די טעאַטערס צווישן די ברייטע יידישע מאַסן, וועגן גאַסטשפּילן, וועגן ריכטונג, וועגן צושויער א. אַ. וו. (1934).

♦

דער יידישער מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע וועט היי־יאָר (1934) אויפ־פירן אויסער ד. בערגעלסאָנס „מידת הדין", אויך וו. שעקספּירס „קיניג ליר", א. גאָלדפאַדענס „שולמית", באַארבעט דורך י. דאָברושין. די טעאַטער־אָנפירונג פירט אונטערהאַנדלונגען מיט דוד האָפשטיין און א. קושניראָוו וועגן פאַרפאַסן פּיעסעס צום שטעלן. (1934).

♦

אין אוקראַינע עקזיסטירט אַ יידישער טעאַטער פאַר קינדער. געגרינ־דעט אין 1929 אין קיעוו אַלס סטודיע, איז ער אין 1931 פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ קאָלעקטיוו אין אַ טעאַטער. פאַר די עטלעכע יאָר האָט דער קינדער־טעאַטער באַזוכט פיל שטעט מיט גרויס דערפאָלג. דער טעאַטער באַשטייט פון 28 יונגע אַקטיאָרן. צווישן אַנדערן פירט אויף דער טעאַטער ש"עס „מאָטל פייסי דעם חזנס". (1934).

♦

דער מאָסקווער מלוכהשער יידישער טעאַטער גרייט איצט שעקספּירס „קיניג ליר". דער קאָלעקטיוו אַרבעט אויף דער נייער שטעלונג אָן איבער־רייס. אָבער די קאָמפּליצירטקייט פון דער שטעלונג פאָדערט אַ סך צייט און דעריבער וועט די אויספאָרשונג באַווייזן ווערן אין האַרבסט. דאָס איז דער ערשטער פאַרמעסט פונעם טעאַטער צו שפּילן אַ פּיעסע פון דער קלאַסישער וועלט־דראַמאַטורגיע. די אַרבעט אַרום „קעניג ליר" רופט אַרויס אינטע־רעס אין די טעאַטראַלע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן. רעזשיסער פון דער אויפפירונג איז כ. ראַדלאָוו (באַוואוסטער רעזשיסער פון לענינגראַד), וואָס האָט שוין צוגעגרייט אינעם ייד. מלוכה־טעאַטער די אויפפירונג „בישט געדאגהט", „דער טויבער", און „4 טעג". די ראָל פון קעניג ליר שפּילט ש. מיכאָעלס. דעם לץ — ב. זוסקין. קינסטלער — ב. טישלער, קאָמפּאָ־זיטאָר — א. פּולווער. דעם טעקסט פון „קעניג ליר" האָט איבערגעזעצט אויף יידיש דער דיכטער ש. האַלקין. (1934).

♦

פון מאָסקווע איז אַרויסגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן אַ ניי־פאָרמירטער ייד. טעאַטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַלס שטענדיקער טעאַטער פאַר ביראָבידזשאַן. דער טעאַטער־אַנסאַמבל באַשטייט פון 25 אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אַן אייגענעם קליינעם אָרקעסטער, מיט אַ פולער טעאַטראַלער אויסשטאַטונג. 11 אַקטיאָרן זיינען גענומען געוואָרן פון די סטודענטן, וואָס האָבן איצט געענדיקט דעם מאָסקווער ייד. טעאַטער־טעכניקום, די איבע־ריקע — פון דער יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן טעאַטראַלן טאַלענט. דער טעאַטער, אונטער דער אָנפירונג פון אפרים לויטער, האָט אין פאַרלויף

פון יאָר צוגעגרייט 4 פּיעסעס: „דיין פריינד", פון רוסישן דראַמאַטורג פּאַגאָדין; אַ פּראָגראַם פון שלום־עליכמס ווערק, די פּיעסע „אינטערווענץ", פון רוסיש־יידישן דראַמאַטורג ליעוו סלאַווין און אַן אָוונט פון קליינקונסט־דעקלאַמאַציע, געזאַנג, טענץ, א. אַ. וו. (1934).

♦

דעם 11טן מאַי איז אין ביראָבידזשאַן פאָרגעקומען די עפענונג פונעם ייד. מלוכהשן טעאַטער. אויף דער עפענונג זיינען בייגעווען אויך פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קאַנטישע אָרגאַניזאַציעס. אַלס דירעקטאָר פון טעאַטער איז באַשטימט געוואָרן ה. קאָזאַקעוויטש, אַלס הויפּט־רעזשיסער — רובינשטיין. געוו. אַנפירער פונעם מאָסקווער מלוכהשן ייד. טעאַטער. דער טעאַטער האָט צוגעגרייט פאָלגנדיקע פּיעסעס: פּאַגאָדינס — „מיין פריינד". סלאַווינס „אינטערווענץ", באַזונדערע טיילן פון שלום־עליכמס ווערק. ס'זיינען אָנגעמערקט י. דאָברושינס „בריגאַדיר טענעביי" און י. אַקסענפעלדס „רעקרוטן". (1934).

♦

פאַר די קאָרגע 5 יאָר עקזיסטענץ האָט דער אוקראַיִנישער „יידוואָקאַנס" געגעבן העכער 400 קאָנצערטן פאַר אַרבעטער־אוידיטאָריעס פון די גרעסטע אינדוסטריעלע שטעט אין אוקראַיִנע, — דניעפּראָפּעטראָווסק, אבכאזיע, כאַרקאָוו, דאָנבאַס, — ער האָט דורכגעפירט אַ רייזע איבער די רעפובליקן: אַזערבייזשאַן, אבכאזיע, אדזשאַכיסטאַן, גרוזיע, ווייסרוסלאַנד, מאָלדאַוויע. ער האָט באַזוכט די יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. (1934).

♦

דער ייד. מלוכה־טעאַטער אין מינסק, אונטער דער אָנפירונג פון מ. ראַפּאַלסקי, פאַרנעמט איצט אַ גאָר בכבודיקן אָרט צווישן די טעאַטערן אין ראַטנפאַרבאַנד. דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער ראַט פון פאָלקאָמווירט האָט באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פונעם אַרכיטעקט קינסטלער לאַווראָוו וועגן רעקאָנסטרוקטירן די געביידע פון ייד. מלוכהשן טעאַטער פון ווסס"ר. לעבן טעאַטער וועט אויסגעבויט ווערן אַ נייער 7 שטאָקיקער קאָרפּוס, וואו עס וועט זיך געפינען די סצענע, צימערן פאַר די אַרטיסטן, אַ זאַל פאַר רעפּעטיציעס און געהילף־וואַרשטאַטן פאַר די פּראָדוציר־אַרבעטן. די נייע סצענע וועט מעכאַניזירט ווערן, די געביידע פאַר די רעפּעטיציעס איז אויסגערעכנט אויף איינשטעלן פאַרטיקע קאָנסטרוקציעס פון ספּעקטאַקל, וואָס וועט געבן אַ מעגלעכקייט דעם טעאַטער נישט אָפּשטעלן די אַרבעט איבער די אַלטע שטעלונגען, דער צושויער־זאַל וועט אויך רעקאָנסטרואירט ווערן. די צאָל ערטער וועט פאַרגרעסערט ווערן פון 780 ביז 1000. עס וועט פאַרגרעסערט ווערן די אויבערשטע און אונטערשטע פאָיע פון טעאַטער. די

בוי אַרבעט האָט זיך שוין אָנגעהויבן און עס וועט געפירט ווערן אין פאַרלויף פון גאַנצע ווינטער. די רעקאָנסטרוקציע פון טעאַטער וועט פאַרענדיקט ווערן סוף 1935. (1934).

♦

אין צוזאַמענהאַנג מיטן איבערטראָגן די הויפּט־שטאָט פון דער אוקראַי־נישער רעפּובליק פון כאַרקאָוו קיין קיעוו, האָבן זיך די יידישע טעאַטערן פון כאַרקאָוו און קיעוו צוזאַמענגעגאָסן, און לויט דעם באַשלוס פון אוקראַי־נישן בילדונגס־קאָמיסאַריאַט, איז געשאַפן געוואָרן אַיין אַל־אוקראַינישער ייד. דראַמאַטישער מלוכה־טעאַטער. אַלס קינסטלערישער אָנפירער פון טעאַטער איז באַשטימט געוואָרן רעזשיסער ווערשילאָוו, געוו. רעזשיסער פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, די לעצטע עטלעכע יאָר — קינסטלערישער אָנ־פירער פון ייד. טעאַטער אין כאַרקאָוו. (1934).

♦

אין מאָסקווער ראַדיאָ האָבן די אַרטיסטן פונעם ייד. מלוכהשן קאַמער־טעאַטער אויפגעפירט פאַרן מיקראָפאָן שעקספּירס „קעניג ליר". ס'האָבן גענומען אָנטייל ש. מיכאָעלס, ב. זוסקין און אַנדערע אַרטיסטן. די אויפפירונג איז באַגלייט געוואָרן מיט מוזיקאַלישע אילוסטראַציעס. דער ספּיקער האָט געגעבן דערקלערונגען אין רוסיש. (1935).

♦

אין כאַרקאָווער „שטערן" איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן שאַפן קינאָ־בילדער פון יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. אין דער צייט, ווען אויפן עקראַן פון סאָוועטישן קינאָ ווערט אַלזייטיק אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון רוסישן פאָלק, ווערט נאָך אויפן עקראַן שוואַך אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, באַזונדערס פון יידן. מיט שלום־עליכמס „יידישע גליקן", „בלאָנדזשענדע שטערן" און „דורך טרערן" שעפּן זיך אויס די פילמען פון „יידישן לעבן". דאָס נייע לעבן פון די יידישע מאַסן דאַרף אָפּגעשפּיגלט ווערן אויפן עקראַן. אין דער שאַפונג פון די קינאָ־סצענאַריעס פון איצטיקן יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד דאַרפן אָנטייל נעמען די בעסטע יידישע שרייבער". (1934).

♦

די פאַרגאַנגענע וואָך האָט די מאָסקווער ראַדיאָ אָפּגעגעבן אַ ספּע־ציעלע אודיציע לכבוד דעם ייד. קאַמער־טעאַטער. עס זיינען דעמאָנסטרירט געוואָרן די דריי עטאַפּן פון דעם דאָזיקן טעאַטער: שלום־עליכמס „200 טויזנט", ד. בערגעלסאָנס „דער טויבער" און מ. דאַניעלס „יוליס" (וועגן די געשעענישן אין ווילנע יאַנואַר 1919). אין דער פאַרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט די אַרטיסטן מיכאָעלס, זוסקין, א. אַ. די מוזיק איז געווען פון

ל. פּולווער, עס איז אויך געגעבן געוואָרן אַ רעפּעראַט (אין רוסיש) וועגן דעם ייד. קאַמער־טעאַטער. דערביי האָט דער רעפערענט טעלעכע מאָל גע־זאָגט: „אונדזער נאַציאָנאַלער יידישער טעאַטער". די אודיציע האָט גע־דויערט איבער אַ שעה צייט. (1934).

♦

דער ייד. מלוכה טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד האָט דעם לעצטן סעזאָן געמאַכט באַדייטנדיקע שריט פאָראויס. די צוויי פאַרשטעלונגען פון פאָריקן סעזאָן — „רעקרוט" (פון י. אקסנפעלד, אין ל. רעזניקס באַאַרבעטונג) און „געלט" („וואָלפּאָנע") זיינען געלויבט געוואָרן פון דער סאָוועטישער פרעסע. מ. ראַפּאַלסקי, דער קינסטלערישער אָנפירער פון דעם טעאַטער, ווייזט אָן, אַז אויפן ביישפּיל פון „רעקרוט" און „וואָלפּאָנע" איז צו זען, אַז אויך די קלאַסישע פּיעסע, באַקומענדיק אַ ריכטיקע סצענישע לייזונג, ווערט אַ סאָ־וועטישער, רעוואָלוציאָנערער ספּעקטאַקל". נאָכדעם ווי דעם טעאַטער האָט זיך איינגעגעבן דערפאָלגרייך צו באַנייען דעם קלאַסישן ספּעקטאַקל, איז ער איבערגעגאַנגען אויף סאָוועטישן און רעוואָלוציאָנערן רעפּערטואַר. דער טעאַטער אַרבעט איצט אויף זיסקינד לעווס פּיעסע „דער שטרייק פון די שניטער", אויף א. קושניראָוס „ברידער האַרמאַט" און אויף דער פּיעסע „דער זייגערמייסטער און די הון" פון אוקראַאינישן שרייבער קאָטשערגאַ, וואָס האָט באַקומען אויפן אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס די דריטע פּרעמיע. דער טעאַטער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן דייטשן רעוואָלוציאָנערן דראַמאַטורג פר. וואָלף אויף אַ פּיעסע וועגן די געשעענישן אין ווין. (1934).

♦

דער אָדעסער יידישער מלוכה־טעאַטער האָט אַריינגענומען אין זיין רעפּערטואַר ש"עס „גאָלדגרעבער" און אַ גאָרדין־פּיעסע (לויט אַ נייער טראַקטירונג). דער אַלאוקראַאינישער יידישער מלוכה־טעאַטער האָט אין זיין רעפּערטואַר — פר. וואָלפס „פּראָפעסאָר מאַמלאָק" ש"עס „בלאָנדזשענדע שטערן", א. גאָלדפאַדענס „שולמית" און י. גאָרדינס „כאַסיע די יתומה". (1935).

♦

אין קיעוו איז געפייערט געוואָרן דער 5 יאָריקער יובילעי פון יידישן וואָקאַלן אַנסאַמבל (יידוואָקאַנס), וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַ וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע געשעעניש. יידוואָקאַנס האָט פאַר דער צייט באַזוכט 74 שטעט און שטעטלעך פון אוקראַאינע. סאָוועט־רוסלאַנד, קרים, קאַווקאַז, וואו ער האָט געגעבן איבער 500 קאָנצערטן. צום יובילעי האָט דער כאָר געקראָגן דעם נאָמען „אַלאוקראַאינישע פאַרדינסטפולע קאַפּעליע". איר קינסט־

לערישער אָנפירער פון כאָר, קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט י. שיינין איז באַ־לוינט געוואָרן מיטן טיטל „פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רעפּובליק". (1935).

♦

אין מינסק איז געפייערט געוואָרן די 25 יאָר סצענישע טעטיקייט פונעם אָנפירער פון ווייסרוסלענדישן יידישן מלוכה־טעאַטער — משה ראַפּאַלסקי. ער איז געבוירן אין קיעוו און זיינע יונגע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער קיעווער גרופּע יידישע יונגע שרייבער — דוד בערגעלסאָן, נחמן מייזיל. אין טעאַטער, אַפּריער — רוסישן און דערנאָך — יידישן, איז ער געוואָרן אַקטיוו גאָר יונג. אין 1918 איז ער געווען איינער פון די גרינדער פונעם דראַמאַטישן טעאַטער „אונדזער ווינקל". אין 1921 אָרגאַניזירט ער אין מינסק אַ גרופּע טאַלאַנטפולע סטודענטן, און שטודירנדיק מיט זיי אין מאָסקווע, קומט ער מיט זיי צוריק קיין מינסק און עס ווערט געגרינדעט דער יידי־שער מלוכה־טעאַטער, וואָס האָט גיך פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין ספ"ב. (1935).

♦

אַן אָוונט פונעם יידישן שאַפן איז דורכגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער גרויסן קאָלאָנען־זאַל פונעם „הויז פון די סאָוועטן". אַ באַוואוסטע זינגערין האָט געזונגען פאָלקס־לידער אין יידיש, ש. מיכאָעלס האָט רעציטירט ש"עס אַ הומאָרעסקע און דערנאָך איז געגאַנגען דער דריטער אַקט פון ש"עס „200 טויזנט". (1934).

♦

דער יידיש־סאָוועטישער שרייבער מ. קולבאַק האָט געלייענט אין מינסקער שרייבער־הויז זיין איבערזעצונג פון ב. וו. גאָגאָלס פּיעסע „רעוויזאָר", וואָס וועט געשטעלט ווערן אין יידישן ווייסרוסישן מלוכה־טעאַטער. אויף דער פאַרלעזונג זיינען בייגעווען די יידישע סאָוועטישע שרייבער און דער אַקטיאָרן־רעזשיסערן־קאָלעקטיוו פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין ווייסרוס־לאַנד. אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן אַז מ. קולבאַק האָט געשאַפן אַן אויס־געצייכנטע איבערזעצונג פון גאָגאָלס „רעוויזאָר". (1935).

♦

עס האָט זיך קיין ביראָבידזשאַן אומגעקערט פון מאָסקווע דער קאָ־לעקטיוו פון ביראָבידזשאַנער ייד. טעאַטער, וועלכער האָט בעת זיין אורלויב באַזוכט אַ ספּעציעלן סעמינאַר, וואָס איז באַדינט געוואָרן דורך די בעסטע טעאַטראַלע כוחות פון מאָסקווע. דער טעאַטער־קאָלעקטיוו איז באַרייכערט געוואָרן מיט נייע טעאַטראַלע כוחות — מיט 8 אַרטיסטן. (1935).

♦

משה קולבאַק האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע אין וועלכער ס'ווערט געמאָלט

די געשטאַלט פונעם יידישן גזלן בויטרע, וואָס האָט מיט אַ 100 יאָר צוריק געלעבט אין מינסקער געגנט. מ. קולבאַק האָט די פּיעסע געלייענט פאַר שרייבער און טעאַטער־מענטשן. די פּיעסע האָט שטאַרק אויסגענומען. (1935).

◆

אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער ווערט מיט גרויס דערפאָלג גע־שפּילט לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסן־קוואַל״, איבערגעזעצט און איבערגעדיכטעט דורך א. קושניראָוו, רעזשי — אפרים לויטער. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז „שעפּסן קוואַל״ געשפּילט געוואָרן אינעם מינסקער יידישן מלוכה־טעאַטער (אָנפירונג מ. ראַפּאַלסקי). (1936).

◆

אין מינסק איז פאַרענדיקט אַ נייער קלאַנג־פילם „די גליקזוכער״, וואָס באַווייזט דעם טריאומף פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס האָט געבראַכט צו דער פריינדשאַפט פון די פעלקער. צווישן אַנדערן איז באַוויזן געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט מיט אירע נאַטור־רייכטימער. (1936).

◆

די יידישע קאַפּעליע „יידוואָקאַנס״ איז פאַררעכנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי איינער פון די בעסטע כאָרן. דער כאָר זינגט אויף 10 שפּראַכן און אויף אַלע — מיט גלייכער מייסטערשאַפט. (1936).

ביראָבידזשאַן

צום נייעם לערניאָר אין ביראָבידזשאַן שיקט אַרויס דער קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג פון ווייסרוסלאַנד אין דער ייד. אויטאָנאָמער געגנט אויף שטענ־דיקער אַרבעט 19 לערער און 3 טעאַטער־טוערס. עס ווערן אויך אָפּגעשיקט קיין ביראָבידזשאַן 40 שול־ביבליאָטעקן, אַן אויסשטאַטונג פאַר שול־וואַר־שטאַטן, 20 טויזנט העפטן, בליישטיפטן און פעדערס. (1931).

◆

אין ביראָבידזשאַן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ריי אָוונטן מיט דער באַטייליקונג פון דוד בערגעלסאָן, ש. גאָדינער און ש. האַלקין. (1932).

◆

לויט אַ דעקרעט פון „ציק״ איז ביראָבידזשאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אויטאָנאָמער יידישער געביט און גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון פאַרבאַנד פון די ראַטנרעפּובליקן. די אָפיציעלע רעגירונגס־שפּראַך אין ביראָבידזשאַן איז יידיש. (1934).

◆

אין מאָסקווער „עמעס" איז פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע טעלעגראַמע: ניו־יאָרק, 13טן יוני. מיר, שרייבער פונעם יידישן פען־קלוב, באַגריסן אייך הייס, געערטער מיכאַאיל איוואַנאָוויטש, פּאַרזיצער פון וצי"ק, מיטן היסטאָרישן אַקט — צו פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט. מיר זיינען טיף דאַנקבאַר, וואָס אין דער זעלביקער צייט, ווען אין אַזוי פיל לענדער וואַקסט די רעאַקציע, דער פאַשיזם, וואָס ווערט באַגלייט פון באַר־באַרישן אַנטיסעמיטיזם, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד אויסגעטיילט אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין דער פאַמיליע פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רע־פובליקן. דאָס איז אַ פריידיקער דערמונטערונגס־אַקט פאַרן יידישן פאָלק פון דער גאַנצער וועלט. מיר באַגריסן באַזונדערס אייערע ווערטער, אין וועלכע עס איז אונטערגעשטראָכן דער ווילן פון דער ראַטנרעגירונג צו קאָנ־סאָלידירן די יידישע נאַציאָנאַליטעט, פאַרהיטן די יידישע קולטור. אפרים אויערבאַך, מנחם באָריישאָ, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ב. צ. גאָלדבערג, ברוך גלאַזמאַן, יעקב גלאַטשטיין, ראובן אייזלאַנד, מ. י. חיימאָוויטש, י. ל. כהן, פעסיע כהנא, דוד איגנאַטאָוו, ב. לאַפּין, ה. לייוויק, ל. לערער, א. לעיעלעס, א. לוצקי, ש. ניגער, וו. נאָטאַנזאָן, דוד פינסקי, ל. פיינבערג, לעאָן קאָברין, אברהם רייזען, שרה רייזען, א. מוקדוני, יונה ראָזענפעלד, יוסף ראָלניק, ד"ר יעקב שאַצקי, א. תלוש, לאַזאַר ווייַנער. (1934).

◆

ס'איז דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד דאָס דריטע קינסטלערישע ווערק אין יידיש וועגן ביראָבידזשאַנער יידישע איבערוואַנדערער: אין 1929 — דאָס בוך פון מ. אַלבערטאָן, און איצט — דוד בערגעלסאָנס „ביראָבידזשאַ־נער" און אַ בוך פון אַ יונגן שרייבער מ. גאָלדשטיין — „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור". (1934).

◆

קיין ביראָבידזשאַן איז אָנגעקומען אַ גרופּע מאָסקווער קינסטלער, וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אָפּצושפּיגלען אין בילדער דעם אויפבוי פון ביראָבידזשאַן. ס'ווערט געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן דערנאָך אַן אויסשטעלונג „ביראָבידזשאַן אין דער מאָלעריי". (1934).

◆

די 7־יאָריקע שול אין וואַלדהיים האָט געפייערט דעם 10טן יוני איר 5־יאָריקע עקזיסטענץ. נאָך מיט 5 יאָר צוריק איז אויף דעם אָרט, אויף וועלכן עס געפינט זיך היינט די שול־געביידע, געווען ווילדע טייגע אָן שום שפּור פון מענטשלעכער קולטור. איצט איז די שול אין וואַלדהיים דער זאַמל־פּונקט פון דער שול־יוגנט פון דער גאַנצער אומגעבונג. (1934).

◆

צו דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די ראַטן אין ביראָבידזשאַן זײַנען אַרויסגעפֿאָרן די שרײַבער ש. גאָדינער, י. דאָברושין, דוד האָפֿשטײן, פּרץ מאַרקיש. (1934).

◆

פּראָפֿ. י. ליבערבערג, פֿאַרוואַלטער פֿון דעם אינסטיטוט פֿאַר ייִד. פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו, איז באַשטימט געוואָרן אַלס פֿאָרזיצער פֿון אָרגקאָמיטעט פֿאַר דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט (ביראָבידזשאַן) י. ליבערבערג איז אויפֿגענומען געוואָרן דורכן פֿאָרזיצער פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן אויספּיר־קאָמיטעט, קאַלינין. אין אַ שמועס, וואָס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה, זײַנען באַרירט געוואָרן די אויפֿבוי־פּראָבלעמען פֿון ביראָבידזשאַן. אויף דער געזעגעניש מיט י. ליבערבערגן האָט ש. דימאַנשטיין דערקלערט, אַז די ייִד. אויטאָנאָמע געגנט איז בלויז אַ פֿאָריבערגײַענדיקע דערשײַנונג. די פּערספּעקטיוו איז אַ ייִדישע סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליק. און דאָס איז אויך די מיינונג פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער רעגירונג. ד. בערגעלסאָן האָט געערעדט וועגן די פֿעלערן, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן דורך די אָנפֿירער אין ביראָבידזשאַן. אין זײַן ענטפֿער האָט י. ליבערבערג אָנגעוויזן אויף דעם פּראָווינציאַליזם פֿון די פֿריערדיקע טוער, וועלכע האָבן געציטערט, מען זאָל זיי, חלילה, נישט חושד זײַן אין נאַציאָנאַליזם. די הויפּט־אויפֿגאַבע, וואָס די פּאַרטיי און רעגירונג האָבן געשטעלט אויסטײַלנדיק ביראָבידזשאַן איז געווען צו שאַפֿן אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן אײנס, און גראָד דערפֿאַר האָבן די פֿריערדיקע טוער געציטערט, ווי פֿאַר פֿײַער, האָט פּראָפֿ. ליבערבערג פֿאַרענדיקט. (1934).

◆

ב. צ. גאָלדבערג דעפּעשירט אין ניו־יאָרקער „טאָג" פֿון ביראָבידזשאַן אַ גרויסע טעלעגראַמע: „סאָוועט־רוסלאַנד בויט אַ גרויסן, רײַכן, מעכטיקן אינדוסטריעלן שטאַט אין ביראָבידזשאַן. עס וועט אָבער זײַן אַ ייִדישער שטאַט. הײַנט האָט עס שוין אַ וואַרעמע, היימלעך־ייִדישע אַטמאָספֿערע. ייִדיש האָט דאָ אַ מער שעפֿערישן גרונט, ווי אין וועלכן אַנדערן טייל פֿון רוסלאַנד. די לופֿט איז דאָ פֿרײַ פֿון אַסימילירנדיקע קרעפֿטן. עס איז די פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי צו אונטערשטרײַכן דאָ דעם געברויך פֿון ייִדיש, און דאָס לאַנד ווערט כסדר אַלץ מער ייִדישיסטיש. ייִד. נאַציאָנאַליסטן אומעטום און די ייִדישיסטן ספּעציעל, קאָנען מיטן גאַנצן האַרצן געבן דער שאַפֿונג פֿון דער ייִד. רעפּובליק אין בירא־בידזשאַן זייער ברכה". (1934).

◆

אינעם פֿאָיע פֿונעם ביראָבידזשאַנער מלוכה־טעאַטער, וואו ס'איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער ראַטן־צוזאַמענפֿאָר אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט,

איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע געגנטלעכע אויסשטעלונג... עס זײַנען אויסגעשטעלט אײניקע פּראָגראַמעס, וואָס ווײַזן דעם וואוקס פון דער נעץ שולן. אין 1931 האָבן זיך אין די ייִדישע שולן געלערנט 7314 קינדער, און אין 1934 — 8.200 שילער". (1935).

♦

די בּיראָבּידזשאַנער צענטראַלע ביבליאָטעק האַלט אין איין וואַקסן... די ביבליאָטעק פאַרמאָגט 1200 אַבאָנענטן, און האָט 12 אָפּטיילונגען אין די פאַרשיידענע קאָל. ווירטשאַפטן. (1935).

♦

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס בּיראָבּידזשאַן איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ אויטאָנאָמער ייִדישער געגנט, זײַנען אויסגעוואַקסן אַ רײ פּראָבּלעמען, וואָס דאַרפן גלײַך געלייזט ווערן. אײן פּראָבּלעם אַזאַ איז די אויסאַרבעטונג פון אַ פּאַסיקער טערמינאָלאָגיע פאַר אָפיציעלע רעגירונגס־ענינים, פאַר זאַכן, וואָס האָבן צו טאָן מיט אָפיציעלער מלוכה־אַרבעט. דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו האָט באַקומען פון בּיראָבּידזשאַנער שטאָט־סאָוועט אַ טעלעגראַמע מיט אַ ביטע גלײַך אַרויסצושיקן קיין בּיראָבּידזשאַן אַ טערמינאָלאָגיע אויף ייִדיש פאַר דער אַרבעט פונעם סאָוועט. דער אינסטיטוט האָט באַשלאָסן נאָכצוקומען די בקשה פון בּיראָבּידזשאַנער סאָוועט און גלײַכצײַטיק זיך געווענדט צו אַלע ייִדישע שטאָטישע און דאָרפישע ראַטן, ווי אויך צו די אויספיר־אָרגאַנען פון די ייִד. נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, זיי זאָלן צושיקן דעם אינסטיטוט אַלע מעגלעכע מאַטעריאַלן, וואָס קאָנען באַהילפיק זײַן אין אָט דעם פּרט. (1935).

♦

די צענטראַלע ביבליאָטעק אין בּיראָבּידזשאַן האָט פאַר די צוויי יאָר פון איר עקזיסטענץ פאַרגרעסערט איר ביכער־אוצר פון טויזנט בענדער ביז 8 טויזנט. אין פאַריקן יאָר האָבן די ביבליאָטעק באַזוכט 24.600 און פאַרן ערשטן קוואַרטל פון הײַנטיקן יאָר — 13.600 מענטשן. די ביבליאָטעק האָט 2 טויזנט שטענדיקע אַבאָנענטן, דערונטער 700 קינדער. איצט איז אויסגעבויט געוואָרן אַ זומער־געביידע פאַר דעם לייען־זאַל פון דער קינדער־ביבליאָטעק. (1935).

♦

די טעג פון 30טן מאַי ביזן 3טן יוני זײַנען דערקלערט געוואָרן אַלס יום־טוב פון לערער און שילער פון ווייט־מזרחדיקער געגנט. אין פאַרשיידענע שטעט פון דער געגנט זײַנען פאָרגעקומען שול־פײַערונגען, שילער־דע־מאָנסטראַציעס און פײַערלעכע פּלענומס פון די שטאָט־ראַטן. בּיראָבּידזשאַן, אײנע פון די ייִנגסטע שטעט פון דער ווייט־מזרחדיקער געגענט — האָט אין

די יום־טוב־טעג דעמאָנסטרירט דעם וואוקס און די דערגרייכונגען פון דער יידישער מיטל־שול. פאַר די 3 יאָר פון איר עקזיסטענץ איז די שול אויסגעוואַקסן אין אַ סאָלידן אַנשטאַלט פאַר בילדונג און דערציאונג פון יונגן דור. די שול פאַרמאָגט 13 קלאַסן; איבעראַיאָר וועט זי שוין האָבן דעם ערשטן אַרויסלאָז; אַ גרופּע שילער וועט פאַרענדיקן דעם קורס פון אַ צען־יאָריקער שול, איצט ציילט אַן די שול ביי 500 קינדער. די שול פאַרמאָגט אַ קערן (נאָך נישט קיין גענוגנדיקן אין צאָל) פּעדאַגאָגן־ענטוזיאַסטן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. (1935).

♦

קיין ביראָבידזשאַן איז אָנגעקומען דוד בערגעלסאָן. אויפן וואָקזאַל האָבן אים באַגעגנט פאָרשטייער פון בילדונג־אָפּטיילונג פון טעאַטער, פון דער רעדאַקציע „ביראָבידזשאַנער שטערן" א. אַ. ד. בערגעלסאָן איז געשיקט געוואָרן אין דער ייד. אויטאָנאָמער געגנט פון דער רעדאַקציע פון דער אויסגאַבע „צווי פינפיאָרן" כדי אָנצושרייבן אַ ווערק וועגן דער בויאונג פון נייעם לעבן אין סאָציאַליסטישן ביראָבידזשאַן. צוליב דעם ציל וועט ד. בערגעלסאָן פאַרבלייבן אין געגנט אַ צווי חדשים. (1935).

♦

אין דעם ערשטן טאָג, ווען דער מאַסן־צוג איז אָנגעקומען קיין ביראָ־בידזשאַן, איז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער באַגעגעניש־אָוונט פון די אַרבעטנ־דיקע פון דער שטאָט מיט די נייע איבערוואַנדערער. דער מלוכה־טעאַטער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט האָט אין דעם אָוונט געהאַט גאָר אַ באַזונדערן מין עולם. די אַלטע איבערוואַנדערער זיינען געקומען צו באַ־געגענען זיך פּנים אל פּנים מיט די נייע בויער, דערציילן זיי, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, באַזונדערס דערציילן וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד און וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. צווישן אַנדערע זיינען אויך אויפגעטראָטן די שרייבער ש. גאָדינער און דוד בערגעלסאָן, וואָס גע־פינען זיך איצט אין ביראָבידזשאַן. (1935).

♦

יאַנואַר 1936 הייבט אָן צו דערשיינען אין ביראָבידזשאַן אַ 3 חדשימ־דיקער ליטעראַריש־קינסטלערישער און פּאָליטישער זשורנאַל „פאָרפּאָסט". פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" ה. קאַזאַקע־וויטש, רעדאַקציע־קאָלעגיע—ד. בערגעלסאָן, שוואַרצבאַרד, ש. וויינשטיין, בייג־פעסט, סעקרעטאַר — פּאַיעטקאָלעווסקי. עס ווערן צוגעצויגן אַלס מיטאַר־בעטער פּ. מאַרקיש, איזי כאַריק, אי. פעפער, ד. האָפשטיין, א. קושניראָוו,

מ. קולבאַק, ש. גאָדינער, מ. ווינער, דער נסתר, ז. אַקסעלראָד א. אַ. און די קינסטלער זעוויג, ראַזענבליט, זוסמאַן א. אַנד. (1935).

♦

אין ניו־יאָרק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפרוף צו באַרייכערן די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין בירעבידזשאַן מיט ווערטפולע יידישע ביכער. דער אויפרוף איז געחתמעט דורך י. אָפּאַטאָשו, א. אויערבאַך, א. לעיעלעס, פּ. הירשביין, ז. וויינפּער, ב. טייטלבוים, ה. לייוויק, ז. מלמד, יעקב מילך, ד״ר ש. פּאַקס, ל. קאָברין, ל. שאַפּיראָ. צווישן אַנדערן ווערט געזאָגט אין אויפרוף: „אין בירעבידזשאַן איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט אַנטוויקלט זיך מיט אַ שנעלן טעמפּאָ, אינדוסטריעל און אַגראַרקולטורעל. די גאַנצע קולטור־אַרבעט אין בירעבידזשאַן ווערט געפירט אין יידיש — די שפּראַך פון די ברייטע מאַסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד און איבער גאָר דער וועלט...״ (1936).

♦

אין בירעבידזשאַן וועט די טעג אָנהייבן צו דערשיינען אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער און ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל. אַלס רעדאַקטאָר איז באַשטימט געוואָרן דוד בערגעלסאָן, וועלכער וועט צו דעם צוועק וואוינען אַ האַלב יאָר אין בירעבידזשאַן. אויך וועט זיך דאָרט באַזעצן דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר מ. מילנער, וועלכער וועט אָנפירן מיט דער מוזיקאַלישער בילדונג אין דער געגנט. די צענטראַלע ביבליאָטעק אין בירעבידזשאַן פאַרמאָגט אַרום 100 טויזנט ביכער. דער טעאַטער איז געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר. איצט ווערט געפּלאַנט צו גרינדן אַ מוזיי און אַ גרויסע דרוקעריי. (1936).

♦

אויף דעם צווייטן ראַטן־צונויפֿפאָר פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס איז פאָרגעקומען אין בירעבידזשאַן, איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן אויספיר־קאָמיטעט, אַז די יידישע שולן האָבן אין 1934 געהאַט 960 שילער, און איצט — 2000. פאַר דער צייט איז אויך געשאַפן געוואָרן דער פּעדאַגאָגישער טעכניקום, דער מעדיצינישער טעכניקום און אַנדערע אַנשטאַלטן. די צאָל לערער האָט זיך פאַרגרעסערט פון 379 אויף 600. (1936).

דוד בערגעלסאָן און דער נסתר

„הנאהבים והנעימים —
בחייהם ובמותם לא נפרדו!"

.1

לויט די גרויל־ידיעות, וואָס זיינען לעצטנס דורך וועגן־אומוועגן דער־גאַנגען צו אונדז, זיינען, צווישן די פאַרשיידענע יידישע שרייבער, שוישפי־לער און קולטור־טוער, וואָס זיינען גרויזאַם פאַרפייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן דורך מערדערישע הענט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אויך פאַראַן די נעמען פון דוד בערגעלסאָן און דער נסתר, — די צוויי גרויסע יידישע שרייבער, וואָס דער גורל האָט זיי פון זייערע ערשטע ליטעראַרישע שריט צונויפגעבראַכט צוזאַמען, און וואָס דער זעלבער גורל, דער פאַטאַלער, טראַגישער גורל, האָט זיי ביידן אכזריותדיק פאַרשניטן.

דוד בערגעלסאָן און דער נסתר וואָלטן, ווען זיין ווערן נישט אומגע־בראַכט, אַלט געווען איצט 72 יאָר. זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין יאָר 1884.

עס איז דאָ עפּעס געמיינזאַמס ביי זיי, וואָס ביידע זיינען זיי געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין דער יידישער אוקראַינע, אין קיעווער גו־בערניע. איינער — דוד בערגעלסאָן — אין אָכרימאָווע, אַ שטעטל אַרום אומאַן, און דער צווייטער — דער נסתר — אין באַרדיטשעוו. ביידע האָבן דעביוטירט כמעט אין איין צייט — דער נסתר אין 1907 און דוד בערגעלסאָן — מיט אַ יאָר־צוויי שפּעטער. אין די ערשטע יאָרן פון זייער קינסטלערישן וואוקס און אַנטוויקלונג און אויך אינעם אָנהויב פון זייער ליטעראַרישער קאַריערע האָבן זיי איינער פונעם אַנדערן נישט געוואוסט. ביידע זיינען געווען ווייט פון די דעמאָלטדיקע יידישע ליטעראַרישע יאַרידן, — פון וואַרשע, ווילנע, אָדעס. ביידע זיינען זיי אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור ווי דורך זייטיקע טירן, — אַזוי דער נסתר מיט זיין ביכל „געדאַנקען און מאָטיוון" — לידער און פּראָזע, וואו עס זיינען אַריין צוויי שילדערונגען „דער לעצטער מענטש" און „מרים", און אַזוי אויך דוד בערגעלסאָן מיט זיין „אַרום וואָקזאַל" און „דער טויבער".

אָבער שוין פון אָנהויב 1909 הויבט זיך אָן זייער געמיינזאַמער שאַ־

פונגס־גאַנג, אין קיעוו, און זינט דאַן, ווי פאַרשײדן זײ זײַנען נישט סײ לויט זײערע כאַראַקטערן און סײ לויט זײער אַרט שאַפן, זײַנען זײ ענג פאַרבונדן מיט זײער ליטעראַריש־קינסטלערישער ספערע, זאָל זײַן לכתחילה מער־אויסערלעך, ווי טיף־אינעווייניק.

איצט, מער ווי 45 יאָר ווי זײ זײַנען באַפרײַנדט געוואָרן און זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן זײער בשותפותדיקער גאַנג אין דער ליטעראַטור, — לאָזט זיך רעדן און באַטראַכטן די צוויי גאַנץ־באַזונדערע קינסטלער אין רעטראָספעקט פון צענדליקער יאָרן און אין ליכט פון „קאַלטער" באַטראַכטונג און אַנאַליז. אָט די צוויי טאַלענטפולע יידישע שרײַבער־קינסטלער, וואָס זײערע בײדנס נעמען זײַנען אַזוי ענג פאַרבונדן אין פאַרשיידענע צייטן און תקופות, האָבן פאַרמאָגט טיף־קעגנזעצלעכע נאַטורן, זײ זײַנען געווען גאַנץ־אַנדערשדיקע פערזענלעכקייטן. און דאָך איז אין זייער, אמת מער־אויסער־לעכן, לעבן און שאַפערישן גאַנג געווען פיל געמיינזאַמס.

אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דאָס געמיינזאַמע, בשותפותדיקע? בעיקר און מערער — אין די דרויסנדיקע באַדינגונגען, אין די פאַראַלגע־מיינערטע צייט־פּאַסירונגען און אין די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און סאָצי־אַלע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע זײ איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שאַפן, — און ווידעראַמאָל — יעדער אײנער אויף זײַן גאַנץ־באַזונדערן, ספּעציפישן און אייגנאַרטיקן אופן און שטייגער.

עס איז מסתמא געווען אַ צופאַל, וואָס זײ בײדע זײַנען אין די ערשטע יאָרן געשטאַנען אָן דער זייט און אין דער ווייט פון דער וואַרשעווער און ווילנער ליטעראַרישע סביבות און אויך טראַדיציעס. אפשר האָט זײ אין יענע ערשטע יאָרן פאַראייניקט בעיקר דער „בונט", דער „רעוואָלט" און דער „ווידערווילן" צו דער דעמאָלטיקער וואַרשעווער ליטעראַרישער סביבה. און אָט דער רעוואָלט און ווידערווילן איז זיכער געווען לכתחילה אַ מער־אינסטינקטיווער, אַן עמאָ־ציאָנעלער, ווי אַ באַוואוסטזיניקער און טיף־דורכגעטראַכטער. מיר איז אויס־געקומען און באַשערט געווען צו זײַן אַן עדות און אויך אַן אַקטיווער מיטגייער און צײַטנווייז אפילו אַ „מיטשאַפער" פון זײ בײדן, סײ פון בערגעלסאָנען און סײ פון נסתרן. און אָפטמאָל איז מיר אויך אויסגעקומען צו שטיין צווישן אָט די צוויי „יונגע בערג", וואָס האָבן זיך אָפט ווייניק אָנגעקערט און אָפטמאָל אויך ניט פאַרשטאַנען און נישט באַגריפן איינער דעם צווייטן. און עס זײַנען אויך געווען גאַנץ־טיפע חילוקי־דעות און אַ שטאַרקער פּירוד־השאַפן צווישן זײ. און דאָך, נישט געקוקט אויף דער ווידערשפּרעכיקייט, האָבן זײ דאָך איינער צום אַנדערן זיך געקלעפּט און שטיל אין האַרצן געהאַט איינער פאַרן צווייטן אָפּשײַ, פאַרערונג און באַצויבערונג.

עס דערמאָנען זיך די טרעפלעכע ווערטער, וואָס שלום עליכם האָט אין 1901 געשריבן צו י. ל. פּרץ צו זיין 50־יאָריקן יובל:

„צ װ ײ י שמידן קלאַפּן מיט צ ו ו י י ע ר ל י י האַמערס אין אייזן,
צ װ ײ י אַרבעטער האַרעווען מיט צוויי ע ר ל יי געצייג איבער איין אַרבעט,
צ װ ײ י רייזנדע שפּאַנען פון צ וו יי ע ר ל יי פּונקטן צו איין ציל,
צ װ ײ י ליטעראַטן שרייבן מיט צ וו יי ע ר ל יי פּענעס צוליב א יי ן פאָלק".

.2

ביידע, דוד בערגעלסאָן און דער נסתר, זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אָנגעלאָדן מיט רייכע גייסטיקע אוצרות און ווי קינסטלער זיינען זיי געווען אָנגעזאַפּט מיט די טראַדיציעס און מאָטיוון, מיט שטימונגען און מיט שאַטנס און האַלב־שאַטנס פונעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס זיינען געווען פאַרשאַרפט און פאַרטיפט דורך דער דעמאָלטדיקער העברייאישער ליטעראַטור פון מ. י. בערדיטשעווסקי, י. ח. ברענער, א. נ. גנעסין, און דורך דער רוסישער ליטעראַטור פון דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו, אַנדרייעוו און גאָרקי, און דערוויל — נאָך שוואַכע פאַרבינדונג און השפּעה פון דער יידישער ליטעראַטור, מיטן אויסנאַם פון י. ל. פּרץ און טיילוויז — שלום אַש.

דערצו האָט מען דאָן געהאַלטן נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905־1906. דאָס לעבן אין רוסלאַנד, און יעדער איינער, ווי די ליטעראַטור בכלל, איז געווען אין אַ צושטאַנד פון אָפּפלוס, פון אָפּגאַנג און פון חשבון הנפש און אויך פון איבערגעטריבענע זוכענישן און נאָכטראַכטענישן. מען האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצולעשן אַלדי פייערן, די דרויסנדיקע און די אינעווייניקסטע, מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרווישן די טריט פון באַרג־אַרויף. און דעם שאַפערישן מענטש, וואָס איז געווען וואַך פאַר די אַלע פּראָצעסן און איבערגאַנגען אינעם לעבן, האָבן די פּראָצעסן, שטאַרק געררייצט, אינטריגירט און אינספּירירט.

האָט יעדער איינער פון די צוויי יונגע קינסטלער, אין זיין ווילן און דראַנג צו ברענגען צום אויסדרוק אַלדאָס פאַרגעקומענע, געזוכט וועגן און מיטלען ווי עס צו פורעמען און צו געשטאַלטיקן. און גלייך פון אָנהייב האָט זיך גענומען אַרויסווייזן דאָס אַנדערשדיקע פון די צוויי יונגע קינסטלער. דוד בערגעלסאָן, פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, איז געווען אַן אמתער רעאַליסט, בעת נסתר איז געווען אַ סימבאָליסט, פאַנטאַסט, וויזיאָנער. בערגעלסאָן האָט בעיקר געזען און אָנגעטאַפּט און נסתר האָט אויפגענומען און מער געשפּירט. בערגעלסאָן האָט געהאַט פאַר זיך רעאַלע מענטשן, קאָנקרעטע קאַמפן, און דער

נסתר האָט געלעבט מיט שפּירונגען, וויזיעס. דוד בערגעלסאָן האָט זיך אַרומ־געריגגלט מיט טיפן און געשטאַלטן פון דער ערד, פונעם אַרום, פון דער דורכ־אויס־רעאַלער וועלט, און דער נסתר האָט געהאַט פאַר זיך אַן אומרעאַלע וועלט, אַ נישט־דאַאיקע.

און עס איז געווען נאָך עפּעס, וואָס עס האָט זיי, די צוויי, אונטערשיידט: בערגעלסאָן איז געקומען אַ פאַרטיקער, אַ פאַרגאַנצטער, אַ רייפער מיט זיין ערשטלינג ווערק „אַרום וואָקזאַל" (פאַר אָט־דעם ווערק האָט בערגעלסאָן, אמת, געהאַט אָנגעשריבן זאַכן, וואָס געהערן צו זיין „פּרעהיסטאָרישן" פּעריאָד, צו זיין ערב־שאַפן!), און שוין אין אָט־דעם ערשטן ווערק זיינען געווען אַלע זיינע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקייטן, בעת דער נסתר האָט נאָך אַלץ „געבלאָנ־דזשעט", געזוכט און נאָך נישט געפונען זיין אמתן וועג, סיי לויט דער טעמאַטיק און סיי לויט זיין פאָרם. פונקט ווי זיינע פאַרשוינען, האָט דער נסתר געקלעטערט און געדראַפּעט און דעם ריכטיקן וועג נישט געקאָנט אָנשלאָגן.

אָט ליגט פאַר מיר דער „יידישער אַלמאַנאַך", וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין קיעוו סוף 1909. אין אָט־דעם אַלמאַנאַך זיינען צום ערשטן מאָל, צווישן אַנדערע, פאַרטראָטן צוזאַמען — דוד בערגעלסאָן און דער נסתר. בערגעלסאָן איז געקומען מיט זיין שאַרף־רעאַליסטישער דערציילונג „דער טויבער", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין דער צייט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שאַפן זיין „אַרום וואָקזאַל", און נסתר באַוויזט זיך דאָ מיט זיין טיף־לירישן און פּאָעטיזירטן „פרילינג", וואו עס איז דאָ התפעלות און פאַרגאַפונג פאַר דעם פרילינג, און עס איז געגעבן מיט אַזאַ מין פרישקייט און נייקייט, ווי אַ פרימי־טיווער מענטש מיט אַ געהויבענער נשמה וואָלט עס צום ערשטן מאָל דערזען און דערפילט. גלייך פון אָנהייב איז בערגעלסאָן געגאַנגען פעסט, האַרט ביי דער ערד, הגם אין זיין שאַפן זיינען געווען געגנוג בין־השמשות־מאָטיוון און עלעגישע אָפּנויגן, און דער נסתר האָט אַלץ געשוועבט אין מרחקים, און אַלץ ניט געקאָנט זיך איינשטעלן און אָפּשטעלן זיך אין זיין זוכן, אין זיין קלעטערן, אין זיין בלאָנדזשען.

און ווי שאַרפער צו באַטאָנען זיין אַנדערשקייט, האָט זיך באַוויזן זיין „העכער פון דער ערד" (וואַרשע, 1910, אין דער זעלבער וואַרשע, וואו ס'איז דערשינען פריער, אין 1909, בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל"), וואו עס זיינען דאָ אויסטערלישע ברואים־פאַרשוינען, וואָס בלאָנקען אַרום ווי אויף אַן עולם־התהו, און קאָנען קיין אָרט און קיין תיקון פאַר זיך נישט געפינען.

אויב בערגעלסאָן האָט געצויגן דעם המשך פון מענדעלע מו"ס און שלום־עליכם, האָט דער נסתר מער אויפגעכאַפּט וויזיעס, זעאונגען, צוזאַמענשטויסן

און קאָנפליקטן פון פרצן, — פרץ פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פרץ פון זיינע סימבאָלישע און אַלעגאָרישע מעשהלעך, פּרץ, וועלכער האָט צו טאָן מער מיט יענער וועלט...

3.

און אַזוי ווייטער און ווייטער: אין 1912 פאַרעפנטלעכט בערגעלסאָן זיין רעאַליסטיש־עלעגישן „נאָך אַלעמען", און דער נסתר — זיין „געזאַנג און געבעט", וואו געזאַנג ווערט פאַרוואַנדלט אין געבעט, און וואו ער רופט זיך איבער, אויף זיין אייגענעם שטייגער, מיט די מעשיות פון ר' נחמן בראַסלאַווער. מיט דעם אונטערשייד, וואָס דער בראַסלעווער האָט זיך באַמיט צו פאַרוועלט־לעכן די יידישע מעשה, און דער נסתר — פאַרקערט, ער האָט פאַרהייליקט, פאַרקדושהט די וועלטלעכע געשיכטן.

און ווי די געשילדערטע וועלט — אַזוי אויך די שפּראַך, דער סטיל פון זייער ביידנס שאַפן. בערגעלסאָן איז געווען פּרעציז, זיין שפּראַך איז קורץ, לאַקאָניש, זי איז אָפטמאָל אויך עלעגיש ווי זיין געשילדערטע וועלט אין דעם געגעבענעם ווערק, און דער נסתר דערציילט לאַנג און ברייט, ער פלעכט אַריין אַ משל אין אַ נמשל, און עס פלעכטן זיך איין מעשה אין דער צווייטער, און אָפט פּלאָנטערן זיי זיך, די פאַרשווינגען צוזאַמען מיט דער שפּראַך, און עס איז גאָר נישטאָ קיין וואו־אויס און קיין וואו־איין, ממש ווי אין אַ לאַבירינט. ווי זאָגט נסתר גופא וועגן זיינע העלדן:

„איר וואָגלערס אָן סטעזשקעס, איר שאָף איר צעשפּרייטע, / יתומים אָן היימען, פון לעבן פאַרזייטע, / איר קינדער פון אומרו, פון נעכט און פון בענקען, / פון אייביק וואָגלען, פון קלערן און דענקען, / פון אומגיין און טראַכטן פון אייביקן לעבן, / פון אייביקן גיין, פון אייביקן שטרעבן..."

און אויך אין די שווערע פאַר יאָר פונעם ערשטן וועלט־קריג האָבן די ביידע שרייבער פאַרבראַכט אָפּגערוקט, אָפּגעזונדערט פון דעם טומלדיקן לעבן, און אין פאַרשיידענע ערטער געווען פאַררוקט אין זייערע אייגענע וועלטן, און פאַרגעזעצט זייער אייגענעם באַזונדערן שאַפונגס־גאַנג.

די רעוואָלוציע פון 1917־1918 טרעפט די ביידע אייגנאַרטיקע קינסטלער אויף אַ שייד־וועג. אין דער צייט, וואָס די יונגע יידישע דיכטער אין קיעוו, אוקראַינע, ווערן די טרובאַדורן פון דער רעוואָלוציע, זיי ווערן פאַרכאַפּט פון דעם אויפברויז און ווערן אַריינגעצויגן אין דעם נייעם לעבנס־געווירבל, — שטייען די צוויי קינסטלער, בערגעלסאָן און נסתר, דערווייל אָן אַ זייט. זיי זעצן מער פאַר זייערע פריערדיקע שאַפונגען — דוד בערגעלסאָן פאַרעפנט־לעכט דאָן זיין „אָפּגאַנג" און זיין „אין פאַרטונקלטע צייטן" און דער נסתר —

זיינע „מעשהלעך אין פערזן״ און זיינע וויטערדיקע וויזיאָנערישע שילדערונגען און די מעשיות אָן אַ סוף, פון גייערס און זוכערס מיט זייער גאָרער פאַר־נומענקייט און פאַרבלאָנדזשעטקייט, מיט דעם דראַנג צו לייזן רעטענישן און אויפקניפּן קנופּן, וואָס זיי אַליין פאַרקניפּן. די אַלע אויסטערלישע און אייגנ־אַרטיקע געשיכטן זיינען אויפגעזאַמלט דערנאָך אין די צוויי נסתרס בענד מיטן נאָמען „געדאַכט״ (אַרויס אין בערלין אין 1922).

אין דערזעלבער צייט האָט דוד בערגעלסאָן אָנגעשריבן זיין סעריע דער־ציילונגען וועגן דעם בירגער־קריג אין אוקראַינע און דערנאָך זיין באַוואוסט ווערק „מידת הדין״, וואו ווידעראַמאָל איז ער דער שאַרפער רעאַליסט, וואָס רעאַגירט אויף דעם ווירקלעכן און רעאַלן לעבן און ברענגט אַרויס שאַרפע געשטאַלטן פון יענער אויפברויזנדיקער צייט, — סיי יידן און סיי נישט־יידן.

אין די „מעשהלעך אין פערזן״ — אַ וויטערדיקער שריט אין זיין שאַפן — האָט דער נסתר אַרויסגעבראַכט וועלטלעכע פאָלקס־מעשיות, וועלכע ער האָט צוגעגעבן דעם זיבעטן יידישן, תמימותדיקן און קינדישן חן. זיי שיידן זיך שטאַרק אָפּ פון די טראַדיציאָנעלע יידישע פאָלקס־מעשיות, די פאָלקס־מעשיות מיטן רעליגיעזן כאַראַקטער און מיט די נסים ונפלאות. ביי נסתרן איז עס שוין אַ דורכאויס יידיש־וועלטלעכער עפּאָס, וואָס ווייסט נישט פון אַ יענער וועלט, פון צדיקים און רשעים, פון גן־עדן און גיהנום. דער נסתר ברענגט אַ יידישלעכן עפּאָס, וואָס האָט זיינע אייגנאַרטיקע וועלטלעכע קאָלירן און מאָטיוון.

און עס איז ווידעראַמאָל אפשר בלויז אַ צופאַל, וואָס ביידע, בערגעלסאָן און נסתר, מאַכן אַדורך „עמיגראַנטישע״ יאָרן אין קאָוונע, אין בערליך, און דערנאָך — פירט זיי דער גורל צוריק קיין מאָסקווע, וואָס זיי האָבן ביידע פאַר־לאָזט אין 1921. סיי דוד בערגעלסאָן און סיי דער נסתר, וועלכע האָבן געוואוינט, געלעבט און געשאַפן אין בערליך, פילן דאָרטן נישט קיין באָדן אונטער זייערע פיס און עס פעלט זיי אַ ברייטערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע סביבה צו שאַפן און צו לעבן און אויסלעבן זיך — און זיי קומען צוריק קיין מאָסקווע, וואו עס האָבן זיך דאָן פאַר זיי געעפנט אַ גאָר נייע סביבה, גאָר נייע פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע באַדינגונגען, מיט גאָר נייע מעגלעכקייטן צו שרייבן און אַרויס־צוגעבן זייערע ווערק.

יעדער איינער פון די צוויי קינסטלער מאַכט ווידער אַדורך דאָס צוריק־קומען אויף אַן אייגענעם אופן און שטייגער. די פּראָצעסן פון זייער שאַפן ענדערן זיך שטאַרק. דאָ בעט זיך אַ גאַנץ־געַנויע פאָרשונג און שטודירונג אויפן סמך פון זייערע ווערק, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט ביי די נייע באַדינגונגען געשאַפן, — די טעמאַטיק און די פאָרם, ווי אויך די פירנדיקע

כוונה, די צילאָנגעוועגדטקייט אין זייער שרייבן בייטן זיך שטאַרק אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד אין לויף פון די יאָרן.

4.

דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט לכתחילה נישט געהאַט צו זיי און צו זייער שאַפן קיין דירעקטן צוטריט, ווי עס איז געשען מיט די יונגע און יינגערע יידישע דיכטער פון יענער צייט אין קיעוו, כאַרקאָוו, אין מאָסקווע, מינסק, — האָט צוביסלעך געגומען אַריינדרינגען אין זייערע, בערגעלסאָנס און נסתרס „באַהעלטענישן", און פאַרכאַפּט אַלץ מער זייער האַרץ און נשמה, געפיל און געדאַנק.

באַזונדערס רופן זיך אָפּ די רעוואָלוציע, דער בירגער־קריג און די שחיטות־פּאָגראָמען פון יענער צייט אויף דוד בערגעלסאָנען דעם רעאַליסט. אין אַ גרעסערער צאָל שילדערונגען, וואָס זיינען דערנאָך אויפגעזאַמלט אין זיין בוך „שטורעם־טעג", האָבן מיר אָפּקלאַנגען־אָפּהילכן פון יענע פריידיקע און גרויזאַמע טעג אין אוקראַינע, וואו פרילינג און שחיטה האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן.

באַזונדערס זעען מיר יענע אומרואיקע צייט אין בערגעלסאָנס דערמאָנטן ראָמאַן „מידת הדין", וואו עס ווערט אַרויסגעבראַכט אַ שטיק יידיש און סאָוועטיש לעבן פון דער בירגער־קריג־צייט אין די יאָרן 1919־1921, און וואו עס ווערן אַרויסגעפירט גאָר נייע געשטאַלטן פון יידן און נישט־יידן, וועלכע געפינען זיך אינעם סאַמע קאָך פון די אויפטרייסלונגען און דערשיטערונגען, צווישן די ליכטיקע און טונקעלע כוחות, וואָס ראַנגלען זיך אויף לעבן און טויט ביים גרענעץ צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און האַלב־פאַשיסטישן פוילן. אַלץ האַלט נאָך דאָ אין יוירן, אין דער סטאַדיע פון ערשט־געבוירן. עס איז דאָ אַ געמיש פון דין און רחמים, פון ברוטאַליטעט און גערעכטיקייט. די גרענעצן זיינען דאָ פאַרמישט, עס זיינען נאָך נישט איינגעשטעלט קיין נאָרמעס און קיין געזעצן. נישטאָ נאָך קיין עטישע און מענטשלעכע געבאָטן פון „מען מעג" און „מען טאָר נישט". עס גייט דאָ דער העפטיקער פיזישער און מאָראַלישער געראַנגל צווישן פאַרפאַלגער און פאַרפאַלגטע. דוד בערגעלסאָן גופא איז נאָך נישט פאַרטיק מיט זיך, מיט זיינע אָנשויאונגען, מיט זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. אָט איז אים נאָענט און ליב פּיליפּאָוו און אָט גאָר — אהרן לעמ־בערגער . . .

און אין אָט־דעם ווידערשפּרעכיקן אויפנעמען די אַרומיקע געשעענישן ראַנגלט זיך דוד בערגעלסאָן און מיט אים — זיינע העלדן.

די אַנדערע בענד דערציילונגען און שילדערונגען רופט אָן דוד בערגעלסאָן

„וועלט אויס וועלט איין״, „צוגווינטן״, „צווישן לעבעדיקע מענטשן״. שוין די נעמען פון די ביכער זאָגן אונדז, אַז דוד בערגעלסאָן האַלט אין איין גיין, און ענדערן זיך, אין איבערוואַנדלען זיך, — זיך גופא, זיין טעמאַטיק, זיין צוגאַנג צו מענטשן און זיין אופן פון אויפפאַסן די אַרומיקע ווירקלעכקייט.

וועגן אָט־די יאָרן אין דעם לעבן און שאַפן פון בערגעלסאָן און נסתר לאָזט זיך פיל רעדן. מען דאַרף עס טאָן אויף אַ ברייטערן אופן.

דוד בערגעלסאָן און דער נסתר האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט גלייך אַריינגעצויגן ווערן אין דעם געווירבל פונעם לעבן, און זייערע וואָרצלען, וואָס האָבן געשטעקט אין אַמאָליקן לעבנס־באָדן, האָבן זיך גלייך, מיטאַמאָל נישט געקאָנט „צונעמען״ אין דעם סאָוועטישן אַרום. עס זיינען ביי יעדן איינעם פון זיי פאָרגעקומען „חבלי־לידה״, וואָס דאַרפן ערשט גרינטלעך געפאָרשט און אויסגעפאָרשט ווערן. דוד בערגעלסאָן, טריי זיין געבאָט צו רעאַגירן אויף די רעאַלע געשעענישן און אויפכאַפּן לעבעדיק־רעאַלע מענטשן, האָט אָנגעשריבן אַ צאָל קלענערע און גרעסערע דערציילונגען, אָפּט אַרויסגעבראַכט זיינע אייגענע אַמאָליקע פאַרשוינען אין דער נייער סביבה און ביי די נייגעענדערטע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע באַדינגונגען, און ער גופא האָט עס באַטאָנט כסדר, — זיינע איצטיקע סאָוועטישע מענטשן רופן זיך איבער מיט זיינע פריערדיקע פאַרשוינען, זיי מאַכן פאַרגלייכן, אַנאַלאָגיעס, און בערגעלסאָן מאַכט פאַר זיי ביי יעדער געלעגנהייט אויך די נויטיקע אויספירן.

אין 1935 פאַרעפנטלעכט בערגעלסאָן זיין בוך „ביראָבידזשאַנער״. די טעמאַטיק איז אַן אַנדערע, דער טעמפּאָ איז אַ נייער, דער ריטם איז אַ האַסטיקער. די יידישע מענטשן זיינען געגעבן אין אַ מער־דינאַמישער פאָרם, ווי מיר זיינען געוואוינט געווען צו זען ביי בערגעלסאָנען, דעם מער־סטאַטישער אין זיין שרייבן, — אָבער דאָך האָבן מיר פאַר זיך אַלץ דעם גוט־באַקאַנטן דוד בערגעלסאָן.

אין דערזעלביקער צייט, אין 1934, גיט נסתר אַרויס אַ בוך „הויפּט־שטעט״, אין וועלכן ער ברענגט אַרויס די דריי הויפּט־שטעט כאַרקאָוו, לענינגראַד, מאָסקווע און די איבערוואַנדלונגען, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט אין לויף פון די לעצטע צען־פופצן יאָר. ער מאָלט אויף אַ צאַפּלדיקן, וויברירנדיקן אופן די ענדערונגען און פּראָצעסן, וואָס די שטעט, ווי לעבעדיקע וועזנס, האָבן געמאַכט אין זייער גאַנג צו־צופּאַסן זיך צו דער סאָוועטישער לעבנס־סטרוקטור און אויפן לייטער פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אַלגעמיינער פּראָדוקטיוויזירונג. און ס׳איז געווען מערקווירדיק: דער נסתר, וואָס איז באַקאַנט געווען אַלעמאָל פאַר אַ נישט־רעאַליסטישן שרייבער, האָט, ווי

עס ווערט געזאָגט אין דעם פאָרוואָרט צום בוך, געמאַכט „דעם ערשטן פרואוו אין דער יידישער ליטעראַטור צו געבן אין אַ פאָרמע פון פאַרצייכענונגען די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון אייניקע גרויסע שטעט אין לאַנד״.

און מער ווי דוד בערגעלסאָן, האָט דער נסתר געמאַכט אַ זייער שאַרפן קער אין זיין שאַפן, סיי אין זיין טעמאַטיק און סיי אין דער פאָרם, וואָס איז לחלוטין־ביי געווען פאַר נסתרן פון די פריערדיקע יאָרן און פון זיינע ביז־דעמאָלטדיקע שאַפונגען.

5.

אין אָט דער צייט, נאָך דעם ווי דער נסתר און דוד בערגעלסאָן האָבן פאַר־עפנטלעכט די דערמאָנטע ווערק, וואָס זיינען אין תוך געווען פרואוון, עקספּע־רימענטן אַריבערצוגיין און איבערצופורעמען זיך פאַר נייע קינסטלערישע פאַרמעסטונגען, האָט יעדער איינער פון זיי אַדורכגעמאַכט אַ אינטערעסאַנטן אינעווייניקסטן שאַפערישן פּראָצעס, וועלכער האָט זיי געדאַרפט פירן אויף נייע וועגן, אויף נייע איבערוואַנדלונגען אין זייער שאַפן. דערפילט אין זיך אַלץ מער רייפקייט און פאַרטיפטקייט, האָט יעדער איינער פון זיי נישט געקאָנט זיך מער באַגנוגענען מיט קליינע דערציילונגען, מיט לויפיקע שילדערונגען, נאָר עס איז געווען דער ווילן און דער דראַנג ביי זיי צו פאַרנעמען זיך אויף ברייטע און מער־פאַראַלגעמיינערטע טעמעס און אויף גרויסע לייוונטן.

נאָך אין דער צייט, וואָס דוד בערגעלסאָן איז געווען אין בערלין, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק (און איך בין געווען, אין אַ געוויסן זינען, אַן אָנרעגער און אַ מאָנער פון דעם) אַרויסצוברענגען אין אַ ווערק זיין אייגן לעבן, אָנגעהויבן פון זיינע קינדהייט און דערוואַקסענע יאָרן, און דערנאָך — אַל־דאָס, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער שטאָט קיעוו אָנהייב דעם הייַנטיקן יאָרהונדערט, און דורך אייגענע איבערלעבענישן און איינדרוקן פאַנאַנדער־צוּוויקלען די מגילה פון דער צייט, פון די פּאַסירונגען, פון די מענטשן און זייערע געראַנגלענישן, פון וועלכע ער, דוד בערגעלסאָן, איז געווען פריער אַ פּאַסיווער באַאָבאַכטער און שפּעטער אויך אַן אַקטיווער באַטייליקטער.

און זאָל דאָ דערציילט ווערן, ווי ער איז געקומען צו זיין „ביים דניעפּער״. ווען איך האָב איבערגעלייענט מ. גאָרקיס „דאָס לעבן פון קלים סאַמגין״ און געווען פאַרגאַפּט פונעם לעבן און פון די געשטאַלטן, וואָס גאָרקי האָט מיט אַזאַ ברייטקייט און פאַרטיפטקייט אַרויסגעבראַכט, האָב איך דאַן פון וואַרשע געשיקט אין בריוו און אַ צוויטן צו דוד בערגעלסאָן און געצויגן זיין אויפמערק־זאַמקייט אויף דעם אופן, ווי גאָרקי האָט אין רעטראָספּעקט געזען און געמאָלט דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין רוסלאַנד, די געראַנגלענישן און

די זוכענישן, די באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן פון די פאַרשיידענע מענטשן פון זיין צייט. איך האָב, אין מיינע בריוו, אויסגערעכנט די פּאַסירונגען, וועלכע מיר האָבן בייגעוואוינט, און די מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַרוויקלט אין די אַלע געשעענישן, וואָס זיינען שוין, צו יענער צייט, געווען שטיקער געשיכטע. בערגעלסאָן האָט דאַן געגרן און מיט דאַנק אָנגענומען מיין פאַרשלאָג צוצוטרעטן צו מאָלן די פריערדיקע יאָרן, פון זיין קינדהייט און פון די עלטערע יאָרן, וואָס זיינען אַדורכגעגאַנגען אין קיעוו, ווען מיר זיינען שוין געווען יונגע עדות און דערנאָך — שוין מער־באַוואוסטזיניקע מיטגייער און מיט־טוער. אין וואַרשע זיינען ביי מיר געווען לאַנגע בריוו פון דוד בערגעלסאָן אויך פון יענער צייט און וועגן דעם, ווי ער איז געווען פאַרקאָכט און פאַרכאַפּט מיט דער אידייע (די בריוו און מיין אַרכיוו זיינען פאַרניכטעט געוואָרן בימי היטלער). אויב מיינע בריוו צו בערגעלסאָנען פון יענער צייט האָבן זיך אויפגעהיט ביי ציפּעלען (דודס פרוי, איצט די טרויעריקע אלמנה, וואוינט אין מאָסקווע), קאָן מען פון דאָרטן אַרויסלייענען אינטערעסאַנטע פּרטים, ווי בערגעלסאָן האָט זיך גענומען צו זיין אויטאָביאָגראַפישן ווערק „ביים דניעפּער".

„ביים דניעפּער" איז געווען אַ נייער גאַנג ביי דוד בערגעלסאָן, הגם די מענטשן און די סביבה, וואָס ער ברענגט אַרויס אין די צוויי טיילן, זיינען אייגנטלעך געווען אונדזערע אַלטע באַקאַנטע פון „נאָך אַלעמען" און פון קלענערע דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן. מער נישט, וואָס דאָס לעבן מיט די פאַרשוינען, וואָס ער האָט דאַסמאָל אַרויסגע־בראַכט אין זיין ניי בוך, האָט ער באַמיט זיך צו זען און צו מאָלן אין אַ נייעם ליכט און לויט דער נייער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג צו דער יידישער וועלט, צום יידישן שטעטל און שטאָט און צו די ווירקנדיקע כוחות אין דעם יידישן און נישט־יידישן לעבן. עס איז געווען אַ רעוויזיע, אַן איבערשאַצונג פון ווערטן און אפילו פון זיינע אייגענע משפחה־געפילן, וואָס בערגעלסאָן האָט מיטן אייגענעם ווילן און אפשר נישט גאָר גערנוויליק אויף זיך אַרויפ־געצויגן און אַרויפגעצוואונגען. דוד בערגעלסאָן פאַרלירט אָפּט זיין אייגענע מאָס און וואָג ביים מאָלן זיינע נאָענטע, ער לייגט אריין אינעם מויל פון דעם יונגעטשקן און דערנאָך יונגן פענעק (זיין אייגענער פּראָטאָטיפּ) ווערטער און אויסדרוקן, געדאַנקען און געפילן, מער דיקטירט פון אויסערלעכע אידייען און בליקן, איידער פון טיף־אייגענער באַציאונג. פענעק, דער יונגער, אומריי־פער פענעק, גייט אַרום מיט אַן אַלטן קאָפּ, טראָגט אַרויס אורטיילן און רע־אַגירט אויף זאַכן ווי אַן אַלטער באַלשעוויק, וואָס איז פרעמד און נישט נאַ־טירלעך פאַר דעם אַמאָליקן יידישן ייִנגל, דוד־פענעק.

נישט געקוקט אויף דער שאַרפער טענדענציעזקייט און אויף דער אַרויפ־

געצוואונגנקייט פון געדאַנקען און טראַכטעניש, וואָס בערגעלסאָן פון די שפּעטע 30־ער יאָרן האָט אַריינגעלייגט אינעם ווערק, זיינען דאָ אין דעם בוך פּרעכטיקע קאַפּיטלען, אינטערעסאַנטע שילדערונגען און אָריגינעל־אַרויסגעבראַכטע עפּיזאָדן און סצענעס פון קינסטלערישן און געזעלשאַפטלעכן באַטייט. מיר איז אויסגעקומען אין זיין צייט, מיט אַ 20 יאָר צוריק, שרייבן אויספירלעך וועגן די מעלות און חסרונות פון דעם ווערק און איך האָב אָנגעוויזן אויף די אומבאַרעכטיקטע, ניט־קינסטלערישע און ניט־אויפריכטיקע שטעלן אין אַ צאָל קאַפּיטלען, וואו בערגעלסאָן שילדערט מיט בייזקייט און ווידערגעפיל זיינע עלטערן און זיינע שוועסטער־ברידער. אַז די שילדערונגען זיינען נישט געווען באַרעכטיקט און נישט־אויפריכטיק, דאָס איז מיר געווען גוט באַקאַנט פון פיל יאָרן לעבן און מיטלעבן מיט בערגעלסאָנען און צוזען די אמתע באַציאונגען צו זיינע משפחה־מיטגלידער, צו זיין פאָטער און מוטער, שוועסטער און ברידער, וואָס ער האָט אַזוי ביטער און בייסיק און פאַלש געמאָלט אין זיין „ביים דניעפּער״.

אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס מען וועט זיך דאַרפן אַמאָל אומקערן צו דעם, און טאָקע — גאַנץ אויספירלעך.

.6

אויב איך האָב גאַנץ גענוי געוואוסט און בייגעווען, ווי דוד בערגעלסאָן איז צוגעטראָטן צו זיין „ביים דניעפּער״ און אויך געלייענט די ערשטע קאַפּיטלען, ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן דורך דוד בערגעלסאָן אין זיין לעצטן בערלינער פּעריאָד, איז פאַר מיר נסתרס „משפּחה מאַשבער״, וואָס זיין ערשטער טייל איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1939, געווען (ווי איך האָב געשריבן אין פאָרווערט צו דער ניו־יאָרקער אויסגאַבע פונעם ווערק, אין 1943), „אַן אמתע איבערראַשונג״. „עס איז ממש נישט צום גלויבן, — האָב איך געזאָגט, — ווען מען הייבט אָן צו לייענען דאָס בוך, אַז דאָס איז געשריבן פון דעם נסתר, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט אַזוי אומגעצוימט אין זיינע זעאונגען, וואָס איז געווען שטענדיק אַזוי וייט פונעם רעאַלן, קאָנקרעטן לעבן. די שטוינונג און פאַרגאַפונג וואַקסט און שטייגט וואָס־מער מיר ווערן אַריינגעצויגן אין דער האַנדלונג, וועלכע ווערט פאַנאַנדערגעוויקלט מיט אַזאַ פּלאַנמעסיקייט און רעאַלקייט, אויסגערעכנטקייט און געזעצמעסיקייט״.

דער נסתר גופא זאָגט אין זיין „פאָרוואָרט״ צום בוך, אַז „שרייבנדיק דאָס בוך, האָב איך זיך געהאַלטן ביי יענעם מעטאָד פון קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוואוסטער געבאָט: „מאָל, מאָלער, און שווייג!...״

נסתר, דער סאַמע סוביעקטיווסטער ייִדישער קינסטלער, נסתר, וואָס האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעבראַכט קיין רעאַלע טיפּן, קיין קאָנקרעטעווירקלעכע פּאַסירונגען און צונויפשטויסן, — נסתר האָט זיך איצט פאַרמאָסטן אַרויס־צוברענגען אַ ממשותדיקע קאַלירפולע ייִדישע שטאָט, מיט אירע גאַסן, מיט אירע רעאַלע מענטשן, מיט ווירקלעכע פּאַסירונגען, און מיט די אַלע ליכט און שאָטן, וואָס די שטאָט מיט אירע איינוואוינער, מיט אירע בתי־מדרשים, קלייטן, כלי־קודש, גבירים און קבצנים האָט אַמאָל פאַרמאָגט. און וואָס מער מיר לייענען זיך אַריין אין דעם ווערק, וואָס האַלט איבער 900 זייטן, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרשווינען און געשעענישן פון כלערליי מינים און אייגנ־שאַפטן, ווערן מיר ממש דערשטוינט, אַז דאָס אַלץ קומט פון נסתרן, וועלכער איז אַ דריי צענדליק יאָר געגאַנגען אין זיין שאַפן אין גאָר אַנדערע נישט־רעאַליסטישע דרכים.

מערקווירדיק — איניקע גרויסע ייִדישע קינסטלער־רעאַליסטן, מיט מענדעלע און שלום־עליכם בראש, האָבן געפּרואווט אַרויסצוברענגען די ייִדישסטע שטאָט אין צאַרישן רוסלאַנד, באַרדיטשעוו, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט באַוויזן צו שילדערן מיט אַזאַ רחבות, מיט אַזאַ שאַרפער רעאַלקייט די שטאָט מיט אַלע אירע מערקווירדיקייטן, מיט אירע טראַדיציאָנעלע אייגנ־שאַפטן, מיט אירע סאָציאַלע ווידערשפּרוכן און גראַנגלעכישן ווי דער ניט־רעאַליסטישער נסתר. נסתר האָט נישט „צוגעטראַכט" און נישט „אויסגע־טראַכט" די אַלע מענטשן, פּאַסירונגען און געשעענישן, נאָר געגעבן דאָס ווירקלעכע לעבן מיט זיין נאַטירלעכן גאַנג, ווי עס גייט און שטראָמט, ווי עס נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען, ווי עס ווערט געפורעמט, און נסתר, ווי געזאָגט, איז בלויז דער ערנסטער און שאַרפער באַאָבאַכטער, וואָס פאַרפיקסירט אַזוי טרעפלעך און גרינטלעך דאָס געזעענע און געהערטע.

אָפטמאָל זיינען מיר עדות, ווי נסתר אַליין איז פאַרגאַפט פונעם געשעענעם, ער וואונדערט זיך, און אָפט קומט אים אפילו אויס צו מאַכן השערות וועגן איניקע זאַכן, וואָס ער איז ניט באַקאַנט און ניט זיכער מיט זיי. און עס איז טשעקאַווע, ווי נסתר טוט אָפט אַ זאָג: „מיר ווייסן נישט וואָס עס איז געווען...", אָדער אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער, אַז „אַ סברה איז..." עס איז ווי עס וואָלט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע מגילה מיט געשעענישן, מיט מענטשן, מיט צוזאַמענשטויסן, און ער גופא ווערט מיטגעריסן מיט די פּאַסירונגען, מיט די גראַנגלעכישן, וואָס זיינע פאַרשווינען זיינען אין זיי אַריינגעצויגן, און ער האָט די אויפגאַבע נאָכצופאָלגן זיי און אַרויפצוכאַפּן זיי אויפן פּאַפּיר. און וויפל חן איז דאָ אין אַזאַ נסתרישן זאָג: „און זאָלן דאָ, אגב, נאָך אַ פּאָר

ווערטער צוגעגעבן ווערן, נישט אַזוי צוליב דער עצם האַנדלונג, ווי צוליבן לירישן רומל, אַזוי צו זאָגן..."

יאָ, „משפחה מאַשבער" איז געווען אַ גאָר נייע, וואונדערלעכע דער־הויבונג פאַר נסתרן און אַ פרייד און אַן איבעררעאַשונג פאַר זיינע פאַרערער, וואָס ער האָט געהאַט צווישן די בעסערע יידישע לייענער פון אַלע צייטן, זינט 1907 ביז זיין נייעם קינסטלערישן פאַרמעסט.

7.

מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, אַז בערגעלסאָן און נסתר זיינען אין תוך גאַנץ־פאַרשיידענע נאַטורן און כאַראַקטערן. עס איז געווען זייער אינטע־רעסאַנט אַלע יאָרן פון אונדזער נאָענטקייט זיך צוקוקן צו זיי און נאָכצופאָלגן זייער אַרט לעבן און אופן פון שאַפן.

דוד בערגעלסאָן האָט אָפן, פראַנק און פריי געלעבט מיט זיינע געשטאַלטן און מיט זיינע שאַפנדיקע ווערק. עס איז געווען אַ געפיל, אַז די געשטאַלטן גייען און שפּאַצירן אַרום אים אין זיין צימער ממש ווי לעבעדיקע. און נישט נאָר האָט ער, בערגעלסאָן גופא, געזען זיי און נאָכגעפאָלגט זייער יעדן ריר און באַוועג, נאָר ער האָט זיך געטיילט מיט זיינע אַרומיקע וועגן זייערע טואונגען און גערענגלעלענישן. אין דער צייט, וואָס ער האָט געשריבן אַ ווערק, — און אָפט האָט עס געדויערט אַ יאָר און צוויי — האָט מען געוואוסט גענוי, וואָס עס טוט זיך מיט זיי, וואוהין ער פירט זיי אָדער וואוהין ער גייט זיי נאָך.

גאָר אַנדערש איז געווען נסתר און גאָר אַנדערש האָט ער געאַרבעט אויף זיינס אַ ווערק. ער און זיינע פאַרשוינען זיינען געווען פאַרשלאָסן, פאַרבאַהאַלטן בחדרי חדרים, און קיין שום מענטש, אפילו פון די גאָר נאָענטע, האָט נישט געוואוסט, ווי זיי ווערן געבוירן און ווי זיי וואַקסן אין זיין ווערק. אַלץ ביי אים איז געווען אַרומגערינגלט מיט סודות און געהיימנישן. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם ווערק, וואָס ער שרייבט און וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן.

בערגעלסאָנס שרייב־טיש איז געווען אַ מין אָפענער ווערקשטאַט. אויפן טיש זיינען געווען אָנגעלייגט און אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע שטיקער פּאַפּיר, און דער „געצייג", — אַ פען און נאָך אַ פען, און גומיראַביק און אַ שערל... און נאָך מער — עס איז אויך געלעגן אַ שטיק שאָקאָלאַד, און אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ זייטל, פון וועלכער ער איז געווען צופרידן — האָט ער געגעבן זיך אַ מתנה: נאַ, דו האָסט עס כשר פאַרדינט! און דערביי זיך געגעבן אויך אַ קניפּ אין באַק... אַ וואוילער בחור, אָנגעשריבן אַ פיינע זאַך! עס איז

אויף געשטאַנען אַן אַש־שאַלעכל מיט אַ סך אויסגערויכערטע סיגאַרעטלעך. אָפט האָט מען געטראָפן עטלעכע אָנהויבן פון אַ קאַפּיטל, וואָס ער האָט אָנגע־שריבן און אַוועקגעלייגט, און פונדאַסניי אָנגעשריבן. אין דעם זינען איז ער געווען ענלעך אויף מענדעלען, — געשליפן און געטאָקט און ווידעראַמאָל איבערגעשריבן און פאַרגלעט. און נאָך מער, — ער האָט אין די אַלע ייִנגערע יאָרן נישט געקאָנט שרייבן ווייטער, ביז ער האָט דאָס פריער־אָנגעשריבענע נישט איבערגעלייענט און באַקומען ביי זיינע נאָענטע די הסכמה.

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז געווען אַלע יאָרן נסתר אין זיין אופן פון שרייבן. מען האָט אים קיינמאָל נישט געטראָפן ביים שרייב־טיש. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ווען ער איז געווען „אין אַנדערע אומשטענדן“, ווי מ׳זאָגט אין פוילן אויף אַ פּרוי, וואָס שוואַנגערט... ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אַ זאַך, וואָס ער האַלט אין שרייבן. ער האָט געפּראַוועט דאָן התבודדות. זיין טישל איז געווען אַ גאָר פשוטס, אַ הילצערנס, פאַרדעקט מיט אַ צייטונגס־פּאַפּיר, און קיין שום אַנדייט אויף אַ טינט און פעדער. מיר האָבן געוואוסט, אַז זיינע כתבים, די פאַרשריבענע זייטן, — לאַנגע ווייסע, מיט ווירעס, — ליגן אין דעם שטרויענעם קוישל, וואָס איז ביים אויערל פאַרשלאָסן מיט אַ קליין ביליק שלעסל. און ערשט, ווען נסתר איז שוין געווען פיקס און פאַרטיק מיט אַ זאַך, האָט ער שעמעוודיק פאַרבעטן צו זיך אין צימער, אָדער געקומען ספּע־ציעל מיט די גרויסע ווייסע פּאַפּיר־בויגנס, און שטיל, בדחילו ורחימו, פאַר־געלייענט פון זיי שטיל און סודותדיק, נישט אויפגעהויבן קיין אויג אויף די צוהערער, און נאָכן פאַרענדיקן דאָס לייענען — נישט איבערגעפרעגט און נישט נאָכגעפרעגט זיך וועגן דעם איינדרוק און מיינונגען וועגן איבער־געלייענטן. ער האָט זיך ווי געשעמט גאָר צו רעדן און צו שמועסן וועגן דעם אָנגעשריבענעם.

עס איז געווען, ווי ער וואָלט געלייענט נישט קיין אייגענע זאַך, נאָר עפּעס כתבים פון אַ ווייטן באַקאַנטן. און דאָס לייענען גופא איז געווען מיט אַ ספּעציעלן ריטם און מיט אַ גאָר אייגענעם נוסח, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר דעם אינהאַלט.

בערגעלסאָנס מענטשן זיינען געגאַנגען און געקומען פון דעם רעאַלן לעבן. עס האָט זיך געפילט אַרום זיי ממשותדיקייט, קאָנקרעטקייט, בעת נסתרס פאַרשוינען זיינען געקומען, זיך באַוויזן אין זייער אויסטערלישקייט און אַזוי פאַרשוואונדן אין דער נישט־דאָאיקייט.

דוד בערגעלסאָן איז שטענדיק געגאַנגען אויפן דרך־המלך, אויפן ברייטן שליאַך, און נסתר — האָט זיינע אַלע פריערדיקע יאָרן געשפּאַנט אויף שטעגן־שטעגעלעך, אויף זייטן־וועגן.

אַזוי איז געווען ביז אין אָנהייב פון די 30־ער יאָרן, ווען נסתר האָט זיך פאַרנומען אויף מער־רעאַלע וועגן און נאָך זיין בוך „הויפּט־שטעט", האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין באַרדיטשעוו פון די 60־ער און 70־ער יאָרן און פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט אין דער „משפחה מאַשבער" אַ מענגע מענטשן מיט קאָנקרעטע פּאַסירונגען און גערוּאַנגלעניש פון אַ דור, פון דורות יידן. און ער האָט זיך פאַרמאָסטן און שוין געשריבן די וויטערדיקע טיילן פון ווערק.

◆

לאָמיר דאָ ברענגען איניקע אויסצוגן פון אַן אָפענעם בריוו, וואָס נסתר האָט געשריבן צו דוד בערגעלסאָן, וואו מיר זעען די באַזונדערע פאַרערונג פון נסתרן צו זיין חבר־מיטצייטלער, און די נסתרישע אויפפאַסונג פון זיין לאַנג־יאָריקן קאָלעגע. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו דעם אינטערעסאַנטן „בריוו" פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", (1941, נ' 4, ז"ז 30־32). מיר וועלן זיך דאָ באַגנוגענען מיט אַ פּאָר אויסצוגן. נסתר רעדט בכלל וועגן בערגעלסאָנס שאַפן און וועגן דעם אופן, ווי ער ברענגט אַרויס זיינע העלדן און זייערע תקופות, און ער זאָגט: „...וואָס־זשע געהער אָבער באַזונדערס מיר — איינעם אייערן אַ בן־דור, וואָס דער צופאַל האָט אים געגליקט זיך צו־זאַמענטרעפן מיט אייך אין זיין פריער נאָך יוגנט, און וואָס איך בין אַזוי פיל באַווירקט געוואָרן פון אָט־דעם זיך צוזאַמענטרעפן און לאַנגן צוזאַמענלעבן — בין איך אַוודאי שטענדיק דאַנקבאַר געווען און וועל, ווייט איך וועל לעבן, דאַנקבאַר זיין אָט־דעם צופאַל".

און ווייטער זאָגט נסתר: „איך האָב אייך פאַר אַ משך פון פיל יאָרן פיל נאָכגעקוקט און נאָך מער פיל זיך ביי אייך געלערנט. געלערנט... ערשטנס, באַציאונג צו ליטעראַטור... יעדעס מאָל איז ביי אייך אַמאָל געווען איינגע־פּירט, אַז ווען איר פלעגט לייענען אייערע ווערק... פלעגט דאָס יעדעס מאָל פאַרקומען ביי אָנגעצונדענע ליכט און לייכטער... דאָס האָט באַטייט: ליטעראַטור איז פייערלעכקייט..."

נסתר דערציילט, אַז ער האָט געלערנט ביי בערגעלסאָנען „אַכטן די אייגענע מלאכה". „איך האָב אייך כסדר געזען אַ שווער־באַלאַדענעם מיט אייער קינסטלערישער מיסיע, ווי אויף בערג־שטייגן. ס'איז קיינמאָל ניט גרינג אָנ־געקומען. איר האָט כסדר געהאַלטן אין איין נעמען באַריערן. און דאָס ציט זיך שוין אַזוי לאַנג באַלד דרייסיק יאָר — און ביז היינטיקן טאָג זייט איר ניט פון די פלינק־מאַכער, פון די, וואָס לעבן שוין אויף זייער אייגענעם פאַרגרייטס, אויף זייער אָנגעזאַמלטער טעכניק, און אויף אומזיסט־עסערישע רענטעס. נאָך ביז איצט, ביזן היינטיקן טאָג, זע איך נאָך אַלץ אַ באַרג־שטייגער מיט אייער שווערן פּאַק באַלאָדן..."

נסתר שרייבט: „כ׳האָב איך ערשט פאַראַיאָרן נאָך איין מאָל אויף דער נאַכט געטראָפן ביי אייער טיש, נאָך אַ טאָג, צו זען געווען, שווערער אַרבעט; די הויט פון פּנים איז איך געווען דורכגעשפּיקעוועט און דורכגערויכערט פון אַ גאַנצן טאָג פּאַפּיראָסן — אַזש בלוי; און איר זייט נאָך אַלץ געזעסן ביי דער מאַטאָווער שיין פון לאָמפּ איבער אייערע פּאַפּירן פאַרטאָן...״

און זיינען דען עס נישט קיין שטריכן פון זיין, נסתרס, אייגענער פּערזענלעכקייט און פון זיין אייגענעם אופן און באַציאונג צו זיין שאַפן?

8.

און איצט, ווען מיר האָבן דאָ געבראַכט די געפילן פון נסתרן צו דוד בערגעלסאָנען און זיין פאַרערונג פאַר זיין חבר־מיטצייטלער, מיט וועלכן ער איז געווען יאָרנלאַנג פאַרבונדן אין פריידיקע און אין שווערע צייטן, וועלן מיר איבערגעבן וועגן אַ פייערונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין מאָסקווע, אין יאָר 1944, ווען דוד בערגעלסאָן איז אַלט געוואָרן 60 יאָר. עס איז געווען מיט 12 יאָר צוריק, ווען אַלץ איז דאָרטן געווען כשורה, און עס איז געווען אַ רוישיק יידיש קולטור־שאַפעריש לעבן. וועגן אָט־דער פייערונג וויסן מיר וויניק. איך ברענג דאָ די פּרטים פון אַ נומער „אייניקייט״, וואָס איז אין יענער צייט דערשינען אין מאָסקווע. די „אייניקייט״ איז, כידוע, געווען דער אָרגאַן פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וועלכער האָט אין יענער צייט געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָלע סיי ווי אַ סאָוועטיש־יידישע פירנדיקע טריבונע און סיי מיט זיינע גרויסע פאַרבינדונגען מיט דער דרויסנדיקער פּראָגרעסיווער יידישער וועלט. דוד בערגעלסאָן, ווי דאָס רוב סאָוועטיש־יידישע שרייבער, האָט זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער לעבעדיקער און סטימולירנדיקער יידישער צייטונג, און דערצו איז ער אויך געווען איינער פון אירע חשובסטע און אָנגעזעענסטע רעדאַקציע־מיטגלידער.

ערשט מיט 12 יאָר צוריק איז עס געווען, און עס זעט אויס ווי אַמאָל־אַמאָל, אַמאָל איז עס געשען!

אויף אַ באַזונדערער זייט איז אָפּגעדרוקט אַ לענגערע באַגריסונג פון סאָוועטישע יידישע שרייבער, קינסטלער, מוזיקער, שוישפּילער אונטערן „קאַפּ״: „אַ הייסן גרוס צו דוד בערגעלסאָן, צו זיין 60־סטן געבורטסטאָג״. מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פון דער באַגייסטערטער און חבריש־קאָלעגיאַלער באַגריסונג, — זאָל עס זיין אַן אָנדענק פון יענע גוטע טעג, ווען עס זיינען אָנגעגאַנגען אין ראַטנפאַרבאַנד נאָרמאַלע יידיש־שאַפערישע עפנטלעכע טעטיקייטן, וואָס הלוואי קערן זיי זיך אום צוריק. אמן!

אין דער באַגריסונג שטייט געשריבן:

„ליבער חבר בערגעלסאָן! מיר שיקן דיר די האַרציקסטע גרוסן צו דיין 60טן געבוירנטאָג. העכער 30 יאָר (ריכטיקער איז דאָן געווען 35 יאָר,—נ. מ.). שעפערישן און פּרוכטבאַרן לעבן האָסטו אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור פונעם יידישן פאָלק. אין אַלע לענדער, וואו עס וואוינען יידישע מאַסן, ווערסטו גע־אַכט און געשעצט, ווי איינער פון די גרעסטע מייסטערס אונדזערע, ווי איינער פון די בעסטע שעפער פון דער יידישער קולטור. אַזוינע ווערק, ווי 'אַרום וואָקזאַל, נאָך אַלעמען, שטורעם טעג,ביים דניעפּער, טראָט נאָך טראָט' באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור, אונדזער שפּראַך, אונדזער קולטור".

און ווייטער ווערט געזאָגט אין דער הייסער חברישער באַגריסונג: „מיט גרויס באַפרידיקונג באַצייכענען מיר דיין גרויסע און פאַרצוויגטע אַנטי־פאַשיסטישע טעטיקייט. מיט דיין פלאַמיקן וואָרט רופסטו די יידישע מאַסן צום קאַמף קעגן דעם פאַרפלוכטן שונא פון דער מענטשהייט, קעגן דעם תליון פונעם יידישן פאָלק. אונדזער גרויזאַמע צייט האָט געבראַכט פאַר אונדזערע ברידער אומגליקן, וואָס זיינען ביז איצט נאָך ניט געהערט און נאָך ניט געזען געוואָרן. זי האָט אָבער אויך אַנטפּלעקט די שעפערישקייט און העלדיש־קייט פון די יידישע מאַסן, וואָס שלאָגן זיך האַנט־ביי־האַנט מיט די ברידערלעכע פעלקער קעגן דער ברוינער פעסט. זאָלן אונדזערע העלדן באַגייסטערן דיך אויף נייע גרויסע ווערק, וואָס זאָלן דערציילן די שפּעטערדיקע דורות וועגן אונדזערע שוידערלעכע און העלדישע טעג... מיר ווינטשן דיר נאָך פיל שעפערישע כוחות און דערפאָלג אין דיין ווייטערדיקער אַרבעט".

די יידישע שרייבער האָבן דאָן גאַרניט געוואוסט, ניט געאַנט, אַז ס'גרייטן זיך אויף זיי פייניקונגען, דערנידעריקונגען און מערדערייען מצד „אייגענע".

אייניקע פון די אונטערגעשריבענע שרייבער און קינסטלער זיינען אין לויף פון דער צייט, זינט 1944 ביז איצט, געשטאָרבן מיט זייער נאַטירלעכן טויט, אייניקע געפינען זיך אין פאַריז, אַמעריקע, אַרגענטינע, פּוילן, און וועגן אייניקע האָבן מיר די גרויל־אינפאָרמאַציע, אַז זיי זיינען דורך די בעריאַ־סטאַלין־מערדער אומגעבראַכט געוואָרן. וועגן אייניקע האָבן מיר מער־אומדירעקטע ווי דירעקטע גרוסן, אַז זיי זיינען געבליבן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און אַז נאָך די גרויזאַם־טראַגישע יאָרן פון זיין דערוויי־טערט און איזאָלירט פונעם לעבעדיקן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, קערן זיי זיך אום צוריק צו דער עפנטלעכקייט.

יאָ, אַ „שיינעם" סך־הכל האָט מען געמאַכט מיט די יידיש־סאָוועטישע שאַפער אין דעם סאַמע־רייפן און בליענדיקן פעריאָד פון זייער שאַפערישן לעבן...

.9

ביידן, דוד בערגעלסאָנען און דעם נסתר, איז באַשערט געווען איבער־צולעבן די גרויל־צייט פון היטלערס אָנגריף און אָקופּאַציע און פון דעם חורבן פון יידישע קיבוצים, פון די ברוטאַלע מערדערייען איבער יידן, אַלט און יונג, מאַן און פרוי, אין מזרח־איראָפּע. זיי ביידע האָבן קינסטלעריש שאַרף רעאַגירט אויף די מוראדיקע איבערלעבענישן, אויף די אַלערליי ווידערלעכקייטן דורך זייערע פּרעכטיקע און מייסטערישע דערציילונגען, וואָס טיילן זיך באַזונדערס אויס אין דער רייכער יידישער קריגס־ליטעראַטור.

דוד בערגעלסאָן האָט פאַרעפנטלעכט אַ צען דערציילונגען פון אַ טיף־מענטשלעכן און טיף־יידישן כאַראַקטער, אין וועלכע די גרויסע יידישע און מענטשלעכע טראַגעדיע ווערט געשילדערט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן און שטייגער. דוד בערגעלסאָן, דער פּראָזע־מייסטער און דער טיף־פילנדי־קער מענטש, האָט ניט געבראַכט קיין אויסערלעך־אויפשווידערנדיקע שיל־דערונגען וועגן דער גרויזאַמער צייט, נאָר ער האָט אַרויסגעשיילט ספּעציעלע מאָמענטן, שטיל־טראַגישע, נאָגנדיקע, וואָס האָבן אין זיך קלאַנגען־נאָכקלאַנגען פון די געשעענישן, ווייטע, אָבער טיף־רירנדיקע אָפּהילכן. נאָך זיין „אפּיקורסישן" און אַנטי־רעליגיעזן און „משכילישן" צוגאַנג צו יידן און יידישקייט אין זיין „ביים דניעפּער", וואו עס איז דאָ מער סאַרקאַזם, בייסנדיקע קריטיק און ביטולדיקע באַציאונגען צו ספּעציעל יידישעס, האָבן מיר אין די נייע דערציילונגען (ווי אין זיין דראַמע „לא אמות, כי אחיה") אַן אַנדערע, וואַרעמע און אינטימע באַציאונג, אַ ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר יידן און יידישע לייַדן. אין „אַן עדות" זאָגט דער ייד: „ווי קאָן איך שטאַרבן? איך בין דאָך אַן עדות" — אַן עדות פון די גרויל־געשעענישן, וואָס ער וויל איבערגעבן לדורות. טיף־יידיש איז די צווייטע דערציילונג „יאָרצייט־ליכט", וואו דער דאָקטאָר רופט זיך איבער מיט זיין מוטער און עס דערמאָנט זיך אים יום־כיפור און כל נדרי, ווען ער גייט מאַכן אַן ערנסטע אָפּעראַציע און ער שעפּטשעט שטיל: „צרורה בצרור החיים... מאַמע, מאַמע..." און די נייע קרובהשע געפילן און די משפחה־פליכטן פון דער דאָקטאָרין, וואָס זוכט און טוליעט צו זיך קרובים, „גראָד זי, נאָך ווען דער פאָטער איז אַמאָל אָפּגעזעסן שבעה און זיך געלאָזט דערביי רייסן קריעה" (אין דער דערציילונג „גראָד זי"). און דער פּילאָט בירויקאָוו, וואָס ראַטעוועט אָפּ אַ יידיש מיידעלע זשאַנאַ (די דערציילונג „פריינטשאַפט") א. אַ. וו.

און אַזוי אויך נסתר, וועלכער האָט אין די זעלבע עטלעכע קריגס־יאָרן

זיך פֿאַרנומען אַרויסצוברענגען דורך איינצלנע דערציילונגען־שילדערונגען די בעסטיאַלישע מעשים, די העכסט־ראַפֿינירטע מעטאָדן פֿון דייטש־נאַצישע פּייניקונגען בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. עס זיינען אונדז באַקאַנט פֿאָל־גענדיקע זעקס דערציילונגען־שילדערונגען, וואָס נסתר האָט פֿאַרעפֿנטלעכט: „העשל אנשעלעס", „דער זיידע מיטן אייניקל", „מאיר לאַנדשאַפֿט", „ריווע יאָסל בונציעס" — דאָס זיינען, ווי נסתר רופֿט זיי אָן „פֿאַלן פֿון דער אָקו־פּאַציע־צייט (אַלע פֿאַרעפֿנטלעכט אין „יידישע קולטור"). עס זיינען אויך אָפּגעדרוקט אין דער „יידישע קולטור" צוויי גרעסערע דערציילונגען: „דער ווידערוואוקס" און „פּלארא". נסתר האָט אַרויסגעכאַפּט אייניקע געשטאַלטן, פּערזענלעכקייטן פֿון גאַר־העכערן יידישן יחוס, הויך־קולטורעלע אָדער זעלטן־איידעלע מענטשן פֿון העכערע וועלטן און סביבות און אַנטקעגן זיי גיט ער די אויסוואורפֿן פֿון, מ'שטיינס געזאָגט, „העכערער" דייטשישער ראַסע, — די מערדער, די שענדער, די אויסוואורפֿן, וואָס זיי גייט נישט נאָר אין פֿיזישער אויסראָטונג פֿון די קרבנות, נאָר אויך אין ראַפֿינירטן פּייניקן און דערנידעריקן זיי. דאָס רוב קומען די געפּייניקטע אַרויס ביי נסתרן דערהויבן, געלייטערט, קדושים, וואָס באַטאָנט נאָך מער די טעמפּ־קייט, די ברוטאַלקייט, די מערדערישקייט פֿון די דייטשע מערדער־פּייניקער.

און נסתר האָט אפֿשר אַליין, ווי זיינע חברים, יידיש־סאָוועטישע שריי־בער, מיטגעמאַכט אין זיינע לעצטע פּאָר יאָר די שוידערלעכע גרויזאַמקייטן, ראַפֿינירטע פּייניקונגען, וואָס ער מאָלט מיט אַזאַ שאַרפֿקייט אין זיינע דער־ציילונגען פֿון די היטלער־צייטן.

דער נסתר גופֿא, אַרויסברענגענדיק זיינע קרבנות און די אויסטערלישע פֿאַלן פֿון זייערע ליידן, שטייט אַ פֿאַרגאַפֿטער פֿאַר דער אינעווייניקסטער שיינקייט און גבורה, וואָס די יידישע קרבנות פֿאַרמאָגן — אַלט און יונג (אין זיין „דער זיידע מיטן אייניקל") — און יונגע און אַלטע פֿרויען (אין זיינע שילדערונגען „מאיר לאַנדשאַפֿט" און „ריווע יאָסל בונציעס"") א. אַז. וו.

נסתר ווי בערגעלסאָן, האָט זיך געהיט צו שילדערן די „פּשוטע", געוויינ־לעכע, „נאָרמאַלע" מערדערייען, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן דורך די נאַצישע תליינים. ער האָט אַרויסגעטיילט אויסטערלישע פֿאַלן, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק די ווילד־משוגענע בעסטיאַלישקייט פֿון די דעגע־נערירטע דייטשע מאַניאַקן, וועלכע האָבן אָנגעווענדט אויף זייערע יידישע דערהויבענע קרבנות סאַדיסטישע מעטאָדן.

מיר וויסן נישט, צי בערגעלסאָן און נסתר האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך, נאָך זייער פּריצייטיקן טראַגישן טויט, נאָך ווערק פֿון דער גרויזאַמער דייטשער אָקופּאַציע־צייט. מיר וויסן אויך נישט, צי די ביידע שרייבער

האָבן די לעצטע יאָרן פון זייער טראַגיש לעבן, זינט סוף 1948 ביז זייערן אומקום, געהאַט גאָר אַ מעגלעכקייט צו שרייבן, צו פאַרשרייבן זייערע איבערלעבענישן אונטער די גראַטעס אָדער ערגעץ אין ווייטער פאַרשי־קונג. ווער ווייסט וועגן זייערע איבערלעבענישן און ליידן, געפילן און טראַכטענישן אין די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען אָפּגעריסן פון זייערע היימען, פון זייערע פאַמיליעס און פון זייערע שרייב־שאַפונגס־טישן, האָבן זיי אַזוי ווילד־טראַגיש און מוראדיק־גרויזאַם פאַרענדיקט זייער לעבן? ווער ווייסט וואו און ווי זיי האָבן די לעצטע יאָרן „געלעבט״?

די סאָוועטישע רעגירונג, די סאָוועטישע שרייבער־וועלט, די סאָוועטישע עפנטלעכקייט איז שולדיק אַ גרויסן חוב פאַר די אַלע אומזיניק־און פאַר־ברעכעריש־אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, שוישפילער, קינסט־לער, וויסנשאַפטלער און אויך פאַר די צוויי גרויסע יידישע שרייבער — דוד בערגעלסאָן און דער נסתר — וואָס האָבן געדינט דעם יידישן פאָלק, דער יידישער שפּראַך, דעם יידישן שאַפן מיט אַזוי פיל מייסטערשאַפט און טאַ־לענט און מיט אַזאַ טיף־יידישער און טיף־מענטשלעכער דערהויבנקייט און חשיבות.

וועגן דוד בערגעלסאָן און דעם נסתר לאָזט זיך זאָגן:

„הנאהבים והנעימים — בחייהם ובמותם לא נפרדו!״

(„די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן, צומאָל אין זייער טויט האָבן זיי זיך נישט צעשיידט״, — יידיש יהואָש).

זיי וועלן פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פונעם יידישן שאַפן, אין דעם פאַנטעאָן פון די יידישע אומשטערבלעכע שאַפער, ווי אויך צווישן די קדושים־מאַרטירער לעולם ועד — אויף אייביקע אייביקייטן!

אַפּריל 1956

איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור געווען אַ נאַציאָנאַל־יידישע?

ערשטער אַרטיקל

1.

מען רעדט און מען שרייבט די לעצטע יאָרן זייער פיל וועגן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער. מען דערמאָנט כסדר די נעמען פון די דאָרטיקע אומגעבראַכטע יידישע דיכטער און פּראָזאַאיקער — ווער מיט טיפן ווייטיק און ווער מיט שנאה און פאַראַכטונג. אָבער ווייניק, גאָר ווייניק באַטראַכט מען און מען באַהאַנדלט זייער שאַפן; ווייניק, זייער ווייניק טראַכט מען זיך אַריין אין דעם מהות און באַטייט פון זייערע ווערק. אַדרבא, אָפט קומט מען אָפּ מיט סתם ביטול־רייד, מיט גרינשעצונג לגבי דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן. עס זאָגן אייניקע, אַז בכלל איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור געווען אַ פאַרדאַרטער צווייג אויפן בוים פון דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור, און אַנדערע, „אַלצווייסער״, באַטאָנען, אַז ס׳איז גאָר נישט געווען קיין יידישע, קיין יידיש־נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, נאָר בלויז אַ... ליטעראַטור אויף יידיש, און אַז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור האָט נישט אַריינגעטראָגן קיין שום אמת־יידישע ווערטן אין דעם נאַציאָנאַלן אוצר פונעם יידישן שאַפן.

אָט־די מיינונגען וועגן דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן זיינען געווען און פאַרבליבן זייער פאַרשפּרייטע און אָנגענומענע, באַזונדערס צווישן די פּראָ־פעסיאָנעלע און פאַרביסענע שונאים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד שוין מיט צענד־ליקער יאָרן אַפריער. אָט די לייקענער־פאַרלייקענער פונעם דאָרטיקן יידישן שאַפן האָבן זיך מיט אייפער און צופרידנקייט און מיט שאָדן־פרייד אָנגעכאַפּט אָן די גרויזאַמע פאַסירונגען און אָן די גזירות רעות, וואָס האָבן געטראָפן דער סאָוועטיש־יידישער קולטור און די סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

פאַר פיל איז דער גאַנצער ענין מיט די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, זייער טראַגישער גורל און גרויליקער אומקום בלויז נאָך אַ מיטל צו באַקעמפן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און דעם פּראָגרעסיוון יידישן געדאַנק, און דאָס עצם סאָוועטיש־יידישע שאַפן גייט זיי נישט אָן און עס אינטערעסירט זיי נישט, ווייל עס

איז זיי געווען און פאַרבליבן פרעמד, ווייט און פיינטלעך, איצטער ווי פריער, ווי אַמאָל.

מיר ווילן אין אונדזער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע: איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור געווען אַ נאַציאָנאַל־יידישע אָדער נישט? מיר ווילן מאַכן אַ פּרוּוו צו דערגרונטעווען זיך צו די יסודות, צום מהות פונעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן.

מיר האַלטן פאַר נויטיק צו באַטאָנען, אַז מיר ווערן אין אונדזער דאָזיקער אַרבעט נישט געפירט פונעם באַקאַנטן „מעטאָד": „אחרי מות קדושים אמור" — אַז נאָכן טויט — און נאָך אַזאַ גרויזאַמען טויט — באַדאַרף מען זאָגן בלויז שבחים און זינגען לויב־געזאַנגען. ניין, מיר ווילן און וועלן זיך באַמיען, צו זיין, ווי ווייט־מעגלעך אָביעקטיוו... מיר זאָגן „ווי ווייט מעגלעך", ווייל איז דען לייכט צו זיין אָביעקטיוו און צו רעדן וועגן די פאַרפייניקטע און פאַרשניטענע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וועלכע זיינען אונדז געווען אַזוי אייגן און טייער, — איז דען מעגלעך צו זיין קאַלט, קאַלטבלוטיק און זייטיק־גלייכגילטיק צו זיי און צו זייערע שאַפונגען?

עס איז, גלויבן מיר, איבעריק צו דערווייזן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן די באַגריפן פון „אַ סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור" און אַ „סאָוועטישער ליטעראַטור אין יידיש". מען דאַרף אויך וואָרענען קעגן דעם אָנגענומענעם זאָג: „סאָציאַל לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם", ווייל עס איז דאָך אוממעגלעך פאַנאַנדערצוטיילן אויף גאַנץ־באַזונדערע קאַטעגאָריעס אינהאַלט און פאָרם. זיי זיינען אין קונסט, אין ליטעראַטור טיף און אָרגאַניש צונויפגעבונדן. און איז עס דען אַזוי פשוט און לייכט אָפּצוטיילן דאָס סאָציאַלע פונעם נאַציאָנאַלן? זייערע גרענעצן זיינען גאָרנישט אַזעלכע פעסטע און שטרענגע. עס קאָן דאָך אַמאָל געשען, אַז אַ יידישע, אַ דורכאויס־יידישע טעמאַטיק, אָבער דער אינהאַלט, דער תוך קאָן זיין לחלוטין אַ נישט־יידישער, אפילו — אַ פיינטלעך־יידישער. עס קאָן אָפּטמאָל זיין אַ ריין־יידישער נאַציאָנאַלער צוגאַנג צו אַן אַלגעמיינעם נישט־יידישן שטאָף, צו אַלגעמיינע, צו נישט ספּעציפיש־יידישע דערשיינונגען און געשעענישן.

דעריבער דאַרף מען נישט, ווען מען באַהאַנדלט אַ ליטעראַטור, קינסט־לערישע ווערק אָפּקומען מיט פאַרטיקע פאָרמולעס: סאָציאַל לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם. לאָמיר נישט אַריינרוקן אַ צאַפּלדיק, אָריגינעל, לעבעדיק שאַפן אין אַ סדום־בעטל...

מען דאַרף אויך אָפּפרעגן די פאַלשע באַהויפּטונג, וואָס עס הערשט ביי די, וואָס זיינען ווייניק אָדער כמעט גאָרנישט באַקאַנט מיט די שאַפונגען פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, אַז יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן אָנגעהויבן

אַריינדרינגען אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור ערשט נאָך דער היטלערישער אַריינדרינגונג און אָקופּאַציע פון טיילן סאָוועטנפאַרבאַנד. אָט די מיינונג איז זייער אַ פאַרשפּרייטע ביי די אַלע, וואָס מאַכן פאַלשע אויספירן, געשטיצט אויף נישט־קאָנטראָלירטע און נישט באַגרינדעטע סברות און השערות, — ווי מיר וועלן עס זען ווייטער.

מיר וועלן אין דעם אַרטיקל זיך אָפּשטעלן אויף ווערק פון באַוואוסטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פיל פריער פאַר דעם אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג און פונעם נאַציש־דייטשישן אָנפאַל אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד.

2.

ש. ניגער אין זיין אָפּהאַנדלונג „וועגן דער יידישער ליטעראַטור" (אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע", „יידן", ב. 3, 1942) שרייבט, צווישן אַנדערן, וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד: „... נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע עמאָציעס האָבן ביזן אויסברוך פונעם נאַצי־סאָוועטישן־קריג אין 1941 ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין שום אויסדרוק אינעם יידיש־ליטעראַרישן שאַפן. עס איז בכלל דערקלערט געוואָרן פאַר 'קאָנטר־רעוואָלוציאָנער', אָדער 'קליינבירגערלעך' יעדע טעמע, יעדער שטאַנדפּונקט און יעדע באַלייכטונג, וואָס האָט זיך אין דעם אָדער אין יענעם מאָמענט ניט געפּאַסט פאַר די אויפגאַבעס און די שטרעבונגען פון דער סאָוועטישער רעגירונג. וואָס די יידישע ליטעראַטור (און די ליטעראַרישע שפּראַך) האָט געוואונען אין ברייטקייט, האָט זי פאַרלאָרן אין פאַרשיידנאַרטיקייט און אין טיפקייט; וואָס עס איז איר צוגעקומען אינעם פּרט פון סאָציאַלן אוניווערסאַליזם, פעלט איר אינעם פּרט פון נאַציאָנאַלער איינגעוואָרצלטקייט און ירושהדיקייט" (ז"ז 158־159). הייסט עס, אַז ביזן אויסברוך פונעם נאַצי־סאָוועטישן קריג אין 1941 האָבן נאַציאָנאַלע עמאָציעס ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין שום אויסדרוק אינעם (סאָוועטיש) יידיש־ליטעראַרישן שאַפן", — אַזוי דערקלערט קאַטעגאָריש ש. ניגער אין דער „אַלגעמיינער" (יידישער) ענציקלאָפּעדיע".

וועלן מיר זען, צי איז ריכטיק אָט די באַהויפּטונג.

קודם־כל לאָמיר זיך אַריינטראַכטן אין דעם כאַראַקטער, אין דעם מהות פונעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן פון מיט אַ פערצן־פופצן יאָר צוריק, לאָמיר זאָגן, צו דעם 25־26טן יאָרטאָג זינט זיין אויפקום, און לאָמיר באַטראַכטן זיין נאַטירלעכע אַנדערשקייט פונעם יידישן שאַפן אין אַנדערע לענדער.

ס'איז קלאָר, אַז אַזוי ווי ס'איז געווען אַנדערש דאָס סאָוועטישע יידישע לעבן, אַזוי איז אויך די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור געווען און געמוזט זיין

אַנדערש. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז געווען אַ גלייכער און פול־באַרעכטיקטער מיטגליד אין דער גרויסער משפחה פון די ליטעראַטורן פון די פעלקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אויך פון דער דאָרטיקער גרויסער רוסישער ליטעראַטור. און ס׳איז געווען פּשוט און פאַרשטענדלעך ווייל דאָס יידישע פאָלק, איז געווען דאַן, אין יענע יאָרן, אַ גלייכער און פולבאַרעכטיקטער מיט־גליד צווישן די אַלע פעלקער אינעם גרויסן, פיל־פעלקערלעכן לאַנד פון די סאָוועטן.

דאָס איז אַ פאַקט, וואָס קיינער קאָן עס נישט לייקענען און פאַרלייקענען.

און דאָס איז ממילא געווען דער עיקר, דער יסוד פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אין די יאָרן פאַרן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג. אויף אָט־דעם פונדאַמענט איז געבויט געוואָרן די יידישע קולטור (און די אַלע קולטור־אינסטיטוציעס אירע), ווי עס זיינען געבויט געוואָרן אַלע אַנדערע קולטורן פון די פעלקער, גרעסערע צי קלענערע, אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אין די נאָרמאַלע יאָרן פאַר דער לעצטער ווילדער סטאַלין־בעריאַ־תקופה.

די פאַרשיידענע פעלקער זיינען געווען אַריינגעגלידערט אין די אַלע טעטיקייטן, פאַרמעסטן און פּראָצעסן פונעם לאַנד, זיי אַלע און יעדעס פאָלק באַזונדער האָבן אַקטיוו, מיט לייב און לעבן, זיך באַטייליקט אינעם וואוקס און אין דער אַנטוויקלונג, אינעם בוי און אָרגאַניזירן דאָס לאַנד. יעדעס פאָלק האָט די אַלע יאָרן צוגעטראָגן אַלץ וואָס ס׳איז מעגלעך געווען צום אַלגעמיינעם און קולטורעלן וואוילזיין פונעם לאַנד. און ממילא האָבן אַלע פעלקער און יעדעס פאָלק באַזונדער געגאָסן פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע אוצרות, וואָס דאָס מעכטיקע גרויסע לאַנד האָט פּראָדוצירט און געשאַפן. און אויב איין פאָלק און איין טייל פונעם לאַנד, וואו דאָס פאָלק וואוינט, איז אויף דעם אָדער אַנדערן געביט און צווייג — סיי מאַטעריעלן און סיי גייסטיקן — געווען רייכער און פולקאָמענער, האָט מען זיך געטיילט צווישן זיך חלק אין חלק, ווי אין אַ פרידלעכער, האַרמאָנישער און גוט־צונויפגעלעבטער פאַמיליע.

דאָס איז געווען אין אַלגעמיין די איינשטעלונג אינעם לאַנד. מען האָט זיך ערנסט און אויפריכטיק באַמיט און געשטרעבט צו דערגרייכן אַלצמער און אַלצמער אין דער ריכטונג פון קעגנזייטיקער פולשטענדיקער האַרמאָניע.

דאָס אָבער מיינט נישט, אַז מען האָט זיך באַמיט אין סאָוועטנפאַרבאַנד פון די פריערדיקע יאָרן צוצושניידן און אויסגעשטאַלטיקן די באַזונדערע נאַצי־אָנאַלע פעלקער־קולטור אין איין פאָרם און אונטער איין אויסזען. ניט געקוקט אויף די אַלגעמיינע טענדענצן און לאָזונגען, מיט וועלכע די ליטעראַטורן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד זיינען געווען דורכגעדרונגען, האָט יעדע נאַציאָנאַלע ליטע־

ראַטור געהאַט איר אייגענעם קאָלאָריט, איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, איר באַזונדערע פיזיאָגנאָמיע.

ס׳איז גענוג צו באַטראַכטן גאַנץ אויבנאויפיק די הויפּט־עטאַפּן פון די ערשטע, לאָמיר זאָגן, 25 יאָר פון דעם סאָוועטישן לעבן, און זען, ווי ס׳האָט זיך דאָן אַנדערשדיק און אייגנאַרטיק אָפּגעשפּיגלט אינעם לעבן פון יעדן פאָלק באַזונדער און ממילא — אין זיין ליטעראַטור און קולטור: דער ערשטער פּעריאָד פון דער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש, דער בירגער־קריג, דער העלדישער געראַנגל פון דער יונגער סאָוועטישער מלוכה מיט אירע אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע שונאים. די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּסיכאָלאָגישע קאַמפן און געראַנגלענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי די פאַרשיידענע פעלקער און שיכטן פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע, די ווייטערדיקע פּראָצעסן ביים איבערבויען דאָס לאַנד אויף נייע סאָציאַלע יסודות, די איבערשיכטונג פון דער באַפעלקערונג, די איבערפאָרמירונג פון דעם לעבנס־שטייגער פונעם כלל און פונעם יחיד, דאָס איבערגיין פון קריגס־לעבן צו אַ נאָרמאַלן, פרידלעכן לעבן, דער אָפענער און באַהאַלטענער סאָציאַלער און פּסיכישער ווידערשטאַנד קעגן די אַלע איבעראַנדערשונגען, דער בונט פון די איינגעשטעלטע און איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן און שוואַכקייטן, די „קולאַקישע” (באַלגופישע) רעליגיעזע און מיוחסדיקע טראַדיציעס און די אַלע גיגאַנטישע פינפיאָר פּלענער — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגערופן ביי פאַרשיידענע פעלקער אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף גאָר אַנדערע ספּעציפישע אופנים, און יעדער נאַציאָנאַלער קינסטלער, יעדע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך אויף אַ באַזונדערן און טיף־אייגענעם כאַראַקטער און שטייגער אויף דעם אַלעמען רעאַגירט אין אירע ווערק.

און נישט נאָר איז נישט געווען קיין טענדענץ, קיין ווילן אונטערצודריקן, פאַרווישן, פאַרטושן די אַלע באַזונדערקייטן און אייגנאַרטיקייטן, נאָר אדרבא — ס׳איז געווען דער ווילן, פאַרלאַנג, דער געבאָט, אַז יעדעס פאָלק זאָל ווי ווייט מעגלעך אַרויסברענגען זיינע אייגנטימלעכקייטן, זיין ריטם און כאַראַקטער, זיין אייגענעם קאָלאָריט אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן — אין וואָרט, אין קלאַנג, אין טאַנץ, פאַרב. ס׳איז געגאַנגען אַ פאַרמעסט אויף אַן אַלסאָוועטישן מאַסשטאַב, ס׳זיינען פאָרגעקומען אַלפעלקערישע קאָנקורסן, ס׳זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פעלקער־פעסטיוואַלן, און יעדעס פאָלק איז געקומען צו די פאַרמעסטן מיט דעם שענסטן, אינטערעסאַנטסטן און עכטסטן, וואָס עס האָט פאַרמאָגט אין די אייגענע טיף־נאַציאָנאַלע אוצרות, און וואָס ס׳האָט געשאַפן ווייטער ביי די נייע גינסטיקע באַדינגונגען.

3.

מיר האָבן אין די פריערדיקע אַרטיקלען ציטירט פון דער אָפּהאַנדלונג געשריבן דורך די צוויי יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשער א. גורשטיין און מ. ווינער, וועגן „סאָציאַליסטישן אינהאַלט און נאַציאָנאַלער פאָרם”. די צוויי סאָוועטיש־יידישע פירנדיקע קריטיקער פון יענער צייט האָבן ערב דעם היטלעריסטישן אָנפאַל אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד, באַמיט זיך צו כאַראַקטעריזירן פון איין זייט די איינהייטלעכקייט אינעם שאַפן פון די סאָוועטישע פעלקער, און פון דער צווייטער זייט — די פאַרשיידנאַרטיקייט פונעם פילפעלקערישן סאָוועטישן שאַפן. „די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם אין דער איינהייטלעכער סאָוועטישער ליטעראַטור דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער געשיכטלעכער וועג פון די פעלקער, וואָס באַוואוינען אונדזער גרויסן ראַטנפאַרבאַנד איז געווען פאַרשיידן ... אָט פאַרוואָס עס איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק — ביי דעם איינהייטלעכן מהות פון די סאָציאַלע פּראָצעסן, די קאָנקרעטע אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג פון די דאָזיקע איינהייטלעכע סאָציאַלע פּראָצעסן” ...

מיר זיינען געווען עדות, ווי גראַד אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו מ'איז אַזוי געווען פאַרכאַפּט און פאַרנומען און פאַרגאַפט מיט דעם היינטצייטיקן בויענדיקן לעבן; גראַד אין דעם לאַנד, וואָס איז געווען אַזוי פאַרקאַכט מיט די איצטיקע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען, גראַד אין אָט דעם לאַנד, האָט זיך דערוועקט ביי יעדן איינעם פון די סאָוועטישע פעלקער דער ווילן אַרויסצואַנטפּלעקן פון דער אייגענער נאָענטער און וויטערער פאַרגאַנגענהייט וויכטיקע העראָאישע געשטאַלטן, גרויסע, אָפּטמאַל פאַרגעסענע, קינסטלער און קעמפער פאַר פאָלקס־פרייהייט און אַריינברענגען זיי ווי ווידערגעבאָרענע אין דעם אויפגעוואַכטן לעבן פונעם פאָלק. ס'איז געווען די אַמביציע ביי יעדן סאָוועטישן פאָלק אַרויסצושיילן פון דער פאַרגעסנקייט וויכטיקע היסטאָרישע פּעריאָדן, גרויסע תקופות, ווען דאָס פאָלק האָט געקעמפט מיט מסירת־נפש פאַר זיין באַפרייאונג, פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום. און די אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער זיינען געוואָרן מחותנים צו די גרויסע פאָלקס־יום־טובים, וואָס יעדעס פאָלק האָט אויף אַ ברייטן אופן אָרגאַניזירט, און ווי גוטע, טרייע, איבערגעגעבענע שכנים איז מען געגאַנגען איינס צום אַנדערן „גוט־יום־טוב־ביטן”.

נישט נאָר האָבן זיך די סאָוועטישע פעלקער משמח געווען, למשל, מיט די גרויסע פּושקין־פייערונגען, נאָר אויך — ביי די אוקראַאינישע, ווייסרוסישע, גרוזינישע, אַרמענישע, יידישע און אַלע אַנדערע פאָלקס־יובילײ־פייערונגען

פון זייערע גרויסע קינסטלער. און ביי אַט־די געלעגנהייטן זיינען די באַדייטנ־דיקע ווערק פון אַט די פאָלקס־שרייבער איבערגעזעצט געוואָרן אין צענדליקער אַנדערע שפּראַכן, כדי די גרויסע קינסטלערישע שאַפונגען פון איין פאָלק זאָלן ווערן דאָס אייגנטום פון די אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער. און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויפן חשבון פון דער מלוכה, דורך די מלוכה־פאַרלאַגן און אין אָרדענונג פון מלוכהשער געזעצגעבונג און אין די טייערע טראַדיציעס פון גוטע איינגעשטעלטע באַציאונגען פון פאָלק צו פאָלק.

עס איז געגאַנגען אַ פּאַרמעסט צווישן די פעלקער — אַרויסצוגראָבן און אַרויסצושטעלן פאַר דער אַלגעמיינער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט גרויסע נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייטן פון וואָס־וויטערער פאַרגאַנגענהייט. אויך די סאָוועטיש־יידישע שרייבער זיינען נישט אָפּגעשטאַנען אין דער־אַ באַשטרעבונג. פּרץ מאַרקיש האָט געשריבן וועגן דעם ערשטן וועלט־קריג און בירגער־קריג אין זיין „דור אויס דור איין״; א. קאַהאַן האָט געשריבן אַ ווערק וועגן אהרן ליבערמאַן; מ. דאַניעל וועגן שלמה מיימאָן; ש. האַלקין וועגן בר־כוכבא; דער נסתר וועגן די 70־ער יאָרן אין דער יידישער שטאָט באַר־דיטשעוו אין זיין „משפּחה מאַשבער״, דוד בערגעלסאָן וועגן „פּרינץ ראובני״, א. אַז. וו.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַרהוילן און פאַרבאָרגן פאַר די היגע יידישע קריטיקער און שרייבער, וועלכע האָבן, צוליב זייער שנאה צום סאָוועטנ־פאַרבאַנד בכלל, נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זען וואָס ס׳טוט זיך אינעם סאָוועטיש־יידישן פיל־פאַרצווייגטן און פיל־קאָלירקן יידישן שאַפן.

עס וואָלט געווען וויכטיק, מ׳זאָל ברייטער און אויספירלעכער זיך אָפּ־שטעלן אויף די אַלע אומבאַרעכטיקטע פאַרוואורפן און אָנפאַלן, וואָס זיינען אין לויף פון יאָרן געמאַכט געוואָרן מצד די היגע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך איינגעוויקלט אין דעם „טלית שכולו תכלת״. און אין נאָמען פון כלל־ישראל כסדר געהעצט און דיסקרימינירט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור און אירע שרייבער, געזען אין זיי אַלדאָס בייז און שלעכטס און אַזוי־אַרום פאַרמיאוסט זיי אין די אויגן פון די לייענער דורך זייערע צייטונגען און צייט־שריפטן.

4.

ס׳איז וויכטיק דערביי צו באַטאָנען, אַז צווישן די היגע יידישע שרייבער און קריטיקער, וואָס האָבן אין די פריערדיקע יאָרן, ביי פאַרשיידענע געלעגנ־הייטן ביטער און אומערלעך באַקעמפט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור און אירע שאַפער, האָט זיך אויסגעטיילט איינער, — מיר מיינען דעם קריטיקער

ב. ריווקין (1883־1945), וועלכער האָט געהאַט אַ גאָר אַנדער מיינונג וועגן דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן און ער האָט זי שאַרף פּאַרטיידיקט קעגן די שונאים און די נישט־פאַרגינער.

אין אַן אַרטיקל „נייע קאָאָפּעראַציע צווישן דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור און דער סאָוועטישער" (פּאַרעפנטלעכט אין „איינִיקייט", 1944, איבערגעדרוקט אין זיין בוך „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", איקוף־פאַרלאַג, 1948) טרעט ער אַרויס קעגן די יידישע שרייבער אין אַמעריקע, וואָס „אפילו איצט פאַרגינען זיי זיך אַלע צו פירן מלחמה קעגן די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער". מיר וועלן ברענגען בלויז אייניקע אויסצוגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טעמע פון אונדזער אָפּהאַנדלונג.

רעדנדיק וועגן די פאַרוואורפן, וואָס מען מאַכט דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און אירע שרייבער, זאָגט ריווקין: „די ׳בלינדע׳ פאַרטייאישקייט מאַכט ניט בלינד, נאָר אַלזעעודיק". ער ברענגט אַ באַוויז פון נסתרן און זיין בוך „משפחה מאַשבער" (ב. ריווקין האָט געהאַט פאַר זיך בלויז דעם ערשטן טייל). „ווען עס איז געקומען צו דער גרויסער פראָבע, האָט זי (די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור) זיך אַרויסגעשטעלט פּייאיק אַרומצונעמען מיט איר בליק די גאַנצע יידישע מסירת־נפש מיט אַלע אירע קנייטשן און בויגן. וועט מען זאָגן, אַז דער נסתר איז ניט געווען קיין פאַרטיי־מאַן? אָבער די גרענעצן, וואָס די פאַרטיי־ליניע האָט געשטעלט, האָט ער דאָך אויך געמוזט אָפּהיטן. ער האָט ניט געטאָרט לויבן דעם בורזשוי און צוטיילן אים אַ גלייכן חלק אינטערעס מיט דעם האַרעפּאַשניק. פונדעסטוועגן האָט די דיסציפּלין אים (נסתרן) ניט געשאַדט, נאָר עס איז אים צוגעקומען אַ שטיק קינסטלעריש געזונט. והא ראיה, ,די משפחה מאַשבער׳. עס וועט זיין נישט אַזוי לייכט צו געפינען נאָך אַזאַ קינסטלעריש ווערק".

ב. ריווקין גיט צו, אַז „יאָ, זי האָט זיך פאַרענגט, זי האָט זיך באַשרענקט, קאָנצענטרירנדיק זיך אויף דעם איבערבוי פון סאָוועטישע יידן, געשפּילט ברוגז מיט די דאַטעס און געגרייסט די יוגנט... — — — דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור (אין סאָוועטנפאַרבאַנד) איז געווען: פון דער יידישער אַל־צייטיקייט, פון דער אייביקער יידישקייט, וואָס שטאַמט פון עבר, ירושה און טראַדיציע צו היינטצייטיקייט"... ב. ריווקין גייט נאָך ווייטער אין זיין אַרויסהייבן און פאַרטיידיקן די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור: „די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, צוזאַמען מיט דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט געטאָן נאָך מער: זי האָט דעם אחרית־הימים (די שפּעטערדיקע יאָרן) פאַרהיינטיקט; זי איז פאַרנומען געווען מיט אַריינברענגען דעם צוקונפט־מענטשן אין דער צוקונפט־אָרדענונג". און ב. ריווקין גיט צו, אַז

„לכתחילה האָט זי זיך באַשרענקט אויף אָט־דער ריזיקער אויפגאַבע, וואָס פאַר אירע אויגן, פאַרקוקנדיק דעם יידן פון אַלע צייטן און פון אַלע יידישע לענדער. איצט ציט זי אַריין דעם גאַנצן יידישן עבר אין דער נויט־פּראַקטיק פון היינטיקן טאָג. און ציט אייך אַריין אין דעם קרייז פון איר אינטערעס ייד־וועלט־אַרומנעמונג, כדי אַזוי־אַרום די גאַנצע אָנגעזאַמלטע יידישע מאָראַל־ענערגיע פון דורות, צעשפּרייט ווי זי איז איבער דער גאַנצער יידישער צע־שפּרייטקייט, אַריינצוטאָן אין פּראָצעס פון אויגנבליקלעכער פאַרוואַנדלונג פון סאָוועטישע יידן, ער זאָל זיין נשמה קאָנען אָפּגעבן אין האַלדז־אויסשטרעקנ־דער מסירת־נפש" (ז"ז 326־327).

ב. ריווקינען אימפּאָנירט און געפעלט שטאַרק דער ציל, וואָס די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור האָט זיך געשטעלט — „די מענטש־פּאַרוואַנדלונג", און ער אילוסטרירט עס מיט נסתרן: „זעט,וויפל גוטס עס האָט אים געטאָן, — פון אַ סימבאָליסט, אַ רייטער אויף שאָטנס אין די וואָלקנס, האָט זי אים אַראָפּגעבראַכט צו דערווירקלעכקייט, פון וואַנען זיינע סימבאָלן און שאָטנס שטאַמען"... „עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיין קינדהייט און יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין דער צונויפגעפּרעסטער אַטמאָספערע צווישן דער גביריש־רביאישער חסידות און דער האַרעפּאַשנער בראַסלעווער חסידות. אָט די ווירקלעכקייט, וואָס איז ביי אים געווען אונטערדריקט, אָטעמט זיך איצט פריי פון אים אַרויס — אין אַ נייער באַלייכטונג און אויסטייטשונג, וואָס אָן דעם וואָלט ער נאָך אַלץ זיך געשטיקט אין איר..." (ז"ז 332־333).

עד כאן ב. ריווקין און זיין אויפפאַסונג פונעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן.

לאָמיר געדענקען, אַז ב. ריווקין רעדט דאָ וועגן נסתרס ערשטן טייל „משפחה מאַשבער", וואָס דער נסתר האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין 1934, און וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע, אין 1939.

וואָס שייך נסתרן און זיין קרוין־ווערק „משפחה מאַשבער", וועלן מיר רעדן וועגן זיי שפּעטער.

5.

מיר ווילן דערווייל זיך אָפּשטעלן אויף פּרץ מאַרקישעס פּראָזע־ווערק „דור אויס דור איין" (דערשינען אין כאַרקאָוו, אינעם מלוכה־פאַרלאַג פון אוקראַינע, אָנהייב 1929). לאָמיר אונטערשטרייכן דאָס יאָר פונעם דערשיינען, 1929, דאָס הייסט, מיט אַ צוועלף יאָר פריער איידער דער אויסברוך פונעם נאַצי־סאָוועטישן קריג, און מיר וועלן זען, וויפל „נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע עמאָציעס" (וואָס לויט ש. ניגער, האָבן זיי „נישט געקאָנט געפינען פאַר זיך

אינעם יידיש־ליטעראַרישן שאַפן קיין שום אויסדרוק") מיר טרעפן אין דעם דאָזיקן פּרק מאַרקיש־ווערק.

איך האָב איצט נישט פאַר זיך די ערשטע אויפלאַגע פונעם בוך, וואָס איז דערשינען אין כאַרקאָוו אין 1929. פאַר מיר ליגט די צווייטע אויפלאַגע, געדרוקט אין מאָסקווע אין 1938. ס'וואָלט אגב, געווען אינטערעסאַנט צו פאַר־גלייכן דיביידע אויפלאַגעס און זעען, צי ס'זיינען נישט געמאַכט געוואָרן דורך פ. מאַרקישן אָדער דורך דער פאַרלאַגס־רעדאַקציע וואָסערע ס'איז וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער צווייטער אויפלאַגע.

ווען דאָס בוך „דור אויס דור איין" איז דערשינען (דער ערשטער טייל), האָב איך אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" פון 1929, נ' 19 (דאָס מיינט מיט 28 יאָר צוריק) פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג, וואו איך האָב צווישן אַנדערן געשריבן:

„...דור אויס דור איין". דער דור־אויס איז דאָ, דער דור־איין דאַרף ערשט געבוירן ווערן... און פון די צוויי וועלטן, פון דער אַלטער און נייער, גיט זיך פּרץ מאַרקישן פיל מער איין גראָד די אַלטע, אַמאָליקע. און פון די צוויי דורות האָט מאַרקיש מער פאַרשטענדעניש, מער אינטים־האַרציקע באַ־ציאונג, מער אויפריכטיקע געפילן פאַר דעם פריערדיקן, אַוועקגייענדיקן דור ווי פאַר דעם איצטיקן, קומענדיקן. און דאָס קומט פאַר אָפטמאָל ווי קעגן דעם בפירושן ווילן און באַוואוסטזיין פונעם דיכטער. פון אָנהייב אָן קומט מאַרקיש ווי מיט אַ פאַרטיקן ביטול־שמייכל פאַר דעם אַוועקגייענדיקן. ער איז גרייט אפילו מיט אַ חוזק־באַציאונג זיך אָפּצופאַרטיקן מיט דער אַלטער וועלט, מיט די עלטערע יידן. אָבער אין גאַנג פון די געשעענישן ווערט דער לייכטער קאָמיזם פאַרוואַנדלט ביי אים אין אַן ערנסטן טראַגיזם. אַזאַ מין פאַרוואַנדלונג קומט פאָר אין בוך פיל מאָל. דער 'וואויל־יונגערישער' טאָן גייט אַריבער אין אַ שטילן, רירנדיקן געוויין. עס שטיקן טרערן דעם דיכטער, ער האַלט זיך קוים איין, ער זאָל נישט אויסברעכן אין אַ געיאָמער"... (ז"ז 355־357).

איבערן בוך „דור אויס דור איין" זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפן פּרעכטיקע, הערלעכע, יום־טובדיקע שילדערונגען פונעם שטעטל, פון פאַרשיידענע מענטשן און עפּיזאָדן, וואָס מאַרקיש ברענגט זיי אַרויס מיט אַזאַ טיפער באַהאַרצטקייט און פאַרליבטקייט, און גלייכצייטיק אויך מיט אַ לירישן מיטגעפיל און מיטלייד.

אָט אַזאַ מין בילד: „דרעמלט אָפּ דאָס שטעטעלע אַ לאַנגן זומערדיקן טאָג. פאַרנאַכט פאַרמאַכן זיך די אויסגעטריקנטע קלייטלעך, ווי פינצטערע מיילער פון זקנות. מ'הענגט אויף אַלטע פאַרזשאַווערטע שלעסער. דער גאַנצער מאַרק ווערט ענלעך צו אַן אַלטן בית־עלמין. ס'קריכט אַרויס די לבנה און באַטאַפּט די טויטע קלייטלעך ווי מצבות. אונטער יעדער אַזאַ מצבה שלאָפט פאַרגראָבן

אַ ביסל בטחון אויף לײדיקע פּאַליצעס און אין שול שטייען שוין יידן אין אַ רעדל אַרום דעם רב און הערן זיך צו צו די לעצטע נייעס פון דער וועלט״ (ז׳ 25).

אין מיין אָפּשאַצונג וועגן דעם מאַרקיש־ווערק האָב איך, אין 1929, גע־שריבן: „ווי וואונדערבאַר מאַרקיש מאָלט אומעטום דעם בית־המדרש און די יידישע כלי־קודש און מיט אַזאַ טיף־רירנדיקער באַהאַרצטקייט״. אָט אַזאַ מין בילדל: „איינציקווייז זיינען זיך די יידן צעגאַנגען. אין שול איז בלויז געבליבן דער שמש מיט זיינע געלע וואָקסענע ליכט. ער האָט זיי אויסגעקעמט די פּאַדעמדיקע קנייטן ווי גרויע בערדלעך. ער האָט זיי געגלעט און געדרייט. דער אַלטער שמש האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט נישט־וויניקער דרך־ארץ, ווי צו זיינע באַלעבאָטים. איצטער איז ער געבליבן מיט זיי אַליין. מיט זיי, מיט די לאָמפּן און הענגלייכטער, מיט דער שטילקייט און מיט עמעצנס אַ יאָרצייט וואָס האָט מיט אַ געבראָכן פלעמל געצאַנקט אויפן פענצטער און געטרויטלט די פאַרשוויצטע, געשטופּלטע שויבן פון די רעגן־טראָפּן״ (ז׳ 250).

אַזעלכע טיף־עלעגישע און לירישע ערטער, פול מיט שטימונג און מיט דורכדרינגלעכער עצבות, זיינען דאָ אין דעם בוך אַ סך.

אָבער נישט נאָר זייטיקע, אַגב־אורחאדיקע פּרעכטיקע שילדערונגען זיינען אינעם אמת־יידישן מאַרקיש־ווערק „דור־אויס דור איין״ פאַנאַנדערגעוואָרפן.

6.

די גאַנצע אידייע, די טענדענץ פונעם ראָמאַן איז אַ דורכאויס יידישע, אַ נאַציאָנאַל־יידישע. דאָס ווערק רופט זיך כסדר איבער מיט די שענסטע און דערהויבנסטע שטעלן פון מענדעלע און שלום־עליכם און דערצו — מיט אַן איבערפלוס פון יידישער טראַגיק, יידישער פאַראורטיילטקייט, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון דער גרויליקער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביר־גער־קריג, פּאָגראָמען און חורבן פון יידישע שטעטלעך.

לאָמיר דאָ דערמאָנען מאַרקישעס אויפטרייסלענדיקע דיכטערישע יידישע פּאָעמע „די קופּע״, וואָס ער האָט אין 1921 אויסגעפיבערט און אויסגעוויטיקט מיט אַזאַ קראַפט און פּאַטאָס, וואו ס׳איז געבראַכט צום אויסדרוק אויף דער הייסער מינוט די פּעטליורישע פּאָגראָמען און די גרויזאַמקייטן, וואָס די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אין יענער צייט איבערגעלעבט. דאָס ווערק, וואָס פאַר־מעסט זיך מיט זיין גבורה און פּאַטאָס מיט ביאַליקס „משא נמירוב״ און „שחיטה־שטאָט״, וואָלט מען באַדאַרפט איצט פונדאַסניי איבערלייענען און באַהאַנדלען.

אין זיין „דור אויס דור איין״, געשריבן אַ 8־9 יאָר נאָך דער „קופּע״, האָט פּרץ מאַרקיש שוין באַוויזן אין אַ באַשטימטן רעטראָספּעקט פאַנאַנדערוויקלען

די טרויער־מגילה פון יידן, פון קאַמפן און געראַנגלענישן, וואָס ער גופא, נאָך אַ יונג בחורל, האָט געזען־געהערט וואָס איז פאָרגעקומען אין לויף פון יענע יאָרן. עס זיינען זיכער פאַראַן אין דעם בוך פיל אויטענטישע פאַקטן און עס זיינען אַריינגעפלאָכטן פּערזענלעכע איבערלעבענישן און געפילן־טראַכטענישן פון דעם דיכטער אין דער אַרויסגעבראַכטער תקופה.

אין צענטער פונעם ערשטן טייל פון ראָמאַן האָבן מיר דעם יידן מענדל מילנער, דעם פאָרשטייער פונעם אַמאָליקן גוט־באַקאַנטן יידישן שטעטל ערב דעם ערשטן וועלט־קריג. ער האָט צו טאָן מיט די לופט־פּרנסות פונעם אַלצ־מער־אונטערגייענדיקן יידישן שטעטל אין וואָליך. מענדל מילנער וואַרפט זיך ווי אַ פיש אויף דער טריקעניש און ער מאַכט אַדורך אַלדי פּלאָגן און זאָרגן אין זיין וועלט. זיין סוף איז אַ גאָר־טראַגישער. די פּעטליורישע באַנדעס הענגען אים אויף אויף אַ בוים מיט געבונדענע פיס מיטן קאָפּ אַראָפּ. מאַרקיש זאָגט, אַז מ'האָט אים געבונדן ווי „יצחקן צו דער עקידה״... אין צווייטן טייל פונעם ראָמאַן איז מענדל מילנערס זון, עזרא, דער „רויטער קאָמיסאַר״, די אַקס, אַרום וועלכער ס'דרייען זיך אַלדי גרויזאַמע און העראָאישע געשעענישן פונעם בירגער־קריג און רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און אויפשטאַנדן פון 1917־1920.

נאָך מענדל מילנער, דעם פאָרשטייער פון דעם „דור אויס״, איז פאַרבליבן אַ בריוו, אַ מין צוואה צו זיין זון עזרא, פון דעם „דור איין״. דער בריוו איז געשריבן אין אַן אַלט־מליצהדיקן העברעאיש, און עס שטראַלט אַרויס פונעם בריוו די דערהויבענע נשמה, די הערלעכע געשטאַלט פונעם פאָרשטייער פונעם אַלטן דור, וואָס געזעגנט זיך אָפּ מיט זיין וועלט. דער אַלטער נעמט אָן פאַר ליב די אַלע פיינען און יסורים, ער קוקט אויף זיך ווי אויף אַ המשך פון די אַלע פריערדיקע דורות, וואָס זיינען, ווי ער, געגאַנגען אויף קידוש השם.

צווישן אַנדערן שטייט געשריבן אין דער צוואה, וואָס דער פאָטער מענדל האָט געמאַכט אַ פּאָר שעה פאַר זיין גרויזאַמען אומקום: „...וואָס־זשע זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייערער זון?...״ צו קיין גרעסערן גורל ווי צו שטאַרבן פאַרן פאָלק, האָט נישט זוכה געווען קיינער פון די לעבעדיקע... טייערער זון מיינער, גיי מיט דעם וועג, וואָס דו האָסט פאַר זיך אויסגעטראָטן... נאָר די געלייטערטע מענטשלעכע איידלקייט, אַזוי ווי דו פאַרשטייסט, זאָל זיין אויסגעקריצט אויפן טאָוול פון דיין האַרצן, און זי זאָל דיך פירן אין די שטעגן פון רעכטפאַרטיקייט אַלע טעג פון דיין באַשערטער צייט אויף דער וועלט... איך האָב אויף דיר קיין פאַראיבל ניט... דאָס זיינען די לעצטע ווערטער פון דיין פאָטער...״

נאָך אַמאָל: דאָס זיינען אויסצוגן פון מאַרקישעס בוך, פאַרעפנטלעכט אין באַרקאָור־קיעוו אין 1929.

און ווער האָט זיך פאַרטראַכט ביי אונדז וועגן דעם, און ווער האָט וועגן דעם דערציילט, אַז דער „צעבראַסטעטער" דיכטער פּרץ מאַרקיש גייט גאָר זייער אָפט אין זיין פּראָזע אין די דרכים פון מענדעלע מו"ס און אַז ער האַלט זיך אין זיינע טראַדיציעס. אויף דעם האָט דער גלענצנדער קריטיקער־פאָרשער מ. ווינער, אין זיין טרעפלעכער אָפּהאַנדלונג וועגן פּרץ מאַרקישעס ווערק „דעם באַלעגופס טויט" (פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935, 228 ז"ז), אָנגעוויזן, אַז „די מענדעלע־טראַדיציע איז דאָ אַלס אויסגאַנג־פּונקט געווען אַ סך פּאַסיקער, ווי די שלום־עליכמישע. און מאַרקיש באַווייזט זיך דאָ טאַקע אַלס אַ מייסטערישער יורש פון דער מענדעלע־טראַדיציע".

דער יורש, אָבער מיט מער פאַרגאַפונג און פאַרהערלעכונג פאַר דעם אָפּגעלעבטן, אַוועקגייענדיקן.

ס'איז כדאַי דערביי צו באַמערקן, אַז דער זעלבער מ. ווינער מיידט נישט אויס אייניקע מאָל אין דער דאָזיקער גרויסער אָפּהאַנדלונג (וואָס האַלט 30 געדיכטע זייטן) פאַרצוואָרפן פּ. מאַרקישן אַ צאָל שוואַכקייטן. ער זאָגט: „צום אידייאישן אינהאַלט פונעם ווערק האָט זיך מאַרקיש דורכגעקעמפט אין לאַנגן, לחלוטין ניט־גראַדליניקן אַנטוויקלונגס־וועג" („סאָוועטיש", ז' 321). אין אַ צווייטן אָרט זאָגט מ. ווינער, אַז מאַרקיש „האָט זיך אַמאָל אַזוי ליבעפול פאַרטיפט אין דער אידיליק פון 'וואָלין' און האָט אויך שפּעטער אָפט ליב געהאַט צו קאָקעטירן מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען דורך סענטימענטאַלער אידיליק" (ז' 323). ווינער ווייזט אָן, אַז פּרץ מאַרקיש האָט דער אַנשל־געשטאַלט „אַפילו איבערגעלאָזט אַ היפּשן טייל פון יענע פּאַטריאַרכאַליש־אידילישע שטריכן, מיט וועלכע שלום אַש און ח. נ. ביאַליק (אין „אַריה בעל גוף") האָבן אויסגעפּוצט דעם שטעטלדיקן קולאַק" (ז' 326).

ח. נ. ביאַליק און פּ. מאַרקיש, אַ פאַרגלייך צווישן אָט־די צוויי גאָר־אַנדערשדיקע, אָבער דאָך גאַנץ נאָענטע יידיש וואָלינישע דיכטער, בעט זיך שטאַרק, מ'זאָל עס מאַכן אויף אַ גאָר ערנסטן אופן.

פון די טענות און פאַרוואורפן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מאַרקישן דורך דעם פירנדיקן סאָוועטיש־יידישן קריטיקער, קאָן מען באַגרייפן, וויפל נאַציאָנאַל־יידישע מאָמענטן און עלעמענטן עס זיינען דאָ אין דער דאָזיקער פּרעכטיקער מאַרקיש־פּאָעמע, וואָס „געהער אָן ספק, — לויט די ווערטער פון מ. ווינער, — צו די סאַמע ווערטפולע שאַפונגען אין די ליטעראַטורן פונעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר די לעצטע יאָרן" (ז' 349).

פּרץ מאַרקישעס אַנדערע ווערק און בעיקר — זיין גרויסע טיף יידישע און דערהויבן־נאַציאָנאַלע עפּאָפּייע „מלחמה", וועלן מיר באַהאַנדלען און

דערביי אונטערשטרייכן די נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון, וואָס זיי פאַרמאָגן, אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל.

7.

מיר ווילן איצט זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אַ סאָוועטיש־יידיש ווערק, וואָס איז געשריבן און פאַרענדיקט געוואָרן פאַרן אויסברוך פון דעם נאַצי־סאָוועטישן קריג אין 1941. ס׳איז דעם נסתרס ווערק „די משפחה מאשבער״, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין מאָסקווע אָנהייב 1939, און וועלכן דער נסתר האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין 1934 (אויב נישט נאָך פריער).

איך האָב איצט נאָך אַמאָל געלייענט דעם ערשטן טייל „משפחה מאשבער״, און ווי עס טרעפט אַלעמאָל מיט גוטע ביכער, האָב איך עס פונדאָסניי געלייענט מיט אַן אַלץ־שטייגנדיקן אינטערעס און מיט אַ נייער פאַרגאַפונג. אין אונדזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג גייט אונדז בלויז אין באַטאָנען און אין אַרויסטיילן די טיף־יידישע, טיף־טראַדיציאָנעלע און ממילא — עכט־נאַציאָנאַלע מאָמענטן און מאָטיוון, וואָס זיינען אין אַזאַ שפע דאָ אין דעם פּרעכטיקן ווערק. און באמת, ס׳איז שווער אָנצורופן נאָך אַזאַ ווערק פון די לעצטע צוויי־דריי צענדליק יאָר, וואָס זאָל אין דעם הינזיכט קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט נסתרס „משפחה מאשבער״.

מ׳קאָן זאָגן וועגן דער שטאָט באַרדיטשעוו, וואָס נסתר ברענגט אַרויס אַזוי טיף מיט אַזוי פיל איינצלהייטן און מיט אַזוי פיל אויטענטישקייט, דאָס באַרימטע וואָרט: „אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה״ (יידיש: „דער שטיין, וואָס די בוימייסטער האָבן פאַראַכט, איז געוואָרן צום הויפּט־ווינקל״ — יהואש). אין אונדזער פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע „משפחה מאשבער״ (איקוף־פאַרלאַג, נ. י., 1943) האָבן מיר שוין אָנגעוויזן דערויף, ווי די שטאָט באַרדיטשעוו איז געשילדערט געוואָרן דורך מענדעלע מו״ס, שלום־עליכם א. אַנד., וועלכע האָבן „מער אונטערגעשטראָכן דאָס נעגאַטיווע״, בעת נסתר איז צוגעגאַנגען צו דער שטאָט באַרדיטשעוו „פון אַ געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו מיט טיפע צוריקבליקן און ווייטע אויסבליקן״. מיר ווילן איצט גיין ווייטער און צוגעבן, אַז גראָד ער, נסתר, דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער, האָט אַרויסגעבראַכט די יידישע שטאָט, אירע מענטשן, אירע גאַסן, שולן, כלי־קודש, אירע חסידים מיט אַזאַ פאַרערונג און מיט אַזאַ פאַרגאַפונג, וואָס ס׳איז צום באַוואונדערן און שטוינען. נסתר זאָגט טאַקע, אַז ער האָט זיי געגעבן „מיט זייער גאַנצן אָרעם ביסל פאַרמעגן״, אָבער דאָס „אָרעם ביסל פאַרמעגן״ וואַקסט אויס ביים קינסטלער־דיכטער אין אַ גרויס, קאָליריק עשירות.

ווען מיר וואָלטן זיך געלאָזט אויפן וועג פון ציטירן שטעלן, וואָס באַ־

שטעטיקן אונדזער באַהויפּטונג, וואָלטן מיר באַדאַרפט איבערשרייבן צענדלי־קער זייטן, אָפּט — גאַנצע קאַפּיטלען. נסתר האָט לכתחילה געמיינט צו שילדערן די „פאַרשווינען, — ווי ער שרייבט — שוין פיזיש און גייסטיק פאַר־ענדיקטע״. אָבער ווי עס טרעפט אָפט ביי גרויסע קינסטלער, „קעמפן״ די העלדן אויס זייער אָרט און זעלבסטשטענדיקייט אין די ווערק, און דער מחבר ווערט ווי געפאַנגען פון זיי, ווערט מיטגעריסן מיט דער שיינקייט, מיטן פאַטאָס פון זייער לעבן, פון זייער גלויבן.

מיר טרעפן אָן אַ טיפן יראת־הכבוד און אַ יראת־הקודש אין פיל ערטער פונעם ווערק. קודם — די פּרעכטיקע שילדערונגען פון די פאַרשיידענע מיני יידישע שולן אין דער שטאָט באַרדיטשעוו (ז״ז 32־38). „די אָפענע שול״, „די היציקע״, „די קאַלטע״, „די אַלטע״, און „די שולן פון פאַרשיידענע באַלמעלאָכישע פאַכן, סוחריש־הענדלערישע בראַנזשעס, פון פרומע און וואוילטעטיקע חברות און אינסטיטוציעס, שולן פון שוסטער, שניידער, שמידן, סטעלמאַכערס, קצבים; שולן פון תבואה־הענדלער, מוכרי־פירות, דאַנער (פאַר די, וואָס פאָרן אויפן דאָן), מאָסקווער, דאַנציגער, ביקור־חולים א. אַז. וו., פון אַנדערע חברות און חסידים־סעקטעס״... (ז׳ 37). שוין אין די קורצע שילדערונגען און כאַראַקטעריסטיקעס פון יעדער שול מיט אירע דאַוונער, לערנער, און מיט אירע מאַלערייען און אייגנאַרטיקע מנהגים־טראַדיציעס, זעט מען דעם גרויסן פאַרנעם פונעם קינסטלער און זיין טיפע פאַרשטענדע־ניש פאַר דער דורות־יידישקייט, וואָס האָט געררוט צווישן די אַלטע ווענט פון די שול־בנינים און פונעם גייסט, וואָס האָט דאָרטן געהערשט.

פון דער שול־גאַס גייט נסתר אַריבער צו שילדערן די אַנדערע טיילן פון דער שטאָט. און אויך דאָ ווייזט ער אַרויס גרויס אינטערעס פאַר דעם באַהאַלטענעם, פאַר דעם קאָסטבאַרן, פאַר דער אייגנאַרטיקער עשירות, וואָס מען טרעפט אויף שריט און טריט אין דער אָרעמקייט, אין דעם שמוץ, אין דער דחקות. „יאָ, — שרייבט נסתר, — אין דריטן רינג, ווי אויבן געזאָגט, טאָקע פיל אָפּפאַל און אויסוואורף־הייזער און מענטשן, אָבער סוף כל סוף זיינען זיי נאָר אַ מינדערהייט און ניט זיי דער עיקר אין רינג. דער עיקר־עיקר — די מוראדיק־אויסגעהאַרעוועטע, אָרעמע מאַסע, וואָס צווישן זיי איז, ווער ס׳האָט געהאַט אַן אויג, האָט שוין אויך די צוקונפט־זוימען אין לופט אומשוועבן געקאָנט זען״ (ז׳ 49).

נסתר, ווי דאָס בוך ווייזט, האָט געהאַט אַן אויג, אַ געפיל און אַ פאַר־שטענדעניש פאַר דער גאָרער עשירות, ווערטיקייט און אייגנאַרטיקייט פון דעם אַמאָליקן טיף־יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן, וואָס די אַלט־יידישע שטאָט באַרדיטשעוו האָט פאַרמאָגט.

פון דעם אַרומיקן געדיכטן יידישן וואַלד וואַקסן אַרויס און רוקן זיך

אַרויס איינצלנע משפחות, הייזער, מענטשן, געשטאַלטן, מיט פעסטע שטאַמען און טיפע וואָרצלען און מיט געדיכטע צווייגן. און וואָס די צווייגן זיינען גרעסער, לענגער, אַלץ טיפער די וואָרצלען, וואָס גייען אַוועק ווייט־ווייט אין אַמאַליקער יידישער שוואַרצערד.

8.

דער נסתר באַמיט זיך ביי יעדער געלעגנהייט אין זיין ווערק אַנצושלאָגן טענער פון אַמאָל־אַמאַליקע יאָרן און וויזן די גאָלדענע קייט, וואָס ציט זיך זינט לאַנגע דורות. אַרויספירנדיק די משפחה מאַשבער און אָפּשטעלנדיק זיך אויף לוזי, דעם עלטערן פון די דריי ברידער, געפינט ער אין אים די פאַרבינדונג מיט זיינע עלטער־עלטער זיידעס. נסתר דערציילט: „זייער שטאַם איז אַן אַלטער, נאָך פון די ׳גולי ספרד׳ (די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע), פון רבנים און בעלי־שם״, און „אַז זייער עלטער־זיידע, דער רב ר׳ יואל איז זייער יונג פון דער וועלט געגאַנגען, פון תעניתים״... און דער־מאָנענדיק אַ סידור, וואָס לוזי פלעגט אין אים דאַווענען, זאָגט נסתר, אַז „דעם סידור האָט לוזי באַקומען בירושה פון זיין טאַטן, און זיין טאַטע — פון אַ זיידן, און אַזוי ווייטער און ווייטער, און אַז דער סידור איז שוין אויך פון פיל שרפות געראַטעוועט געוואָרן...״ (ז׳ 53־45).

אַזוי איז אָנגעזעטיקט מיט ידישקייט, מיט יידישער טראַדיציאָנעלקייט יעדע געשעעניש, יעדער עפּיזאָד, וואָס נסתר ברענגט אַרויס אין זיין בוך.

מיר האָבן ווייניק אַזעלכע יידישע קאַפּיטלען, ווי דער, ווען משה מאַשבער נאָך אַ חלום, וואָס ער זעט ביינאַכט, לאָזט זיך אין חודש אב צום בית־עולם, דעם אַלטן באַרדיטשעווער בית־עולם, צו פאַרגרייטן זיך אַן „אָרט״ אין „פעלד״, און דערנאָך — דער המשך פונעם קאַפּיטל, ווען עס ווערט געפּראַוועט ביי מאַשבערן אין הויז די אייגנאַרטיקע, ספּעציפישע גרויסע יידישע שמחה אין פאַרבינדונג מיטן קויפן זיך אַן „אָרט״ אויפן בית־עולם. עס קומט די געהויבענע סעודה, דאָס עסן און טרינקען און שפּעטער דאָס יידישע טאַנצן פון די געסט, פון די אָרעמע און רייכע, און דאָס מיטטאַנצן פון די משפחה־מיטגלידער און לסוף — דער אויסטערלישער, געהויבענער טאַנץ פון לוזין. נסתר איז טיף פאַרגאַפט פונעם טאַנצן און ער דערציילט, אַז ער, לוזי, „איז אין טאַנץ, כאַטש מיט אַלע צוזאַמען, דאָך ווי זיין באַזונדער גאַנג זיך גע־גאַנגען מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן, אַ שטאַרק־פאַרטיפטער, אַן אויסגע־נומענער, אַן אויסגעטיילטער, ווי מיט אַ הויכן סאָרט כוונה שמחה...״ (ז׳ 88).

ס׳איז אינטערעסאַנט דער בריוו, וואָס לוזי שיקט פון אומאַן צו זיין ברו־דער משה — דער בריוו, וואָס, ווי נסתר באַטאָנט, איז „געשריבן אין אַ מליצהדיקן חסידיש למדנישן העברייאיש״, וואו ער גיט איבער, אַז „דער

אויבערשטער האָט אים באַגליקט, אים געפירט און געבראַכט אַהער, וואו ער איז געקומען אין אַ נייעם בונד", זיך באַהעפט מיט די „בראַסלאַווער" און „זיין לייב האָט אויפגעלעבט". לוזי, וואָס האָט אַ צייט געבלאָנדזשעט, גע־וואַנדערט און געוואַנדלט איז ענדלעך געקומען צו אַ גליקלעכן, געוואונטשטן ברעג... ער לערנט אין ר' נחמנס הייליקע ספרים, און ער האָט „אָראָפּגעניִדערט אין זייערע טיפענישן און אויפגעבראַכט פיל פערל"... (ז' 70).

פון גאָר גרויסן באַטייט איז דער טיף־יידישער שמועס פון לוזין מיט משהן, וואו לוזי ברענגט אַרויס מיט טיפן יראת־שמים זיין זוכן און געפינען דעם אמת, דאָס ליכט, די טיפע פרייד. „לוזי האָט מיט אַ וואונדערלעכער מנוחה פון פאַרשיידענע מאָסן גערעדט. פון מאָס פון הייך און נידער, אויך פון שלעכטס און גוטס, און ער האָט דערוויזן, אַז אין פאַרשיידענע צייטן זיינען פאַרשיידן אויך די מאָסן, אַז אין באַזונדערע צייטן זיינען אַפילו די מאָסן פון גוטס און שלעכטס באַזונדערע; און דאַרום, איז דאָס פון אַלעמען אָנגענומענע נישט קיין חיוב און קיין מוז פאַר אַלעמען, ובפרט פאַר די אויס־גענומענע און פאַר געציילטע — פאַר אַזוינע, וואָס קאָנען איבעראַנדערשן די מאָסן און וואָס קאָנען נייע וועגן אויפברעכן..." (ז' 93).

אין די־"אַ ווערטער און אין פיל שורות אין ווערק שפּירן מיר נסתרן, זיין צוגאַנג צו פיל דערשיינונגען אינעם אַמאָליקן לעבן, צו איינשטעלונגען, וואָס זיינען דורך די פריערדיקע טיף־נאַציאָנאַלע יידישע שרייבער, העברייִ־אישע ווי יידישע, געווען שטאַרק אָפּגעפרעגט און באַקעמפט געוואָרן.

9.

יאָ, נישט אַלעמאָל איז נסתר געבליבן אין זיין בוך געטריי דעם מעטאָד, וואָס ער האָט, לויט זיין אייגענעם פאָרוואָרט, אָנגענומען, — דעם מעטאָד פון „מאָל, מאָלער, און שווייג"...

זייער אָפט גייט אַרויס נסתר, דער סאָוועטיש־יידישער קינסטלער, „פון די כלים" און ווערט מיטגעריסן פון דער קדושה, פון דער דערהויבנקייט.

און אַזאַ מין פאַרגאַפונג טרעפן מיר ביי נסתרן פיל מאָל און כסדר, ווען ער דערציילט מיט אַזאַ באַריכותדיקייט, מיט אַזאַ הנאה און מיט אַזאַ באַגייסטערונג וועגן די בראַסלאַווער, וועגן זייערע פירעכצן, וועגן די איינצלנע מענטשן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט פון דער התלהבות, פון דעם עקסטאַז, וואָס הערשט ביי די אָרעמע, עקזאַלטירטע פשוטע מענטשן.

אָט מאָלט נסתר אַ שבתדיקע פרימאָרגן־תפילה אין דעם שולכל פון די בראַסלאַווער: „... די שטאָט איז נאָך איר לעצטן שלאָף געשלאָפן, און דאָ, אין דער ,לעבעדיקער', האָט די קליינע עדה איר סעקטאַנטיש־דערהויִ־בענעם ווילדן שבת־געזאַנג שוין געזונגען מיט אַזאַ באַגייסטערונג און אַזוי

אַנטציקט פון זיך אַליין און פון איר אינעווייניקסטן ,באַוואוסטזיין׳, אַז דאָס איז זי די ערשטע, וואָס איר תפילה גייט צום פריש־געעפנטן הימל אויף, די ערשטע היינט, אין אָנהייב שבתדיקן טאָג, ווי די ערשטע תמיד אין אַלע פאַרטאָגן...״ (ז׳ 109).

און נישט נאָר איז דער נסתר אַזוי אַנטציקט און באַגייסטערט פון לוזין. נאָך מער אינטערעס און פאַרערונג, מיטפיל און מיטלייד האָט ער פאַר דעם בראַסלאַווער חסיד מיכל בוקיער, וועלכער פאַרמאָגט אַזוי פיל גבורה צו גלויבן און צו צווייפלען, צו ראַנגלען זיך מיט זיינע אייגענע ספקות און לײדנשאַפטן. לייענט די זייטן 115־121 (אינעם ערשטן טייל) און אויך אַנ־דערע זייטלעך, וואו ס׳ווערט אַרויסגעבראַכט אָט די פּרעכטיקע אייגנאַרטיקע געשטאַלט. „ווײ, ווי ער ראַנגלט זיך! וואָס ער האָט שוין נישט איבערגעטאָן, וויפל פּייניקונגען פון גוף און נפש שוין — און ס׳העלפט ניט״ (ז׳ 117). דער לאַנגער ווידוי פון מיכל בוקיער פאַר לוזין איז געוואַלדיק־יידיש, טיף־יידיש. ס׳איז שווער אָנצואווייזן אויף נאָך אַזעלכע טיף־יידישע שילדערונגען און אַרויסזאָגונגען אין דער יידישער ליטעראַטור!

און לוזיס געהויבענע, שטאָלץ־יידישע געשטאַלט, ווען ער דערגרייכט הויכע מדרגות פון שמחה, פון יידישער שמחה ביי אַ רביאישער חתונה, ווען ער לאָזט זיך גיין אין אַ טאַנץ, וואָס איז פול מיט קדושה, מיט התרוממות הרוח (גייסטיקע דערהויבנקייט): „... ער איז אַרויס מיט אַזאַ פאַרזיכט, ווי אַ יעגער אין וואַלד צווישן קוסטעס פאַרטייעט, ווען ער פאַרשפּרייט זיך אויף אַזוי פיל, אַז ער הערט ניט זיין אייגענעם אָטעם...״ און ווייטער: „... זיין שמחה שטאַרקט זיך, און דאָ דערזעט דער עולם (און אויך דער קינסטלער נסתר), קוקנדיק אויף לוזין, וואָס אַ מענטש, וואָס איין מענטש נאָר קאָן אין איין מינוט אַמאָל טאָן מיט אַ מאַסע, מיט אַ גרויסן כלל...״ און אינמיטן פון העכסטן טאַנצנדיקן עקסטאַז, ווענדט ער זיך מיט אַ מין אויסגעשריי: „עולם, כ׳קאָן דאָס ניט אַרויסברענגען, כ׳האָב קיין ווערטער ניט, נאָר מיט דעם מיט די פיס, מיטן טאַנצן, הייסט עס״... און „מענטשן אַרום האָבן דערפילט, ווי אַ מענטש פאַרגייט זיך און פון איבערפלוס פון גוטס און אייגענער ווילדער אַנטציקונג, קאָן ער זיך, חלילה, פון זינען רירן!... עולם! — גיט ער ווידער אַ געשריי — גיט אים איבער, דעם, וואָס כ׳האָב ניט דעם ווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען, אַז ווען אַפילו ,כל עצמותי תאמרנה׳ (אַלע מיינע ביינער זאָלן זינגען)... איז אויך ווי אַ טראָפּן זאָל לויבן דעם ים״... (ז׳ 294).

און וועגן אַזאַ מין גרויס יידיש ווערק און וועגן אַזעלכע מיני דערהויבענע שילדערונגען קאָן מער אָפּקומען מיט אַזאַ מין באַהויפּטונג, אַז „נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע עמאָציעס האָבן ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין שום אויסדרוק אינעם (סאָוועטישן) יידיש־ליטעראַרישן שאַפן״?

ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז פונקט ווי מ. ווינער האָט געהאַט טענות צו פּ. מאַרקישן פאַר זיין „סענטימענטאַלער אידיליק", אַזוי האָט אויך א. גורשטיין געהאַט (אמת, זייער פאַרזיכטיק און מיט אַ ספּעציעלער פאַרערונג צום אים) אויסצוזעצן קעגן נסתרן פאַר זיין אויפפאַסונג פון דעם חסידישן לעבן, וואָס ער האָט אַזוי מייסטעריש געשילדערט אין זיין ווערק. אין זיין אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג וועגן „משפחה מאשבער" („יידישע קולטור", נ' 12, 1944) מאַכט ער אויפמערקזאַם נסתרן, אַז ער „פאַרגעסט צומאָל, אַז זיין ,פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן' אַנטוויקלט זיך אויף אַ בוילעט־אויסגעשפּראָכע־נעם געשיכטלעכן פאָן..." און „זיך געגומען פאַר אַזאַ טעמע און פאַר אַזעלכע פּראָבלעמעס, איז שוין דער אויטאָר מחויב צו געבן אינעם לעצטן סך־הכל אַ ריכטיקע געשיכטלעכע לייזונג פון די באַרירטע פראַגן". א. גורשטיין זאָגט, אַז „אייניקע, צומאָל ווערטלעכע, מאָמענטן אין נסתרס ראָמאַן רופן אין דעם פּרט אַרויס אַ געוויסע באַאומרואיקונג", און ער האַלט פאַר נייטיק צו „זאָגן דעם נסתר אָפן", אַז ווי „אַ סאָוועטישער קינסטלער" דאַרף ער זיין „פאַראינטערעסירט אין דער קלאָרקייט פון זיינע אידעאָלאָגישע ליניעס". רעדנדיק מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן דעם ווערק, באַטאָנט ער דערביי, אַז „מיר האָבן אויך גרויסע טענות צו נסתרן"...

אָבער נסתר, ווי מאַרקיש, זיינען זיך געגאַנגען זייער ווייטערדיקן קינסט־לערישן וועג און געשאַפן ווערק ווי זייער יידיש־מענטשלעכער געוויסן האָט זיי דיקטירט.

און פרץ מאַרקיש און דער נסתר זיינען כלל נישט קיין אויסנאַם אין דער רייכער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

ווען מיר גיין ווייטער און זען וויפל טיף־יידישע און טיף־נאַציאָנאַלע מאָטיוון מיר טרעפן אין די שפּעטערדיקע שאַפונגען פון די סאָוועטיש־יידי־שע שרייבער.

צווייטער אַרטיקל

.1

וואָס נעענטער און גרינטלעכער מען באַקענט זיך מיטן סאָוועטיש־יידישן שאַפן, וואָס־מער מען לייענט זיך אַריין און מען דערלערנט די ווערק פון די דאָרטיקע יידישע שרייבער, אַלצמער קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין פולן און ריכטיקן באַגריף וועגן דעם פאַרנעם און מהות פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס סאָוועטיש־יידישע שאַפן, אין ברייטן און טיפן זינען פונעם דאָזיקן

ווארט, איז אין זיין כמות (קוואַנטיטעט) און אין זיין איכות (קוואַליטעט) פיל רייכער און פאַרצווייגטער, וואַגיקער און קאָלירפולער און אויך... פיל יידישער און נאַציאָנאַל־אָנגעזעטיקטער ווי מיר האָבן געוואוסט און זיך פאַרגעשטעלט.

ס'איז איצט פערציק יאָר זינט דעם אויפקום פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אָבער, ליידער, איז דער צייט־דויער פון איר אַקטיוו־שאַפערישן לעבן געווען בלויז דרייסיק יאָר, פון 1917 ביז סוף יאָר 1948, ווען ס'זיינען מיטאַמאָל פאַרשטאָפּט געוואָרן אַלע אירע קוואַלן און אַלע אירע שרייבער־קינסטלער זיינען אויף דעם גרויזאַמסטן, ברוטאַלסטן אופן באַרויבט געוואָרן פון זייער נאָרמאַלער שאַפערישער טעטיקייט.

עס וואָלט געווען וויכטיק און באַלערנדיק, ווען מיר וואָלטן געמאַכט וויטגייענדיקע פאַרגלייכן און וואָלטן געצויגן גרינטלעכע פאַראַלעלן צווישן די פאַרמעסטן און דערגרייכונגען, צווישן די שאַפונגס־פּראָצעסן און געווינסן פון די דריי יידישע שוועסטער־ליטעראַטורן, פון די דריי באַזונדערע צווייגן פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור — פון יידישן סאָוועטנפאַרבאַנד, פונעם יידישן פוילן און פון דער יידישער אַמעריקע — פאַר דעם דרייסיק־יאָריקן פעריאָד פון 1917 ביז 1948. עס איז אַן ענין פון גרויסן קולטור־היס־טאָרישן און געזעלשאַפטלעך־קינסטלערישן באַדייט.

עס איז אַ וויכטיקע און דאַנקבאַרע טעמע פאַר ערלעכע, אָביעקטיווע, נישט־פאַרסמטע און נישט־פאַרבלענדטע קולטור־און ליטעראַטור־פאָרשער. אַזעלכע פאַרגלייכן און אַנאַלאָגיעס וואָלטן אונדז פיל אַרויסגעהאָלפן צו באַ־נעמען און פאַרשטיין וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די דריי באַזונדערע טיילן פון דער יידישער קולטור־וועלט אין די דרייסיק יאָר פונעם באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פונעם יידישן שאַפן און דערביי זיך אויך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, וואו מיר האַלטן איצט אין דער וועלט מיטן יידישן וואָרט און אויך — וואָס עס זיינען די אויסזיכטן און פערספעקטיוון אויף ווייטער.

מיט אַ דריי צענדליק יאָר צוריק איז פאָרגעקומען אַ הייסער קריג אין דער גאָרער יידישער קולטור־וועלט וועגן די דעמאָלטדיקע דריי הויפּט־קולטור־צענטערן: וואַרשע, ניו־יאָרק, מאָסקווע (פאַרשטייט זיך, די דריי שטעט האָבן סימבאָליזירט לענדער, יידישע וועלט־טיילן). יעדער איינער פון אָט די דריי אַקטיוו־שאַפערישע יידישע קולטור־צענטערן האָט געהאַט זיינע פּאַטריאָטן, זיינע באַגייסטערטע אָנהענגער, וואָס האָבן געהאַלטן אין זינגען לויב־געזאַנגען פאַר זייער אייגענעם צענטער, געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, און געזען אין אים פעסטע, זיכערע מעגלעכקייטן פאַר ווייטער־דיקן וואוקס. עס וואָלט נישט געשאַדט אויפצומישן איצט די צייטשריפטן,

זאַמלביכער און צייטונגען און אָפּפרישן אין זכרון די שאַרפע וויכוחים, די פּראָ־און קאָנטראַ־מיינונגען און די אַלע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע דיאַג־נאָזן און פּראָגנאָזן, וואָס זיינען אין יענע יאָרן אַרויסגעזאָגט געוואָרן און ליידנשאַפטלעך פּאַרטיידיקט געוואָרן אין יעדן פון די דריי אַמאָליקע קול־טור־עקאָפּערישע יידישע צענטערן.

דער סאַמע האַפּערדיקסטער, אַנגרייפערישער און קאָמפּסלוסטיקער פון די דריי יידישע וועלטן איז געווען דער סאָוועטיש־יידישער קולטור־צענטער. און — מיט רעכט און מיט אַלע סיבות און מאָטיוון פאַר אָט דער האַפּערדיקייט: עטלעכע גרויסע, פאַרצוויגטע יידישע מלוכה־פאַרלאַגן, אַ גרויסע צאָל יידישע מלוכה־טעאַטערן, טעגלעכע יידישע צייטונגען און חודש־שריפטן, ווויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און קאַדרען, אַ גרויסע נעץ יידישע מלוכה־שולן, אַ בסדרדיקער וואוקס פון יונגע יידישע שרייבער און וויסנשאַפטלער, אַן אָרגאַנישער טייל פונעם גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד, אין וועלכן מ׳איז געווען איינגעגלידערט און איינגעאייניקט. ביים אַלגעמיינעם איבערבוי און בוי פונעם ריזיקן לאַנד, איז אויך פאַרגעקומען אַ פיבערדיק בויען און איבערבויען פונעם דאָרטיקן יידישן לעבן. דער יידישער שרייבער, שוישפּילער, לערער, דער קולטור־בויער — אַלע זיינען געווען אַרומגעכאַפּט מיט באַגייסטערונג, מיט פרייד פון די נישט־געדאַכטע ביז אַהער פאַרמעסטן אין דערגרייכונגען אויף די פאַרשיידענע געביטן פונעם יידישן שאַפן. און ווי שטייט דאָרטן געשריבן אין תהילים: „אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה... הזורעים בדמעה ברנה יקצורו" (קאַפּ. 126), — טייטשט יהואש: „דענסטמאָל איז פול געוואָרן אונדזער מויל מיט געלעכטער און אונדזער צונג מיט געזאַנג... די וואָס זייען מיט טרערן זאָלן שניידן מיט געזאַנג".

2.

מען קאָן ברענגען פיל אויסצוגן פון לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען, וואו עס קומט צום אויסדרוק דער געוואַלדיקער אימפּעט פון שאַפן, די באַגייסטערונג פאַר די אויפטוען און די גרויסע האָפענונגען אויף ווייטערדיקן אַקטיוון און בויענדיקן לעבן.

מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע אַרטיקלען אָנגעוויזן דערויף. איצט לאָמיר ברענגען נאָך אויסצוגן.

דוד בערגעלסאָן אין אַ דערציילונג „חברטע בראָניע", אָנגעשריבן אין 1931, ברענגט אַרויס אַ נייעם טיפּ יידיש מיידל, וואָס האָט אים שטאַרק פאַר־כאַפּט און פאַראינטריגירט מיט אירע נייע כאַראַקטער־שטריכן, מיט אירע נייע גענג, און ער מאַכט דערביי פאַרגלייכן פון איר מיט זיינע אַמאָליקע

מיידלעך־געשטאַלטן, וואָס ער האָט געמאָלט אין זיינע פריערדיקע ווערק.

אָט די איינדרוקן קומען פון דעם באַריר מיט דער יידישער סביבה, מיט יידישע מענטשן, וואָס זיינען אַריינגעוועבט געוואָרן אין דעם נייעם סאָוועטיש־יידישן לעבנס־שטייגער.

עס איז געווען אַ שטענדיקער האַסטיקער צופלוס פון נייע יונגע יידישע פּראָדוצירער און געניסער.

אין דעם גרויסן זאַמלבוך „סאָוועטיש" (מאָסקווע, 1939) איז צווישן דעם זייער רייכן קינסטלערישן שטאָף, פון וועלכן ס'האָט געשלאָגן דער דופק פונעם אַקטיוו־שאַפערישן לעבן, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ליד „יוגנט" פון פּרץ מאַרקיש וועגן דער יידישער סטודענטנשאַפט אין אָדעס, וועלכע האָט דעם באַגייסטערטן, אימפּעטפולן דיכטער „צעוואַרעמט" און געבראַכט אים צו גרויס התפעלות.

פּרץ מאַרקיש זאָגט צו דער יוגנט:

„אַזוי פיל יונגשאַפט פליסט אין אייער האַרציקן באַגער,
אין אייער וואונטש — אַזוי פיל שמעקעדיקער בעז צעזייטער,
ס'בליט בלויז אַ בוים אַזאַ, וואָס איז פאַרפּעסטיקט טיף אין דער ערד,
וואָס נערט מיט איר די וואָרצלען און דעם שטאַם כסדר"...

און ווייטער:

„עס שפּאַרט פון אייך אַ כוח מיט פרייריקן געשאַל,
פונקט ווי עס שפּאַרט דאָס גרינס אין פרילינג פון די בוימער.
כ'האָב אָנגעריסן גרינע בלעטער זיך פון אייך אַ שלל,
זיי אויסזינגען אַצינד פאַרשיכורט דאָ איך גיי מיר".

און אָט ווי נאָך אַ יידישער דיכטער, ש. האַלקין, איינער פון די יידישסטע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועמען מ'האָט אָפט פאָרגעוואָרפן זיינע צופיל־נאַציאָנאַלע שטימונגען און מאָטיוון, כאַראַקטעריזירט אַזוי די סאָוועטיש־יידישע דיכטונג אין זיין לענגערן ליד „אני מאמין" (מיר ברענגען בלויז אַ פּאָר פערזן פונעם ליד):

„ס'איז די דיכטונג אונדזערע
אַ גליענדיק צעהיצטע,
אַ לעבעדיק-דערהויבענע,
ווי קיינמאָל אויף דער ערד.

ס'איז די דיכטונג אונדזערע
ניט קיין בלענד, קיין שפּילצייג,
אַ וואָכיקע, אַ פּראָסטע,
אַ נייטיקע אין גיט:

ווי פאַר רעדער — אייזן,
פאַר געביי — געהילצן,
ווי פאַר פרידן — פליגל,
פאַר מלחמה — שרויט.

— — — — — — — — — — — —

מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן
אויף אַמהייבן יאָרטויזנטס,
און קיינער וועט ניט בינדן,
ניט פענטען אונדזער שוואונג.

ס'איז יעדער שפאַן דערוואָרבן
דורך פייער און דורך קריגן,
און דערפאַר מיר זאָגן
און ענטפערן מיט שטאָלץ:

מיר קאָנען זיך פאַרליבן
און יום-טובן ווי זיגער,
ווען פון וואַלד זיך ציען
לאַנגע וואַלקעס האָלץ".

אַזאַ איז געווען דער אַלגעמיינער געמיט־צושטאַנד פון דעם יידישן שאַפער־בויער אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג, איידער זיי האָבן פאַרביטן די שאַפונגס־פעלדער אויף די שלאַכטס־פעלדער.

מ'דאַרף צוגעבן, אַז אין די יאָרן 1939־1941 האָט מען זיך אַרומגעטראָגן אין די קרייזן פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער מיט גרויסע פלענער צוצוגרייטן וואָגיקע ווערק, וואָס זאָלן שילדערן די גרויסע דערגרייכונגען און דעראָבערונגען פון די 25 יאָר (1917־1942) יידיש לעבן און שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

וועגן דעם האָבן מיר שוין גערעדט אין די פריערדיקע אָפּהאַנדלונגען.

3.

צוליב די מוראדיקע חורבנות, וואָס דער גרויליקער היטלעריסטישער אַנגריף האָט געבראַכט אין די אייראָפּייאישע יידישע קיבוצים און דערנאָך — אין דעם יידישן סאָוועטישן קיבוץ, זיינען פון די אַלע פלענער גאָרנישט געוואָרן. אָבער אויך אין די גרויזאַמע פאַרוויסטונג־יאָרן האָבן די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, סיי אויף די פראָנטן און סיי אין הינטער־לאַנד, פאָרגעזעצט אַ אינטענסיוון שאַפן, — יעדער איינער אויף זיין געביט, אויף זיין אופן און אין באַזונדערע באַדינגונגען און סיטואַציעס. וועגן דעם דאָזיקן פעריאָד איז דאָ און דאָרטן געשריבן געוואָרן, אָבער קיין פולע, אויסשעפנדיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור בכלל און וועגן די שאַפּ־נגען פון איינצלנע יידישע שרייבער בפרט האָבן מיר, ליידער נישט. און ס'איז אונדזער אויפגאַבע צו שטודירן און פאָרשן די פאַרשיידענע ווערק, גרעסערע ווי קלענערע, וואָס זיינען אין יענע יאָרן, — זינט 1939 ביז 1948 — געשריבן געוואָרן און וואָס זיינען פאַרפעגטלעכט געוואָרן אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

און ווידעראָמאָל: ס׳וואָלט געווען פון גרויס וויכטיקייט צו מאַכן פאַר־גלייכונגען פון דעם אַלעם, וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין יידישן סאָ־וועטנפאַרבאַנד, בכלל און בפרט, אין די אַלע מלחמה־יאָרן, מיט דעם וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער אַמעריקע (דער דריטער צענטער — דאָס יידישע פוילן, מיט וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, לעמבערג, קאָוונע, ריגע א. אַז. וו. איז דאַן געווען אינגאַנצן אין קלעם פון די היטלער־מער־דער און דערנאָך פאַרניכטעט געוואָרן).

אין 1947 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין מאָסקווע, אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער צוויי־חדשימדיקער אַלמאַנאַך, אָרגאַן פונעם פאַראיין סאָוועטישע שרייבער פון פסס״ר, פאַרלאַג „עמעס״, דערשינען אַ 6־7 זאַמלונגען: ערשטער נומער — אָקטאָבער 1947, לעצטער — סעפטעמבער 1948, — הויפּט־רעדאַקטאָר — א. קושנירעוו, רעדקאָלעגיע: ד. בערגעלסאָן, י. דאָברושין, ש. האַלקין, א. ווערגעליס, פּ. מאַרקיש, ל. סטראָגנין, אי. פעפער, ל. קוויטקאָ, ר. רובין. אין „היימלאַנד״ בוך 1, האָבן מיר צווישן אַנדערע וויכטיקע קינסט־לערישע מאַטעריאַלן אַ לענגערע אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג פון מ. נאָטאָוויטש און ש. רויטמאַן אונטערן נאָמען „אָקטאָבער און די יידישע סאָוועטישע ליטע־ראַטור״ (צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַר 30 יאָר), וואו, אויף 22 גרויסע זייטן, ווערט געבראַכט אַן אַלגעמיינער איבערבליק איבער דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן און אויך קורצע אָפּשאַצונגען וועגן דעם רוב סאָוועטיש־יידישע שרייבער אין איבער זייערע וויכטיקסטע ווערק אין די יאָרן 1917־1947. ס׳וואָלט געווען וויכטיק אָט־די וואָגיקע אָפּ־האַנדלונג איבערצודרוקן, וואָלטן מיר דאַן געהאַט אַ בילד און באַגריף וועגן דער געוואַלדיקער עשירות, וואָס דער סאָוועטישער צווייג פונעם יידישן שאַפן האָט געבראַכט מיט זיך. מיר וועלן ברענגען פון דאָרט בלויז אַ פּאָר אויסצוגן וועגן דעם צייט־אָפּשניט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן צווייטן וועלט־קריג און מיט די צוויי־דריי פּראָדוקטיווע, שאַפערישע יאָר נאָך היטלערס מפּלה און פאַרן גרויזאַמען חורבן פונעם יידישן שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען סוף 1948.

„די מלחמה (דער צווייטער וועלט־קריג) האָט אַ וווּנד געטאָן, — שרייבן מ. נאָטאָוויטש און ש. רויטמאַן — דעם יידישן סאָוועטישן שרייבער צו איר גרויסן טראַגישן און העראָאישן אינהאַלט. ס׳איז נישטאָ קיין איין שרייבער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך ניט אָפּגערופן מיט אומגעהויערן ווייטיק און צאָרן אויף די שרעקלעכע פאַרברעכנס, וואָס די פאַשיסטישע רוצחים זיינען באַגאַנגען. די דערציילונגען פון ד. בערגעלסאָן, דער נסתר, נח לוריע, י. ראַבין, רובינאָ און אַנד. אויף דער טעמע פון די היטלעריסטישע אכזריות

איבער אונדזער פאָלק, און די לידער אויף דערזעלבער טעמע פון ד. האָפשטיין, ל. קוויטקאָ, אי. פעפער, ש. האַלקין, פּ. מאַרקיש, ב. העלער, ה. אָשעראָוויטש, מ. ליפשיץ, א. פלאַטנער, כאַלאָדענקאָ און אַנד. דערשיטערן און רודערן אויף דאָס געמיט". און מ. נאָטאָוויטש און ש. רויטמאַן גיבן צו, אַז „ביי זייער גאָרן טראַגישן אינהאַלט זיינען אָבער די דאָזיקע שאַפונגען פון אונדזערע שרייבער אין גרונט — געוויסע דורכרייסן זיינען אויך געווען — פריי פון יאוש און פאַר־צווייפלונג" (ז' 136).

און מיט אַ בלעטל ווייטער, נאָך דעם ווי ס'ווערן ציטירט שורות פון פאַר־שיידענע יידישע שאַפונגען, שרייבן מ. נאָטאָוויטש און ש. רויטמאַן, אַז „די מלחמה האָט פאַרשאַרפט דעם נאַציאָנאַלן געפיל אין אונדזער ליטעראַטור" (ז' 1937).

די צוויי מחברים פון דער וויכטיקער אָפּהאַנדלונג רעכענען אויס איניקע ניי־צוגעקומענע יונגע יידישע שרייבער — מענער און פרויען — און זיי זאָגן: „אָט דער נייער שעפערישער צופלוס איז נאָך אַ באַווייז פון דער לעבנס־פיאיקייט פון אונדזער ליטעראַטור, פון אירע ווייטערדיקע מעגלעכקייטן און פּאָטענצן" (ז' 141).

דאָס אַלץ באַווייזט, ווי פאַלש און אומגערעכט עס זיינען די אַלע, וואָס האָבן געהאַלטן און האַלטן אין איין זאָגן און פאַרוואַרפן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אַז זי איז געווען יידיש בלוט־אַרעם, און אַז דער אָפּגאַנג, דער באַרג־אַראָפּ האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן פיל פריער, איידער ס'האָט זיך אויפגעהויבן אויף איר די האַק פון די מערדער־פאַרניכטער פונעם דאָרטיקן יידישן שאַפן. ס'איז דורכאויס און לחלוטין פאַלש, עס איז אַ בלוט־בילבול אויף דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפער, דעם עלטערן ווי דעם ייגגערן און דעם גאָר־גאָר יונגן, ווי אויך אויף דעם דאָרטיקן יידישן מאַסן־לייענער.

אין אַ צווייטער סך־הכל־אָפּהאַנדלונג (פאַרעפנטלעכט אין דעמזעלבן „היימ־לאַנד", 1947, בוך 1, געשריבן דורך י. נוסינאָוו, איינער פון די גרויזאַם־אומ־געבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער), ווערט געזאָגט: „דער וואוקס פונעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלער ווירדע ביים סאָוועטישן יידן פאַר די 30 יאָר רעוואָלוציע איז אַן אומבאַשטרייטלעכער פאַקט. דאָס דאָזיקע געפיל איז אייגנטימלעך פאַר יעדן סאָוועטישן יידן — צי דאָס איז אַ יידישער שרייבער אָדער אַן אינזשיניער אויף אַ טראַקטאָר־זאַוואָד, אַ יידישער קאָלווירטניק אָדער אַ קאָנסטרוקטאָר פון נייע אַעראָפּלאַנען, אַ מיטגליד פונעם אויספירקאָם פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אָדער אַ דירעקטאָר פון אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַ־מעדיע" (ז' 146).

אין דער פילזאַגנדיקער און פילמייַנענדיקער פאַקט, וואָס מען דאַרף זיך אויף אים גאָר באַזונדערס פאַרטראַכטן, — וואָס „בערך 75 פּראָצענט פון אַלע סאָוועטישע יידישע שרייבער האָבן זיך אוממיטלבאַר באַטייליקט אויף די מלחמה־פראָנטן און אין די פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן" און נאָך מער, — וואָס „פון זיי האָבן העלדיש אָפּגעגעבן זייער לעבן 38 (יידישע שרייבער)..." (ז' 149).

של נעליך מעל רגליך!...

לאָמיר אַראָפּנעמען אונדזער היטל פאַר אָט־דער דאָזיקער דערשיינונג, וואָס האָט קיין גלייכן נישט צו זיך אין דער יידישער און וועלט־געשיכטע, און אַוודאי און אַוודאי באַדאַרפן מיר מיט געבויגענע קעפּ און מיט טיפן יראת הכבוד שטיין, צעבראָכענע און דערצאָרנטע, פאַר די הייליקע קרבנות, וואָס דאָס יידישע שאַפן האָט געבראַכט אויפן מזבח פון דער בעריאַ־סטאַלין מערדער־באַנדע, — פאַר די גרויסע יידישע שרייבער־מאַרטירער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, נאָך פיל דערנידעריקונגען און פייניקונגען, על קידוש האומה און על קידוש פונעם יידישן לשון.

איז דערמיט די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור נישט דערהויבן געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־יידישער ליטעראַטור? באַדאַרפן נישט די נעמען פון די יידישע שרייבער אַריין אין דעם פּאַנטעאָן פונעם פאָלקס־זכרון באַגלייך מיט די אַלע גרויסע קדושים־מאַרטירער?

4.

לאָמיר איצט, נאָך דעם לענגערן נויטיקן אַריינפיר, גיין ווייטער און זען, וויפל טיף־יידישע און טיף־נאַציאָנאַלע מאָטיוון מיר טרעפן אין די שאַפונגען פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

מיר וועלן אָנהויבן מיט איניקע אויסצוגן פון עזרא פינינבערג, — דער גרויסער ליריקער (געשטאָרבן אין עלטער פון 47 יאָר, דעם 22טן נאָוועמבער 1946).

עזרא פינינבערג, איינער פון די טאַלענטפולסטע און טיפסטע יידישע דיכטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס איז געווען אַלע מאָל שטרענג און געהיט מיט זיין פּאָעטישן וואָרט, האָט אין זיין ביכל לידער „פון שלאַכט־פעלד" *)

*) אין 1946, פאַר זיין פריצייטיקן טויט, איז אַרויס אין מאָסקווע אַ בוך פון עזרא פינינבערג „אין ריזיקן פייער" (זע מ. נאָטאָוויטש „אין זיין ליד וועט ער לעבן", „יידישע קולטור", 1947, נ' 1, ז' 6). מיר האָבן, לײדער, נישט דאָס דאָזיקע בוך — באַגנוגענען מיר זיך איצט מיט לידער פון דעם בוך „פון שלאַכט־פעלד". — נ. מ.

(מאָסקווע, 1943, 96 ז״ז) אַ צאָל לענגערע לידער און פּאָעמעס, וואו עס קומען אַריין פאַרטיפטע יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון. די לידער זיינען ענג פאַרבונדן מיט די שלאַכטן, מיט די שווערע איבערלעבענישן אויף די קריג־פראָנטן מיט דער דייטש־נאַצישער בעסטיע. אין פאַרשיידענע שווערע מאָמענטן, ביי פאַרשיידענע אויסטערלישע סיטואַציעס לויכטן־אויף פאַר אים, קומען אויף פון זיינע טיפענישן געפילן־טראַכטענישן, זכרונות און איבערדרופן מיט זיינע אייגענע עלטערן, מיט אַמאָליקע יידישע פאַסירונגען און אויך מיט חברים־פריינט, חברים אין די שווערע קאַמפן, און חברים פון די גרויסע האָפענונגען־טרוימען אויף בעסערע, העלערע צייטן.

אין אַ לענגערן ליד, „אין וואַלד״, וואו ער געפינט זיך אַ צייט, אין אַ וואַלד „אַ פאַרשאָטענעם״, „אַ קדמונישן״, וואו מ׳וואַרט זיך צו טרעפן „אויג אויף אויג״ מיטן שונא, און וואו „מ׳גראָבט ערד־שטיבער״ און מ׳האָט שוין פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט — „אַ יאָר, צי אַ יאָרהונדערט, צי אַ חודש ?, — דאָ, אין געדיכטן וואַלד, שטעלט אָן דער פריילעכער ראַדיסט אַ פּאַטעפאָן, און ס׳נעמען הערן זיך געזאַנגען פון פאַרשיידענע טיילן פונעם לאַנד: „אוקראַינע זינגט. ס׳זינגט טורקעסטאַן. און ס׳זינגט קאַווקאַז״. דער יידישער דיכטער זיצט פאַרטראַכט, פאַרטרויערט... ס׳איז אים שווער אויפן האַרצן.

„און פּלוצים — פּלוצים — מיטאַמאָל —
קלאַנגען קענטלעכע, אַ קענטלעך קול״ . . .

— — — — — — — — — —

„מיכאָעלס זינגט ? עס זינגט מיכאָעלס ?״.

און פּיניבערג זאָגט:

„עס זינגט מיכאָעלס אינעם וואַלד, אין ערד־שטיבל דעם ניגון / פון פאָלק מיינעם, פון קינדהייט מיינער, פון מיין וויגל... / ס׳זאָל מיר ניט שווער זיין, ס׳זאָל מיר אויפן דאַרנדיקן וועג ניט ווי טאָן, / עס איז מיין פאָלק געקומען זיך געזעגענען און מיך באַגלייטן״...

עס זינגט מיכאָעלס דורך דעם פּאַטעפאָן אין דער ראַדיאָ:

„פון ווייט, פון ווייט,
פון גאָר דער פריערדיקער צייט,
פון גאָר דער פריערדיקער עדה,
פון שייטערס פלאַמענדיקע
און פון גהינומדיקע ליידן
געקומען איז אין טונקעלן ערד־שטיבל
מיין גרויער זיידע,
דאָ, פאַרן וועג מיינעם מיט מיר אַ רגע ריידן . . . ״

און ווייטער זאָגט עזרא פינינבערג אין זיין ליד:

„עס יאָמערט ירמיה, / און ס'גייט מיט דונערן אַדורך די וועלט ישעיה.../ — — — און ווייטיק שרייט, און צאָרן גליט / און גיבור־קראַפט שפּאַנט אָפּ־גרונטן אַריבער מיט אַ ליד" (ז"ז 35־36).

אין אַ צווייטן לענגערן ליד „מיין באַריכט" (געשריבן יאַנואַר 1943), וואָס באַשטייט פון 14 קאַפּיטלעך, אין וועלכע ער גיט איבער פאַר די חברים שרייבער איבערלעבענישן און טראַכטענישן, וואָס ער, דער דיכטער, האָט אַדורכגעמאַכט, אַדורכגעווייטיקט און אַדורכגעפיבערט, האָבן מיר אַזעלכע זייטיקע לירישע „אָפּנויגן":

„מיין פאָלק, מיין יידיש פאָלק... דו האָסט דאָך מיר דעם גלי,
די פיין, די שיין, דעם טיפן מוט געגעבן.
'בדמייך חיי, בדמייך חיי!...
'אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן...'
ביסט אַלע, אַלע נאַכט, ביסט אַלע, אַלע פרי
מיט מיר, אַרמייער, מיטגעגאַנגען נאָענט, נעבן..." (ז' 46).

און דער סענסיטיווער דיכטער האָט, משמעות, געפילט אַ שלעכטן בליק אויף זיך, און אין דער דערהויבענער שעה און אין דער פייערלעכקייט פון צוריקקומען קיין מאָסקווע זאָגט ער שטאָלץ און ווירדיק:

„און ווער עס זאָגט, אַז איך, איך בין דאָ פרעמד,
ווער ס'קוקט אויף מיר מיט גאַל און גיפטיק און פאַרביסן —
דער וויסטער רוח אים ווייסט, דער וויסטער רוח אים נעמט, —
ניט מיין נאַגאַן, מיין חברס ביקס וועט אים צעשיסן.
מיין פאָלק, מיין יידיש פאָלק אין זיידן, אין פאַרבלוטיקטן העמד,
פון ווייטסטע צוקונפטן די פעלקער דיך באַגריסן.
כ'בין שטאָלץ, איך זאָג עס איבער אַלע, אַלע שחיטות:
ס'איז מיין געזיכט און ס'איז מיין גאַנג און ס'איז מיין האָרץ
סעמיטיש" (ז' 46).

און טיף יידיש און ווייטיקדיק יידיש און דאָך דערהויבן און שטאָלץ־ווירדיק איז עזרא פינינבערגס פרעכטיק ליד „פאַרבלוטיקטע ביכער", וואו ער רופט זיך איבער מיט פילאָסאָפן, פּאָעטן... ער, דער דיכטער, האָט „געראַטעוועט אַ בינטל ביכער פון אַ שרפה", ער האָט זיי געטראָגן אויף זיין פּלייצע אין אַ שווערן זאַק... און אַזוי גייענדיק מיטן פּאַק, האָט אַ יונגער גענעראַל אים היימיש אַ רוף געטאָן „טאָוואַרישטש קניגאָנאָשאַ"... און דאָס

גיט דעם דיכטער אַ געלעגנהייט צו דערציילן דעם גענעראַל וועגן מענדעלע מוכר־ספרים און זיין אָנזאָג צו די אייניקלעך.

דער דיכטער זאָגט:

„אין אַ יאָר פון ווייטיק,
אין אַ יאָר פון אומגליק בייזן
האָט דער זיידעניו געהייסן:
— שרייבן זאָלן אייניקלעך מיט גאַל,
מיט בלוט מיט הייסן..."

און „איצט גייט אַדורך מיין פאָלק דורך וואַרעמס און דורך קאַלטס. / איצט שטעקטביים פאָלק מיינעם אַ מעסער אינעם האַלדז. / פון ראַטערדאַם און ביזן שוואַרצן ים — / מתים, מתים, מתים..."

„שרייבן איצט, חבר גענעראַל,
שרייבן היינט די אייניקלעך מיט גאַל,
מיט לעבן אייגענעם,
מיט בלוט מיט הייסן!..." (ז"ז 65-67).

ווי טרעפלעך, ווי שאַרף ע. פינינבערג האָט באַצייכנט די סאָוועטיש־יידישע דיכטונג פון יענער צייט און זיך — אַליין!

מיר וועלן ברענגען נאָך אַ פּאָר שורות פונעם טיף־יידישן ליד „דורך אָט דער וועלט":

„אַנטשולדיק מיר מיין וויסט און פינצטער אויסזען:
איך לעב אויף אָט־דער וועלט שוין פיר יאָרטויזנט.
איך האָב געבויט די פּיראַמידן אין עגיפּטן.

אַנטשולדיק מיר, דעם אוראַלטן פּאַרליבטן.
כ'בין מיט מיין פּנים, מיט מיין גורל אין מיין פאָלק געראָטן.
געטראָגן פון דער אייביקייט, כ'ווער אייביק ניט צעטראָטן.
געדראָשן אין דער אייביקייט, כ'ווער קיינמאָל אויסגעראָטן.
פּונקט ווי מיין פאָלק, איך צאָל די מוראדיקע דורות מוראדיקן שטייער.
פּונקט ווי מיין פאָלק, איך ברען, און עס פאַרברענט מיך ניט דאָס פייער.

איך בין געגאַנגען קעגן פרעכע גריכן מיט די יונגען — די מכבים.
איך בין געגאַנגען מיט די רוסן קעגן פרעכע פרוסן, קעגן ווילדע שוואַבן.
איך טראָג אין זיך די שווערע טרערן פון קינדער אינעם מיטן מבול"...
(ז' 71).

האָבן מיר פיל אַזעלכע טיף־יידישע, טיף־גלויביקע און ווירדיק־דער־הויבענע לידער אין אונדזער דיכטונג?

זיינען נישט לעכערלעך און אומווירדיק די אַלע בטול־רייד, וואָס ווערן כסדר אַרויסגעזאָגט דורך די אומפּאַראַנטוואָרטלעכע „מבינים" און פּאַרלוימדער פונעם יידישן שאַפן אין סאָוועטנפּאַרבאַנד?

מען דאַרף נאָכזוכן אין אַנדערע לידער־ביכער פון עזרא פינינבערגן און זען, וויפל נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון זיי פאַרמאָגן.

5.

ס'וואָלט געווען זייער וויכטיק אַדורכצוגיין די ווערק פון די פאַרשיידענע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, — די דיכטער און פּראָזאַיקער, — און אויסגעפינען די שטעלן, די מאָמענטן, די בילדער, די אַרויסזאָגונגען, אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק די ליבשאַפט צום יידישן פאָלק, די פאַרערונג פאַר די ליידן און פּיינען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און די אחריות־געפילן פאַר דער אייביקייט און קיום פונעם פאָלק ישראל.

איציק פעפער, וואָס איז דורכאויס אַ קינד, אַ פּראָדוקט פון דער אָקטאָבער־תקופה, איציק פעפער, — דער אין פלוג זאַרגלאָזער, שטענדיק־זינגענדיקער טרובאַדור פון דעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן לעבן, — אויך ביי אים געפינען מיר פיל טיף־יידישע און עכט־יידישע מאָטיוון, אויסרופן און אויסגעשרייען.

קודם־כל זיין דערהויבן־טראַגישע, קינה־תפילהדיקע גרויליק־פּאַטעטישע פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", דורך וועלכער און אין וועלכער ער האָט אויסגעפיבערט און אויסגעווייטיקט דעם גרויסן בראָך פון דער וואַרשעווער געטאָ און וואו ער האָט, אין דאַנטישע בילדער און פאַרבן אויסגעמאָלט גאָר די טראַגיק און גאָר דעם עקסטאַז פונעם גרויסן יידישן וואַרשע־חורבן, און לסוף אַריינגעוועבט זיך גופא אין דער געשטאַלט פונעם וואַרשעווער יינגל אין זיין „קידוש ה'ייד" און „קידוש ה'פּאָן".

אויך אין אַ צאָל אַנדערע לידער, געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן, טרעפן מיר ביי איציק פעפער יידישע, טיף־יידישע, נאַציאָנאַל־יידישע אַרויסזאָגונגען, טענער און „אָפּנויגן".

אין זיין ליד „די שבועה", וואָס איז פול מיט צאָרן און האַס און נקמה־געפילן צום נאַצי־דייטשישן שונא, דעם מערדער פון פעלקער און אויסראָטער פונעם יידישן פאָלק, זאָגט איציק פעפער:

„אָט דאָס איז מיין שבועה, וואָס כ'שווער איצט דעם לאַנד פון די ראָטן,
מיין אוראַלטן פאָלק און מיין אַלטינקער מאַמען און מיין טאַטן,

און דאָס איז מיין נדר; און אויב איך וועל ביידע זיי ברעכן,
זאָל דעמאָלט מיין פאָלק מיט דער שפּיז פון פאַראַכטונג מיך שטעכן!
(„רויטאַרמייאיש", ניו־יאָרק איקוף־פאַרלאַג ז' 3)

אין זיין פּרעכטיק ליד „מיין טאַטע" געווידמעט זיין אומגעבראַכטן און פאַרפּייניקטן פאָטער, וואו פּעפער ברענגט אַרויס אין זיין פאַנטאַזיע די גרויל־אומשטענדן און גרויזאַמע באַדינגונגען פון זיין שוידער־אומקום, באַהעפט ער זיך צו זיין פאָטערס פאַרגאַנגענהייט און ער זאָגט:

„... און גליקלעך איז דער מענטש, וואָס קאָן די שפּעטערדיקע דורות זאָגן:
איך האָב מיט שטאָלץ דורך טעג און נעכט דעם טאַטנס נאָמען דורכגעטראָגן ... (דאָרט, ז' 6)

און ס'איז קלאָר, אַז ער מיינט נישט בלויז דעם אייגענעם טאַטנס נאָמען, נאָר אויך נעמען פון דורות אַפריער. און ער זאָגט טאַקע ווייטער אין דעם לענגערן ליד:

„און וואו ער זאָל אַצינד ניט זיין: אין ברען פון טעג, אין קאַלטער רו שוין,
זאָל זיין געבענטשט זיין ערלעך הארץ, זיין האַרץ — די טייערסטע ירושה,
וואָס ווערט אין פייער ניט פאַרברענט, וואָס ווערט אין וואַסער נישט דערטרונקען,
וואָס ווערט אין אַפּגרונט פון ניט־זיין, אין טיפן אַפּגרונט ניט פאַרזונקען!"
(דאָרט ז' 7).

און אויף וויפל עס איז פאַלש און אומגערעכט דער פאַרוואורף און די באַשולדיקונג, אַז ביי די סאָוועטיש־יידישע שרייבער הייבט זיך אָן אַלץ פון אָקטאָבער! דאָס חזרן איבער כסדר פאַרשיידענע יידישע שרייבער, וואָס זיי איז לחלוטין פרעמד דאָס סאָוועטיש־יידישע שאַפן.

איציק פעפער רופט זיך אַלע מאָל איבערן מיטן יידישן עבר.

ס'איז געווען דעם דיכטער צו באַטראַכטן אַ טערקישע שאַל, און „ס'טוט די דערמאָנונג אַ שלאָג ווי אַ קוואַל". אים דאַכט זיך, אַז ער האָט „זי אַמאָל שוין געזען", און ער פרעגט זיך גופא: „אין וועלכן יאָרהונדערט, אין וואָס פאַר אַ לאַנד"? און אָט זאָגט איציק פעפער:

„פון דורות צו דורות בעגאַן איז די שאַל,
געזאַפּט אין די פעדים פון טרערן די גאַל,
געהיט אויף די קוויטן די צאַרטקייט פון הענט,
און האָט מיט איר בונטקייט דורך דורות געבלענדט". (דאָרט, ז' 12).

און ווי טיף־יידיש איז די קללה צו די דייטשישע מערדער פאַר זייערע

מערדערייען. ס׳איז די עכט־יידישע תוכחה, וואָס שטאַמט פון לאַנגע יידישע דורות, וועלכע זיינען אומגעקומען אין פאַרשיידענע צייטן. ער זאָגט:

„דאָס יידישע בלוט אויף די פעלדער, די גאַסן, די ברוקן,
זאָל אויפשטיין און ווערן די שׂרפה, וואָס וועט דיך פאַרצוקן!"
(ז׳ 106).

און ווי איציק פעפער פלעכט אַריין דורות און דורות, יידישע מאַרטירער און גאונים פון פאַרשיידענע צייטן און לענדער פון דער לאַנגער מאַרטירער־ און העלדן־געשיכטע אין זיין היפער־יידישלעכן און נאַציאָנאַל־יידישן ליד „איך בין אַ ייד!" — איז גוט באַקאַנט. ער רופט זיך איבער מיט פאַרשיידענע תקופות אין דער יידישער געשיכטע און רופט אַרויס געשטאַלטן פון יידישן עבר, וועלכע זיינען הויפט־דאַטעס און קען־צייכנס אין „דער יידישער פאַר־גאַנגענהייט". ס׳איז פאַר אים „דער וויין פון דורותדיקן דויער", וואָס האָט אים „געשטאַרקט אין וואַנדער־וועג". דאָ האָבן מיר פּרעה, טיטוס און המן, און שמשון און בר כוכבא, און ישעיה און ר׳ עקיבא, און יהודה הלוי און היינע, און שפּינאָזע און מאַרקס, און ניו־יאָרק, בוענאָס איירעס און חיפה, — אַלץ און אַלע האָבן „אָפּגעשפּריצט מיין אוראַלט בלוט און מיין געמיט", ווייל „איך בין אַ ייד"...

ס׳איז פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון איציק פעפער זייער וויכטיק זיין 10־שורהדיקע ליד „עפּיטאַפיע".

ער זאָגט אין דעם ליד, אַז „איין גרויסער טרוים באַגלייט אים אין זיין גאַנג": „ווען בלייבן מיט דער היילער ערד וועל איך אַליין נאָר, / ווען ס׳וועט דער יידישער בית־עולם מיינע אַלטע ביינער אויפנעמען," זאָל „דער פאַרביי־גייער, באַמערקנדיק מיין צאַם",

„אַ זאָג טאָן פאַר דעם לעבעדיקן ווינט:
— ער איז געווען אַ מענטש, ער האָט זיין פאָלק געדינט!"

און ווי באַוואוסט, איז ער פאַר „זינד", וואָס ער האָט דעם יידישן פאָלק געדינט, אַכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן, און ווער ווייסט, צי זיינע ביינער זיינען געקומען צו קבורה אויף אַ יידישן בית־עולם?!

פון דער גרויסער קינה־פּאָעמע „שאָטנס אין וואַרשעווער געטאָ", וואָס באַשטייט פון 21 קאַפּיטלען און יעדעס קאַפּיטל ווי יעדע שורה, איז אַדורכ־געזאַפּט מיט בלוט פון די דערמאָרדעטע, מיט גוואַלד־געשרייען פון די גע־שענדעטע און פאַרפייניקטע, מיט די שאַלן־רופן פון די העראָאישע אויפ־שטענדלער, פון דעם אויפשוידערנדיקן איכה־ליד, — פון דער פּאָעמע קאָן

מען ציטירן גאַנצע שטיקער, וועלכע ס׳ווילט זיך אויסקריצן און איינשניידן אין געמיט און אין לייב.

„די שאָטנס די שטאָלצע פון וואַרשעווער געטאָ —
זיי לעבן אין אונדז מיטן בראָך, מיטן ווייטיק..."

אין דער פּאָעמע מישן זיך כסדר בילדער פון דער אַמאָליקער, טומלדיקער, רווישיקער יידישער וואַרשע, וואָס איז געווען רייך מיט טראַדיציעס און אָנגעזאָפּט מיט דורות ירושה, מיט גרויזאַמע בילדער פון דער איצטיקער געטאָ און פון חורבות מיט זייערע מוראדיקע געשטאַלטן, יידן — אַלט און יונג, מאַן און פרוי, וועלכע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם ברוטאַלן מערדער צו פּיין, צו פּייניקונג, צו אויסראָט און צו אומקום. צענער טויזנטער מענטשן־שאָטנס, וואָס „ווילן נישט שטאַרבן און קאָנען נישט לעבן". „נקמה! איך וואַונטש נאָר אין אונדזערע שאַרבנס, / איין טרוים נאָר — די פאָן פונעם פאָלק זאָל ניט שטאַרבן!"

און „דער זקן, דער קאָפּ דער געניטער" האָט אַ באַגער, אַ ווילן, אַז עס „זאָל פלאַמען די שנאה". אַנדערש ווי אברהם, אין אַמאָליקן סדום, וואָס בעט אין נאָמען פון צדיקים צו לאָזן גאַנץ די שטאָט און נישט צעשטערן און פאַרטיליקן, רעדט דער זקן פון וואַרשע:

„אויב ס׳וועט נאָך אַ צענדליק איינגאַנצן פאַרבלייבן,
זאָל גליען פון דירות אין זיי דער געוויסן,
און זאָל דער געוויסן פון דורות זיי טרייבן
אין בייזע געשלעגן, אין לעצטע געשלעגן."

און אויב ס׳וועט

„זיך ראַטעווען איינער... איין ייד וועט פאַרבלייבן,
טאָ זאָל ער דעם אומגליק פאַר דורות פאַרשרייבן..."

6.

מיר וועלן איצט גיין ווייטער און וועלן קומען צום דיכטער משה כאַש־טשעוואַצקי, וועלכער איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד פרילינג 1944. זיין העראָאישער טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער צווישן די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס איז צו זען פון דער רירנדיקער מעלדונג וועגן זיין טויט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן („יידישע קולטור", נ׳ 5, מאַי 1944) מיט די אונטערשריפטן פון אַ 120 סאָוועטיש־יידישע שרייבער. „אַ דיכטער אַ געזעלשאַפטלעכער, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין אונדזער

פּאָליטישן לעבן, — ווערט געזאָגט אין דעם קאָלעקטיוון נעקראָלאָג, — האָט משה כּאַשטשעוואַצקי געווידמעט זיין ליד די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון אונדזער קאַמף און בויאונג. אין זיינע לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס האָט מ. כּאַשטשעוואַצקי באַוויזן דעם העראָאיזם פונעם סאָוועטישן פּאָלק אין שלאַכט".*). און ווייטער: „מ. כּאַשטשעוואַצקיס ליד איז ענג פאַרבונדן מיט די גרויסע שעפערישע דערפאָלגן און דערגרייכונגען פון אונדזער דיכטונג, מיט דער אויסבילדונג און אַנטוויקלונג פונעם יידישן סאָוועטיש־פּאַטריאָטישן געזאַנג, מיט דער קונסט־און קולטור־הויך, צו וועלכער אונדזער ליטעראַטור איז געקומען פאַר די 26 אָקטאָבער־יאָרן" (ז' 59).

אין די גרויזאַמע יאָרן פונעם שרעקלעכן וועלט־קריג, ווען די היטלעריסטישע מערדער האָבן פאַרנומען אַ שטיק וועלט און זיך ספּעציעל פאַרלייגט צו פאַרפייניקן, אומצוברענגען און אויסצוראָטן דאָס יידישע פאָלק, האָבן, ווי געזאָגט, די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זיי און אָפט — צוזאַמען מיט זייערע זין, געקעמפט אויף די שלאַכטפעלדער קעגן גרויזאַמען שונא. די שווערע גרויליקע, אייגענע און אַרומיקע איבערלעבענישן האָבן זיי געבראַכט צום אויסדרוק דורך פאַרשיידענע פאָרמען, אין זייערע שאַפונגען. אויך מ. כּאַשטשעוואַצקי, ער און זיין זון, זיינען געווען אויף די קריגס־פראָנטן.

אין זיין טיף־רירנדיקן און טראַגיש־דערהויבענעם לידער־ביכל „פון אַמאָל און היינט" (מאָסקווע, 1943) האָבן מיר אַ ליד וועגן זיין זון, „דעם אַרטילעריסט פון דער רויטער אַרמיי געווידמעט", וואו מ. כּאַשטשעוואַצקי זאָגט צו אים:

„עס שטייט אויף זיין פּאָסטן מיין זון און ער וואַכט,
איך טראַכט וועגן אים סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט,
ב'גלויב מיר'ן באַזיגן די פינצטערע מאַכט
און קומען מיין זון וועט — אַ העלד פון דער שלאַכט" (ז' 6).

אין דעם דאָזיקן לידער־ביכל האָבן מיר קרעפטיקע לידער

---

*) מ. כּאַשטשעוואַצקי, צוזאַמען מיט ב. בערגאָלץ, האָבן פאַרפאַסט אַ דראַמע (אין 3 אַקטן), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „יידישע קולטור", 1944 (אין די נ"נ 5, 6-7, 8-9). ווען דער מאַנוסקריפּט פון דער דראַמע, וואָס די האַנדלונג קומט פאָר אין מלחמה-צייט, אין אַן אוקראַאינער שטאָט, איז אָנגעקומען פון מאָסקווע קיין ניו-יאָרק, איז שוין משה כּאַשטשעוואַצקי, דער שלאַכטמאַן, נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, און זיין נאָמען איז אין דער „יידישע קולטור" געגעבן געוואָרן אין אַ שוואַרץ רעמל.

פון אַמאָל, וואו ס׳ווערן אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע העראָאישע און מאַר־טירער־געשטאַלטן פון דער יידישער געשיכטע. דער דיכטער רופט זיך מיט זיי איבער. ער לעבט זיי אויף אין זיין געמיט און אין זיין געדאַנק. ער לאָזט זיי רעדן טרייסט־און דערמוטיקונג־רייד און ער זוכט גלייכצייטיק אין זייערע העלדישע מעשים טרייסט און דערמוטיקונג פאַר זיך, פאַר אַלע אַרום.

מיר האָבן דאָרט אַ ליד „דוד און גלית״, געשריבן אין די שווערסטע צייטן, ווען דער „ריז״ היטלער האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען „דודן״, דאָס יידישע פאָלק.

עס זאָגט דוד צו גליתן, צו די היטלעריסטישע האָרדעס:

„און מעגסטו זיין אַפילו ריזן־גרויס,
געשמידט אין שטאָל, געשיצט מיט שילד און העלם,
בין איך אַנטקעגן דיר אָן שרעק אַרויס
און וועל דעם ווענ דיר מיט מיין לייב פאַרשטעלן.

און מעגסטו גלית זיין, ביין פון זיין ביין,
וועל איך באַניים אַ קאָן איצט דוד ווערן,
און ס׳וועט פון שטיינוואַרפער מיין פראָסטער שטיין
אויף טויט צעלעכערן דיין קופער־שטערן״ (ז׳ 8).

ס׳איז דאָ אין ביכל אַ לענגער ליד „שמשון און דלילה״, וואו עס ווערט געשילדערט דער טראַגיש־העראָאישער סוף, ווען שמשון צעטרייסלט די זיילן פון דעם פלשתים־פאַלאַץ:

„און גאָר דער פאַרדראָס, וואָס אין האַרץ האָט געריפט
איז אויפגעגאַנגען איצטער אין צאָרן,
און ער האָט דערפילט, — ס׳ווערן אָדערן שטייף,
ס׳ווערט ווידער זיין כוח געבאָרן״...

און די לעצטע פיר שורות — דער פינאַל, — פונעם ליד:

„עס האָט די געביידע געקראַכט מיטאַמאָל,
און אין שווידער־געהויל אין צעמישטן
געגעבן אַ קלונג האָט אויף דורות דאָס קול:
— זאָל שטאַרבן מיין זעל מיט די פלשתים!״ (ז׳ 30).

אין ביכל איז דאָ אַ ליד „יעל און סיסרא״, די ביבלישע מעשה מיט דער יידישער פרוי, וואָס ברענגט אום דעם שונא סיסרא.

און ווייטער קומט די פּאָעמע „חנה מיט די זיבן זין", — די באַרימטע געשיכטע פון חנה, וואָס פּאַר אירע אויגן ווערן פאַרפייניקט אירע זין, וועל־כע ווילן זיך נישט בוקן און פאַרראַטן דאָס יידישע פאָלק.

מ. כאַשטשעוואַצקי הויבט אָן זיין פּאָעמע:

„אָט איז זי, די מוטער, מיר קענען זי גוט,
גערענקען די זין אירע זיבן!
דאָס דריטע יאָרטויזנט עס פלייצט זייער בלוט,
דאָס בלוט איז דאָס זעלבע געבליבן.
— — — — — — — — — — —

מע האָט אונדז פאַרניכטן נים איין מאָל פאַרטראַכט,
מיט גיפט און מיט שאַנד אונדז פאַרסמען"... (ז' 34).

נאָכן איבערגעבן ווי איין זון נאָכן אַנדערן זאָגן זיך אָפּ צו פאָלגן דעם שונא און זיי ווערן, ביים בייזיין פון דער מוטיק־טראַגישער חנה, דערמאָר־דעט, זאָגט מ. כאַשטשעוואַצקי אין סוף פון דער פּאָעמע:

„... עס יאָגן זיך דורות, עס בייט זיך דער דין,
נאָר ס'פלייצט אַלץ און פלייצט אין די ימען
דאָס בלוט פון די זיבן מאַרטירער, די זין,
באַנאַנד מיטן בלוט פון דער מאַמען"... (ז' 38).

דאָס לידער־ביכל ווערט פאַרענדיקט מיט „עפּיזאָדן פונעם מכביער אויפשטאַנד", וואָס הייסט ביי אים: „דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען", וואו ער ברענגט די יידישע מכבי־אויפשטענדלער, מתתיהו, יהודה, חנניה. מיר האָבן דאָ אויך דעם סירישן אויפזעער אַפּעלעס, וואָס קומט מיט אַ באַפעל אָפּצושאַפן דעם יידישן גלויבן און פאָדערט־אויף מתתיהו חשמונאי, ער זאָל דער ערשטער ווייזן דעם ביישפּיל צו טאָן וואָס דער קייסער וויל. ס'קומט פאָר אַ שווערער געראַנגל. אַפּעלעס באַפעלט צו טויטן מתתיהון, אָבער דאָ פלוצים קומט אָן זיין זון יהודה מיטן חיל און רופט אויס זיגעריש: „...אונדזער פאָלק איז מוטיק אויפגעשטאַנען / אַז זייער סוף וועט קומען גאָר איניכן..." (ז' 62).

7.

און אָט אַ פּאָר אויסצוגן פון נאָך אַ יידישן דיכטער — ליפּע רעזניק, וואָס האָט געלעבט לאַנגע יאָרן אין קיעוו און וואָס מיט אים, ווי מיט מ. כאַשטשעוואַצקי, האָבן מיר זיך אָפט געטראָפן אין די יאָרן פון דער ערשטער

וועלט־מלחמה און אין די יאָרן פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע 1917־1921. ליפע רעזניק, אַן עלטערער ברודער פון יאַשאַ רעזניק, איז געשטאָרבן אָדער געפאַלן אין קריג, ווען געננוי — איז מיר נישט באַקאַנט. ליפע רעזניק האָט געהערט צו דער קיעווער גרופע יונגע יידישע שרייבער, באַגלייך מיט אשר שוואַרצמאַן, וואָס האָבן זיך „געטוליעט" אַרום די „עלטערע" דוד בערגעל־סאָן, נ. מייזיל, י. דאָברושין א. אַנד. געבוירן אין 1890 אין מאקאראוו, איז ער דערצויגן געוואָרן אין דער יידיש־טראַדיציאָנעלער שטאָט טשער־נאָביל, וואו זיין פאָטער איז געווען מלמד און חזן אין רבישן הויף. ער איז געווען איינער פון די פּראָדוקטיווסטע שרייבער: דיכטער, דראַמאַטורג, רעדאַקטאָר, איבערזעצער. ער איז געווען איינגעטונקען אין יידישקייט, אין יידישער מסורה. אין דער צייט פון דער מערדערלעכער דייטש־נאַצי־שער אָקופּאַציע האָט ער צווישן אַנדערן געשריבן אַן אויפטרייסלענדיק ליד „מאַגען און צאָלן".

דאָס ליד הויבט זיך אָן אַזוי:

„איך בלעטער איצט נאָך אַמאָל אַלטע פאַרגעסענע בלעטער
און מיש אויף דעם רום פון מיין פאָלק און זיין פיין און זיין צאָרן.
איצט וויל איך ניט גאָרנישט פאַרגעסן — איך וועק אין זכרון
פאַרגאַנגענע צייטן מיט בלוט און מיט טרערן געזעטיקט."

און ליפע רעזניק ברענגט אויף אין זיין זכרון:

„עס טליען אין שטעט דיינע, דייטשלאַנד, פאַרצייטיקע שפּורן
פון בלוטיקן בלבול, פון שאַנד־לאַטעס, שייטערס פּאָגראָמען,
ניט אָפּגעווישט האָט זיי די צייט און ניט דראַנג און ניט שטורעם, —
איצט גליען זיי העל און באַלויכטן דעם וועג צו נקמה".

און ווייטער וויקלען זיך פאַנאַנדער גרויסע זעאונגען פון אַמאָל. און דער דיכטער לייענט ווייטער אַרויס פון דער געשיכטלעכער מגילה:

„איך זע דיין האַקנקרייץ איצט מיט די פינצטערע שלייפן,
און העלדזער פון ליכטיקע מיידלעך די שלייפן פאַרציען, —
דערמאָן איך די קרייצטרעגער דיינע, און היימען אין שרפות
און גלויביקע יידעס, געהאַנגען מיט הינט אויף איין תליה!..."

עס שטייען פאַר אים אויף פון דער פאַרגאַנגענהייט „קדושים, געשאָכטן אין שפּייער, אין מאַינץ און אין וואָרמס"...

אין אַ צווייטן ליד „ס'האָט געשלאָגן די שעה" (געשריבן אין 1942), וואָס איז אַן אָפּקלאַנג פון די גרויל־ידיעות, וועלכע זיינען געקומען פון די

געטאָס און לאַגערס, וואו יידן זיינען געפּייניקט און פאַרפּייניקט געוואָרן, האָט ליפע רעזניק געשריבן:

„איך זע און איך זוך אין דיין עלנטן בליק
דעם ליכטיקן פונק פון געירשנטער שיין,
פון טויזנט יאָר ליידן און גלויבן און גליק,
פון פאַרטייעטן צאָרן און שנאה צום פיינט.

פון אייביקער שיין און פון הייליקן האַס,
וואָס אין טליענדער טיף אויף אַ ווינט זיך דערוואַרט
און רייסט זיך אַרויס פון אונטער דעם אַש
און צעפלאַקערט זיך העל, ווי אַ שרפה ביינאַכט.

מיין ברודער, צי זעסטו די שריפט אויף דער וואַנט —
„מנא, מנא, תקל ופרסין" * — ס'איז געקומען די צייט.
צי זעסטו, מיין ברודער, די שיין פון מיין לאַנד
און אויף לענדער דעם אָפּשיין אינדערנאָענט און ווייט?

דו הערסט פון מיין היים די געמאָסטענע טריט
און דאָס ליד און דאָס לשון פון בליי און פון מעש?
ס'האָט געשלאָגן די שעה, דיין שיין ניט פאַרלעש,
קום אַרויס, גיי אַנטקעגן, כאַפּ אונטער דאָס ליד".
(זאַמלבוך „דער שטערן", קיעוו, 1947, ב' 1, ז' 80)

זיכער זיינען אין די סאָוועטישע צייטשריפטן געווען פאַרעפנטלעכט נאָך לי־דער פון אַזעלכן אָדער ענלעכן כאַראַקטער. עס קאָן זיין, אַז אויך צווישן די פאַרבליבענע כתבים פונעם פאַרשטאָרבענעם אָדער אומגעקומענעם דיכ־טער ליפע רעזניק (אויב זיי זיינען ערגעץ־וואו אויפגעהיט) זיינען געווען נאָך אַזעלכע טיף־נאַציאָנאַלע לידער.

די געבראַכטע אויסצוגן זיינען דאָך בלויז פון עטלעכע יידישע דיכטער, מ'קאָן, פאַרשטייט זיך, ברענגען נאָך און נאָך אויסצוגן פון לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען פון סאָוועטיש־יידישע דיכטער און דערציילער, וואו עס זיינען דאָ טיף־יידישע, טיף־נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

מאַי, 1957

---

*) אויסגערעכנט, אָפּגעוואויגן און צעטיילט.

נאַציאָנאַלע מאָטיוון ביי פּרץ מאַרקיש

.1

אין פריערדיקן אַרטיקל „איז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור געווען אַ נאַציאָנאַל־יידישע?" האָבן מיר, אויפן סמך פון געבראַכטע אויסצוגן פון סאָוועטיש־יידישע ווערק, געשאַפן דורך די פאַרשיידענע דאַרטיקע יידישע שרייבער, באַוויזן, אַז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, סיי אין פּאָעזיע און סיי אין פּראָזע, האָט אָפט אַרויסגעבראַכט נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון און ערנסט באַהאַנדלט יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, און אַז זי האָט זיך אויך איבערגערופן מיט די העראָאישע תקופות אין דער יידישער פאַרגאַנ־גענהייט און מיט די פאַרשיידענע העלדישע און מאַרטירער־געשטאַלטן אין אונדזער רייכער געשיכטע, אָנגעהויבן פון די ביבלישע צייטן.

עס איז אונדזער אַלעמענס הייליקער חוב צו די טראַגיש־אומגעקומענע און גרויזאַם־אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, ווי אויך צו די לעבנגעבליבענע און לעבעדיקע יידישע שרייבער, ווי ס'איז אויך אונדזער פליכט לגבי די יידישע פאָלקסמאַסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע קאָנען נאָך דערוויל, צו אונדזער טיפן צער און גרויסן צאַרן, אַליין נישט קומען צום לעבעדיקן, אָפענעם און עפנטלעכן, מינדלעכן און שריפטלעכן יידישן וואָרט, — עס איז, זאָגן מיר, אונדזער חוב און פליכט אַרויסצובאַווייזן אַ ספּעציעלע פאַראינטערעסירטקייט צום סאָוועטיש־יידישן שאַפן, וואָס איז אין זיין סאַמע בלי איבערגעריסן געוואָרן, און דערציילן וועגן די וויכטיקסטע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און קולטור אין אירע אַקטיוו־שאַפערישע יאָרן פון 1917־1948.

און גאָר באַזונדערס און ספּעציעל באַדאַרפן מיר עס טאָן איצט, איצט, ערב דעם 40טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917.

אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער פּרעסע ווערן לעצטנס פאַרעפנטלעכט פיל ידיעות, באַריכטן און רעזאָלוציעס וועגן די גרויסע צוגרייטונגען צום 40טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די סאָוועטישע שאַפער — די שרייבער, דראַמאַטורגן, טעאַטער־קינסטלער, מוזיקער, מאָלער — אַלע גרייטן איצט צו פּראָיעקטן, ווי צו ברענגען צום פולסטן אויסדרוק דורך די ווערק פון פאַרשיידענע קונסט־געביטן דאָס אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן פאַר

די פיר יאָרצענדליקער. עס ווערן באַטראַכט די מאָס־מיטלען ווי צו פאַר־עפנטלעכן אַלגעמיינע סך־הכלען פון און אין דער קונסט־וועלט. די פאַר־שיידנסטע גרעסערע און קלענערע פעלקערשאַפטן און נאַציאָנאַליטעטן זיינען שטאַרק באַשעפטיקט מיט די צוגרייטונגען צו די אָקטאָבער־פייערונגען. אָן אויסנאַם, אַ שרייענדיקער אויסנאַם, איז בלויז די דאָרטיקע יידישע נאַציאָ־נאַליטעט, וואָס איז זינט נאָוועמבער 1948 לחלוטין באַרויבט פון אירע רעכט צו האָבן אַן אייגענע יידישע פרעסע, אייגענע יידישע פאַרלאַגן, אייגענע יידישע טעאַטערן און אַן אייגן יידיש קולטור־לעבן, ווי ס׳האָט עקזיסטירט זינט 1917 ביז 1948. עס איז שוין אַ מעשה פון אַ פּאָר יאָר, ווי ס׳זיינען געקומען צוזאָגן, אַז די עוולה וועט פאַרגיטיקט ווערן, און אַז דער פאַרברעכערישער פאַרבאָט אויפן יידישן שאַפן וועט אָפּגעשאַפט ווערן, אָבער דערווייל בלייבט עס אַלץ ביי די הבטחות... ווי שטייט דאָרט געשריבן: „אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור, גלה ממנו משוש״, — מיר זיינען שולדיקער פון יעדן אַנדערן פאָלק, מיר זיינען פאַרשעמטער פון יעדן אַנדערן דור, ס׳איז פאַרטריבן, פאַריאָגט פון אונדז יעדער מין פרייד...

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז אין 1940 איז פאַרגעקומען אין מאָסקווע אַ פאַרזאַמלונג פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וועלכע זיינען דאַן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַקטיוו־שאַפערישע טעטיקייטן. אויף דער פאַרזאַמלונג פון די יידישע שרייבער האָט דער פאַרזיצער פראָפ. י. נוסינאָוו (איינער פון די גרויזאַם־אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער) גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרזאַמלטע האָפערדיקע יידישע שריי־בער, אַז אין צוויי יאָר אַרום, אָקטאָבער 1942, „וועט מען פייערן דעם 25טן יאָרטאָג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און די סאָוועטיש־יידישע שרייבער דאַרפן דעריבער שוין באַצייטנס אָנהייבן גרייטן וואָגיקע ווערק, וועלכע זאָלן שילדערן די גרויסע דערגרייכונגען און דעראָבערונגען, פון די 25 יאָר לעבן און שאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד״.

ווי לחלוטין אַנדערש איז די לאַגע פונעם יידישן שאַפן, פונעם יידישן שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד איצט, ווען מען גרייט זיך דאָרטן צו פייערן דעם 40טן יאָרטאָג! ווי טרויעריק און טראַגיש עס איז! און עס זעט זיך דערווייל נישט קיין שום ראַדיקאַלע ענדערונג!...

2.

מיר וועלן גיין ווייטער און וועלן אַרויסאַנטפּלעקן די נאַציאָנאַל־יידישע מאַטיוון פון דער גרויזאַם־פאַרשניטענער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד.

מיר באַטאָנען ווידעראַמאָל, אַז מיר באַטראַכטן אונדזער דאָזיקע אַרבעט ווי אַן אָנהייב, וואָס דאַרף פאַרגעזעצט ווערן ווייטער. מיר האָבן נישט אונטער דער האַנט די אַלע יידישע זשורנאַלן און זאַמלונגען, וואָס זיינען דערשינען אין די 30 גוטע, זאַטע יאָרן פון סאָוועטיש־יידישן שאַפערישן לעבן. מוזן מיר אין אונדזערע באַהויפּטונגען זיך שטיצן בלויז אויף איינצעלנע ווערק, מיט דער האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועלן מיר האָבן פאַר זיך מער און מער ווערק און מאַטעריאַלן צו קאָנען געבן אַ מער־אויסשעפּלעכע און פולערע אָפּהאַנדלונג.

מיר האָבן פריער געשריבן וועגן מאַרקישעס ראָמאַן „דור אויס דור איין״ (1929) און אָנגעוויזן אויף דעם נאַציאָנאַל־יידישן כאַראַקטער, וואָס אַט דער אינטערעסאַנטער און גייסטרייכער מאַרקיש־ראָמאַן האָט פאַרמאָגט.

דער אימפּעטפולער גרויסער יידישער דיכטער פּרץ מאַרקיש, וועלכער האָט זינט 1917 און אין די אַלע יאָרן געשאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין פוילן (אין די יאָרן 1921־1926) און אין אַנדערע לענדער פון איראָפּע, און לסוף — ווידער אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט אין אַ צייט פון 30 יאָר באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט אַ גרויסער צאָל פאַרשיידנאַרטיקע ווערק, — לידער, פּאָעמען, דראַמאַטישע שאַפונגען און וואָגיקע פּראָזע־און פּאָעזיע־ביכער ביז זיין לעצט גרויס בוך „מלחמה״.

מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז אין לויף פון די אַלע יאָרן איז פּרץ מאַרקיש נישט איינמאָל קריטיקירט געוואָרן דורך איניקע סאָוועטיש־יידישע וואָרט־זאָגער פאַר זיינע נאַציאָנאַלע „אָפּנויגן״. אמת, נישט אַלע מאָל איז דער דיכטער געווען אַ געהאָרכזאַמער שרייבער־פאָלגער. מיר ברענגען ווייטער איניקע אויסצוגן פון שאַרפע פאַרוואורפן אויפן אַדרעס פון פּרץ מאַרקיש פאַר זיינע נישט־גענוג „כשרע״ לידער, אין וועלכע ס׳האָבן זיך אַריינגעכאַפּט נאַציאָנאַל־יידישע שטימונגען, ראָמאַנטישע מאָטיוון און שילדערונגען.

אונטער אַ קעפל „קעגן נאַציאָנאַליסטישער פּאָעזיע און פוילן ליבעראַ־ליזם״ איז אין 1932 אין כאַרקאָווער „שטערן״ פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פון מ. קאַמענשטיין (פסיידאָנים פון משה גוטמאַן, געוועזענער טוער פון ס. ס. און פון די „פאַראייניקטע״, באַקאַנט אויך מיטן נאָמען ב. זעליקאָ־וויטש — נ. מ.), וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי לידער־זאַמלונגען פון פּרץ מאַרקיש, וואָס זיינען דערשינען אין סאָוועטישע מלוכה־פאַרלאַגן: „פאַרקלעפּטע ציפערבלאַטן״ און „וואָכנטעג״. אגב, דאָס צווייטע לידער־בוך איז אַרויס אינעם „כאַרקאָווער יידסעקטאָר פון מלוכהשן נאַצמינד־פאַרלאַג״ אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַ פאָררעדע פון... דעמזעלבן מ. קאַמענשטיין. און אַט וואָס דער דעמאָלטיקער „משגיח אויף כשרות״

שרייבט, צווישן אַנדערן: „פּ. מאַרקיש איז אַ טאַלענטפולער דיכטער, אַ מיט־לויפער, וואָס ווערט איצט אַ פאַרבינדעטער. ער האָט שוין ניט ווייניק רעוואָ־לוציאָנערע ווערק, הגם אין דאָס רוב פון זיי וואַרפן זיך דורך אָפטמאָל נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, אָבער אין די ׳פאַרקלעפּטע ציפערבלאַטן׳ האָט מאַרקיש געפונען אין 1929טן יאָר פּאָר נויטיק איבערצודרוקן אַ סך פון זיין אַלטן קליינבירגערלעכן ׳באַגאַזש׳. מיר געפינען דאָרטן, למשל, אַזאַ ׳פּערל׳:

„משיח! ס׳גייען הערצער נאָך דיר אוים!

— — — — — — — — — — — —

עס ווייגט די וועלט, ווי עס ווייגט אין חופּה-טאָג אַ כלה"...

און ווייטער שרייבט מ. קאַמענשטיין:

„היינט הערט זיך נאָר איין, מיט וואָס פאַר אַ פּאַטאָס מאַרקיש באַזינגט... ארץ־ישראל:

„עס טליען אומעטיק די בגרות-בערג פון גליל,
און אויף די שפּיצן טרויערן די בלויע רוימען;
אָט דאָ, אין די פאַרטרויערט-טרוימערישע טאָלן,
האָט ווי אַ שאָף זיך פּיטערן געמוזט אַ בלאָנדער טרוימער! ..."

מ. קאַמענשטיין ציטירט ווייטער:

„קעמלען, דאָוונענדיקע, קעמלען אין דער נאַכט,
באַלייבטע מיט טליתים, אויסגעבליאַקעטע ווי קאַרע,
גייען איבער גאָלד אַרויסגעפּירטע פון תנ"ך
און שטראַלנדיקע שטרעקעס לייענען פון זכרון..."

און נאָך אַ פּאָר „קראַמאַלע"־שורות ברענגט מ. קאַמענשטיין:

„עס עפּענען זיך הימלען אויף ווי בלויע האָפנס רונדיקע,
די ווייטן וויקלען זיך אין גאָלדיק-גליענדיקן שיין;
און ווי אַ שיף, אַ געשפּענסט אַ לאַנג-דערטרונקענע
גייט אויף מיט שופרס אין דער הייך — ירושלים! "

און מ. קאַמענשטיין, דער אַמאָליקער פועלי־ציון אין דער יוגנט, און שפּעטערדיקער ס. ס. גיט צו: „מיר האָבן דאָ אויף אַזאַ מין אופן, אַ ׳שמעקע־דיקן׳ בוקעט פון משיח, ירושלים, גליל א. אַז. וו. — דאָס גאַנצע קלאַפּער־געצייג פונעם ציוניסטישן לעקסיקאָן"... „דאָס איז אַזאַ מין פּאָעזיע, — זאָגט מ. קאַמענשטיין, — וואָס אויב זי וואָלט נישט געווען, וואָלטן זי די ציוניסטן געדאַרפט אויסטראַכטן" (ווי שאַרפזיניק! — נ. מ.). „אַזאַ פּאָעזיע,

וואָס אומאָפּהענגיק פונעם פּאָעטס כוונות, דינט זי אָביעקטיוו דער סאַמע רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע פון דער יידישער בורזשואַזיע — דעם ציוניזם. די דאָזיקע לידער זיינען געשריבן געוואָרן אָפּנים אין פּאַלעסטינע, בעת מאַרקיש איז דאָרט געווען. אָבער ווי קומען זיי איבערגעדרוקט צו ווערן אין ראַטנפאַרבאַנד אין 1929טן יאָר?"

מ. קאַמענשטיין ברענגט אויסצוגן פון נאָך אייניקע מאַרקיש־לידער און ער פירט אויס: „מיר האָבן אינעם בוך אַ פולשטענדיקע אידעאַליזאַציע פונעם אַלטן, רעאַקציאָנערן, רעליגיעזן, פּאַטריאַרכאַלישן שטייגער... איך מיין, אַז פון מאַרקישן האָבן מיר געמעגט פאָדערן, ער זאָל זיך ענדגילטיק אָפּטרייסלען פון זיינע אַמאָליקע נאַציאָנאַליסטישע 'געטער' און נישט איבער־דרוקן זיי אויפן 12טן יאָר פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע"...

„אָבער, — גיט צו מ. קאַמענשטיין, — נישט ווייניקער דאַרפן מיר האָבן טענות צו יענע פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אָט־די 'פּאַר־קלעפּטע ציפּערבלאַטן' רעצענזירט, רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן. צי קאָן מען דאָס דען אַנדערש קוואַליפיצירן ווי 'פּוילן ליבעראַליזם'?"

און אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן ערשטן לידער־בוך, נעמט זיך מ. קאַמענ־שטיין צו פּ. מאַרקישעס צווייטן בוך לידער און פּאָעמעס „וואָכנטעג", וואָס, ווי ער אַליין זאָגט, איז „דאָס דאָזיקע בוך אַרויס אונטער מיין רעדאַקציע און מיט מיינער אַ פאָררעדע".

„אין די 'וואָכנטעג' איז, באמת, נישטאָ נישט קיין משיח־פּאַטאָס, אָבער דאָך אַנטהאַלט עס אַ היפּש ביסל לידער, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך אַ פּשוטע אידעאַליזאַציע פונעם פאַרמלחמהדיקן, קליינשטעטלדיקן רעאַקציאָנערן שטיי־גער".

און מ. קאַמענשטיין זאָגט ווייטער, אַז „צוגלייך מיט דיווירקלעך־רע־וואָלוציאָנערע ווערק ווי „ערשט־מאַיאיקע פאַרוועטן", ווי „אַנטאָגנעל דער מאַטראָס", האָבן מיר אינעם בוך די פּאָעמע „וואָלין"..."

איז וואָס אַזוינס נישט־כשרס איז דאָ אין דער דאָזיקער פּרעכטיקער מאַרקיש־פּאָעמע?

מ. קאַמענשטיין דערקלערט, אַז „דאָרטן האָבן מיר אַ גוטמוטיקע באַ־ציאונג פונעם אויטאָר צו אַזוינע שטימונגען און געענג פון זיינע קליינשטעטל־דיקע, קליינבירגערלעכע פּערסאָנאַזשן:

„גאָט אין הימל איז אַ פּאָטער,
און ער האָט ניט וואָס צו זאָרגן
פאַרן תכלית פון דער וועלט".

און ווייטער ברענגט קאַמענשטיין אַזעלכע „מוראַדיקע" שורות ווי:

„שטעלט מען אַפּ זיך ביי די קרעטשמעס
און מ'כאַפּט אויף גיך אַ דאַוון".

און נאָך אַ „שוידערלעכער" פערז:

„ריכט ער פּסח אָפּ אַ סדר
ווי דער מלכות, ווי דער גרעסטער,
אָנגעלייגט ער זאָגט און דאַוונט
די הגדה ביז קאַיאָר".

און געבראַכט אַט די „דיסקרימינירנדיקע" שורות, גיט צו מ. קאַמענשטיין: „און אין דער גאַנצער סעריע געפינען מיר ניט איין שורה, וואָס זאָל אויס־דריקן דעם אויטאָרס נעגאַטיווע באַציאונג צום דאָזיקן פּאַטריאַרכאַלישן זומפּ (?!)".

אין דער דאָזיקער ריכטונג גייט ווייטער מ. קאַמענשטיין, וואָס נעמט פּרץ מאַרקישן אויפן צימבל און גיט דעם דיכטער אַ „באַלערנדיקע" לעקציע אין פּאָליטישער כשרות... מ. קאַמענשטיין איז דערביי נישט פויל צו קנייפּן זיך גופא אין בעקל. ער דערציילט, אַז ער האָט „אַלעמאָל געקעמפט קעגן דעם פּאַרמאַליזם און עסטעטיזם" און ער גיט איבער וועגן זיך אַ שבח, אַז ער איז „שאַרף אַרויסגעטראָטן אין דער פּרעסע נאָך מיט יאָרן צוריק קעגן פאַרשפּרייטן צווישן די יידישע שול־קינדער פּרצעס 'פאָלקסטימלעכע געשיכטן', נישט געקוקט אויף זייערע פּאָעטישע מעלות..."

הכלל, מ. קאַמענשטיין איז אַן אַלטער „הינער־פרעסער"... אָבער דאָך האָט ער דורך זיינע „ריינע" הענט אַדורכגעלאָזט אַזאַ טרייף־פּסול, ווי די דערמאָנטע „וואָכנטעג" מיט מאַרקישעס לידער...

3.

און אָט נאָך אַ פּעקל טענות צו פּרץ מאַרקישן. דאָס מאָל איז עס אין דער לאַנגער אָפּהאַנדלונג פונעם יונגן סאָוועטיש־יידישן קריטיקער א. האַלדעס „וועגן אייניקע פּראָבלעמעס פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם" (פאַרעפנטלעכט אין „אַלמאַנאַך פון יידישע סאָוועטישע שרייבער", אַרויסגעגעבן אין כאַרקאָווער מלוכה־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוסר"ר, 1934, „צום אַל־פאַרבאַנדישן שרייבער־צוזאַמענפאַר").

א. האַלדעס שטעלט זיך אָפּ, אין זיין אָפּהאַנדלונג, אויף די ווערק פון פאַר־שיידענע יידישע דיכטער און קומט ענדלעך צו פּרץ מאַרקישן און צו זיין

פּאָעמע „ברידער". ער שרייבט: „ס'איז איבעריק צו דערמאָנען מאַרקישעס וועג, ער איז אַלעמען באַקאַנט. עס איז אויך באַקאַנט, אַז דעם גרויסן אויפשטייג, דאָס אַנשליסן זיך אינעם אַקטיוו פון דער סאָוועטישער דיכטונג האָט מאַרקיש באַוויזן מיט דער פּאָעמע 'ברידער' (1930)". נאָך איניקע לויב־ווערטער אויפן אַדרעס פון פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט „געשאַפן נייע אידעאָלאָגיש־קינסטלערישע ווערטן", גיט א. האַלדעס צו, אַז „איינציייטיק איז אין דער פּאָעמע נאָך פאַרבליבן היפּש פונעם אַלטן מאַרקישן, די נאַציאָנאַלע און שטעטלדיקע באַגרענעצטקייט, און אפילו נאַציאָנאַליסטישע מאָמענטן (דערמאָנט זיך די סצענע פון פּאָגראָם), אַ באַשטימטע אידעאַליזאַציע פון 'בונד', אַ באַשטימטע כאַאָטישקייט, — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די קינסטלערישע מיטלען, וועלכע גייען (קומען) פון די פריערדיקע עטאַפּן אין מאַרקישעס שאַפונג" (ז' 270).

אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער אָפּהאַנדלונג באַרירט א. האַלדעס פּ. מאַרקישעס אַנדערע ווערק און ער שרייבט: „לעצטנס קומט מאַרקיש אין איניקע לידער מיט גאַר אַלטע גענג, וואָס דערמאָנען דעם 'לעצטן'. אָט עפּנט איר דעם ערשטן באַנד געזאַמלטע ווערק (דערשינען אין פאַרלאַג 'עמעס' מאָסקווע, 1933, 382 ז"ז, — נ. מ.) מיט עטלעכע לידער וועגן דעם אונטערגאַנג פונעם יידישן הענדלער־שטאָם"... א. האַלדעס ציטירט שורות פון דעם ליד און צווישן אַנדערע אַזעלכע שורות, וואו פּ. מאַרקיש זאָגט, אַז „אָפּטאָן רעכטס דאַרף איך אַ בר־מינן, / פון ליכט אים אָפּשניידן, אים צומאַכן די אויגן, / ווייל דאָס געביין זיינס דאַרף איך ברענגען אויפן באַרג / און אויף דעם אויפלייגן זיין שטר־בוך און זיין טאַרבע / ווי אויף אַ קריגסמאַן ווערט אַרויפגעלייגט זיין שווערד, — / ווייל מיט דער טאַרבע אין די ציין איז ער געשטאָרבן / און אין דער טאַרבע זיך געפּרוכפּערט / און געמערט"...

און א. האַלדעס האָט טענות צו מאַרקישן: „נעמט דעם גאַנצן פּראָצעס פון אָפּשייד, וויפל ווייטיק איז דאָ פאַראַנען, און ווי דערהויבן עס ווערט סוף־כל־סוף דורכן בילד דער הענדלער־שטאָם, וועמענס געביין דער דיכטער מוז ברענגען אויפן באַרג צו הויכער קבורה ווי אַ קריגסמאַן"... א. האַלדעס קאָן נישט פאַרליידן די מאַרקיש־לידער, וואו ס'קומען באַדויער־און מיטגעפילווערטער צו די אַמאָליקע יאַריד־און מאַרק־מענטשן. ער ברענגט נאָך אַ פּאָר שורות פון אַ ליד:

„ערד און הימל,
טאַטעס פון די מערק און זיידעס פון די גריבער,
אָט זיצן זיי ביי בערגלעך שמאַטעס, ווי ביי חורבות די נביאים
און בלעטערן די בלעטלעך ווי די ביבל"...

און אַ. האַלדעס פירט אויס, אַז „די ‚אוראַלטיקע׳ בילדער־סיסטעם רעדט וועגן ניט קיין אויסגעלעבטע רעשטן פון אַלטער אידעאָלאָגיע”... (ז׳ 272).

4.

אויך דער באַוואוסטער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער י. דאָברושין האָט געקנעלט מיט פּרץ מאַרקישן אַ פּרק „דיאַלעקטיק” און אין אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג „מאַרקישעס אַרויפגאַנג” (וועגן פּ. מאַרקישעס ערשטן באַנד „געזאַמלטע ווערק”, אין זיין בוך „סאָוועטישע דיכטונג”, מאָסקווע, 1935), ווייזט ער אָן אויף די „נאַציאָנאַליסטישע פאַראורטיילן”, וואָס האָבן געהאַט „ אַ גענוגנדיקע ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון מאַרקישעס דיכטערישן וועזן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן”: „די עקסטע ראַדיקאַליזירונג פון די רואינירטע קליינבירגערלעכע שיכטן, — זאָגט י. דאָברושין אין זיין האַרבער יידישער „עברי”, — וואָס האָט געבראַכט מאַרקישן צו זיין שטורמיש־בונטאַרישער אויפרייס־דיכטונג, האָט אים דאָך ניט פּאַרהיט דאָן פון זיינע וואָליקלידער, וואָס דריקן אויס דעם ‚טראָט צוריק׳ (לעגינס אָן אויסדרוק), די בענקשאַפט נאָך דעם איינגעזעסענעם פאַרפונדעוועטן שטעטלשן לעבנסשטייגער” (ז׳ 21).

י. דאָברושין פרעגט אויך שטאַרק אָפּ דעם אידעאָלאָגישן תוך און דעם צוגאַנג פונעם דיכטער צו די פּאָגראָם־געשעענישן. „אין זיין פּאָעמע ‚קופּע׳ — שרייבט י. דאָברושין, — האָט מאַרקיש אָוועקגעשטעלט די פּאָגראָם־פראַגע אין די ענגע נאַציאָנאַלע רוימען (ראַמען?)”. י. דאָברושין גיט צו: „אָבער גראָד אין דער ‚קופּע׳, האָט מאַרקיש געשליידערט דעם באַרג סיני צוריק ‚די צען געבאָטן׳, געשטרעבט אָפּצוזאָגן זיך פון דער טראַדיציאָנעלער נאַציאָנאַליסטישער פּאָגראָם־אויפפאַסונג. הגם דער אויסגאַנג־פונקט פון דער ‚קופּע׳, איר ערשטער פּאַרטראַכט שטאַמט געוויס פון דעם ‚נאַציאָנאַלן׳ חורבן, וואָס דער דיכטער האָט איינגעזען אין האַראַדישטשער געשעענישן (ז׳ 34).

ווייטער אין דער אָפּהאַנדלונג ברענגט י. דאָברושין אַ שורה פון פּרץ מאַרקישעס אַ ליד, וואָס קלינגט איצט, פינף יאָר נאָך מאַרקישעס גרויזאַמען טויט אין מאָסקווע, אַזוי גרוויליק־טראַגיש: „טויטערהייד וועל איך אַריינגייען אינעם טאָג פון בלוט און האַניק”, און י. דאָברושין גיט צו: „אָט אַזאַ איז ער דאָך געווען מאַרקישעס ערשטער אַנפאַנגערישער אַריינפאַר אין דער שטייגנדיקער רעוואָלוציע נאָך דעם, ווי ער האָט אַנגעלאָדן אויף זיך דעם באַלאַסט פון די פּאָגראָם־געשעענישן, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פּראָלעטאַריש באַנעמען...” (ז׳ 38).

דער קריטיקער ציטירט נאָך און נאָך לידער פון פּרץ מאַרקישן, וואו

ס׳קומט צום אויסדרוק זיין אומרו, זיינע ספקות, זיינע פראַגן, און ער זאָגט און באַצייכנט, „אַז דער דאָמינירנדיקער גרונט־געדאַנק פון די הונגער־און פּאָגראָם־לידער איז דער געדאַנק פון דער אַבסאָלוט־באַנקראָטירטער מענטש־לעכער קולטור. דאָס דאָזיקע, ווי אויך דער פאַרשטאַרקטער ווײ־געשריי, וואָס האָט ניט ביים דיכטער קיין סאָציאַלן אויסזיכט און קאָן דעריבער, אין דער ׳קופּע׳ בפרט, אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַליסטישער ווײ־געשריי — באַקומט זיך פון דעם און דערפון, וואָס מאַרקיש האָט אַפּשטויסנדיק און פאַר־אורטיילנדיק די בורזשואַזע קולטור, ניט געזען און ניט אויפגעפּאַסט דאָן קאָנקרעט די פּראָלעטאַרישע, די סאָציאַליסטישע קולטור — די איינציקע און עכטע טרעגערין פון דער מענטשלעכער מאָראַל און מענטשלעך־מאָראַלן ברידערלעכן צוזאַמענלעבן״... (ז׳ 40).

און ווי ציטיק און ווי וויטיקדיק־היינטצייטיק איז אַ ליד פון פּרץ מאַר־קישן פונעם ציקל „ווילאַנד״, געווידמעט מאָסקווע, וואָס איז געשריבן אין 1919. אָט אַ פּאָר שורות פון דעם ליד, וואָס געפעלט נישט י. דאָברושינען און פאַר וועלכן ער שטראָפט דעם דיכטער:

„וואָס גייט עס מיר אָן דען,\
ווער ס׳האָט דיך פאַרפלאָנטערט,\
און ווען פאַרפלאָנטערט דו האָסט אין פאַרבייגיין ?\
אַ הירש אַ פאַרשייטער\
מיט הערנער, ווי צווייגן,\
זיך פלאָנטערט די וועלט דאָ\
אין נעצן געשטעלטע\
מיט טאָרבע פון ברויטן\
ביים בראַנדיקן קלעם־מויל\
און פרעגט זיך ביים קרעמל\
אויף טויערן רויטע״... (ערשטער באַנד, ז׳ 291).

און י. דאָברושין זאָגט: „אין יאָר 1919 האָט מאַרקיש, הייסט עס, אויף אַזאַ אופן אויפגעפּאַסט די רויטע רעוואָלוציאָנערע מאָסקווע. אין דעם גאַנצן ליד איז צו זען, אַז צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער וועלט־פעסטונג איז מאַרקיש דאָן צוגעגאַנגען ווי צו אַ רעטעניש״... (ז׳ 38).

מיט 25 יאָר צוריק האָט זיך י. דאָברושינען גאָרנישט געחלומט, אַז מיר וועלן צום 40טן יאָרטאָג פון דער רעוואָלוציע שטיין ווי פאַר אַ רעטעניש...

וויזט אויס, אַז מיר באַדאַרפן ערשט פונדאַסניי בלעטערן און לייענען, לייענען און שטודירן די לידער־ביכער פון פּרץ מאַרקישן, כדי אַרויסצוגעפינען

זיין אמתן דיכטערישן פּרצוף־פּנים און באַגרייפן זיין שווערן גאַנג און זיין ערנסטן וועג די אַלע יאָרן פון זיין דיכטערישן ווייטיקדיק־פרײדיקן שאַפן.

5.

מיר וועלן איבערלאָזן די טענות־מענות, וואָס מ׳האָט געהאַט צו מאַרקישן און די פאָרוואורפן, וואָס מ׳האָט אים געמאַכט, און וועלן זען, ווי פּרץ מאַרקיש האָט רעאַגירט אויף די מערדערייען פון די דייטשע באַנדעס און ווי זיין דיכטעריש וואָרט איז אַנגעשטעלט געוואָרן אין די גרויזאַמע טעג פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. אין דער מוראדיקער חורבן־צייט האָט פּרץ מאַרקיש צעצונדן אַלע זיינע אינעווייניקסטע פייערן, זיין דיכטונג האָט געברענט און געפלאַקערט מיט שנאה צו די דייטשן (זע זיין לידער־ביכל „אַ טויט די קאַניבאַלן", מאָסקווע, 1941), און מיט דערמוטיקנדיקע ווערטער צו די געפּייניקטע און פאַרפּייניקטע יידן און נישט־יידן.

ווי אַמאָל, מיט איבער צוואַנציק יאָר פריער, אין זיין פּאָעמע „די קופּע", אַזוי איצט — און מיט נאָך מער דיכטערישער גבורה — איז ער אויפגעטרייסלט פון די גרויזאַמע געשעענישן, און זיין צאָרן און האַס, זיין וואָרנונג און שטראָף איז אַדורכגעפלאָכטן און אַדורכגעדרונגען מיט נביאישע אויסדרוקן, מיט נביאישן פּאַטאָס.

אָט ליגט פאַר אונדז פּרץ מאַרקישעס אַ ליד „דעם יידישן שלאַכטמאַן", וואו דער דיכטער ווענדט זיך צום יידישן זעלנער, וואָס איז פיל מער ווי אַ רויטאַרמייער, ער איז אַ יידישער רויטאַרמייער. ווי אַ יידישער שלאַכטמאַן טראָגט ער אין זיך אַלטע, גאָר אַלטע חשבונות און פליכטן צו מענטש, צו וועלט, צו סאָציאַלן יושר. מאַרקיש זאָגט צו אים:

„...דו ביסט געווען, וועסט זיין, דו ביסט
קעגן דער פינצטערניש און קנעכטשאַפט דער פאַרשווערער ! "

פּרץ מאַרקיש דערמאָנט מאָמענטן פון יידישער געשיכטע:

„דו האָסט אַמאָל פון בערג געבאָטן צען דערקלערט,
אַז ס׳זאָל מיט זיי דאָס האַרץ פון וועלט זיך פיטערן און פעסטן.
פאַרפאָלגטע, טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אַלע ארבע מיתות בית-דין —
פון פאָלק צו פאָלק — מיט דערנער אויף די הענט,
פון לאַנד צו לאַנד — מיט וואָגל-ווינט געפּאָרט דאָרט.
מיר מעלדן זיי אויך דאָן, ווען אונדזער מויל איז שוין
פאַרברענט
מיר מעלדן זיי אויך דאָן, ווען אונדזער האַלדז איז שוין
געשאָכטן ! "

פּרץ מאַרקיש טראָגט זיך אַריבער צו די פאַרגאַנגענע צייטן און זוכט דאָרטן הילף, מוט און גבורה. ער זאָגט ווייטער אין ליד:

„פון ניט פאַרוועלקנדיקן אוראַלט איך פאַרגעס,
ווי אַ צוואה, דעם געווויש פון שלאַכטן. איך פאַרגעס ניט,
ווי שמעון און לוי האָבן אויסגעקוילעט שכם
פאַר לעסטערן, פאַר שענדן זייער שוועסטער".

ווייטער אין דעם ליד רופט פּרץ מאַרקיש אויס:

„איבער געשאָכטענע קהילות, איבער אָרעמקייט צעפליקטס,
יאַרהונדערטער זיך קייקלען ווי רייפן,
וועסט, יידישער סאָלדאַט, זיך ניט צעשיידן מיט דער ביקס,
ווי ס'האָבן דיינע זיידעס ניט צעשיידט זיך מיטן ספר".

און נאָך אייניקע שורות:

„נאָר ניט אָראָפּגעלאָזט אין פּיין האָט זיך דיין קאָפּ,
דיין ביקס, פונקט ווי אַ רייניקייט, האָט זיך אין דר'הייך געהויבן!

צוויי טויזנט גלות-יאָר זיינען פון דיר אַראָפּ,
און פינף-און-צוואַנציק פרילינגס צערטלען דיך מיט צויבער..."

אַזוי האָט פּרץ מאַרקיש אויפגעפאַסט דעם יידישן רויטאַרמייער און אַזוי האָט ער אויפגעפאַסט זיין ראָלע אינעם מוראדיקן וועלט-געראַנגל!

6.

ביים באַפרייען ווילנע פון די נאַצישע מערדער האָט פּרץ מאַרקיש באַזוכט די שטאָט און דאָרט, אויפן אָרט, האָט ער אויפגענומען דעם פּיין און לייד, וואָס די יידישע פאָלקס-מאַסן האָבן געליטן, ווי אויך זיך אָנגעהערט וועגן די העראָאישע קאַמפן, וואָס די יידישע געטאָ-אויפשטענדלער האָבן אָנגעפירט. און דאָס געהערטע און געזעענע האָט ער לײדנשאַפטלעך און פיבערדיק אַרויסגעבראַכט אין זיין דראַמע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ", וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין 1945, און מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער — אין זיין גרויס ווערק „מלחמה".

אינעם ערשטן בילד פון דער דראַמע האָבן מיר אַן אונטערערדישע געטאָ-דרוקעריי, וואָס גרענעצט זיך מיט אַן אונטערערדישער שמידעריי. מיר האָבן פאַר זיך, ביים אָנהייב, די עטלעכע מיטגלידער פון אויפשטאַנד-קאָמיטעט:

רחמיאל, אלחנן, חיהלע און נעמי (אַלץ יידישע, יידישלעכע נעמען!) און ס׳איז אינטערעסאַנט דער שמועס פון די אונטערערדישע קעמפער, ווען ס׳דערגייט צו זיי דער געזאַנג פון דער שמידעריי:

„רחמיאל: צעזונגען האָט מען זיך, גלייך ניט קיין שמידערס ס׳וואָלטן געווען, נאָר ווי כהנים וואָלטן זיך צעדוכנט! — — —

„אלחנן: דער כהן גדול מתתיהו איז אויכעט ניט געווען קיין שניידער!

„רחמיאל: דו האָסט, ווייזט אויס, פאַרבינדונגען דירעקט מיט דער מערת־המכפלה, האַ, אלחנן (אלחנן איז אַ ראַדיאָ־אויפנעמער)...״

און מיט אַ פּאָר זייטלעך ווייטער. אלחנן כאַפּט עפּעס אויף מיט זיין ראַדיאָ און ער רופט אויס:

„ די כוואַליע! אַ מאַרש מיט אַ מלא אינאַיינעם... אין דייטשלאַנד איז געמאָלדן אַ דריי־טאָגיקער טרויער!... דריי פינצטערע טעג אויף די דייטשן, ווי אין מצרים!״ רחמיאל זאָגט: „נעמי, מען דאַרף בעטן די שמידן, זיי זאָלן איבערזינגען נאָך אַמאָל די הגדה״... און אלחנן גיט צו: „איך זאָל אַזוי דערלעבן זען אין אַלע דייטשן דאָס, וואָס משה רבינו האָט געזען אין פּרעהן״.

ווי באַוואוסט, האָט פּרץ מאַרקיש אַרויסגעבראַכט אין זיין דראַמע הירש גליקן, וואָס איז ביי אים צוזאַמענגעשטעלט פון דעם יונגן דיכטער הירש גליק, דעם פאַרפאַסער פון „זאָג נישט קיינמאָל״, פון דעם קאָמענדאַנט פון דער ווילנער אויפשטאַנד־אָרגאַניזאַציע איציק וויטנבערג און פונעם לעגענדאַרישן לעצטן יונגן אויפשטענדלער. אין איין אָרט זאָגט הירש גליק צו זיינע חברים, די מיטקעמפער אין געטאָ: „עס גייט אין שמידעריי די אַרבעט מיט כוונה און מיט פלייס! עס אָטעמען אַריין די יידן גייסט אין די צעגליטע שטיקלעך שטאָל און אייזן. קיין וואונק, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אָן מפסיק זיין. אָן איבערהיפּן. ווי ס׳האָבן זיידעס זייערע כוונות און געבעט אַריינגעלייגט בשעת תעניתים און סיגופים״.

אינעם פינפטן בילד רופט הירש גליק צו די אויפשטענדלער: „... אויפשטענדלער! די לעצטע שעה קומט אָן! זאָל יעדער פּאָר די אויגן זען, ווי ס׳שליידערט זיך אַראָפּ, פאַרוויקלט אין אַ פאָן, דער לעצטער אויפשטענדלער פון וואַרשע אין דער געטאָ!... דריי־און־פערציק טעג געדויערט האָט די שלאַכט! דאָס בלוט זייערס ס׳פאַרגאָסענע אויף יעדן שטיין האָט פון די געטאָ־געסלעך דערקלערט דער וועלט בקול רם, אַז ס׳לעבט דאָס פאָלק, אַז העלדזער שטרעקן זיך ניט פאַר דער האַק. דאָס שוואַרצע הענקער־בלוט האָט דריי־און־פערציק טעג געוואָיעט. און ווי אַ נייע ספירה אויסגעקריצט וועט זיין די שלאַכט ביים פאָלק אין האַרץ און אויפבליען לעולם ועד...״

און ווייטער רופט הירש גליק: „... עס וועלן דורות ווענדן זיך צו זייער

פלאַם. צו אים וועלן זיך צייטן אומקערן נאָך ברכות! איז פאַלן לאָז אויף אונדז די קדושה־שיין און שטאַרקן דאָס געמיט אונדז ערב דעם גראַנגל. מיר טרעטן אויף! אין נאָמען פונעם פאָלק! פון זיין אומשטערבלעכקייט!... אויפשטענד־לער! זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג! ...״

אַזוי האָט פּרץ מאַרקיש אויפגעפאַסט דעם אויפשטאַנד און אַזאַ קדושה־שיין האָט ער געלאָזט פאַלן אויף די העלדישע מאַרטירער־קעמפער. אין דעם העלדישן קעמפער הירש גליק, וואָס וואַרפט זיך מיט אַ גראַנאַטע אויף קלאַפסן, דעם דייטשישן מערדער, לייגט מאַרקיש אַריין אין מויל די ווערטער: „תמות נפשי עם פלשתים!״...

7.

אַ גאַר באַזונדערן אָרט אין פּרץ מאַרקישעס טיף־יידישער און דערהויבן־נאַציאָנאַלער דיכטונג פון די לעצטע גרויזאַמע חורבן־און קאַמף־יאָרן פונעם יידישן פאָלק פאַרנעמט דאָס גרויסע ווערק „מלחמה״ מיט די 1276 זעכצן־שורהדיקע לידער, וואו מיר האָבן אַזאַ שפע פון טיף־נאַציאָנאַלע מאָטיוון און געפילן, פייערלעכע באַטראַכטונגען און אַרויסזאָגונגען, וואָס זייער גלייכן געפינען מיר נישט אין קיין שום אַנדערן יידישן ווערק. ס׳איז אַ הייליקער חוב לגבי פּרץ מאַרקישן און דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג צו פאַרנעמען זיך גאַר פלייסיק און ערנסט און אַרויסאַנטפלעקן די וואונדערלעכע דערהויבענע יידישע צער־און צאַרן־געפילן און געדאַנקען פון דעם פּרעכטיקן אויפשיטערנ־דיקן עפּאָפּייע־ווערק.

ווען מיר זאָלן וועלן ברענגען אויסצוגן פונעם ווערק, און מיר וואָלטן וועלן ציטירן די טיף־און עכט־יידישע בילדער, מעטאַפאָרן, גרויליקע סצענעס, פאַטעטישע האַרץ־אויסגוסן, די תפילות בלחש און די הימל־שרייענדיקע לעס־טערונגען, וואָס מישן זיך כסדר אין דעם גרויסן ווערק פון פּרץ מאַרקיש, וואָלט מען באַדאַרפט איבערשרייבן גאַנצע זייטן, גאַנצע קאַפּיטלען. דער אויפמערק־זאַמער לייענער, וואָס וועט זיך אַננעמען מיט האַרץ און אָנשטאָלן זיינע נערוון, און לייענען קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, וועט זיך אַליין אָנשטויסן אויף די אַלע מערק־ווירדיקע אויפטרייסלענדיקע שטעלן אין דעם ווערק, וואָס ברענגט צום אויס־דרוק די מוראדיקע פאַסירונגען, די גרויזאַמע איבערלעבענישן פון די גע־פּלאָגטע און געפייניקטע יידן און נישט־יידן — און בעיקר די יידן — בעת דער מערדערלעכער אינוואַזיע פון די דייטשישע קאַניבאַלן. מיר וועלן אין אונדזער אָפּהאַנדלונג, וואָס האָט צו טאָן מיט די נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון פון פּרץ מאַרקיש, אַרויסכאַפּן בלויז אייניקע שטעלן פונעם ווערק און וועלן אָפּשיקן דעם לייענער צום בוך גופא. זאָל דער לייענער פאַרגאַפט ווערן פון דער שפע יידישע מאָטיוון, וואָס דאָס ווערק פאַרמאָגט.

אַט, למשל, דאָס קאַפּיטל „כל נדרי”, וואו מאַרקיש פירט אַרויס דעם אַלטן שניידער לוי, אַ הערלעכע, פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט, „אַריבער אַכציק יאָר האָט ער אין כבוד און אין פּראַכט, ביי לייטן און ביי גאָט געטראָגן דעם גלאַנץ פון דאַלעטעס, סטאַמעסקעלעך און זעגן”. „יעדע שול, — דערציילט מאַרקיש, — האָט באַגערט פון זיינע כישופדיקע הענט פאַרשאַפן זיך אַ מלכותדיקן ארון קודש”... אָט דער מאָדערנער, היינטצייטיקער קינסטלער בצלאל איז „אין פּאַליש ביי דעם דאַווענען אַ קיילעכדיקן יאָר / אַזוי הבל־הבלימדיק געזעסן, / ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט, אַז אפשר איז ער עובר גאָר / אויף לא תעשה לך כל פסל”...

צווישן דער פאַרשיידנאַרטיקער, קאָליריקער יידישער עדה, וואָס טרעפט זיך דערנאָך ביי די גרויל־באַדינגונגען אין וואַלד, געפינט זיך אויך דער אַלטער שניצער לוי.

און אָט אַזאַ מין אויפטרייסלענדיקע שילדערונג:

„... ס'גיט אַלע מאָל די ווינטמיל זיך אַ קרעכצנדיקן הוירע:
געלעגן זיינען יידן אַרום איר מיט פּנימער צו דער ערד ...
פּונקט ווי יום-כיפור אין דער שול צו דער עבודה!”...

און וויטער אין דעמזעלביקן, אויפטרייסלענדיקן, דאַנטיש־געשריבענעם קאַפּיטל:

„ס'האָבן די הענקער לוין צו דער מיל געבראַכט
און אין די הענט אַריין געגעבן אים אַ רידל.
אַן אויפגעהאַנגענע האָט זיך געוויגט די נאַכט,
געשפּילט אין ווינטמיל אַן אָרקעסטער האָט כל-נדרי”.

די דייטשע מערדער צווינגען דעם אַלטן שניצער, ער זאָל אום יום־כיפור זיך גראָבן, צוזאַמען מיט די אַנדערע געפייניקטע יידן, אַליין אַ קבר. און פּרץ מאַרקיש, אין גרויס צאָרן און אין פאַרכטיקייט און אין דערהויבענער קדושה, מאָלט וויטער דאָס מוראַדיקע בילד:

„און ווי אויף שניצעריי צום לעצטן מאָל געשטעלט,
האָט לוי אויפן שטערן זיך צום לעצטן מאָל פאַררוקט די ברילן.
נאָר ס'איז כל נדרי איצטער אויף דער וועלט,
און גראָבן מיט אַ רידל אום יום-כיפור איז אַ חילול...”

און דער אַלטער ר' לוי, דער הייליקער מאַרטירער, ווי אַמאָל שמשון הגבור, האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און ווי מאַרקיש שרייבט:

„... אַ ווײַלע גאָרנישט ניט באַנעמענדיק אויף אַקוראַט,
און ווי אַ לייב מיט אַ גאָבערום: — על דעת המקום!
האָט ער אַ לאָז געטאָן דעם רידל אויפן קאַט,
און ווי אַ קוויטשענדיקן קלאַץ געגעבן אַ צעבראַך אים!"

און באַלד נאָך דעם קאַפּיטל „כל נדרי" — אַ צווייטער דערשיטערנדיק קאַפּיטל „פון דער גרוב". עס איז די גרויל־טראַגישע שילדערונג פון דער „יידן־פּראָצעסיע" צום אָפּגרונט באַבי־יאַר אין קיעוו, וואוהין דער דייטשישער מערדער האָט געטריבן טויזנטער יידן צו הריגה, צו אויסמאָרדונג, צו באַגראָבן זיי לעבעדיקערהייט. און וואו „דאָרטן, אינעם ים פון יאָמער און פון קלאָג, / אַנטפּלעקט האָט זיך דער לעצטער וועג גור־אריהס". דער לעצטער? נייך, ווייט ניט דער לעצטער! ... עס ווערן אַהין געטריבן די יידישע קלעזמער, וואָס פּלעגן שפּילן אויף חתונות און חופּה־וועטשערעס. און ווידער טיף־יידישע מאָלערייען און קדושה־מעטאַפאָרן. „געטראָגן ווי אַן ארון־קודש האָט דעם קאָנטראַבאַס"... דאָס האָבן די אויסוואורפן פאַרלאַנגט, אַז יידישע קלעזמער זאָלן מיט זייער שפּילן באַגלייטן דעם מאַסן־אויסמאָרד. „געזעסן איז דער זאָנדערפיורער אין אויטאָמאָביל, ווי אין אַ קרוינשטול אויף אַ ים מיט בלוט בעת אַ שטורעם. — מוזיק! — געשריגן האָט ער צו די קלעזמער, — שפּיל!" „אונטער מוזיק איבערגעוואַנדערט האָט אין קבר גראַנאַטאַפּ, די גאַנצע שטאָט מיט טויזנטיאָרעדיקע יידן"...

פון דעם מוראדיקן,גרויזאַמען גרוב, וואו ס'זיינען ווי מיסט, ווי אָפּפאַל אַריינגעוואָרפן געוואָרן דערמאָרדעטע, דערשאָסענע, האַלב־לעבעדיקע און לעבעדיקע קינד און קייט, — פון אָט דעם ריזיקן מאַסן־קבר איז אַרויסגעקראָכן, זיך אַרויסגעקראַפּקעט גור־אריה, איינער פון די געפּייניקטע און נישט־איינגאַנצן פאַרפּייניקטע יידן. דאָס האָט „די געשאָכטענע געמיינדע אים אַרויסגעשיקט פון גרוב", ער „זאָל די אויפגעוויקלטע מגילה פונעם בראָך זיין". און ווען מ'פרעגט אים דערנאָך: „פונוואַנען שטאַמסטו?" ענטפערט ער: „פון יענעם שטאָם, וואָס ער איז אפשר מער נישטאָ שוין!"

און אין טיפן פּיין, קוים לעבעדיק, פרעגט ער: „פאַרוואָס, דערקלער מיר, האַרגעט מען אונדז אומעטום? פאַרוואָס האַלט מען אין איין פאַרטיליקן אונדז און פאַרניכטן?" און שפּעטער גיט ער אַליין צו: „... ס'איז שוין אַזוי פון שטענדיק אָן, און אומעטום ... אין אַלע צייטן" ... אַן אויסגעשעפּטער ליגט ער, אַן ערנסט־פאַרוואונדעטער, און דער דאָקטער, וואָס איז אויך פאַרוואָגלט געוואָרן דאָ, אין וואַלד, קוקט אויף גור־אריהן, און פּ. מאַרקיש זאָגט: „געקוקט האָט דורך דעם איינגעשלאָפענעם אויף אים / אַן אַלטע טויזנט־יאָריקע מגילה"...

מאַרקיש זעט כסדר אין זיין גור־אריה־געשטאַלט לאַנגע דורות און תקופות, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט ענלעכע פּייניקונגען, האָבן געליטן די שווערסטע אומגליקן און אויסגעשטאַנען די מוראדיקסטע נסיונות.

אַט אַזוי זעט פּרץ מאַרקיש אין יעדן יחיד, אין יעדן פּרט דעם כלל, דעם רבים. אין דעם איינצעלנעם רב ישראל זעט ער דעם כל ישראל.

8.

און וואו מ'זאָל דאָס גרויסע „מלחמה"־ווערק נישט אויפמישן, טרעפט מען זיך אָן אויף יידישע, טיף־יידישע שטעלן פון דעם גרויסן דיכטער, וועלכער כדי וואָס־שטאַרקער און שאַרפער און אויפטרייסלענדיקער אַרויסברענגען פאַר אונדז די אַלע גרויזאַמקייטן, מאָלט ער זיי אין וואָס־יידישערע און פאַר־הייליקטערע בילדער, ווערטער און שטריכן.

אַט אין אַן אָנהייב פון אַ קאַפּיטל, וואו ס'איז דאָ אַ געמיש פון צאָרן און זעלבסט־פּייניקנדיקער סאַטירע:

„גוט שבת, יידן, אויסגעקוילעטע אין יעדער שטאָט
און לעבעדיקערהייט בעוואָרפענע אין ריוון!
וועט זיין זאָל ערגעץ אין דער וועלט אַ שטיקל גאָט,
וואָלט ער אליין באַראַפט זיך אויף די קברים זעצן שבעה!"

דאָ, ווי אַמאָל אין זיין „קופּע", רופט זיך איבער פּרץ מאַרקיש מיט חיים נחמן ביאַליק פון „שחיטה־שטאָט".

די גור־אריה־געשטאַלט ביי מאַרקישן איז אָן ספק איינע פון די גרעסטע, קאָמפּליצירטסטע און אינטערעסאַנטסטע יידישע געשטאַלט, וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער יידישער ליטעראַטור, אין פּאָעזיע און אין פּראָזע. פון איין זייט איז גור־אריה אַ דורכאויס רעאַלער מענטש, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די ווירקלע־כע, רעאַלע פּאַסירונגען, אַליין אַדורכגעלעבט אַלע גרויזאַמקייטן, אַליין גופא גע־שטאַנען פּנים אל פּנים מיט די גרוילטאַטן. אָבער פּרץ מאַרקיש וואַרפט כסדר סנאָפּעס ליכט אויף אים, שטעלט אָן אַ פּראָזשעקטאָר אויף זיינע געפילן, ליידן, באַטראַכטונגען און אַרויסזאָגונגען. עס וואַקסט אויס פאַר אונדז אויסער דעם רעאַלן גור־אריה אַ צווייטער — אַ גרעסערער, אַ דערהויבענערער, אַ גע־שטאַלט, וואָס נעמט אַריין אין זיך אייביקע יידישע גלגולים און איבערוואַנד־לונגען; אויסער דעם גור־אריה דלמטה (אַן ערדישן) האָבן מיר אַ גור־אריה דלמעלה (אַ העכערן, פון העכערע מדרגות, אַ סימבאָלישן). אין גור־אריהן, אין זיינע פּאַראַלגעמיינערנדיקע ווערטער און אויספירן, זעען מיר און הערן פּרץ מאַרקישן גופא, נישט אַזוי דעם זינגער ווי דעם זאָגער, דעם קלאָגער, דעם צאָרנער, דעם מאָנער.

ביי יעדער אויפטרייסלענדיקער פּאַסירונג, ביי יעדן וויכטיקן קער, ביי יעדן נייעם שווערן נסיון, קערט זיך מאַרקיש אום צו דעם רייכן ייִדישן עבר, און מיט דעם אַלטן העברייאישן ביבל־סטיל און מיט די האַסטיקע נביאישע אויסדרוקן רעדט ער און רעאַגירט אויף די געשעענישן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, נאָך אַ מפּלה פון דייטשן, ווענדט זיך גור־אריה „צו זיין אויסגעלייזט שטעטל" און רופט איבערן שטוב, איבערן וואַלד, איבער די רוימען:

„שטיי, טאַטע, אויף פון קבר! קום אַהער
און מיט די טויטע אויגן זע, ווי אָפּגעטאָן די זאַך איז!
וועסט לעבן טויזנט מאָל נאָכהער,
ס'איז אַזוי פרײַ, ס'איז אַזוי גוט, ס'איז אַזאַ נחת!"

און מיט עטלעכע שורות ווייטער:

„שטיי, מאַמע מיינע, אינעם שבתדיקן שייטל אויף,
ווי צו חופּה קום אַהער ביז טאָן די קראַ אַ קראַ וועט,
און טרינק זיך אָן מיט דער געבענטשטער לופט,
וואָס איז מיט הינטיש בלוט מיט דייטשישן פאַרפּראָוועט!"

אין דעם קאַפּיטל „פּאָזיציעס הינטער מאָסקווע" טרעפן מיר גור־אריהן, וואָס לעבט פיבערדיק און ווייטיקדיק איבער די גרויזאַמע פּאַסירונגען, וואָס טרעפן מיט אים, און וואָס ער באַגלייט זיי שטענדיק מיט זיינע טיף־ייִדישע טראַכטענישן און אויספירן.

גור־אריה טראַכט:

„געהאַט אַ היים ... און עלטערן געהאַט,
געהאַט רשות זיך אָנקערן דער וועלט און זי באַנײַען
און רעכט געהאַט צו זיין אַזוי זיך, גלאַט,
געהאַט באַוואוסטזיין, אַז ער איז און וועט נישט ווערן,
געהאַט צוזאַמענהאַנג מיט די געזעצן פון נאַטור —
געבוירן ווערן, וואַקסן און אַריבערגיין אין המשך...
און האָט עס אויך אַצינד ביי זיין ווידערגעבורט...

— — — — — — — — — — — —

און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ער איז אַלט
הגם עס ווערט אים זעקס־און־צוואַנציק יאָר ערשט היי־יאָר..."

מער פון אַלע, וואָס זיינען פאַרוויקלט אויף לעבן און טויט, אויף גע־ראַנגל און אויף אומקום אין דער „מלחמה"־עפּאָפּייע, און טיפער פון אַלע איז גור־אריה ביי מאַרקישן פאַראורטיילט צו זיין דער עדות, דער געפּיי־

ניקטער און גלייכצייטיק — דער זעער און העל־זעער, דער זאָגער און פיר־זאָגער פון דעם גרויסן אומענדלעכן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די מענטשן, דער וועלט און בעיקר — די מאַרטירער־יידן און דעם יידישן פאָלק.

ווען ס'הייבט זיך אָן די האַסטיקע, לאַנג־דערוואַרטעטע דייטשישע מפלה, און שטעט, ערטער, וואָס די דייטשע האָרדעס האָבן אַפּריער פאַר־כאַפּט, פאַרבלוטיקט, פאַראומרייניקט און פאַרגוואַלטיקט, ווערן אַרויסגעריסן, ווען די דייטשן לויפן אויף צוריק אין אַ וויסטער בהלה, און ס'הויבט זיך אָן אַ ווידערלעבן אין די געגנטן, גייט גור־אריה מיט זיין רויטאַרמייאישן טייל פוסטריט נאָך די היצלעס. אָבער די גרויסע פרייד איז געמישט מיט ווייי־און־ווינד, מיט טיפע יסורים.

פרץ מאַרקיש רעדט, ווי אומעטום, פאַר זיין גור־אריה:

„...און ווייטער גיבן רוימען פונדאַסניי זיך אַ צעזיגל.
באַגלייט גור-אריהן אומעטום אַ געדאַנק:
ביז צו זיין היים, וואָס איז ניטאָ, געבליבן איז נאָך וויפל?
וואָס העכער אויפגעטראָגן האָט ער זיך אין גאַנג,
אַלץ האָט דער אָפּגרונט פון זיין אומגליק אַנגעזען זיך טיפער..."

די לעצטע קאַפּיטלען פון ווערק זיינען טיף־טראַגישע און גרויליקע אַקאָרדן פון דער גרויסער וועלט־ און יידן־טראַגעדיע, און פונעם ווייטערדיקן גאַנג פון גור־אריה־מאַרקיש דורך די שבעה מדורי־־גיהינום פון דער מלחמה־און חורבן־צייט.

מיר האָבן קאַפּיטלען „געשפּרעכן מיטן שטן", „עצמות היבשות", וואָס זיי האָבן קיין גלייכן נישט אין דער יידישער, און אויך העברייאישער, לי־טעראַטור מיט זייער יידישער טיפקייט און מענטשלעכער דערהויבנקייט, מיט זייער אומענדלעכער גרויזאַמקייט און האָפענונגסלאָזן שווידער. גור־אריהס מיליטער־אָפּטייל איז אַדורכגעגאַנגען דורך אַ באַפרייטן שטעטל, זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעג... „אַן אַרויסגעקראָכענע פון אונטער אַש געשטאַנען איז אַ שול / און זיך אַרומגעקוקט מיט אירע אויסגעזעצטע שויבן. / ווי אַ דערוואָרגענע האָט זי אַרויסגעשטעקט די טיר, / דער דאַך האָט איבער איר געהויערט ווי אַ כמאַרע. / און אַן איינגעבויגענער, די ביי־שטידלען ניט טאָן קיין ריר, / איז אינעווייניק אַריינגעגאַן גור־אריה".

פאַר מאַרקיש־גור־אריה אַנטפּלעקן זיך שווידערלעכע, אויפטרייסלענ־דיקע בילדער פון דעם שרעקלעכן וויסט־און־וויי, וואָס זיי טרעפן אין דער האַלב־חרובער שול, וואו דאָס גאַנצע שטעטל־יידן, אַלט און יונג, פרוי און קינד, איז דאָ געווען פאַרשפּאַרט, און נאָך פיל מאַטערנישן און פייניקונגען

האָט מען זיי דאָ אונטערגעצונדן. די איבערבלייבענישן פון דער חרובער שול, די אויפטרייסלענדיקע לעצטע אויפשריפטן אויף די צעברענטע ווענט גיבן איבער וועגן די לעצטע טעג און שעה'ן פון די פאַרשפּאַרטע און אויף אומקום־פאַרחתמעטע יידן:

„איעדער אויפשריפט פון די ווענט האָט זיך צו אים געשפּאַרט,
אים ניט געלאָזט פון זיי אין ערגעץ זיך פּאַרטייען.
זיי האָבן דאָ אויף אים געוואַרט,
ניט אָפּגעווישט קיין שווערד האָט זיי און ניט קיין פייער.
ער זעט שוין אונטער יעדן אות די אויגן און די בערד,
ער הערט שוין אונטער יעדן קריץ די קינדערשע געוויינען,
און אַלע מאָנען זיי ביי אים און בויגן אים צו דר'ערד —
צעזעגענע, געקעפּטע ברוסט־קינדער און זקנים..."

דאָ, צווישן די ווענט פון דער צעשטערטער און האַלב־פאַרברענטער שול, טענהט זיך אויס דער צעוויטיקטער, צעפייניקטער גור־אריה מיט דער וועלט, „דער איינגעטונקענער אין אומרעכט און אין חשכות", וואָס האָט גלייכגילטיק צוגעזען די אַלע גרויזאַמקייטן, און נישט רעאַגירט אויף זיי.

מיר וועלן נישט ציטירן נאָך און נאָך אויסצוגן, מיר ווילן נישט פאַר־קלענערן, פאַרמינערן די גרויליקע בילדער און די אויפטרייסלענדיקע פאַר־וואורפן־באַשולדיקונגען כלפּי דער וועלט. זאָל יעדער ערנסטער לייענער אָנטאָן זיך כוח, און נישט שוינען זיין האַרץ און געמיט און אַליין פאַנאַנדער־וויקלען די גרויל־מגילה און אַליין, בדחילו ורחימו, לייענען און לייענען די בלעטער פון דעם הייליקן, דערהויבענעם מאַרקיש־בוך „מלחמה".

9.

מיר וועלן לסוף ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון פּרק מאַרקישעס נאָך נישט־פאַרעפנטלעכטן ראָמאַן „טראָט פון דורות", וואָס איז פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט נאָכן גרויזאַם און מערדערלעך־אומגעבראַכטן גרויסן יידישן קינסטלער. אין דעם אָפּגעדרוקטן קאַפּיטל „מעטעקס צוריקקער" (פאַר־עפנטלעכט אין „פּאַריזער צייטשריפט", נ"נ 15־16 און אין „יידישע קול־טור", נ' 4, 1957) ווערט געשילדערט דער באַזוך פון מעטעקן אין וואַרשע־ווער געטאָ ביים פּראָפעסאָר זארכי, דעם פאָטער פון זיין פרוי, וואָס איז דערהאַרגעט געוואָרן אין שפּאַניע. און ווידעראַמאָל טרעפן מיר כסדר ביי מאַרקישן טיף־יידישע שטעלן, וואָס רופן זיך איבער מיטן תנ"ך. פּרק מאַרקיש שרייבט: „...ער, מעטעק, האָט געוואוסט, אַז דער אַלטער

חרובער מאַן וועט ביי אים פרעגן אויף זיין איינציקער טאָכטער, ווי יעקב האָט געפרעגט ביי זיינע קינדער אויף יוספן״.

מעטעק טראַכט: „צי וועט אים טרייסטן, דעם אַלטן פאָטער דאָס, וואָס אָנשטאָט אַ פאַרבלוטיקט העמדל, מיט וועלכן ס'האָבן זיך פאַרענט־פערט יוספס ברידער, וועט ער, מעטעק, אים וויזן דעם פאַרבלוטיקטן פאַרטיי־בילעט פון זיין טאָכטער, וואָס האָט אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַר דער פרייהייט פון שפּאַניע ?״

איינקוקנדיק זיך „אין דער שענדלעכער הלבשה, וואָס איז געווען אויפן פּראָפעסאָר זארכי און אויף דער געלער לאַטע מיטן ווייסן מגן־דוד״, האָט מעטעק געזאָגט: „... און אין שפּאַניע איז אייער טאָכטער אומגעקומען ווי איינע פון די עשרה הרוגי מלכות... אויך מיט איר בלוט איז דאָרט באַ־פרוכפּערט געוואָרן די קינפטיקע נייע וועלט!...״

און פּראָפעסאָר זארכי „האָט פאַרזשמורעט די אָנגעהיצטע און וויי־באַטרוקענע אויגן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפט אָן עפּעס דערמאָנען: — „ווידעראַמאָל באַפרוכפּערט די נייע וועלט... ווי, ווי!... וויפל בלוט מען האָט שוין אָפּגעגעבן אויף צו באַפרוכפּערן די נייע וועלט...״

מעטעק קומט דערנאָך צו זיין טאַטן שייע ריינגאָלד, ווען ער טרעפט אינגאַנצן אַ דערנידעריקטן און צעבראָכענעם. דער אַלטער, וואָס מ'האָט אים שוין פיל מאָל געשלעפּט צום אומשלאַג־פּלאַץ און „לעבעדיקערהייט געוואָלט אים לייגן אין קבר״, רעדט ביטערע חוזק און לעסטערונג־ווערטער, וועלכע דערשיטערן מעטעקן. ער פּרוּווט איבעררייסן זיין פאָטערס רייד: „טאַטע, טאַטע!״, אָבער דער פאַרשעמטער, באַליידיקטער שייע ריינגאָלד זאָגט צום זון:

— „נישטאָ מער דיין טאַטע, מעטעק — נישטאָ שייע ריינגאָלד, נישטאָ! פאַראַן זעכציק קילאָ לייב מיט בלוט, וואָס דאַרף דערלאַנגט ווערן דער פאַשיסטישער חיה — און נישט קיין טאַטע... און נישט קיין שייע ריינגאָלד...״

מעטעק האָט דעם פאָטער אָפּגעשטעלט: „זעץ זיך אַוועק, טאַטע! די מלחמה האָט אַרומגעכאַפּט צענדליקער לענדער, דער פאַשיזם ברענגט אום יעדעס פאָלק, וואָס ס'גיט זיך אים נאָר איין צו באַהערשן און איינצו־**ברעכען...**״

„— שקר! — האָט זיך נישט געלאָזט באַרואיקן שייע ריינגאָלד, — פאַלש! יידן ברענגען זיי אום, יידן! פון אַלע פעלקער ווילן זיי מאַכן קנעכט און פון אונדז ווילן זיי מאַכן זייף! און די וועלט קוקט... ס'איז איר טשי־

קאָוועס, דער וועלט, צו זען, ווי אַזוי ס׳ווערט פון אַ מענטשן אַ שטיקל זייף... ווי אַזוי וועט מען שייע ריינגאָלדן איינוויקלען אין אַ האַלב פּערטעלע פּאַפּיר מיטן פּרייז — צוויי מאַרק. זי האָט אַלץ ליב צו זען די וועלט, און איך, איך וויל נישט מ׳זאָל מיך האַרגענען...״

און אינעם וויטעדיקן טיף־טראַגישן שמועס צווישן פּאָטער און זון, זאָגט שייע ריינגאָלד:

״— צי קאָנסטו מיר נישט זאָגן, זון מיינער, פאַרוואָס איז ביי יעדן פאָלק אויף דער וועלט ציילט מען די ספירה פון מלחמה צו מלחמה... דאָס — זאָגט מען, איז געווען פאַר דעם ערשטן קריג און דאָס איז געווען נאָך דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען און דאָס איז געווען ערב דעם דרייסיק־יעריקן קריג... און דאָס איז געווען נאָך דעם הונדערט־יעריקן... און אַזוי רעכנט מען, און אַזוי פון דור צו דור ציילט מען... און ביי אונדז יידן גייט די ספירה נאָר אויף שחיטות... אַז דאָס איז פאָרגעקומען ערב די גאַנטע־פּאָגראָמען און אַזאַ און אַזאַ מעשה איז געשען נאָך די שפּאַניער פּאָגראָמען... און נאָכהער דערמאָנט מען זיך אין פּאָרטוגאַל און אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך און אַזוי גייט די פּאָגראָם־ספירה פון זינט ס׳איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש... קיין אַנדער ספירה האָבן מיר נישט... כ׳האָב מורא, זון מיינער, אויב עמעצער פון אייך וועט בלייבן לעבן, וועט איר מיך אויך דערמאָנען לויט דעם זעלביקן פּאָגראָם־קאַלענדאַר: — דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי מ׳האָט אויסגעשאָכטן די געטאָ אין וואַרשע... אַזוי, אַזוי, זון מיינער... די ספירה איז, ווייזט אויס, אַן אייביקע...״

און אָט ברענגט מאַרקיש אַרויס אַ יונגן יידישן פרומען בחורל פון „מזרחי״, וואָס געפינט זיך אין דער שמידעריי פון די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ (עס דערמאָנט די בילדער פון זיין דראַמע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ״), און ער מאָלט אים אָפּ אַזוי:

„... אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס עקשנותדיק פּנים, אונטערן קליינעם „איטשע־מייער״־היטעלע האָבן זיך נאָך, דאַכט זיך, פאַרטייעט זייער קונציק פאַרשאַרטע פּיאהלעך אַרויף אויף די אויערן, ווי אָגלאָבליעס פון ברילן. די אויגן ברענען ביי אים מיט אַ טרוקן פייער. ער, אָט דער בחור, מיט די קונציק־פאַרשאַרטע פּיאהלעך אויף די אויערן, ווי אָגלאָבליעס פון ברילן, מיט דער אַ ביסל רויטלעכער נאָז פון שלאָפלאָזיקייט און מיט דעם אַרויס־סטאַרטשענדיקן קין־ביין, וועט זיין גרויזאַם אין געשלעג. זיין גיין אין פייער וועט נישט וויסן פון קיין גלייכגס. ער מאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט אָפּגעשוויגן אַלע זיינע זעקס און צוואַנציק יאָר. ער האָט אַלץ, וואָס

ער האָט געהאַט אַריינגעבורבלט אין די ספרים, און די ספרים האָבן זיך אַריינגעטריפט אין אים. איצטער וועט ער זיך אויפרייסן און קיינעם וועט נישט זיין פאַרשטענדלעך, דורך וואָנען וועט זיך ביי אים אַרויסרייסן כוח״.

און פרץ מאַרקיש שרייבט: „אַלעקסאַנדער גיט היגטערווײלעכס אַ קוק אין די אויגן דעם דאָזיקן אויסערלעך זייער רואיקן יונגערמאַן און דערזעט אין זיי די סמאַטשע און די פראַנצישקאַנער און דערשפירט פון אונטער זיין בלאַסער הויט — שטיין און גראַניט. זיבעציק מאָל וועט אַ קויל דורכגיין דורך אָט דער בלאַסער הויט און וועט אָפּשפרינגען צוריק. זי וועט אים נישט נעמען, ווי ס׳האָט אים נישט גענומען קיין הונגער. ווי ס׳האָבן אים נישט גענומען קיין תעניתים. און אַז ער וועט אומפאַלן, וועט עס זיין נישט פאַרן שונא, נאָר ווי אינמיטן דער עבודה מיט אַ נישט אַרויסגעזונגענעם ,ואנחנו כורעים׳...״

איז ווער האָט די חוצפה און העזה צו זאָגן, אַז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז נישט געווען קיין יידיש־נאַציאָנאַלע?

פרץ מאַרקיש איז דער שטאַרקסטער און שלאָגנדיקסטער אָפּלייקענער פון דעם שקר־בלבול אויף דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

.1957

שמואל האַלקין

(צו זיין 60סטן געבוירנטאָג)

„אויב דיכטונג הייסט: ביז לעצט זיך טריי זיין —
בין איך געווען ביז לעצטן טריי".

ש. האַלקין

1.

צווישן די סאָוועטיש־יידישע דיכטער איז שמואל האַלקין געווען און פאַרבליבן פון די קאָמפּליצירטסטע און ראַפינירטסטע, טיפסטע און יידישסטע. פון זיינע ערשטע דיכטערישע טריט איז ער זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, און וויבאַלד אַ דורכאויס־אייגענער — איז עס געווען אַ שווערער גאַנג, מיט גענוג שטערונגען און אָפּטמאָל — אַפילו מיט געפאַרן. ער האָט פון אָנהויב אָן זיך נישט געלאָזט מיטרייסן, גלאָט מיטגיין און סתם מיטלויפן. אין דער צייט, וואָס די מערהייט דיכטער איז געווען, לויט דער אַלטער באַצייכענונג, אַן „עמא פזיזא" (איליק פאַלק), וואָס כאַפּט דעם „נעשה" פאַר דעם „נשמע" (דאָס טאָן פאַר דעם הערן), איז ש. האַלקין געווען באַזאָכט און באַטראַכט, און זיינע לידער זיינען געווען דער אויסדרוק פון זיין אייגענעם טראַכטן, פילן און דענקען. דער דרך־המלך, דער אַלגעמיינער שליאַך איז אַן אויסגעטראָטענער, אַן אויסגעפּלאַסטערטער, אָבער זייטיקע שטעגן־וועגן נישט קיין באַטראַטענע, פון אַפריער נישט קיין באַצייכנטע, זיינען אַלע מאָל פאַר דעם אַליין־גייער פאַרבונדן מיט פיל שוועריקייטן און שטרויכלונגען.

ש. האַלקין האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט גלייך צינדן הינטער זיך קיין בריקן און ער איז נישט געווען גרייט, וויפל מ'האָט פון אים נישט פאַרלאַנגט, אָפּצוזאָגן זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון די דורות אַפריער. און וויפל מען האָט געמיינט — און אפשר האָט ער עס אַליין אויך געמיינט — אַז שוין, מען איז שוין מיט אים אויף אַ דרך, האָט ער זיך פונדאַסניי אַ קער און אַ דריי געטאָן און ווידער זיך געלאָזט אין זיינע אייגענע דיכטערישע דרכים, אין זיינע טיפענישן, — אין זיין „ממעמקים".

ער האָט נישט געקאָנט קומען צום גרייטן. ער האָט נישט געוואָלט,

אַז עמעץ זאָל אַדורכמאַכן פאַר אים דעם וועג פון אַמאָל ביז איצט, ווען ער אַליין איז נאָך נישט געווען מוכן ומזומן, איינגאַנצן פאַרטיק. ער גופא האָט באַדאַרפט, געמוזט די איבערוואַנדלונג און איבערגעשטאַלטיקונג אַדורכגיין, מיט אייגענע פיין און יסורים, מיט איבערווינדן זיי אין זיך. אויסרייסן, אויסשניידן איינס און צוויי — דאָס איז נישט אין זיין כאַראַקטער, נישט אין זיין ווילן.

ש. האַלקין רעדט אין איינעם אַ ליד וועגן זיינע אַמאָליקע יאָרן אין דער היים, אַרום זיינע עלטערן, און אין רעטראָספּעקט ווידמעט ער זיי זיין ליד, וואָס „איז רייף און צייטיק געוואָרן", זיין ליד, וואָס האָט „לאַנג זיך געלייטערט, געקלאָרט"; ער ווידמעט זיי זיין „איינפאַך וואָרט, וואָס איז שווער", מיט לייד, וואָס ער האָט „פאַרשעפּט אין (זיינע) קינדערשע יאָרן", און נישט נאָר, וואָס ער אַליין האָט פאַרשעפּט, נאָר אויך דורות פאַר אים האָבן עס געטאָן.

ס'איז ש. האַלקינען אַלע מאָל געווען ווינציקער און ליבער צו קווענקלען זיך, צו גריבלען זיך, אַריינצולאָזן זיך אין זיין אייגענעם און אַרומיקן געווירבל, איידער מיט אַ לייכטן לונג און לעבער אַראָפּוואַרפן פון זיך יאָכן, אויפבינדן אַלע קנופּן און ווערן פראַנק און פריי. אַזוי איז ער מסתמא אין לעבן גופא און אַזוי איז אויך זיין דיכטעריש שאַפן, וואָס איז שטענדיק און כסדר ענג פאַרבונדן מיט זיין אייגענעם געמיט־צושטאַנד, נישט צום אָפּטיילן. עס איז נישטאָ אין זיין דיכטונג גלאַט אַזוי לידער, וואָס זיינען דרויסן פון אים. דאָס העלע און טונקעלע, דאָס לייכטע און שווערע, דער געפיל און דער געדאַנק — אַלץ קומט פונעם אייגענעם וועזן, וואָס נעמט איינצייטיק אויף דאָס כללישע און דאָס יחידישע אין דער גלייכער און פולער מאָס.

.2

זיין ליד איז אַלע יאָרן, שוין איבער פינף־און־דרייסיק יאָר, דער פועל־יוצא, דער רעזולטאַט פון זיין העפטיקן געראַנגל מיט זיך, מיט די אַרומיקע כוחות, מיט די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, מיט די בויענדיקע און צעשטערערישע, וואָס רוקן זיך אויף אים און ווילן באַווירקן און באַהערשן. זיין געמיט, זיין וועזן, זיין דיכטעריש שאַפן האָט זיך אַלע יאָרן געראַנגלט מיט אָט די כוחות, די דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע, און דורך זיין שאַפן האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק, אַמאָל אָפן, פשוט און אַמאָל אויך פאַרשטעלט, דורך סימבאָלן און רמזים (אַנדייטונגען), זיין פורעמען און געשטאַלטיקן זיך אין דער וועלט, אין דער סביבה, אין דער ספערע, וואָס האָט געהאַלטן אין האַסטיקן ענדערן זיך.

פאַראַן נאָך אַ ווינציקער מאָמענט אין זיין שאַפן — דאָס איז דער

געוויסן, וואָס דיקטירט אים כסדר אין זיין לעבן און אין זיין שרייבן. אין איינעם אַ ליד, טאָקע מיטן נאָמען „געוויסן", רעדט דער דיכטער וועגן דעם געוויסן, וואָס לאָזט אים נישט אָפּ, וואָס גייט אים נאָך און וואָס קיינמאָל „ווערט נישט מיד". „דער געוויסן, — זאָגט ער, — איז „זיין יאָך און זיין פרייהייט", „זיין שלאָכט און זיין געווער". און אָט דער געוויסן, ווייזט אויס, איז אים בייגעשטאַנען אין אַלע צייטן, ביי די פאַרשיידענע שטרייטן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו פירן פאַר זיין אייגענעם דרך און אייגענעם צוגאַנג צום אַרום, — ער זאָל נישט באַזיגט ווערן, ער זאָל נישט אַראָפּ פון זיין דרך־הישר, פון דעם אָנגעצייכנטן וועג.

ש. האַלקין איז געווען און פאַרבליבן אין דער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע דער אייגנאַרטיקער, אַנדערשדיקער דיכטער מיט זיינע אַלע זוכענישן און געפינענישן, מיט זיין פאַרביינען און באַיאָען דאָס אַרומיקע, דאָס מאַטעריעלע, ווי אויך דאָס גייסטיק־שאַפערישע לעבן אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד בכלל און יידישן לעבן בפרט.

ער איז אין דער יונגער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג געקומען „מיטן אַן אַלטן קאָפּ", און בעת אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען זינגענדיק און טאַנצנדיק, מיט טרומייטן און פּויקן, איז ער. ש. האַלקין, געבליבן אָפּט אין דער זייט, נישט געקאָנט, נישט געווען נאָך אינערלעך פאַרטיק פאַר דער פרייד, פאַר דעם יובעל, וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט, פאַרשיכורט. אינעם גרויסן אָרקעסטער איז ער געווען און פאַרבליבן דער טשעליסט, וואָס ציט אַרויס פון זיינע סטרונעס טיף־עלעגישע, טיף־ברומענדיקע קלאַנגען. אַנשטאָט דעם פריידיקן שיר־השירים, וואָס אַלע האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים געזונגען, איז ער אַרומגעגאַנגען מיטן פאַרנונפטיקן „משלי"...

ס'איז גוט וואָס ער איז פאַרבליבן גאַנץ, פאַרבליבן לעבן נאָך דעם וויסטן מבול, נאָך דעם גרויליקן חורבן, וואָס האָט פאַרשניטן און פאַרלענדט דעם גרעסטן טייל סאָוועטיש־יידישן שאַפערישן האָב און גוטס.

און צו זיין 60סטן געבוירנטאָג, וואָס ער און דאָס סאָוועטיש־יידישע שאַפן פייערן איצט ביי אַזעלכע טראַגישע און אומזיניקע באַדינגונגען, לאָמיר פרוּוון אָנוואַרפן אייניקע שטריכן צו זיין דיכטערישער געשטאַלט. בלויז אייניקע שטריכן, ווייל עס פעלן אונדז אין דעם איצטיקן מאָמענט אַלע נויטיקע קוועלן און מאַטעריאַלן צו געבן אַ פול און פולשטענדיק בילד פון זיין לעבן־און שאַפונגס־גאַנג.

3.

שמואל האַלקין האָט דעביוטירט אַרום יאָר 1920. זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „לידער" איז דערשינען אין יאָר 1924. דערנאָך קומען פאָלגנדיקע

לידער־ביכער: „ווי און מוט", מאָסקווע, 1929, 152 ז"ז; „פאַר דעם נייעם פונדאַמענט", 1932, 160 ז"ז; „דער קץ", 1932, 16 ז"ז; „קאָנטאַקט", 1935, 216 ז"ז; „ערדישע וועגן", 1945, 192 ז"ז. מען דאַרף אויך צורעכענען זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען „שולמית" און „בר־כוכבא", וואָס פאַרדינען אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג און איינִיקע זיינע איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש.

ש. האַלקין האָט זיך באַטייליקט אין כמעט אַלע צייטשריפטן און זאַמל־ביכער, און זיינע לידער זיינען פאַרעפנטלעכט אין די פאַרשיידענע אַנטאָלאָגיעס, וואָס זיינען דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער אומעטום האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זיינע מאָטיוון און מיטן אינהאַלט און מיט דער פאָרם פון זיינע לידער. אַזוי אַמאָל, אַזוי דערנאָך, אַזוי איצט.

איזי כאַריק, למשל, וואָס האָט אָנגעהויבן אין איין צייט מיט ש. האַלקין צו פאַרעפנטלעכן זיינע לידער און פּאָעמעס (ער האָט דעביוטירט אין 1921, און אין 1926 איז דערשינען זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „אויף דער ערד", 112 ז"ז), האָט דאַן אין אַ ליד לוסטיק און האָפערדיק געזונגען:

„פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראָקענע, פאַרלאָפּענע מיט שניי! ...
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן ווײ
זייט איר פאַרבליבן לעצטע עדות, —
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס! ..."

און אין אַנדער ליד שאַלט דער יונגער איזי כאַריק אַרויס:

„מיר ווילן און מיר קאָנען צאַרט זיין,
נאָר מיר ווילן נישט און קאָנען נישט אַצינד.
אויב געזונגען, — איז פון פולן האַרצן,
אויב געהוליעט, — איז געהוליעט, ווי דער ווינט".

און דאָס זעלבע זעען מיר אויך ביים רוב סאָוועטיש־יידישע דיכטער פון יענער צייט, וואָס זיינען צעהוליעט, צעברויזט. ס'איז זיי גוט און וואויל און ס'איז גאָר נישטאָ קיין גרענעץ פאַר זייער פרייד.

מען וואָלט געקאָנט לייכט ציטירן צענדליקער לידער פון סאָוועטיש־יידישע דיכטער, וועלכע זיינען מיטגעריסן געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע שטראָמען און וועלכע האָבן אַליין און בציבור אַרויסגעזונגען זייער הילכיק געזאַנג.

זינגט איציק פעפער אין יענע יאָרן:

„לאָמיר זינגען,
לאָמיר טראָגן די גזאַנגען,
לאָמיר גיין, לאָמיר גיין
אויף די העכסטע שווערסטע טרעפּ;
ס'איז נאָך קיינער נים געגאַנגען
מיט אַזוינע טריט פאַרשייטע,
מיט אַזוינע בליקן ווייטע,
מיט אַזוינע שטאָלצע קעפּ".

גאָר אַנדערש איז געווען ש. האַלקין. זיין ליד איז געווען אַן אויסנאַם, אַ דיסאָנאַנס אין דעם אַלגעמיינעם דיכטערישן סטאַקאַטאָ־געזאַנג. די קריטיקער האָבן זיך מיט אים קיין עצה נישט געקאָנט געבן. ער איז געווען אַ מין „סלע המחלוקת" — אַן אָביעקט פאַר קריגערייען, און אַ ציל־ברעט פאַר שאַרפע און אָפט גאַנץ־גיפטיקע פיילן. און נישט איינער, נעבעך, פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער־קריטיקער האָט געהאַט אויסצושטיין קאַלט און וואַרעמס פאַר זאָגן אַמאָל אַ גוט וואָרט וועגן ש. האַלקין...

עס איז דאָ אַ רייכע ליטעראַטור אַרום ש. האַלקינס פּאָעזיע, — און דאָס רוב — טענות־מענות און פאַרוואורפן אויף זיין אַדרעס. אָבער אין תוך האָבן אַלע גוט באַגריפן, אַז ער איז דער אָנגעזעענער סאָוועטיש־יידישער דיכטער.

4.

בימים ההם, אין יענע טעג, ווען עס זיינען אָנגעגאַנגען העפטיקע קאַמפן און „שלאַכטן" צווישן מאָסקווע און מינסק, כאַרקאָוו און קיעוו, — ריכטיקער — צווישן די שרייבער־קריטיקער פון די מלוכהשע יידישע ליטעראַרישע טריבונעס, איז שמואל האַלקינס דיכטונג געווען אַ „דאַנקבאַרער מאַטעריאַל" פאַר קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען אין... קאָנטער־רעוואָלוציע, אין נאַציאָנאַליזם, אין קליינבירגערלעכקייט א. אַז. וו.

אַנומלטן, אין 1929, איז אויף די שפּאַלטן פון מאָסקווער „עמעס" אָנגעגאַנגען אַ שווערער קאַמף, מיט זייער שאַרפע אָנפאַלן און פאַרוואורפן צווישן שכנא עפּשטיין און מ. אַלטשולער. איינער האָט דעם צווייטן פירגעוואָרפן „קליינבירגערלעכע קורצזיכטיקייט און אידעאָלאָגישע שעדלעכקייט". מ. אַלטשולער האָט אַריינגעזאָגט שכנא עפּשטיינען, אַז ער „מאַכט פעלערן און מיינט, אַז ער פילט אויס לענינס געבאָטן", א. אַז. וו. האָט שכנא עפּשטיין דאַן אָנגעוויזן מ. אַלטשולערן אַזאַ מין עבירה: בשעת ער, אַלטשולער, איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „צענטראַלפאַרלאַג" אין מאָסקווע, איז אַרויס ש. האַלקינס לידער־זאַמלונג „ווי און מוט", וואָס איז „אויף דריי־פערטל אָנגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַליזם, מיט יידישלעך־קליינבירגערלעך־אינטעליגענטישן פעסימיזם". און שכנא עפּשטיין פרעגט: „ווי קומט עס,

וואָס מ. אַלטשולער, אַזאַ אויסגעהאַלטענער באַלשעוויק, האָט ש. האַלקינס בוך אָנגענומען און רעאַגירט נישט אויף דער שעדלעכקייט פון בוך עד היום?״ אַזוי ווייט און שלעכט האָט עס געהאַלטן מיט האַלקינען און מיט זיין דיכ־טערישן שאַפן אין יענע יאָרן..

שמואל האַלקין איז אויך אַריינגעפאַלן אינמיטן און אינצווישן דעם העפטיקן געראַנגל און קאַמף (סוף 1931) צווישן משה ליטוואַקאָוו און י. בראָנשטיין, — ווידעראַמאָל אַ „שלאַכט״ צווישן דער יידישער מאָסקווע און יידישן מינסק. י. בראָנשטיין, דער יונגער חוצפּהדיקער מינסקער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער, האָט שאַרף און שניידיק קריטיקירט און ממש געשניטן שטיקער פון מ. ליטוואַקאָוון פאַר „זיין נישט־דערשאַצן די אָרגאַניזירטע יידישע פּראָלעטאַרישע קולטור״ און פאַר זיין פאַלשן צוגאַנג און פאַרשטיין „דאָס ירושה־פּראָבלעם״ א. אַז. וו. צווישן אַנדערן האָט יאַשע בראָנשטיין פירגעוואָרפן מ. ליטוואַקאָוון זיין פּאָזיטיוון אויפנעמען ש. האַל־קינס דיכטונג.

דערויף האָט משה ליטוואַקאָוו זיך פאַרטיידיקט בזה הלשון: „ש. האַלקין האָט אָנגעהויבן זיין דיכטערישן וועג אין די יאָרן 1923־1924 ווי אַ בור־זשואַזער מיטלויפער, ווי אַ סמענאָוועכאָוועץ. *) ווי אַזעלכן האָב איך אים אַן ערך כאַראַקטעריזירט אויפן סמך פון זיינע דעמאָלטדיקע לידער נאָך אין 1925טן יאָר, נאָך פאַר דעם פאַרעפנטלעכן די רעזאָלוציע פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי וועגן דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, — אָט־די רעזאָלוציע, וועלכע האָט דאַן אָנערקענט דעם מין סמענאָוועכאָוועצעס פאַר מיטלויפער״ (מ. ליטוואַקאָוו — „אויף צוויי פראָנטן״).

---

*) „סמענאָוועכאָוצי״ (די וואָס ענדערן די וועג־צייכנס) — פאַרטייטשט די „סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע״ — „איז „אַ גרופּע שרייבער, וואָס האָבן אַרויס־געקוקט, אַז מיטן איינפירן אין סאָוועטנפאַרבאַנד די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק (נעפּ), וועט פאַרקומען אַ בורזשואַזע איבעראַנדערשונג פון דער סאָוועטישער מאַכט. די גרופּע האָט אין 1921 אַרויסגעגעבן אין פּראַג אַ זאַמלבוך „סמענאַ וועך״, און דערנאָך אין פּאַריז, אונטער דעם דאָזיקן נאָמען, אַ זשורנאַל, אין די יאָרן 1921-1922 (און פון דאָנעט שטאַמט דער נאָמען פון דער ריכטונג), וואו זיי האָבן אַרויסגעבראַכט זייערע מיינונגען. אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן די האָפענונגען פון די „סמענאָוועכאָוצעס וועגן סעסטאַווירן דעם קאַפּיטאַליזם, גע־טיילט אייניקע בורזשואַזע עלעמענטן און אַ טייל פון דער בורזשואַזער אינטע־ליגענץ, אויפגעמונטערט פונעם נעפּ״ ...

משה ליטוואַקאָוו און ש. האַלקין האָבן אויך געפירט עפנטלעכע שטרייטן און שלאַכטן, און עס געדענקט זיך גוט האַלקינס אַ לענגערער שאַרפער פּאָלע־מישער אַרטיקל אין „עמעס", וואָס איך האָב נישט איצט אונטערן האַנט, און מ. ליטוואַקאָווס ענטפער אויף אים...

.5

עס איז אינטערעסאַנט, ווי י. דאָברושין האָט אין זיין קריטיק־בוך „סאָ־וועטישע דיכטונג" (מאָסקווע, 1935), שוין נאָך דעם, ווי ש. האַלקין האָט אַרויס־געגעבן זיין לידער־זאַמלונג „פאַר דעם נייעם פונדאַמענט" (1932), באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען און מעטאָדן, אויף זיין שווער־מליצהדיקער שפּראַך צו כאַ־ראַקטעריזירן און דערביי גאַנץ שאַרף צו שטעמפּלען ש. האַלקינען.

„צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, — שרייבט י. דאָברושין, — איז דער דיכטער ש. האַלקין געקומען פון דער ווייט, פון דער ווייטער ווייט. אַליין אַ יונגער און געגאַנגען איז ער מיטן אַלטן און פאַרעלטערטן נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַליסטישן קולטור־וועג, געגאַנגען מיט אַ ירושה־אַנלאַדונג פון דער יעניקער קולטור־סיסטעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם גייסטיק־עטישן תוך און עצם פון דעם פאַרגאַנגענעם ביי אונדז בירגערלעכן וועלט־סדר".

און ווייטער זאָגט י. דאָברושין:

„אַ גליד, אַ יונגע און אָרגאַנישע פלאַנצונג פון דער יעניקער געדאַנקען־וועלט, האָט ש. האַלקין גלייך ביי די איבערבויערישע האַמער־קלעפּ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ניט דערשפּירט, אַז ס'האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אייגנטימערישער לעבנס־אָרדענונג, וואָס די פּראָ־לעטאַרישע רעוואָלוציע איז געקומען פאַרניכטן, נאָר אויך וועגן דער יעניקער טאָקע קולטור־עטישער סיסטעם, וועגן דער גאַנצער פעסטגעשטעלטער ביז־אַהעריקער לעבן־אַנשויאונג — די איינציקע, דורך וועלכער האַלקין איז דאַן פּייאיק געווען אויפנעמען געשעענישן און פּאַסירונגען".

ש. האַלקין האָט אין זיין ערשטן ליד פון בוך „ווי און מוט" אַזעלכע טיף־ווייטיקדיקע און רירנדיקע שורות, וואָס ווייזן זיין שווערן געמיט־צושטאַנד אין די יאָרן, ווען די רעוואָלוציע איז פאַרשווענקט געוואָרן דורך שוידערלעכע פּאָגראָמען אויף יידן, בעת דעם בירגער־קריג, ווען יידישע שטעט און שטעט־לעך זיינען אויסגעראָטן געוואָרן דורך פאַרשיידענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלע אידייען און אידעאַלן.

„,,אַלע האָבן דאַן געטראַכט, געמיינט — געגנוג איז
פון העכסטן דאַך, פון העכסטן שפּיץ אומאַרמען די וועלט,
אוי, פאַרגעסן האָבן עלטערע, פאַרגעסן גלייך ווי יוגנט —

אַז אַנדערש אונדזער פרייד איז, אַנדערש אונדזער עלנט,
אַז אונדזער פרייד איז טויזנט מאָל אַן אַנדערע פון אַלע,
אַז אונדזער פרייד איז קאַלטער גלאַנץ אויף אָפּגעשליפטן חלף...
נו, קאָן דען ווער אַ פרעמדער פון דעם וויסן,
אַן אומפריינט, צי אַ פריינט?"

אָט די פיינלעכע איינדרוקן און באַרעכטיקטער שרעק פונעם סענסיטיוון יידישן דיכטער געפעלן נישט י. דאָברושינען. ער טאַדלט אים דערפאַר מיט אַזעלכע מיני שטראָף־רייד: „די ניט לאַנג איבערגעקומענע פּאָגראָם־שרעקן (צי בלויז שרעקן? — נ. מ.), די האַרבקייטן פון דעם בירגער־קריג, די ערשטע שווערקייטן פון דעם אויפשטעלונג־פעריאָד — די קליינבירגערלעכע פּער־ספּעקטיוולאָזע אַנשויאונג האָט פון דעם אַלעם אויסגעפּלאַכטן אַ פּעסימיסטישן געדאַנקען־קנויל, אַ פאַרטיפערטע יאוש־שטימונג, וואָס דער טראַדיציאָנעל־פאַרגרונטעוועטער האַלקין האָט זי אייגנאַרטיק פאַרבונדן מיט אַ ביבלישער אויפפאַסונג"...

אַזאַ „עוולה", אַזאַ „אָפּנויג" — ביבלישע אויפפאַסונג!

און אָט אַזאַ מין פאַרוואורף אויפן אַדרעס פון ש. האַלקין פונעם זעלביקן י. דאָברושין: „...די פאַרשיידנאַרטיקע מיטאָלאָגישע געשיכטלעכע ביבל־פאַרגלייכונגען פאַרפאַלגן ממש האַלקינען, וואָס ווענדט זיי אָן אויף שריט און טריט צום איצטיקן אויסקומעניש"... י. דאָברושין ברענגט „באַווייזן" פאַר זיין מוראדיקער באַשולדיקונג: „די אַסאָציאַציעס פון ליד 'חושן' און פון פרעהס חלום (אין דעם ליד 'אַ קאָפּ אָן אַנדערער באַקרוינט מיינע אַקסלען') און נאָך — זיי אַלע שטאַמען פון האַלקינס בירגערלעכן פּסיכאָ־אידייאישן באַגאַזש, פון וועלכן ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן, זייענדיק זיכער אַז דאָס אַלץ קאָן בעצם אַריינוואַקסן אין דער רעוואָלוציאָנערער איצטיקייט, ווי־באַלד אַז ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן אומבייט פון מענטש, פון דורות, און ניט פון קלאַס און וועלט־אַנשויאונג" (ז' 82).

אָט אַזוי קנעלט אײַן י. דאָברושין מיט ש. האַלקינען! און ער, דער עכטער, טיף־פאַרוואָרצלטער יידיש־סאָוועטישער דיכטער, איז אַלץ ווייטער געגאַנגען זיין וועג און פאַרגעזעצט צו שאַפן פאַרטיפטע, פאַרטראַכטע דיכטונגען פון אַ העכערן מין און שטייגער.

6.

יאָ, ש. האַלקין האָט אַלע מאָל געפירט חשבון, און — בעיקר דין וחשבון פון דעם אַלעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אַרום און וועגן דעם, ווי דאָס געשעענע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט און זיך איבערגעבראָכן אין זיין וועזן, און

האָט זיך דערנאָך אַרויסאַנטפּלעקט אין זיין אויפריכטיקן, געוויסנהאַפטיקן שאַפן. ש. האַלקין גיט איבער וועגן דעם אין זיין ליד, וואָס שליסט זיין בוך „ווייַ און מוט":

„אַ יאָר נאָך אַ יאָר — און פון דורות די ברכה,
וואָס האָט זיך אין לייב מיר מיט נאָדלען פאַרשטאָכן,
איך האָב זי געצוואונגען, מיט אייזנס געצויגן,
אויף האַרטער, אויף ניכטערער וואָגשאָל געוואויגן:
וואָס נויטיק פאַרבליבן, וואָס ניט איז — פאַרטיליקט —
און ס'איז נאָך דער קרבן אַלץ ניט באַוויליקט..."

אַזוי טיף, אַזוי רירנד, אַזוי ווייטיקדיק רעדט ער וועגן זיך און וועגן זיינע אייגענע טראַכטונגען און גרעאַנגלעניש. און עס איז נאָך געווען ווייניק פאַר די, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פון דעם דיכטער הוראַ־געשרייען, לויב־געזאַנגען, אַנשטאָט טיפע אויפריכטיקע איבערלעבענישן און דורכגעווייטיקטע לידער.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש ש. האַלקינס אַ ליד „זונטיק אין אַ רו־טאָג" פונעם בוך „ווייַ און מוט", וואָס איז אויך שאַרף קריטיקירט און געטאַדלט געוואָרן, אָבער וואָס ווייזט אַרויס דעם מהות, דעם כאַראַקטער פונעם דיכטער און זיין אויפנעמען די אמתע ווירקלעכקייט.

ש. האַלקין דערציילט אַזוי פּשוט און אַזוי שטאַרק.

„זונטיק איז אַ רו־טאָג
וויל איך געניסן —
נאָר דאָס האַרץ זיך בלוטיקט,
ס'בלוטיקט דער געוויסן.

געזען איך האָב ערשט נעכטן,
נאָר איך ווייס פון לאַנג דאָס —
אַרבעטסלאָזע פלעכטן
ווערסטיקע פאַלאַנגעס".

און ער פרעגט אין דעם לענגערן ליד:

„מיט וואָס זיי איצט באַצווינגען?
מיט וואָס זיי איצט פאַרנעמען
אַז ס'זאָלן אָט די רינגען
פאַר רו־טעג זיך נישט שעמען?

ווען וועלן געפינען
יעדערער זיין אַרבעט:
אַ שפּינער צו אַ שפּינער,
אַ גאַרבער צו אַ גאַרבער?"

7.

צוגעפּאַסט צום אינהאַלט, און אין טיפן איינקלאַנג מיט דעם תוך פון די לידער, איז ש. האַלקינס אופן פון רעדן, פון שילדערן, פון אַרויסברענגען זיינע טראַכטן. ער איז אין זיין דיכטערישן שאַפן אָפט אַבסטראַקט, סכעמאַטיש,

הגם ער האָט צו טאָן מיט טיף־אינערלעכע איבערלעבענישן. יאָגט ער זיך נישט נאָך פלאַטערלעך, באַצירט ער נישט און באַפּוצט נישט זיין ליד מיט אָרנאַמענטיק און באַנוצט זיך נישט מיט קיין אָנגענומענע ווערטער און פראַזן, טוט ער זיך אַ זאָג, דער פּראָבלעמען־דיכטער:

„ס'איז די דיכטונג אומרוערע / ווי פּאָר רעדער — אייזן,
ניט קיין בלענדר, קיין שפּילצייג, / פּאָר געביי — געהילצן,
אַ וואָכיקע, אַ פּראָסטע, / ווי פּאָר פרידן — פליגל,
אַ נויטיקע אין גויט; / פּאָר מלחמה — שרויט..."

אָט אַזוי, ווען מ'דאַרף, „לאָזט ער זיך אַראָפּ" ש. האַלקין פון זיינע געדאַנקלעכע הויכן און נעמט רעדן „פּראָסטע", קלאָרע רייד. און ווי ער איז געוועזן „טריי זיך אַליין" אין די צייטן, ווען ער האָט געפילט און געליטן, געשפּירט און געוויטיקט די קרומקייטן, די עוולות, אַזוי אויך קאָן ער אויף זיין פּאָרטיפטן און אייגנאַרטיקן אויפן און שטייגער פילן און שפּירן דאָס דערהויבענע, דאָס יום־טובדיקע, וואָס קומט פון ערלעכער מענטשלעכער מי, און אַרויסברענגען עס אין בצמצומדיקע געשטאַלטע פערזן.

ש. האַלקין האָט אַ פּרעכטיק לענגער ליד מיטן נאָמען „דערפּאַר איז געבענטשט אונדזער אַרבעט" (געדרוקט אין „יידישע קולטור", יוני, 1948), וואו ער רעדט וועגן דעם מזל־ברכה, וואָס עס האָט געהערשט אין די גליקלעכע, גוטע, פריידיקע צייטן אין זיין לאַנד.

ער זאָגט: „און אויב דו וועסט פרעגן, למשל, ווער זיינען די מענטשן אָט די, / וואָס לייגן זיך אָוונט־צייט מידע און שטייען אויף פריש אינדערפרי — / אויף ווידער זיך מיען ביז אָוונט, ביז גליקלעכער שיכרות אין הענט, / ווער זיינען די דאָזיקע מענטשן? פונוויטן האָסט זיי ניט דערקענט?"

דער דיכטער דערציילט וועגן זיי און וועגן זייערע טואונגען. און רעדנדיק וועגן די מענטשן און אויסדערציילנדיק וועגן זייער וואָך און יום־טוב, וואָר און טרוים, אין צייטן פון רו און פון קריג, פּירט ער אויס:

„און נאָך וואָס: פאַראַן איז דערין אַ סוד, וואָס איך גיב איצט אַרויס,
כ'פלעג קינדווייז נאָך שטויבנען פּאָר קנאה, ווען מענטשן זיך בויען אַ הויז.
כ'פלעג קוקן ווי קלעצער זיך בינדן, דער דאַך — ווי צום בענטשן זיך הויבט,
ס'איז ליבער געוועזן מיר דער הימל, וואָס האָט דורכן דאַך זיך געלויבט".

און דערביי טוט אַ בלענד און אַ בליץ ביים דיכטער אַזאַ מין זאָג:

„אַ וואָרט האָט זיין עבר, זיין צוקונפט, נאָר פּוסט וואָלט פאַרבליבן דאָס וואָרט, / ווען ס'פעלט אים די ברכה די דריטע: אין היינט אויך געפינען זיין אָרט"...

דאָס איז דער כוח פון ש. האַלקין: ער קאָן מיט זיין געוויינלעך וואָרט דורך דעם היינט אַריינדרינגען אין עבר כדי צו דערגרייכן טיפער די צוקונפט. און דערביי געברויכט ער אייגענע, אייגנאַרטיקע אויסדרוק־מיטלען, ביי קיינעם נישט גענומענע, ביי קיינעם נישט געבאָרגטע.

עס ווילט זיך, אגב, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין ש. האַלקינס דיכטערישן שאַפן, איבערזאָגן אַ וואָרט, וואָס כ׳האָב דאָ נישט לאַנג אַרויסגעלייענט ביי ראובן בריינין (אין אַ העברייאישן לענגערן אַרטיקל) וועגן מענדעלע מוכר ספרים, אַז „אַט דער מענדעלע טונקט קיינמאָל ניט זיין פען אין אַ טינטער פון אַנדערע, ער באַנוצט זיך ניט מיט קיין פאַרבן, וואָס אַלע באַנוצן זיך מיט זיי און ער נעמט נישט קיין פענזל ביי זיינע נאָענטע. אַלץ איז זיינס, זיין אייגנס!" („כל כתבי ראובן בריינין", ניו־יאָרק, 1922, ז׳ 188).

אַ באַצייכענונג, וואָס פּאַסט זיך אַזוי גוט צו פּאַר ש. האַלקין.

ש. האַלקין איז אַ מייסטער, אַ בריה אין עטלעכע קורצע געטאָקטע שורה־לעך כאַראַקטעריזירן זיך, זיין אייגענעם און אַרומיקן גאַנג. דער סוד־הצמצום, די קאָנצענטרירטע פאָרם איז זיינע אַ געבענטשטע אייגנשאַפט. אַט ווי ער גיט איבער זיין שאַפונגס־וועג, — פון אַמאָל, פון זיין אָנהייב ביז צו זיין רייף ווערן. דאָס ליד, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון 7 שורות איז פאַרעפנטלעכט אין זיין לידער־בוך „קאָנטאַקט", (מאָסקווע, 1935):

„דער אָנהייב איז געגאַנגען פרילינגדיק:
מיט זון און קויט, מיט ליד, וואָס קומט אָן שפּילנדיק,
מיט מוט און וויי, מיט לייד און פרייד צוזאַמען.
נאָר ס׳איז דער היינט אַ סך מיר וויכטיקער —
אַ קלאָרער האַרבסט אַ פריער און אַ ליכטיקער
פאַר שיין פאַר פּראָסטיקער —
אַ נייער, אַ געלייטערטער פונדאַמענט".

ש. האַלקין האָט אויך געקאָנט זיך אַמאָל אָנצינדן און שרייבן מיט ברען, מיט פּאַטאָס, מיט התלהבות. ס׳איז אינטערעסאַנט זיין דערמאָנט ליד „אונדזער דיכטונג", וואָס איז אַ מין אַני־מאמין פון דער סאָוועטישער יידישער דיכטונג, און עס באַוויזט, אַז נישט אַלע מאָל האָט ער געדאַוונט ביחידות און געזונגען סאָלאָ. מיר האָבן שוין אין פריערדיקע אַרטיקלען ציטירט מערערע שורות פון אָט דעם ליד. איצט ווען מיר פונעם ליד, וואָס האָט אַ 200 שורות, ברענ־גען בלויז איינציקע, געציילטע:

„אונדזער ליבע — הייס איז,
אונדזער בלוט איז ברויזיק,

אונדזער יוגנט — וויכערט,
און די אַלטע — יונג;
מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן
אויף אָנהויבן יאָרטויזנט,
און קיינער וועט ניט בינדן,
ניט פענטען אונדזער שוואונג".

און נאָך אַ פּאָר שורות:

„ס'איז די דיכטונג אונדזערע —
אַ מיזאָמע, אַן עכטע,
אַ מענטשלעכע, אַ גינציקע,
אַ טרייע ביז צו ענד"...

.8

אַ גאָר באַזונדער קאַפּיטל און אַ זייער אייגנאַרטיקער און אינטערעסאַנטער איז ש. האַלקינס פּאַרטיטפע און וויטיקדיקע, צאַרנדיקע און טרייסטנדיקע דיכטונג בעת דעם גרויזאַמען צווייטן וועלט־קריג. ווי אַלע סאָוועטיש־יידישע מענטשן און דיכטער איז ער געווען אַריינגעצויגן און אַריינגעפלאָכטן אין די אַלע גרוילן און קאַמפן פון יענע יאָרן און אויף זיין אייגנטימלעכן אופן, אַנדערש ווי אַלע אַנדערע דיכטער, עס געבראַכט צום דיכטערישן אויסדרוק. און דאָ איז אים באַזונדערס צונויף געקומען דאָס ביבלישע וואָרט, דער ביבלישער אויס־דרוק, וואָס י. דאָברושינען איז עס אַזוי נישט געפעלן געוואָרן...

עס איז אונדז נישט באַקאַנט, צי זיינען די שטאַרקע און שאַרפע צאָרן־ און וואָרן־לידער פון ש. האַלקין, וואָס ער האָט געשריבן אין די היטלעריס־טישע אָקופּאַציע־יאָרן, אַלע אויפגעזאַמלט געוואָרן.*) מיר האָבן זיך אָנגע־

*) אין מאָסקווער „היימלאַנד", ליטעראַריש־קינסטלערישער אַלמאַנאַך, בוך 5, מאַי־יוני 1948 (עס זיינען דערשינען ביזן בראָך, 6 ביכער, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז. דאָס לעצטע בוך 6, איז דאַטירט יוני־אויגוסט 1948),—אין דער רשימה „נייע ביכער" איז אויך אויסגערעכנט אַ בוך פון ש. האַלקין — „דער בוים פון לעבן" (אויסגעוויילטע ווערק), 408 ז"ז, מאָסקווע, פ' „עמעס", 4.000 עקז. עס ווערט צוגעגעבן: „דאָס בוך שליסט איין אין זיך אויסגעוויילטע לידער פאַר די יאָרן 1947-1920 און אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „אויף טויט און אויף לעבן" (דער אויפשטאַנד אין געטאָ אין איינער אַ פּוילישער שטאָט). צי דאָס בוך איז דערגאַנגען אַהער, ווייסן מיר נישט.

שטויסן אויף אייניקע פון זיי אין די זאַמלונגען און צייטשריפטן, וואָס זיינען דערשינען אין יענער חירום־צייט, ווען דער וויסטער חורבן און דער גע־שטאַלטער קאַמף־ווילן האָט באַהערשט די סאָוועטישע בירגער פון אַלע פעלקער און יידן און יידישע שאַפער אַריינגערעכנט. אַ טייל פון די לידער איז אַריין אין דעם בוך „ערדישע וועגן" (מאָסקווע, 1945).

לאָמיר דאָ ציטירן אייניקע שורות פון האַלקינס ליד, וואו ער ברענגט צום אויסדרוק די מוראדיקע פאַרוויסטונגען, וואָס די היטלעריסטישע האָרדעס האָבן געבראַכט אויף יידן:

„טיפע גריבער, רויטער ליים —
כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ היים!
יאָר נאָך יאָר זיינען אַריבער,
פולע זיינען יענע גריבער,
און נאָך רויטער איז די ליים,
יענע ליים איז איצט מיין היים:
דאָרט ליגן מיינע ברידער,
די צעריסענע אויף גלידער,
די געשאָכטענע אין שטוב,
די געשאָסענע ביים גרוב".

עס איז אַ ספּעציעלע דאַנקבאַרע טעמע נאָכצופאָלגן די וועזנטלעכע געמיט־ענדערונגען און אויך די קינסטלעריש־מייסטערישע אַנטוויקלונגען, וואָס ש. האַלקין, ער און זיין שאַפן האָבן אין די צענדליקער יאָרן אַדורכגעמאַכט. ער גופא האָט זיך אַלעמאָל אַנאַליזירט און פאַרצייכנט עס, אויף זיין אייגנאַרטיקן בצמצום־דיקן שטייגער, אין זיינע לידער, די קלענערע און גרעסערע. פאַר אים אַליין איז זיין וואָרט, זיין שאַפן געווען אַן ענין פון אייגענער שטענדיקער ערנסטער באַ־טראַכטונג. מען וואָלט געקאָנט ברענגען פיל ביישפּילן פון ש. האַלקין, וואו ער „נעמט אויפן צימבל" זיך און זיין דיכטונג. נישט אומזיסט איז ער אַ זון פון חב"דניקעס, וועלכע זיינען געוואוינט שטענדיק זיך אַריינטראַכטן אין זייערע אייגענע טואונגען און זיך גריבלען אין אייגענע מחשבות, פילן שטאַרק איי־גענע שפלות (געפאַלנקייט) און דערגיין ביז התרוממות הרוח (דערהויבענער געמיט־צושטאַנד).

אָט, צום ביישפּיל, זיינס אַ ליד וועגן וואָרט, וועגן זיין יידיש וואָרט (גע־דרוקט אינעם זאַמלבוך „אויף נייע וועגן", איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949), געשריבן אין יאָר 1945.

ש. האַלקין זאָגט אינעם לענגערן ליד (מיר נעמען אַרויס אייניקע שורות):

„מיין וואָרט — מיין היים ביסטו, אין דיר פאַרזיייט בין איך אינגאַנצן,
מיין לעבן און מיין טויט — אין דיר אַן אָרט געפינען.
כ'בין פריי, מיין וואָרט, איך זאָל זיך אָט די שיכורלעכע פרייד פאַרגינען:
דיך טויזנט מאָל צעאַקערן און טויזנט מאָל דיך איבערפלאַנצן".

אוּן דאָס וואונדערלעכע ליד ווערט פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע פיר שורות:

„ניין, ניין, מיין וואָרט! ביז לעצטן טראָפּן זאָפט אין דיינע וואָרצלען
און ביזן לעצטן טראָפּן בלוט אין מיינע אָדערן, —
איך וועל דיך, ווי די ערד, צעאַקערן, פאַרפלאַנצן דיך און פאַדערן
דעם אָטעם לופט, וואָס זאָל אַ היים פאַר דיר, מיין וואָרט, זיין".

9.

נאָך אַ זעקס־זיבן יאָר, ווען האַלקין איז פּלוצים „פאַרשוואונדן" געוואָרן, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע סאָוועטיש־יידישע שרייבער און שוישפּילער, אין דעם מוראדיקן „מבול", וואָס האָט פאַרשווענקט און פאַרטרונקען דאָס גאַנצע סאָוועטיש־יידישע קולטור־שאַפערישע לעבן, איז ער צוריקגעקומען אַ קראַנקער. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן ווי ער איז אינערלעך צעוויטיקט און צעפייניקט. אים, ווי אַ צאָל אַנדערע יידישע שרייבער, האָט „אָפּגעגליקט", ער איז נישט דערמאָרדעט געוואָרן, נישט אומגעבראַכט געוואָרן, ווי אַנדערע באַוואוסטע יידישע שרייבער, זיינע חברים, פריינט, קאָלעגן אין לויף פון די צווי צענדליק יאָר. אָבער אויך נאָך דער באַפרייאונג און נאָך דער, מ'שטיינס געזאָגט, „רעהאַ־ביליטאַציע", האָט מען דעם פאַרוועלטן יידישן וואָרט נאָך אַלץ נישט צוריק־געקערט די פרייהייט און דער יידיש־שאַפער גייט אַלץ אַרום מיט אַ פאַרשלאָסן מויל אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

וואָס־זשע ווייטער?

דאָס איז די האַרבע, טראַגישע פראַגע, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון אונדזערע געדאַנקען, פון אונדזערע ליפּן און טאָר נישט אַראָפּגיין. מיר הערן ווייטע, אַל־געמיינע פאַרעוועע גרוסן, אַרום־אַרומיקע, אָבער מיר ווייסן נישט ביז איצט גענוי פאַר וואָס און פאַר ווען, און בעיקר קאָן מען זיך נישט דערשלאָגן, אַז די לעבן־געבליבענע, אָפּגעראַטעוועטע, אַרויסגעריסענע פון מוראדיקן קלעם יידישע שרייבער זאָלן ענדלעך קאָנען אָפּן, עפנטלעך לעבן און אויסלעבן זיך יידיש־שאַ־פעריש, און אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרעפנטלעכן זייערע שאַפונגען אין דעם יידישן לשון אין זייער היימלאַנד, אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין אַ ליד פון ש. האַלקין „רו און אומרו", וואָס קומט אונטער אַ קעפּל „נייע לידער" (פאַרעפנטלעכט אין „זאַמלונג פון שאַפונגען פון יידישע שרייבער און דיכטער אין ראַטנפאַרבאַנד", אַרויסגעגעבן דורכן צ. ק. פון איקוף אין ריאָ דע זשאַניירא, בראַזיל, 1956), האָבן מיר אַזעלכע שורות:

„ליכטיקער זינגער מיט פּנים פאַרוואָלקנטן,
זאָג, וואָס געשען איז, זאָג, ווער פאַרפאָלגט האָט דיך ? ...
— — — — — — — — — — — — — — — —
ווען האָט די ערדישע פריינטשאַפט פאַרראַטן דיך ?
ערדישער זינגער, מיט האַרץ מיט צעפלאָטערטן".

און ווייטער נאָך אַ פּאָר שורות:

„וואָגלענדער זינגער — ביז דול, ביז פאַרפאַלן זיין,
אַלץ וואָס גייט אָפּ דיר, וועל איך דיר ממלא זיין.

איך וועל דיך היטן אין וועג און באַוואָרענען,
איך וועל דיר אומקערן אַלדאָס פאַרלאָרענע,

אַלדאָס געוועזענע, אַלדאָס באַשערטע,
אַלדאָס אין ווירבל פון יאָרן צעשטערטע ! ..."

איז ווען־זשע, ווען וועט מען ממלא זיין, אומקערן דאָס פאַרלאָרענע און לאָזן פריי לעבן און שאַפן דעם יידישן מאַסן־מענטש און דעם יידישן קינסטלער אין דער אייגענער יידישער שפּראַך ?

.10

און דערווייל —

דערווייל זיינען די פייערונגען, וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין מאָסקווע צו ש. האַלקינס 60סטן געבוירנטאָג דורכן פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע (רוסישע) שרייבער און די הויכע אויסצייכענונג, וואָס ער האָט געקראָגן פון דער רעגירונג, דעם אָרדן „רויטע אַרבעט־פאָן", פאַרבונדן ביי אונדז מיט טיפן טרויער, און מיט ווייטיקדיקע, צאַרנדיקע געפילן.

אויסצייכענונג און פאַרבאָט !.. פייערונג און איסור אויף יידיש וואָרט ? !..

מיר קאָנען אין קיין פאַל נישט פאַרשטיין, נישט באַגרייפן דעם טראַגישן אומזין און די אומזיניקע טראַגיק פון דעם אַלעמען...

אין אַ נאָטיץ אין דער מאָסקווער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", דער אָפיציעלער אָרגאַן פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער, ווענן דעם יובל פון ש. האַלקין, ווערט געזאָגט: „40 יאָר פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט, ער האָט באַזונגען די שיינקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט פון אונדזער לעבן. נישט ווייניק האָט דער פּאָעט אויפגעטאָן אויפן געביט פון איבערזעצונגען אויף דער יידישער שפּראַך די רוסישע, ווי די מערב־איראָ־

פּיאָישע קלאַסיקער״... און ווייטער ווערט געשריבן, אַז „די מאָסקווער שריי־בער, די פּען־חברים ווינטשן דעם יובילאַר ביִיע שעפערישע דערפּאָלגן און באַ־טאָנען אַז זיינע לידער, פּאָעמעס און דראַמען, געשאַפענע אין דער יידישער שפּראַך זיינען, ווי פולבאַרעכטיקטע, אַריין אינעם פאָנד פון דער פיל־נאַציאָנאַלער ליטעראַטור פון אונדזער סאָוועטישן היימלאַנד״.

פּילבאַרעכטיקטע? פּיל־נאַציאָנאַלער ליטעראַטור? ווען מ׳האָט עפנטלעך אין יידיש, צווישן יידישע שרייבער נישט געקאָנט, נישט געוואָגט צו פייערן דעם יובל פון אַן אייגענעם יידישן קאָלעגע אין מאָסקווע, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און ווען ס׳איז נישטאָ אין יידיש קיין שום אויסגאַבע, צייטשריפט, וואו מ׳זאָל קאָנען רעדן, שרייבן, באַריכטן וועגן דעם יובל פון אַ יידיש־שרייבער!

ווי קלעפּן זיך די דאָזיקע ווערטער, ווי שטימען זיי מיט דעם איצטיקן, — לאָמיר אַלץ האָפן דערוויילן — שטרענגען פאַרבאָט פונעם יידישן וואָרט אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

עס איז פּיינלעך, ווייטיקדיק, עס איז אומפאַרשטענדלעך און אומבאַ־גרייפלעך!

און דעם גלענצנדיקן דיכטער שמואל האַלקין, וואָס איז, נאָך די עטלעכע גרויזאַמע יאָרן פון פאַרשיקונג באַפרייט געוואָרן, ווינטשן מיר געזונטע שאַ־פערישע יאָרן, ער זאָל וואָס־גיכער, ווי ער האָט געשריבן אין זיין ליד, צוריק באַקומען „אַלדאָס פאַרלאָרענע, אַלדאָס אין ווירבל פון יאָרן צעשטערטע״.

אַזוי ער, אַזוי די אַלע לעבן־פאַרבליבענע יידישע שרייבער־שאַפער, און אַזוי אויך דאָס דערנידעריקטע, באַליידיקטן געשענדעטע יידישע וואָרט. אָמן!

יאַנואַר 1958

דאָס סאָוועטיש־יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן ערב דעם חורבן, נאָוועמבער 1948

.1

ווי האָט אויסגעזען דאָס סאָוועטיש־יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין די לעצטע צוויי־דריי חדשים פאַרן גרויזאַמען חורבן, סוף נאָוועמבער 1948, אײדער אַלץ איז אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט געוואָרן; ווען יידישע אויסגאַבעס זיינען פאַרבאָטן געוואָרן, יידישע טעאַטערס — פאַרהאַקט געוואָרן, יידישע שרייבער, שוישפּילער און וויכטיקע טוער — אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן — זיי, זייערע ווייבער און קינדער — אין תפיסות און לאַגערן, וואו זיי זיינען, אָן קיין שום עפנטלעכער באַשולדיקונג און משפט, געהאַלטן געוואָרן עטלעכע יאָר אין מוראדיקע באַדינגונגען און לסוף, אויגוסט 1952, האָט מען איינִיקע וויכטיקע שרייבער אויפן בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט.

ווי האָט עס אויסגעזען האַרבסט 1948, אײדער די גרויזאַמע פאַרניכטונג־האַק איז אויפגעהויבן געוואָרן אויף דעם גאַנצן יידישן שאַפערישן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

לאָמיר אויפן סמך פון מאַטעריאַלן און פאַקטן פרואוון אויסמאָלן אַ ריכטיק בילד פונעם דעמאָלסטדיקן יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס׳איז וויכטיק — וויל פריינט און פיינט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן, יעדער איינער צוליב אַנדערע פאַרשיידענע טעמים און מאָטיוון, גערעדט און געשריבן, אַז דאָס יידישע קולטור־לעבן ערב דעם חורבן איז שוין געווען כמעט ווי אויסגעלאָשן, אַז דער אינטערעס צו יידיש און צום שאַפערישן יידישן וואָרט איז לחלוטין געפאַלן, יידישע צייטשריפטן האָבן נישט געהאַט קיין לייענער, ביכער זיינען געבליבן ליגן אין די קעלערס, יידישע שרייבער האָבן נישט געהאַט וואָס און צו וועמען צו רעדן, יידישע טעאַטערס און יידיש־עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען האָבן געפּוסטעוועט א. אַז. וו. מען האָט אַזוי־אַרום אָפּגעהאַקט אַ פאַרדאַרטן צווייג אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־שאַפערישן בוים און מען האָט געפירט צום טויט און צו קבורה אַ... נוטה למות, וואָס האָט שוין סיי־ווי געהאַלטן ביי גסיסה. מען האָט דאָס אַלץ אָנגערופן, צוליב איידלקייט וועגן, מיטן נאָמען „איינגעווילִיקע אַסימילאַציע״, אָדער מיט נאָך אַ שענערן נאָמען: „אינטעגראַציע״...

מיט אָט דעם װאָרט „אינטעגראַציע" האָט מען געפּרואװט פאַרענטפערן, פאַרטײדיקן דעם גרױסן פאַרברעך.

װי איז טאַקע געװען אין דער װירקלעכקײט דאָס דעמאָלטדיקע ײדישע לעבן אין סאָװעטנפאַרבאַנד אין די לעצטע חדשים, — סעפּטעמבער־נאָװעמבער 1948 ?

„ניתי ספר ונחזה", — לאָמיר נעמען פאַקטן און זאָלן זײ רעדן פאַר זיך.

מיר האָבן אַדורכגעבלעטערט 13 נומערן פון דער צײטשריפט „אײניקײט", אָרגאַן פונעם ײדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין פסםר, װאָס איז דערשינען אין מאָסקװע דרײ מאָל אַ װאָך אונטער דער רעדאַקציע־קאָלעגיע : דוד בערגעל־סאָן, י. דאָברושין, ש. האַלקין, ל. סטראָנגין, איציק פעפער, ל. קװיטקאָ, א. קושניראָװ. די נומערן זײנען פון 21טן סעפּטעמבער ביז דעם 20טן נאָװעמבער 1948. מיר װאָלטן געקאָנט אױסנוצן מאַטעריאַל פון מערערע נומערן און פון אַ גרעסערן צײט־אָפּשניט, אָבער די ענגע ראַמען פון אַרטיקל דערלױבן עס ניט. און מען דאַרף עס זיכער טאָן, און אױפן סמך פון די פאַקטישע מאַטערי־אַלן אױסמאָלן אַ גרױס און פול בילד, אַ גרױסן לײװנט פון דעם גאַנצן ײדישן קולטור־שאַפערישן לעבן די לעצטע פאַר יאָר נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג, װען דאָס לעבן אין סאָװעטנפאַרבאַנד בכלל, האָט זיך גענומען אײנשטעלן און אַרײַן אין די נאָרמאַלע ברעגן. מען דאַרף עס אומבאַדינגט טאָן. עס איז אונדזער הײליקער חוב לגבי דעם פאַרשניטענעם ײדישן קולטור־לעבן און די אומגע־קומענע, פאַרפײניקטע און איצט נאָך אַלץ פאַרשטומטע ײדישע שרײבער.

2.

אײדער מיר נעמען ציטירן פון די דערמאָנטע „אײניקײט"־נומערן, לאָמיר ברענגען אײניקע ציטאַטן פון אַ פאַר שרײבער, װאָס גיבן איבער די שטימונג, דעם גײסט, װאָס האָט געהערשט אין דער צװײטער העלפט פון 1948, בײ ײדישע שרײבער.

עס האָבן דאַן אָנגעהױבן צו דערשײנען אין מאָסקװע, קיעװ, מינסק, בירא־בידזשאַן ספּעציעלע זאַמלביכער, — חודשלעכע און דרײ חודשלעכע, װאָס האָבן פולסירט מיט לעבן, מיט דראַנג צום שאַפן. די פיל צענדליקער עלטערע, יונגע און ײנגערע ײדישע שרײבער, — דיכטער, דערצײלער, ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער — זײנען געװען פול מיט שאַפערישער ענערגיע, מיט גרױסע פלענער, מיט נײע קינסטלערישע פאַרמעסטן, װאָס זײ האָבן געהאַלטן ערשט בײם אױסלאָזן.

אין די אַלע שטעט, גרעסערע װי קלענערע, זײנען אָנגעגאַנגען פאַרצװײגטע קולטור־טעטיקײטן מיט אַ ברען און פאַרנעם : ײדישע טעאַטערן האָבן כסדר געשפּילט, אױך גאַסטראָלירט אין אַנדערע שטעט ; עס זײנען געגרײט געװאָרן

גרויסע אַרויסגעבערישע פּראָיעקטן ביי די יידישע מלוכה־פאַרלאַגן. און ביראָ־בידזשאַן האָט זיך דאַן געפונען אין אַ בליענדיקן צושטאַנד, עס זיינען געקומען און זיך גיך דאָרטן איינגעאָרדנט נייע עשאַלאָנען איינוואַנדערער, און מען האָט געגרייט מעגלעכקייטן און באַדינגונגען פאַר נאָך און נאָך איבערוואַנדערער. בקיצור, עס איז געווען, נאָך די שווערע מלחמה־יאָרן, אַן אַלגעמיינער קולטור־געזעלשאַפטלעכער און גייסטיק־שאַפערישער אויפשטייג אינעם סאָוועטישן יידישן לעבן, וואָס איז געווען שטאַרק און דורכאויס פאַרבונדן מיטן יידישן וואָרט, מיט יידישן שאַפן אין אַלע זיינע אַנטפלעקונגען.

זומער 1948 איז דערשינען דער 3טער נומער „דער שטערן", צוויי־חדשימ־דיקער ליטעראַריש־קינסטלערישער יידישער אַלמאַנאַך, אָרגאַן פונעם פאַראיין סאָוועטישע שרייבער פון אוקראַינע. און אָט דער אַלמאַנאַך הייבט זיך אָן מיט מונטערע, האָפערדיקע, יום־טובדיקע לידער פון דער דיכטערין חנה לעווין. אינעם ליד „פאַר מענטשן־פרייד" האָבן מיר אַזעלכע שורות:

„דורך יאָרן קריג און קאַמף געשולט,
ווי שטאָל פון בעסטן אַרץ,
כ'בין פול מיט מוט און מיט געדולד,
מיט פרייד איז פול דאָס האַרץ".

און ווייטער אַזעלכע געזאַנג־שורות:

„זאָל בליען אַלץ מיט פרייד און גלוסט,
פאַר מענטשן־טרוים און גליק!
די ערשטע קויל אין יענעמס ברוסט,
ווער ס'רופט די וועלט צו קריג;"
אַזוי־אַ זינגט דאָס לאַנד אין מיר,
דורך טאָג עס זינגט, דורך נאַכט"...

אינעם זעלבן נומער האָבן מיר אַ באַגייסטערטן אַרטיקל „אין אויפשטייג" פון אַ. וועלעדניצקי וועגן דעם יידישן מלוכה־טעאַטער פון אוסטר אויף ש"עס נאָמען. „דער אוקראַינישער יידישער מלוכה־טעאַטער אויף ש"עס נאָמען איז איינער פון די עלטסטע יידישע סאָוועטישע טעאַטערן. אין דער צייט פון דער פאַטערלענדישער מלחמה, באַזונדערס אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, איז דער טעאַטער סיי אידייאיש, סיי קינסטלעריש שטאַרק אויסגעוואַקסן. ער איז איצט אַ באַדייטנדיקער כוח פון אידייאיש־קינסטלערישער דערציאונג פון די ברייטע מאַסן". אַ באַווייז פון זיין אומגעהויערן וואוקס איז, וואָס „פון די זיבן פאַר־שטעלונגען, מיט וועלכע דער טעאַטער איז פאַריקן יאָר אַרומגעפאָרן אויף

גאַסטראָלן, זיינען געווען פינף נייע פאָרשטעלונגען און צוויי — איבערגעאַרבעטע״.

א. וועלעדניצקי רעדט אויספירלעך וועגן די פאַרשיידענע אויפפירונגען און שטעלט זיך אָפּ אין זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן די אַלע שוי־שפּילער, וואָס יעדער איינער פון זיי איז שטאַרק אויסגעוואַקסן און געשאַפן פּרעכטיקע סצעניש געשטאַלטן. פון אונדזער טעאַטער — שרייבט ער — פון זיין רייכן באַשטאַנד טאַלענטירטע אַקטיאָרן, פון זיין באַגאַבטער קינסטלערי־שער (אָנפירונג מ. גאָלדבלאַט) דערוואַרט דער צושויער ווייטערדיקע, נאָך העכערע אידייאיש־קינסטלערישע אויפטוען״ (ז״ז 117־122).

איציק פעפער, איינער פון די אַקטיווסטע שרייבער־טוער, גיט אַרויס אַ בוך לידער „אויפסניי״, — האַפּערדיקע און האָפענונגספולע געזאַנגען וועגן אַ ניי־צאַפּלדיקן לעבן, וואָס גייט אויף. לאָמיר אַרויסכאַפּן עטלעכע שורות פון דעם ערשטן ליד, וואָס הייסט טאַקע „אויפסניי״, אין וועלכן עס קומט צום אויס־דרוק זיין, און אויך די אַלגעמיינע שטימונג אין לאַנד. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די שורות:

„עס רוען די שווערדן, עס רוישט ניט דאָס בליי,
און ס׳זעצט פון די פעלדער די בליאונג אויפסניי״.

דאָס ליד ענדיקט זיך אַזוי:

„איז לאָמיר אַ וועק טאָן די קרעפטן אויפסניי,
די אַלטקייט מיט יונגקייט באַהעפטן אויפסניי,
פון חורבות אַ הייב טאָן געביידען אויפסניי,
די חרובע וועגן באַנייען אויפסניי,
אין נחת, וואָס קומט אונדז אַנטקעגן אויפסניי,
אין פרייענטשאַפט, וואָס וואַרט אויף די וועגן אויפסניי
און הוידען קינדער אין וויגן אויפסניי
און לעבן און קעמפן און זיגן אויפסניי״.

דאָס לידער־בוך האָב איך געקראָגן פון איציק פעפערן מיט זייער אַ וואַרעמער צושריפט, סוף זומער 1948, פון מאָסקווע.

מיט אַ צוויי חדשים שפּעטער איז מיר אָנגעקומען פון פּרץ מאַרקיש זיין גרויס בוך „מלחמה״, מיט אַן אויפשריפט פונעם 12 אָקטאָבער 1948, וואָס זאָגט: „איך בין דיר שולדיק, אַז די האָר זיינען ניט מיינע. וועלן מיר אָנהויבן פונעם דאָזיקן בוך. מיט די בעסטע גרוסן״.

ווידער — אַ שטימונג פון אָנהייב, פון אַ נייעם אָנהייב בכלל און בפרט.

דאָס בוך „מלחמה" ווערט פאַרענדיקט מיט פיל־זאָגנדיקע און טיף־מיינעג־דיקע שורות:

„דעם קיום קערט אויפסניי זיך אום דער תוך און דער באַטייט,
ס'שטעלט די נאַטור דעם אומבייט אויף פון בליען און פון וועלקן.

— — — — — — — — — — —

עס וועלן קינדער שלאָפן רואיק און באַהיט,
און עס וועט די וועלט אַ גליקלעכע זיי גיין אַנטקעגן,
און מענטש צו מענטש — אין ברודערשאַפט פאַרטרויט,
פאַראייניקט אין באַשאַף — אַן אומה צו אַן אומה".

.3

אין יענע האַרבסט־חדשים האָט מען זיך געגרייט צום 30סטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און די יידישע שרייבער האָבן זיך פאַרנומען ווי מחותנים אונטערצופירן רייכע קולטור־שאַפערישע סך־הכלען צו די גרויסע דערגרייכונגען און אויפטוען פון דעם יידישן שאַפן. זיי האָבן אויך געכאַוועט אין זייערע געפילן דעם זכר און די ירושה פון די קרבנות, וואָס די סאָוועטישע יידן האָבן צוגעטראָגן אין שווערן און הייליקן קאַמף קעגן די היטלעריסטישע מערדער־אָקופּאַנטן. וועגן דעם אַלעמען איז געשריבן געוואָרן אין די לעצטע חדשים. עס האָבן זיך געגרייט וויכטיקע אַלגעמיינע ווערק, סיי קאָלעקטיווע און סיי פון יחידים־שרייבער, אויך פון די יידישע, יונגע און עלטערע שרייבער, וואָס זיינען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער.

אין אַן אַרטיקל „גרויסע סך־הכלען" (30 יאָר יידישע סאָוועטישע סאָציאַ־ליסטישע קולטור אין „היימלאַנד", מאָסקווע, 1944, ז' 1) רעדט, י. נוסינאָוו מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן דעם גרויסן פאַרנעם פון יידישער קולטור אין די פאַרשיידנסטע צווייגן און אָפּצווייגונגען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן אים איבערדרוקן, ווי מיר קאָנען אויך נישט ברענגען קיין גרעסערע אויסצוגן פון אַנדערע אַרבעטן, וואָס דערציילן וועגן דעם אויפ־שוואונג און פאַרנעם פון דעם יידישן פיל־פאַרצווייגטן שאַפן אין די נאָך־מלחמה יאָרן: „ס'איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע סאָציאַליסטישע יידישע קולטור. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נעץ יידישע מלוכה־טעאַטערן מיט זעלטענע קאָלעקטיווע רעזשיסערן, אַקטיאָרן, מאַלער, מוזיקער... — — — פאַר די 30 יאָר רעוואָ־לוציע איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע פלעיאַדע סאָוועטישע יידישע געלערנטע — פאָרשער פון געשיכטע און פון פאַרשיידענע פּראָבלעמען פון היינטצייטיקן יידישן לעבן..." און עס ווערן דערביי אויסגערעכנט צענדליקער נעמען פון די קינסטלער, וויסנשאַפטלער. און ווייטער: „און וואָס ס'איז באַזונדערס

פריידיק און וויכטיק — אָט די גרויסע און פּאַרצווייגטע סאָוועטישע יידישע קולטור איז געשאַפן ניט פון יחידים און פּאָר יחידים. דאָס איז באמת אַ פאָלקס־קולטור, וואָס ווערט געשאַפן דורך אַ גרויסער פילצאָליקער פאָלקס־אינטעליגענץ און וואָס ווערט געברויכט דורך די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן...״

עס זיינען פאַר אונדז זייער אינטערעסאַנט די ווערטער פון י. גוסינאָוו: „אַ באַזונדערס אנשוילעכער באַווייז פון דעם ברייטן פאַרנעם פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז די גרויסע פאַרשפּרייטונג פונעם יידישן בוך אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס סאָוועטישע יידישע בוך ווערט פאַרשפּרייט אין אַזעלכע טיראַזשן, פון וועלכע ס׳קאָנען אַפילו ניט טרוימען קיין יידישע שרייבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט זייער פילמיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג...״ (ז״ז 143־144).

אַ גאַנץ קלאָרע אויפקלערונג פון די געפעלשטע פאַקטן און פון די אַלע בלבולים, אַז יידישע ביכער זיינען געבליבן ליגן אין די קעלערס, א. אַז. וו., — די בלבולי־שקר, וואָס עס האָבן פאַרשפּרייט און פאַרשפּרייטן איצט די כלערליי יידישע און נישט־יידישע גוטזאָגער און פאַרטיידיקער פונעם יידיש־חורבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

לאָמיר דאָ ברענגען די לעצטע עטלעכע שורות פון רבקה רובינס אַריינפיר צום גרויסן זאַמלבוך, וואָס איז דערשינען אינעם איקוף־פאַרלאַג אין 1949, „אויף נייע וועגן״ (אַלמאַנאַך — דרייסיק יאָר סאָוועטיש־יידיש שאַפן, ניו־יאָרק, 431 זייטן, וואו עס זיינען פאַרעפנטלעכט שאַפונגען פון 67 סאָוועטיש־יידישע שרייבער): „צום דרייסיקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צום גרויסן יום־טוב פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון אַלע פריי־הייט־ליבנדיקע פעלקער אין דער וועלט, איז די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור געקומען מיט גרויסע דערגרייכונגען״. און זי זאָגט ווייטער מיט אַזאַ זיכערקייט: „קיין שום שטרויכלונגען אויף איר וועג וועלן נישט אָפּ־שטעלן איר וואוקס. זי וועט ווייטער בליען און וואַקסן, פּונקט ווי ס׳וועט געוויס בליען און וואַקסן אונדזער פאָלק, דאָס פיל־געפּרואווטע אין ליידן און אין קאַמף״.

די דאָזיקע האַפערדיקע שורות זיינען געשריבן געוואָרן האַרבסט 1948 אין מאָסקווע און איבערגעשיקט געוואָרן דורכן יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

מיט אַזאַ מין שטימונג פון וואַקסן און פון בליען, פון אַ נייעם ווילן צו פאַרטיפן און פאַרברייטערן דאָס ווייטערדיקע שאַפן, זיינען אַדורכגעדרונגען די אַלע לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען און רעדעס, וואָס מיר טרעפן אין די פאַרשיידענע יידישע ביכער און זאַמלונגען, וואָס זיינען דערשינען אין יענער צייט. זיי האָבן, ווייזט אויס, נישט געוואוסט און נישט פאַרדאַכט,

אַז עס ווערן אויסגעאַרבעט פּלענער און מעטאָדן ווי אַזוי דאָס אַלץ צו צע־שטערן, פּאַרוויסטן, אומברענגען. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז מען האָט שוין געלויערט אויף זייער פרייהייט און לעבנס, און בכלל אויף אַלץ, וואָס זיי האָבן געבויט און געשאַפן ווי אויך אויף אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך פאַרנומען צו שאַפן באַגלייך מיט אַלע פעלקער אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד סוף 1948.

מיר וועלן אויך ציטירן שורות פון אַ בריוו צו אונדז פון איינעם אַ חשובן שרייבער, וועלכער האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט מיטן לעבן. דער בריוו איז פונעם 2טן פעברואַר 1957, נאָך דעם, ווי דער שרייבער איז אַדורך אַלע שבעה מדורי גיהינום, און איז ענדלעך אַרויס אַ לעבעדיקער, אָבער אַ קראַנ־קער און אַ צעבראָכענער. ער שרייבט צו מיר: „...וואָס עס איז מיט מיר געוועזן? איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין 1949, אין ביראָבידזשאַן, וואו איך בין געוועזן דער קאָרעספּאָנדענט פון דער מאָסקווער ,אייניקייט' פון 1944 אָן. איך בין דאָרט אויך געוועזן דער מיטרעדאַקטאָר פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל ,ביראָבידזשאַן' און דעפּוטאַט פון דעם שטאָט־סאָוועט (פון 1947 ביזן אַרעסט). די דאָזיקע יאָרן פאַרן אַרעסט זיינען געווען שעפערישע יאָרן, יאָרן פון האָפענונג און גלויבן. איך בין געווען פאַרליבט אין דער געגנט. זי איז מיר געפעלן געוועזן מיט איר וואונדערלעכער שיינקייט און מיט אירע רייכטימער. עס זיינען אָנגעקומען צענדליקער עשאַלאָנען מיט נייע איבער־וואַנדערער. כ'האָב געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז מיינע. לײדער, אָבער, האָט די פינצטערע בעריאַ־צייט דאָס אַלץ צעשטערט. די גאַנצע יידישע אָנפירונג פון דער געגנט איז אַרעסטירט געוואָרן, צווישן זיי די שרייבער און בתוכם — אויך איך" (ווייטער קומט די טרויעריקע באַשרייבונג פון טורמע, לאַגער א. אַז. וו.).

ל. זינגער אין זיין ביכל „דאָס אויפגעריכטע פאָלק" (מאָסקווע 1948, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס") שרייבט צווישן אַנדערן: „... נאָך דער מלחמה האָט באַנייס גענומען זיך אַנטוויקלען די יידישע קולטור־אַרבעט. דער קאַבינעט פון יידישער קולטור ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע באַנייט זיין טעטיקייט אויפן געביט פון פאָרשן די קוואַלן פון דער יידישער פאָלקס־שאַפונג, שפּראַך און ליטעראַטור. אין ווילנע פונקציאָנירט דער יידישער מוזיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן לויט אַ באַשלוס פונעם ראַט־פאָלקאָם פון דער ליטווישער ססר. עס האָט זיך פאַרצוויגט און פאַרברייטערט די אַרבעט פון דער צייטונג ,אייניקייט' און פונעם פאַרלאַג ,דער עמעס'. עס איז געשטיגן אין פאַרגלייך מיט די פאַר מלחמה־יאָרן די טי־ראַזשן פון די יידישע ביכער. די סאָוועטישע יידישע שרייבער בערגעלסאָן, נסתר, האָפשטיין, מאַרקיש, האַלקין, קוויטקאָ, פעפער, פינינבערג, קושני־

ראַוו, און אַנדערע האָבן באַרייכערט די ליטעראַטור מיט אַ ריי באַדייטנדיקע ווערק. עס האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען דריי פּעריאָדישע ליטעראַטור־אַלמאַנאַכן: „היימלאַנד" אין מאָסקווע, „דער שטערן" אין קיעוו, „ביראָ־בידזשאַן" אין ביראָבידזשאַן. עס האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקו־אַציע און עס פונקציאָנירן אַלע יידישע טעאַטערן, עס אַנטוויקלט זיך די קינסטלערישע זעלבסט־טעטיקייט א. אַז. וו. (ז"ז 69־70).

און איצט, ווען מיר האָבן פאַר זיך דעם אַלגעמיינעם פאָן, דעם הינטער־גרונט פון דעם ערב חורבן, וועלן מיר ברענגען די אויסצוגן פון דער „איי־ניקייט" וועגן דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די חדשים סעפּטעמבער־נאָוועמבער 1948, פון די באַריכטן, בריוו און אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט אין די 13 נומערן.

מיר האָבן די אויסצוגן גרופּירט לויט די באַזונדערע געביטן — ביראָ־בידזשאַן, ליטעראַטור און שרייבער, טעאַטער און קאָנצערטן.

ביראָבידזשאַן

אינעם נ' 114, פונעם 21טן סעפּטעמבער 1948 האָבן מיר אַ קאָרעס־פּאָנדענץ אונטערן קעפּל „אַ שעפערישער אָוונט פון די דיכטער י. עמיאָט און א. בראָנפמאַן":

„אין דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער ביבליאָטעק אויף שלום־עליכמס נאָמען איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט, געווידמעט די צוויי ניי־דערשינענע ביכער פון די ביראָבידזשאַנער דיכטער ישראל עמיאָט („אויפגאַנג") און איציק בראָנפמאַן („אויף ליכטיקע וועגן"). דער אָוונט האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם אַרבעטער און אינטעליגענץ".

דער שרייבער ה. ראַבינקאָוו האָט געזאָגט, צווישן אַנדערן: „די דאָזיקע צוויי דיכטער זיינען ביז גאָר פאַרשיידן לויט זייער אַרט שרייבן, ביידע פאַראייניקט אָבער דאָס, וואָס ביי זיי פאַרנעמט דאָס צענטראַלע אָרט די ווייט־מזרחדיקע טעמע, די טעמע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וועלכע זיי אַנטפּלעקן אויף אַן אייגנאַרטיקן און אָרגאַנישן אופן"...

די דיכטער האָבן געלייענט זייערע נייע לידער. ווייטער ווערט איבערגע־געבן: „אינעם מיינונגס־אויסטויש האָבן אָנטייל גענומען דער דירעקטאָר פון דער פּעדאַגאָגישער שול ח' וואָראָווסקי, די פאַרוואַלטערין פון דעם אָפּטייל פאַר אַגיטאַציע — ח'טע וואָלוואָפּסקע. די ח"ח געפּטינע, ריאַנס, באַרנבוים, קעסלברענער א. אנד."

אינעם זעלבן נומער איז דאָ אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דער יידישער אויי־

טאַנאַמער געגנט א. נ. „אין אַ רויטפאַניקן קאָלווירט", וואו עס ווערט באַ־שריבן דאָס לעבן, די דערגרייכונגען פונעם קאָלווירט „האַרעפּאַשניק", איינער פון די פאַרגעשריטנסטע קאָלווירטן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וועלכער האָט זיך האַיאָר זייער גוט ספּראַוועט מיטן שניט פון דער גערעטעניש און האָט באַצייטנס אויסגעפילט דעם מלוכה־פּלאַן פון ברויט־צוגרייטונגען, און אויך אויפן געביט פון פיצוכט — האָט ער געהאַט ערנסטע דערפאָלגן".

„דער אַרטעל ,האַרעפּאַשניק' האָט האַי־יאָר אויפגענומען עטלעכע משפחות פון די ניקאָלאַיעווער איבערוואַנדערער. די נייע מענטשן האָבן באַלד פון די ערשטע טעג זיך איינגעשלאָסן אינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פונעם קאָלווירט... מער פאַרגרעסערט דעם פאַרזיי־שטח, מען גרייט צו אַ וואַרעמע און זאַטע ווינטערונג פאַרן פי..." און די קאָרעספּאָנדענץ, גע־שריבן פון ס. ראָזענפעלד, ווערט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „אויך דאָ קאָן מען כמעט אויף יעדן אַרבעט־באַצירק געפינען עמעצן פון די נייע איבערוואַנדערער, וואָס צוגלייך מיט די אַלטע קאָלווירטניקעס אַרבעטן זיי איבערגעגעבן פאַרן ווייטערדיקן אויפבלי פון דער לאַנדווירטשאַפט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט".

און ווייטער קומט אין נומער אַ מעלדונג וועגן דעם ניי־דערשינענעם בוך אין דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס" — „עשאַלאָנען גייען קיין בירעבידזשאַן", פאַרצייכענונגען פון אי. לומקיס, וואָס איז אין 1947 געפאָרן אַלס ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „אייניקייט" אינאיינעם מיטן צווייטן וויניצער עשאַלאָן קיין בירעבידזשאַן. „אינעם ביכל ווערן אין אַ לעבעדיקער פאָרם געשילדערט דער וועג און די מענטשן פונעם עשאַלאָן".

מען דאַרף דאָ דערמאָנען די פּרעכטיקע פאַרצייכענונגען פון דעם נסתר „מיט איבערוואַנדערער קיין בירעבידזשאַן", — טיף־אָריגינעלע און אינ־טערעסאַנט־רירנדיקע איינדרוקן פון דער רייזע און פון די איבערוואַנדערער (צוערשט געדרוקט אין מאָסקווער „היימלאַנד", נ' 1, 1947, איבערגעדרוקט אין נסתרס „דערציילונגען און עסייען", ניו־יאָרק, 1957). די פאַרצייכע־נונגען פאַרענדיקן זיך מיט די וויזיאָנערישע שורות, ווען די איבערוואַנ־דערער „וועלן זיך געפונען אין יענעם אָרט פון פאָלקס־שעפערישער אָנ־זאַמלונג, פון ניי־געבורט און איבערדערציאונג, אַוואוהין זיי שטרעבן און ציען איצט, ווי פויגלען מיט פרילינג־בשורה אין די פליגל" (ז' 178).

אין נומ. 115 (פונעם 23סטן סעפּטעמבער 1948) איז אָפּגעדרוקט אַ לענ־גערער באַריכט וועגן אַ שעפערישן אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין בירע־

בידזשאַן, אין דער רעדאַקציע „ביראָבידזשאַנער שטערן", אין וועלכן דער דיכטער חיים מאַלטינסקי האָט פאַרגעלייענט זיין נייע פּאָעמע „דבורה". „אויפן אָוונט איז בייגעווען אַ היפּשער עולם — פּאַרטייאישע און סאָוועטישע טוער, סטאַכאַנאָווצעס, שרייבער, אַרטיסטן, לערער א. אַנד. ס'איז פאָרגע־קומען אַ לענגערער מיינונגס־אויסטויש. „דער גרעסטער טייל רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז די פּאָעמע איז אַ נייער שעפערישער טריט פאָראויס פונעם דיכטער".

און ווייטער אינעם זעלבן נומער דערציילט י. מיצנהענדלער, אַ דאָק־טער פונעם ביראָבידזשאַנער שטאָטישן שפּיטאָל, אין אַ בריוו פון דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט וועגן די „באַשיידענע מענטשן", — די יידישע מיילדשערס, מעדיצינישע שוועסטער, אַקושאָרן, סאַניטאַרן, וואָס „שטייען אַלעמאָל געטריי אויף זייערע פּאָסטנס", די „רעכטע הענט אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט". „די אַרבעטנדיקע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט ווייסן ווי צו שעצן די איבערגעגעבענע מי פון אָט די באַשיידענע מענטשן און הייסע פּאַטריאָטן פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד".

ביראָבידזשאַן, ווי מיר זעען פון די באַריכטן, ידיעות און באַשרייבונגען אין „איינִיקייט" פאַרנעמט וואָס־ווייטער אַן אַלץ־גרעסערן און וויכטיקערן אָרט אינעם יידישן סאָוועטישן לעבן.

אָט עפענען מיר דעם נ' 121 (פונעם 7טן אָקטאָבער 1948), — די זייט 2 הויבט זיך אָן מיט אַ גרויסן אַרטיקל פונעם באַקאַנטן יידישן שרייבער חיים מעלאַמוד, דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „איינִיקייט" אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. דאָס מאָל שילדערט ער די פּיצִיכטלער פון די פערמעס אינעם קאָלווירט „רויטער אָקטאָבער", „וואָס געפינען זיך אויף אַ גאַנץ הויכן בערגל. לאַנגע הילצערנע שטאַלן מיט די קליינינקע פענצטער־לעך און שמאָלינקע לופט־קוימענדלעך שטייען אין אַ גלייכער ריי, ברייט אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער. זומער און ווינטער גייט דאָ אַן אָנ־געשטרענגטע אַרבעט..."

אויף דער זעלבער זייט ווערט, אין אַ נאָטיץ „די לעצטע צוגרייטונגען", דערציילט, אַז „אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט קומען פאָר די לעצטע צוגרייטונגען צום אויפנעמען דעם עשאַלאָן סאַמאַרקאַנדער איבערוואַנדע־רער, וועלכער ווערט דערוואַרט אין ביראָבידזשאַן דעם 8טן אָקטאָבער. פון ביראָבידזשאַן איז קיין אָבלוטשיע, אויף דער גרענעץ פון דער געגנט, אַרויס־געפאָרן באַגעגענען דעם עשאַלאָן אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע בראש מיטן פאַרשטייער פונעם געגנט־אויספּירקאָם ח' גערשקאָוו. די אונטערנעמונגען, קאָלווירטן און אַנשטאַלטן, וואו די נייע איבערוואַנדערער וועלן זיך איינ־

אָרדענען אויף אַרבעט, פֿאַרענדיקן דעם רעמאָנט פֿון די דירות. עס ווערן פֿאַרגרייט די נויטיקע פּראָדוקטן, קליידער און אַנדערע סחורות. די בירא־בידזשאַנער געזעלשאַפֿטלעכקייט גרייט זיך צו דער פֿייערלעכער באַגעגעניש".

און אָט איז נומ. 123 (פֿונעם 12טן אָקטאָבער 1948), וואו מיר האָבן אַ באַגייסטערטע טעלעגראַמע פֿון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, געשריבן פֿון י. עמיאָט: „אַ פֿייערלעכע באַגעגעניש מיט די נייע איבערוואַנדערער אין בירא־בידזשאַן". אַ שאָד, וואָס צוליב מאַנגל אין אָרט, קאָנען מיר נישט איבערדרוקן די גאַנצע טעלעגראַפֿישע קאָרעספּאָנדענץ. די ידיעה, אַז עס קומט אָן דער עשאַלאָן סאַמאַרקאַנדער איבערוואַנדערער האָט אַרויסגערופֿן גרויס פֿרייד ביי די אַרבעטנדיקע פֿון בירא־בידזשאַן. „פֿון 8 אַזייגער אינדערפֿרי האָבן זיך אויפֿן וואָקזאַל אָנגעהויבן זאַמלען מענטשן — אַרבעטער פֿון די אונטערנעמונגען, אָנגעשטעלטע, סטודענטן פֿון די בירא־בידזשאַנער טעכניקומס, — יום־טובדיק געקליידעטע, מיט בוקעטן בלומען אין די הענט. פֿיל פֿון זיי גרייטן זיך היינט באַגעגענען קרובים און באַקאַנטע. דער וואָקזאַל איז באַצירט מיט פּאָרטרעטן און מיט לאָזונגען... 9 אַזייגער אינדערפֿרי, עס הילכן די עקסטערן. עס דערנעענטערט זיך צום פּעראָן דער עשאַלאָן. אויף דער באַצירטער טריבונע גייען אַרויף די אָנפֿירער פֿון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט..."

צווישן אַנדערע רעדט דער פֿאָרזיצער פֿונעם געגנט־אויספּירקאָם ח' לעוויטין: „טייערע חברים, — ווענדט ער זיך צו די איבערוואַנדערער, — מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק האָט זיך ווידער באַנייט די מאַסאָווע איבערוואַנדערונג צו אונדז אין געגנט... פֿאַר אָט דער צייט זיינען אָנגעקומען צו אונדז אין געגנט עלף עשאַלאָנען. איר זייט דער 12טער עשאַלאָן"...

ח' לעוויטין באַגריסט די איניציאַטיוו פֿון דער גרופּע איבערוואַנדערער פֿונעם סאַמאַרקאַנדער עשאַלאָן, וועלכע האָט אויסגעדריקט דעם פֿאַרלאַנג צו גיין אַרבעטן אין וואַלד ביי די געהילץ־צוגרייטונגען. מיט זייער מי וועלן זיי העלפֿן בויען הייזער, כדי צו זיכערן דעם אויפֿנעם פֿון נייע און נייע עשאַלאָנען.

אין נאָמען פֿון די סאַמאַרקאַנדער איבערוואַנדערער האָט גערעדט דער באַרג־אינזשעניער נחום כייקין. ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז „דער סאַמאַרקאַנדער עשאַלאָן האָט געבראַכט מענטשן, וועלכע וועלן זיך ניט אָפּשרעקן פֿאַר קיין שום שוועריקייטן און וועלן אויספֿילן די אויפֿגאַבן, וואָס עס האָבן געשטעלט פֿאַר זיי די פּאַרטיי און די רעגירונג".

און וויטער קומט אַ נאָטיץ, אַז „אינעם בירא־בידזשאַנער קולטור־הויז

אויף מיכאָעלסעס נאָמען איז פאָרגעקומען אַ שעפערישער אָוונט, געווידמעט דער קינסטלערישער טעטיקייט פון דער אַרטיסטין פונעם ביראבידזשאַנער יידישן מלוכה־טעאַטער אויף ל. מ. קאַגאַנאָוויטשעס נאָמען מאַניע קאַרלאָס. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם אַרבעטער, אַנגעשטעלטע און אינטעליגענץ. דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם טעאַטער, פאַרדינסט־פולער אַרטיסט פון העלפאַנד חיים פסטר האָט דערציילט וועגן דעם שעפערישן וועג פון דער טאַלאַנטפולער אַרטיסטין, וועגן איר לאַנג־יאָריקער אַרבעט אינעם ביראבידזשאַנער טעאַטער. פאַר די פופצן יאָר פון איר אַרטיסטישער טעטיקייט האָט מאַניע קאַרלאָס געשאַפן העכער 60 ראָלן".

און ווידער אַמאָל פריידיקע און דערמוטיקנדיקע נייעס פון ביראבידזשאַן.

אינעם נומ' 124 (פונעם 19טן אָקטאָבער) האָבן מיר אַ לענגערע מיט־טיילונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, געחתמעט פון א. ווייסמאַן, הויפט־אַגראָנאָם פון דער געגנטלעכער לאַנדווירטשאַפט־פאַרוואַלטונג און פון אי. זאַקאַן, שעף פונעם פלאַן־אָפּטייל פון דער געגנטלעכער לאַנדווירט־שאַפט־פאַרוואַלטונג. עס ווערן אָנגעגעבן ציפערן, וואָס ווייזן דעם וואוקס פון דער פּראָדוקציע. „אין די קאָלווירטן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט זיינען האַי־יאָר די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן דורכגעגאַנגען אונ־טערן צייכן פון קאַמף פאַר אַ הויכער גערעטעניש. די סאָציאַליסטישע פאַר־מעסטונג האָט אָנגענומען אַ ברייטן פאַרנעם, אין איר האָבן זיך באַטייליקט אַלע טוער פון דאָרף". עס ווערן געבראַכט ציפערן פון די אַלע צווייגן און געביטן פון דאָרטיקן ווירטשאַפטלעכן לעבן.

און ווייטער ווערט אין אַ בריוו פון ביראבידזשאַן מיטגעטיילט, אַז „שוין אויפן דריטן טאָג נאָך זייער אָנקומען קיין ביראבידזשאַן, זיינען כמעט אַלע סאַמאַרקאַנדער געוועזן איינגעאָרדנט אויף אַרבעט, דערונטער 70 פּראָצענט פון זיי — אין די אונטערנעמונגען פון דער שטאָט ביראבידזשאַן גופא... די טעג וועלן אַלע דריי סאַמאַרקאַנדער בריגאַדעס אַוועקגיין אין וואַלד אויף געהילך־פאַרגרייטונגען".

אינעם נ' 127 (פונעם 21טן אָקטאָבער) איז פאַרעפנטלעכט אַ אינטערע־סאַנטער בריוו, וואָס ווייזט ווי ביראבידזשאַן האָט געוונען דינען ווי אַ וויכ־טיקער פונקט אינעם סאָוועטישן יידישן לעבן. אַ זייער רירנדיקער בריוו פונעם עלטערן סערזשאַנט אפרים עסטערמאַן און פונעם סאָלדאַט שמואל עזריאל ברופמאַן אונטערן נאָמען „מיר וועלן אויך קומען קיין ביראבידזשאַן": „מיר, סאָלדאַטן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, האָבן געלייענט אין דער ,איינקייט', ווי אַזוי עס לעבן די אַרבעטנדיקע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. מיר זיינען צופרידן, וואָס פיל זאַוואָדן און פאַבריקן פון דער געגנט

פילן אויס מיט דערפאָלג זייער יאָר־פּלאַן. די פאַרשאָלטענע דייטשישע פאַשיסטן האָבן אומגעבראַכט אונדזערע משפּחות. ווען מיר האָבן איבערגע־לייענט וועגן די סאַמאַרקאַנדער איבערוואַנדערער, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז נאָכן פאַרענדיקן אונדזער דינסט אין דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלן מיר זיך באַזעצן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט״...

ס'קומט ווייטער אין נומער אַן אַרטיקל פון בירָאבידזשאַן פון ב. היימאַן וועגן די פאַרמעסטונגען אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, מיט באַ־שרייבונגען פון אַ צאָל טוער, אַרבעטער.

עס ווערט אין אַ נאָטיץ דערציילט, אַז „אין דער שטאָט בירָאבידזשאַן האָט מען היי־יאָר האַרבסט פאַרפלאַנצט אַ גרויסע צאָל נייע ביימער און קוסטעס״. אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ האָט מען פאַרלייגט אַ נייעם סקווער... אינעם ישוב אויף מיקאָיאַנס נאָמען האָט מען אינעם פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו פאַרפלאַנצט צען טויזנט ביימער, דעקאָראַטיווע געוויקסן און פאַרשיידענע קוסטעס...

אינעם נומ׳ 128 (פונעם 23טן אָקטאָבער) איז פאַרעפנטלעכט אַ גרויסער אַרטיקל, מיט פיל מאַטעריאַלן, איינצלהייטן וועגן דעם אָנהויב און וואוקס פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אין פאַרבינדונג מיטן 20־יאָריקן יובל פון דער געגנט, געשריבן פון יע. ראָזענבערג, וואו עס ווערט דערציילט וועגן די ערשטע בויער פון דער געגנט, וועגן די גרויסע בייטראָגן, וועגן די גרויסע פאַרמעסטונגען און דערגרייכונגען, און בעיקר — וועגן דער טרייער באַטייליקונג פון דער יוגנט אין די אַלע אַרבעטן.

דער נומ׳ 138 (פונעם 16טן נאָוועמבער) הויבט זיך אָן, אויף זייט 2, מיט אַ לענגערער קאָרעספּאָנדענץ פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט בירָאבידזשאַן, געשריבן פון ס. אלציקער, וואו עס ווערט באַשריבן, ווי „אין איינעם אַ יאַנואַר־פרימאָרגן איז קיין אמורזעט, אין קאָלווירט „רויטער אָק־טאָבער״ אָנגעקומען אַן אויטאָבוס, פול געפּאַקט מיט מענטשן. נאָך אים האָבן זיך געצויגן עטלעכע לאַסט־מאַשינעס, מיט מעבל און שטוב־זאַכן״... און עס ווערט איבערגעגעבן די פרייד פון די אַרטיקע קאָלווירטניקעס, וועל־כע האָבן פייערלעך און ברייטהאַרציק אויפגענומען די נייע איבערוואַנדע־רער. לסוף ווערט דערציילט, אַז „ביז 50 משפּחות נייע איבערוואַנדערער האָט היי־יאָר אויפגענומען דער קאָלווירט „רויטער אָקטאָבער״. אַלע האָבן זיך פעסט און אויף שטענדיק זיך איינגעפונדעוועט אויפן באָדן פונעם סאָווע־טישן ווייטן מזרח אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט״.

אין דעם לעצטן נומער 140 (פונעם 20סטן נאָוועמבער 1948), וואָס איז פול מיט מאַטעריאַלן, אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן אַ פולבלוטיקן יידישן

לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד (דער לעצטער נומער פון דער „אייניקייט", וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז) האָבן מיר אַ האָפּענונגספולן בריוו פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, פון ביראָבידזשאַן, געשריבן פון יא. יאַסינסקי, וואָס דערציילט אין רירנדיקע ווערטער וועגן העניע וואַליקאָווע, „איינע פון די בעסטע סטאַכאַנאָווקעס פונעם ביראָבידזשאַנער זאַוואָד פון מעטאַל־אַר־טיקלען": „מיט צען יאָר צוריק איז העניע אַריבערגעפאָרן פון דניעפּראָ־פּעטראָווסק קיין ביראָבידזשאַן. זי האָט ניט געהאַט קיין שום פאַך אין האַנט. פריער האָט זי דאָ געאַרבעט אין דער טראַנספּאָרט־בריגאַדע. דערנאָך האָט מען זי אַוועקגעשטעלט ביים שטאַמפּ — מאַכן טשוועקעס, און זי האָט גיך אָנגעהויבן זיך אויסצייכענען מיט איר שעפערישקייט, אויפטועריש-קייט"...

יא. יאַסינסקי פאַרענדיקט זיין שילדערונג מיט אַזאַ סצענע: „... עס האָט זיך געענדיקט די וואַכטע. העניע האָט צוגעגרייט איר שטאַמפּ צו דער מאָרגנדיקער אַרבעט און האָט ניט געאיילט אַרויס פון צעך. אינעם סעדל אויפן זאַוואָדישן הויף האָבן זיך פאַרזאַמלט די שטאַמפּפירערינס מירל פעלדמאַן, ראַיע קויפמאַן, גאַלינאַ בליאַכער — העניעס שילערינס. דערזען העניען, לאָדן זיי זי איין זיך צוזעצן. — וואָס מאַכט אייער אייניקל? — פרעגן זיי ביי העניען. — אַ דאַנק! ער וואַקסט, אונדזער יונגער ביראָבידזשאַנעץ, — ענטפערט זי מיט אַ שמייכל און אירע אויגן שיינען. — נאָר איר ווייסט מיך אַנטשולדיקן, איך מוז גיין אַהיים, עס וואַרטן אויף מיר געסט. פון אוק־ראַינע זיינען דאָך געקומען מיין מוטער און שוועסטער — נייע בויער פון ביראָבידזשאַן".

די אַלע בריוו, באַריכטן, קאָרעספּאָנדענצן און מיטטיילונגען, וואָס מיר האָבן אַרויסגענומען פון די „אייניקייט"־נומערן, רעדן פאַר זיך אַליין. זיי נויטיקן זיך נישט אין קיין שום פירושים און צוגאָבן. זיי באַווייזן, ווי די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז געוועזן לעבעדיק, אַקטיוו־שאַפעריש און מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַר אַ ווייטערדיקן וואוקס און ראַשיקער אַנטוויקלונג, און מען קאָן באַגרייפן די ציטירטע ווערטער פונעם יידישן שרייבער, וואו ס'ווערט געזאָגט, אַז ער האָט דאַן „געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז מיינע"...

יידישע קאָלעקטיוון

ווען מיר רעדן וועגן די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין ביראָבידזשאַן, לאָמיר אויך ברענגען צוויי אויסצוגן פון באַריכטן וועגן דעם באַנייטן יידישן לעבן אין צוויי יידישע קאָלווירטן, — איינער אין קרים און אַ צווייטער אַרום קיעוו. וועגן אַזעלכע יידישע קיבוצים האָבן מיר בכלל ווייניק געהערט.

לעבן זיי נאָך איצט? הערשט דאָרט אויך איצט אַזאַ געהויבענע, מונטערע שטימונג?

אין נ׳ 114 האָבן מיר אַ לענגערע, שיין־געשריבענע שילדערונג פונעם יידישן ישוב קלימאָווא און פונעם קאָלווירט אויף וואָראָשילאָווס נאָמען, וואָס „האָבן ביז דער מלחמה געהאַט אַ שם אין קרים. 16 יאָר נאָכאַנאַנד האָבן דאָ יידן פון האָמעל און יאַרצעווע, באָברויסק און מגלין, רעטשיצע און סמאָלענסק געבויט זייער היים אויף די קרימער סטעפּעס״. די דייטשע רוצחים האָבן חרוב געמאַכט דעם בליענדיקן ישוב. אין פרילינג 1944 איז מען צוריקגעקומען פון די פראָנטן און מיט געמיינזאַמע, אָנגעשטרענגטע כוחות זיך באַמיט אַלץ פונדאַסניי צוריק אויפשטעלן און אויפבויען. 126 קאָלווירטישע יידישע משפחות האָבן מיט געמיינזאַמע כוחות בייגעקומען די שוועריקייטן. אַ נײַ, באַנייט לעבן ווערט געמאָלט אין דער שילדערונג. עס זיינען אָנגעגעבן פאַקטן און ציפערן; נעמען פון מענטשן, און פאַרשיידענע עפּיזאָדן, וואָס סימבאָליזירן מיט זיך אַן אמתן „תחית המתים״. „פיר יאָר פריידן אוןליידן, ספקות און האָפענונגען פון דעם קאָלעקטיוו הארע־פּאַשניקעס אין קרים און קראַסנאָגוואַרדייסקער ראַיאָן״.

אין נומ׳ 119 (פונעם 2טן אָקטאָבער) האָבן מיר אַן אַרטיקל פון דעם שרייבער ה. פּאָליאַנקער, פונעם קאָלווירט אויף ל. מ. קאַגאַנאָוויטשעס נאָמען, אין דאָרף הארענקע ביי קיעוו. עס זיינען באַלוינט געוואָרן דורך דער סאָוועט־רעגירונג צוועלף קאָלווירטניקעס פון דעם דאָזיקן אַרטעל מיט אָרדענס און מעדאַלן. דער קאָלווירט איז אויסגעוואַקסן פון אַ דאָרף אין 1929. אַ פּאָר צענדליק יידן זיינען זיך צונויפגעקומען אין אַ קליינער כאַטע אין דער קיעווער פאַרשטאָט קורעניאָווקע און באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ קאָלווירט... „דעם 22טן יוני 1941 זיינען אויף קיעוו אַראָפּגעפאַלן די ערשטע דייטשע באָמבעס, האָבן די קאָלווירטניקעס מיט די קי און קעלבלעך, אין וועגענער זיך אַוועקגעלאָזט אַזש צו דער סאַראַטאָווער געגנט, וואו אויסגע־בויט צייטווייליקע שטאַלן. דאָ האָט מען איבערגעלעבט די מלחמה, געאַר־בעט פאַרן פראָנט... און אָט איז געקומען דער טאָג פון נצחון, מיט האָב און גוטס, ווידער מיט דער טשערעדע, קערט מען זיך אום קיין האָרענקע. די גאַנצעווירטשאַפט איז פאַרוויסט, ניטאָ וואו אַליין דעם קאָפּ צושפּאַרן, וואו אַהינטאָן די בהמות. דער עולם פאַרקאַשערט די אַרבל, מען נעמט זיך אויפשטעלן די שטאַלן, ברענגען אין אָרדענונג די געביידעס, פאַרזייען די פעלדער, וואָס זיינען מיט ווילדגראָז פאַרוואַקסן...״

און ווי עס זאָגט דער אַלטער פסוק: „הזורעים בדמעה ברינה יקצורו...״ „ס׳איז היינט אין קאָלווירט אַ גרויסער יום־טוב... אָט שטייען זיי,

די מענטשן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די פראָנטן, אַנגעטאָן אין אָפּגע־בליאַקעוועטע סאָלדאַטישע העמדלעך, אויסגעווייקטע אין שווייס פון די העלדישע מאַרשן. אָט שטייען זיי, די וועטעראַנען פונעם קאָלווירט, וואָס האָבן פון אונטערן פייער פון דייטשע באָמבאַדירער געראַטעוועט דאָס קאָל־ווירטישע פאַרמעגן. דאָס האָבן זיי ניט געשאָנעוועט קיין כוחות אויפצו־שטעלן פון אַש און רואינען זייער קאָלווירטיש לעבן און האָבן אַרויסגעפירט זייער ווירטשאַפט אויפן ערשטן אָרט אין דער רעפּובליק״.

ווי טיף רירנדיק איז דאָס בילד! אַן אמתער תחית־המתים, אַ ווידער־געבורט.

אַז עס איז נישטאָ איצט קיין יידישע צייטונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד, — ווער קוקט זיך אַרום אויף זיי, ווער קאָן דערציילן וועגן זייערע ליידן און פריידן אין אַזעלכע טיף־רירנדיקע יידישע ווערטער?

וועלן מיר גיין ווייטער און מיר וועלן ברענגען אויסצוגן, וואָס גיבן איבער וועגן דעם וואָס ס׳האָט זיך דאָן געטאָן אין דער יידישער ליטעראַרי־שער וועלט אוןביים סאָוועטישן יידישן שרייבער, ערב דעם חורבן.

ליטעראַטור און שרייבער

מיר וועלן די ווייטערדיקע נאָטיצן, אויסצוגן, ידיעות וועגן די ליטע־ראַטור־דערשיינונגען, וועגן ליטעראַרישע צונויפקומס, וועגן ניי־דערשינע־נע ביכער א. אַז. וו. ברענגען לויט דעם ווי זיי קומען אין די ״אייניקייט״־נומערן פון סעפּטעמבער־נאָוועמבער 1948.

אין נ׳ 115 (פונעם 23סטן סעפּטעמבער) האָבן מיר אַ ידיעה פון ריגע וועגן אַן אָוונט, וואָס איז פאַרגעקומען אויפן ריגער ים־ברעג. עס איז געווען ״אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער אָוונט פון די אָפּרוענדיקע אין די סאַנאַ־טאָריעס, אויף וועלכע עס זיינען בייגעווען עטלעכע טויזנט מענטשן. דעם אָוונט האָט געעפנט פּראָפ. מ. שאַץ־אַנין, וועלכער האָט גערעדט וועגן דעם אויפבלי פון דער פיל־נאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. מיט וואַרעמע ווערטער און מיט פאַרלעזונגען פון זייערע ווערק זיינען אַרויסגעטראָטן די שרייבער וווס. איוואַנאָוו, ס. מאַרשאַק, צ. סאָלאָדאַר, פּרץ מאַרקיש און אַנד. דער אָוונט איז געווען אַן אמתע דעמאָנסטראַציע פון ליבע פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן צו דער גרויסער פיל־נאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור״.

אין נומ. 118 (דעם 30טן סעפּטעמבער) האָבן מיר אַ לענגערן אַרטיקל פון י. דאָברושין וועגן איציק פעפערס ניי לידער־בוך ״אויפסניי״, אַרויס־געגעבן דורכן מלוכה־פאַרלאַג ״דער עמעס״. צווישן אַנדערן זאָגט י. דאָב־

רושין: „...זייענדיק אָרגאַניש באַהעפט מיטן גאַנג און אַנטוויקלונג פונעם סאָוועטישן לעבנס־בוי, האָט פעפער אויף פאַרשיידענע עטאַפּן געענדערט די קאָנקרעטע פונקציע, דעם טעמאַטישן אינהאַלט פון זיין דיכטונג... פעפער האָט דאָ אינעם בוך ,אויפסניי׳ באַשיינפּערלעך פאַרגרעסערט דעם דיאַפּאַזאָן פון זיינע פּאָעטישע אָביעקטן. גיין אין דער גרויסער לענג און ברייט פון אַ לעבן און בלייבן קאָנקרעט און האַרציק, זיין דערביי כמעט אינטים ליריש — דאָס זיינען פעפערס דערגרייכונגען אין דער סאָוועטיש־יידישער דיכטונג"...

מיר געפינען אַ ידיעה פונעם מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס" וועגן דעם פאַרקויף פון די נייסטע פאַרלאַג־אויסגאַבעס אין „כאַרקאָווער קיאָסקן פון סאָיוז־פּעטשאַט".

אינעם נומ. 119 (פונעם 2טן אָקטאָבער) איז פאַרעפנטלעכט אַן אינטע־רעסאַנטער אַרטיקל „וועגן דער אויסגאַבע פון שלום־עליכמס „אַלע ווערק" פון א. פרומקין, פאַרוואַלטער פון דער רעדאַקציע פון דער יידישער קלאַסי־שער ליטעראַטור ביים מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס". ער גיט איבער, אַז „די ,עמעס׳־אויסגאַבע וועט זיין די ערשטע פולע ש"ע־אויסגאַבע. דער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט דעם ציל אויפצוזאַמלען און אַרויסגעבן אַלץ, וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין אין אונדזערע באַדינגונגען פון ש"עס ווערק. דאָס וועט זיין דער ערשטער פּרוואו אויפצוזאַמלען און אינווענטאַריזירן ש"עס געדרוקטע ירושה, ווייל די אַלע ביז אַהער פאַרעפנטלעכטע ווערק זיי־נען ניט קיין פולע און אָפט דעפעקטיווע, פאַרגרייזטע"... די אויסגאַבע פון ש"עס „אַלע ווערק" דאַרף דערשיינען אין די יאָרן 1949־1951 צו 6 בענד אַ יאָר. עס קומען פּרטים, אויפקלערונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון דער אויסגאַבע און וועגן די פאַרשיידענע פאַרש־אַרבעטן, וואָס ווערן געמאַכט צוליב דער אונטערנעמונג פון אַלע ש"עס ווערק.

אין אַן אָפּטיילונג „קולטור־כראָניק" האָבן מיר אייניקע מיטטיילונגען וועגן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער פון מאָסקווע. עס ווערט געמאָלדן, אַז „די ביוראָ פון דער פאַראייניקונג פון די מאָסקווער סאָוועטיש־יידישע שריי־בער האָט אָנגעמערקט אין אָקטאָבער־חודש דורכצופירן אַ ריי ליטעראַרישע אָוונטן. דער ערשטער — געווידמעט די 6 נומערן „היימלאַנד", דער צווייטער — מ. יעלינס און ג. געלפערנס בוך „פּאַרטיזאַנער פון קאָוונאָסער געטאָ" און דער דריטער — דעם רומפולן יובילעי פונעם קאָמיוג".

און נישט נאָר אין מאָסקווע. ס׳איז דאָ אין נומער אַ באַריכט וועגן לי־טעראַרישע אָוונטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער שטאָט מאָזיר (ווייס־רוסלאַנד): „אין דער געביידע פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק זיינען

פאַרגעקומען צווײ ליטעראַרישע אָונטן מיטן אָנטייל פון דער מאָסקווער יידישער שרײַבערין שירע גאָרשמאַן. זי האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור און פאַרגעלייענט דערציילונגען פון איר בוך „דער כוח פון לעבן". ביידע אָונטן האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן ליי־ענער־עולם".

אין דעם זעלבן נומ. 119 איז פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטער לענ־גערער אַרטיקל פון איציק פעפער, וואָס מען דאַרף באַזונדערס דערמאָנען און באַטאָנען, ווייל ער גיט אונדז אַ באַגריף וועגן דער דעמאָלטדיקער שטע־לונג פון די פירנדיקע יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד צו מדינת ישראל. עס איז געווען אינגאַנצן אַ צען טעג נאָך דעם, ווי איליאַ ערענבורג האָט פאַרעפנטלעכט אין „פראַוודאַ" (פונעם 21טן סעפּטעמבער 1948) זיין „באַרימטן" אַרטיקל „וועגן איינעם אַ בריוו" (איבערגעזעצט און אָפּגעדרוקט אין „איינִיקייט" דעם 23טן סעפּטעמבער). ווי באַוואוסט, האָט ער, דער אַסי־מיליאַטאָר, געפּסקנט, אַז „עס איז פאַראַן ווייניק־וואָס געמיינזאַמס צווישן אַ ייד פון טוניס און אַ ייד, וואָס לעבט אין שיקאַגע, וואָס רעדט אויף אַמערי־קאַניש און דענקט אויך אַמעריקאַניש (קיין אַנדערע ווי אָט די צוויי יידן האָט ער, ערענבורג, בעבעך נישט געקענט און נישט געוואָלט קענען!).

עס זאָגט איליאַ ערענבורג, אַז „איבּ צווישן זיי (די צוויי דערמאָנטע יידן פון טוניס און שיקאַגע) איז ווירקלעך פאַראַן אַ פאַרבינדונג איז זי בכלל נישט קיין מיסטישע: די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט געבוירן דער אַנטיסע־מיטיזם". און דערנאָך קומט די „טיפזיניקע" באַהויפּטונג: „ווען ס'זאָל זיך מאָרגן געפינען עפּעס אַ משוגענער, וואָס וואָלט דערקלערט, אַז אַלע רויטע אָדער אַלע קורצנעזיקע מענטשן דאַרפן גערודפט ווערן און דאַרפן פאַרניכ־טעט ווערן, וואָלטן מיר גלייך דערזען די באַטירלעכע סאָלידאַריטעט פון אַלע רויטע אָדער פון אַלע קורצנעזיקע". און האָבנדיק געפּאַקט אַזאַ „וואונ־דערלעכן" משל, ברענגט ער שוין דעם נמשל און מאַכט דעם אויספיר, אַז די פאַרפאָלגונגען אויף יידן, די פאַרניכטונגען האָבן עס „געבוירן צווישן די יידן פון פאַרשיידענע לענדער אַ געפיל פון טיפער פאַרבינדונג. דאָס איז, — לויט איליאַ ערענבורג, — די סאָלידאַריטעט פון באַליידיקטע און אויפ־געבּרעגטע".

און מער פון דעם — האָט געפּסקנט דער זעלבסט־געקרוינטער „אוטשאָני יעוורעי" — איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן די פאַרשיידענע יידן איבער דער וועלט.

משמעות, אַז קיין עפנטלעכן שאַרפן ענטפער האָט מען דאַן נישט גע־קאָנט געבן א. ערענבורגן... דעריבער קאָן מען אָננעמען איציק פעפערס

אַרטיקל „מיט אַזעלכע זאַכן שפּאַסט מען נישט", ווי אַן אומדירעקטן ענטפער צו א. ערענבורג.

איציק פעפער באַרירט אין זיין אַרטיקל אַן ענין, וואָס האָט אַ שייכות צו דער צווייטער סעסיע פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. דורך די פּראָגרע־סיווע דעלעגאַטן איז פאַרעליינגט געוואָרן אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, וואָס איז אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע און דערנאָך אויך אין פּרעזידיום אַדורכ־געפאַלן. די רעוואָלוציע „האָט געהאַט בלויז איין ציל: „די פאַרשטאַרקונג פון דער יונגער (ישראל) מלוכה, איר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט..." נחום גאָלדמאַן האָט דאַן געזאָגט, אַז „דער יידישער וועלט־קאָנגרעס דאַרף זיך נישט מישן אין די ענינים פון די ציוניסטן, און די מלוכה ישראל, איז אַן ענין, וואָס געהער צו די ציוניסטן".

דערויף ענטפערט איציק פעפער: „ס'איז אַ פאַלשע און שעדלעכע קאָנצעפּציע. די מלוכה ישראל איז אַן ענין, וואָס אינטערעסירט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און ניט נאָר דאָס יידישע פאָלק. די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט האָט מיט סימפּאַטיע נאָכגעשפּירט דעם געבורט פון דער יונגער מלוכה, און קיין איין פּראָגרעסיווער מענטש קאָן ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער ערד פון אָט דער מלוכה"...

ווידער אַמאָל — זייער וויכטיקע ווערטער און זאָלן עס נעמען צו קענ־טעניש (אויב זיי קאָנען און ווילן!) — די אַלע שונאים פונעם יידישע שרייבער אין ספ"ב, די אַמאָליקע און די איצטיקע.

און אָט איז אַ בריוו פון קאונאס (קאָוונע), געשריבן פון דער פאַרדינסט־פולער פּעדאַגאָגין העלענע כאַצקעלעס וועגן אַ ליטעראַרישן אָוונט אין קאונאס. עס ווערט געזאָגט: „די יידישע לייענער פון ליטע, איבערהויפּט פון קאונאס, האָבן מיט געדולד געוואַרט אויפן דערשיינען פון מ. יעלינס און ד. געלפּערנס בוך ‚פּאַרטיזאַנער פון קאונאסער געטאָ'. און ס'איז פאַר־שטענדלעך: אין אָט דעם בוך ווערט דאָך באַשריבן אַ שטיק לעבן און קאַמף פון די סאַמע נאָענטסטע — קרובים, פריינט, באַקאַנטע... שוין אין די ערשטע טעג איז אין קאונאס דאָס בוך אויספאַרקויפט געוואָרן אין גאָר אַ גרויסער צאָל עקזעמפּליאַרן. דער פאַרבאַנד סאָוועטישע שרייבער פון ליטע האָט אָרגאַניזירט אין קאונאס אַ גרויסן ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט דעם דאָזיקן בוך". עס האָבן אָנטייל גענומען די אויטאָרן פון בוך און אַ צאָל יידי־שע שרייבער, ווי אויך ליטווישע, און געוועזענע פּאַרטיזאַנער א. אַנד.

„דער אָוונט, — שרייבט ה. כאַצקעלעס, — האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם און איז אַדורכגעגאַנגען מיט פאַרדינטן דערפאָלג".

מיר האָבן געבראַכט גוטע גרוסן פון מאָסקווע, מאָזיר, קאונאס (קאָוונע).

איצט לאָמיר הערן אַ גרוס פון קיעוו. אָט זיינען צוויי נאָטיצן, אונטער אַ קעפּל „קיעווער נייס״, וואו מיר האָבן אַזעלכע וויכטיקע און פריידיקע ידיעות:

„די סאָוועטישע יידישע שרייבער פון קיעוו אַרבעטן אָנגעשטרענגט כדי אַריינצוטראָגן זייער צושטייער אינעם אויפבלי פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. עלי שעכטמאַן אַרבעט איבערן דריטן בוך פונעם ראָמאַן „פּאָליעסער וועלדער״. ,ביים טאָטן אין ווייגאַרטן״, — אַזוי הייסט דער ראָמאַן, וועלכן עס פאַרענדיקט איצט ה. פּאָליאַנקער. דאָס בוך שילדערט דאָס לעבן פון אַ יידישן ישוב אין פּאָדאָליע נאָך דער מלחמה. גלייכצייטיק אַרבעט ה. פּאָליאַנקער איבער דעם פערטן טייל פונעם ראָמאַן „שמאָיע גזלן״. יחיאל פאַליקמאַן האָט פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל פון זיין נייעם ראָמאַן „דער סאָלדאַט״. אין דעם דאָזיקן בוך וועט דער לייענער זיך ווידער באַגע־גענען מיט אַ רייע העלדן פון י. פאַליקמאַנס ערשט־דערשינענעם ראָמאַן „די שיין קומט פון מזרח״. אַ ראָמאַן „עווריקא״ — וועגן דעם נאָך־מלחמה־דיקן דייטשלאַנד — האָט פאַרענדיקט נאָטאַן זאַבאַרע״.

„אין קיעווער קלוב פון די פּאָליגראַפיסטן איז פאַרגעקומען אַ ליטעראַ־רישער אָוונט, געווידמעט דעם פאַרשטייענדיקן צוויטן שרייבער־צוזאַמענ־פאָר פון אוקראַינע. די שרייבער ה. פּאָליאַנקער און מ. טאַלאַלאַיעווסקי האָבן דערציילט וועגן די דערגרייכונגען, מיט וועלכע עס קומט צום דאָזיקן צוזאַ־מענפאָר די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור פון אוקראַינע. אויפן אָוונט האָבן פאַרגעלייענט זייערע ווערק י. פאַליקמאַן, ה. פּאָליאַנקער, א. קאַהאַן, ב. גוטיאַנסקי, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, ר. באַליאַסנע, ד. כייקינע. די פאַרזאַמלטע, צווישן וועלכע עס זיינען געוועזן פיל אַרבעטער און סטודענטן, האָבן וואַרעם אויפגענומען די אַרויסטרעטונגען פון די קיעווער יידישע שרייבער״.

און פון קיעוו לאָמיר זיך אַריבערכאַפּן צו אַ קאָלווירט (קאָלעקטיווע ווירטשאַפט) „פרייהיים״ (אָדעסער געגנט, ראַזדיעלנער ראַיאָן), וואו ס׳איז פאַרגעקומען, לויט אַ נאָטיץ, „אַ ליטעראַרישער אָוונט אין קאָלווירט פרייהיים״. עס ווערט דערציילט, אַז די פאַרוואַלטונג פונעם קאָלווירט האָט אָרגאַניזירט אַ ליטעראַרישן אָוונט מיטן אָנטייל פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער נאָטע לוריע, אי. דרוקער, כאָנע וויינערמאַן און הערץ ריווקין. אויפן אָוונט זיינען געקומען ניט בלויז אַלע קאָלווירטניקעס פון „פרייהיים״, נאָר אויך געסט פונעם שכנותדיקן אוקראַינישן קאָלווירט אויף קאַלינינס נאָמען. דער פאָרזיצער פון קאָלווירט לייב ווערכאָגלאַז האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „דער נאָמען פון אונדזער קאָלווירט ׳פרייהיים׳ אַנטשפּרעכט פולשטענדיק אונדזער שיינער, הערלעכער סאָוועטישער ווירק־לעכקייט... דאָ אויף דער געבענטשטער סאָוועטישער ערד, האָבן מיר, יידן,

באַנאַנד מיט אַנדערע ברידערלעכע פעלקער באַקומען פרייהייט און היים.
די פאַשיסטישע אויסוואורפן האָבן געוואָלט פאַרניכטן אונדזער ,פרייהיים'.
דאָס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן. אונדזער קאָלווירט לעבט ווידער
און ווערט נאָך מעכטיקער און שענער". מיט אַ פאַרטראַג וועגן דער סאָוו.־
יידישער ליטעראַטור איז אַרויסגעטראָטן אי. דרוקער. זייער וואַרעם האָבן
די קאָלווירטניקעס אויפגענומען די אַרויסטרעטונגען פון די שרייבער נאָטע
לוריע, כאַנע ווײַנערמאַן און הערץ ריווקין, וועלכע האָבן פאַרגעלייענט
זייערע ווערק".

און ווידעראַמאָל וועגן דעם יידישן ליטעראַרישן לעבן אין מאָסקווע.
אינעם נ' 127 (פונעם 21טן אָקטאָבער) האָבן מיר אַ לענגערן באַריכט וועגן
אַן אָוונט, געווידמעט דעם בוך פון מ. יעלין און ד. געלפערן „פאַרטיזאַנער
פון קאונאסער געטאָ", וואָס די ביוראָ פון דער פאַראייניקונג פון די סאָוועט־
טישע יידישע שרייבער האָט אַדורכגעפירט אין צענטראַלן ליטעראַטור־הויז.
עס האָבן גערעדט י. דאָברושין, ס. ראַבינאָוויטש, ל. קוויטקאָ, נוח לוריע,
נ. ה. קאָן, שירע גאָרשמאַן.

און אָט איז אַ גרוס פון ווילנע, פון דער אַמאָליקער „ירושלים דליטא".
אינעם פאַרגרעסערטן שבת־נומער 128 (פונעם 23טן אָקטאָבער) איז פאַר־
עפנטלעכט אַ באַריכט וועגן אַ באַגעגעניש פון יידישע שרייבער און לייענער
אינעם זאַל פון ווילנער שרייבער־הויז. דער מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס"
האָט צו דער דאָזיקער באַגעגעניש דעלעגירט זיינע פאַרשטייער — דעם
רעדאַקטאָר ר. פיש און דעם פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון בוך־פאַרשפריי־
טונג ח' פעסקין. דעם אָוונט האָט געעפנט דער סעקרעטאַר פון דער יידישער
סעקציע ביים פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער פון ליטע ה. אָשעראָ־
וויטש. ער האָט גערעדט וועגן דעם גרויסן אינטערעס צו דער סאָוועטישער
יידישער ליטעראַטור. „פאַר די לעצטע פיר יאָר זיינען אין ווילניוס פאַרגע־
קומען 60 יידישע ליטעראַרישע אָוונטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן
עולם". נאָך די פאַרשיידענע רעדעס און קריטיק, האָט ח' פעסקין געזאָגט,
אַז „אין דער ניט גענוגנדיקער פאַרשפרייטונג פון דער יידישער בוך־
פראָדוקציע אין ווילניוס איז אין אַ גרויסער מאָס שולדיק די ליטווישע
קאָנטאָר פון „סאָיוזפעטשאַט". די פראַקטיק באַווייזט, אַז דער נאָכפרעג
אויף יידישע ביכער אין ווילניוס איז אַ סך גרעסער, איידער דאָס שטעלן
זיך פאָר די ,פאַרזיכטיקע' אָנפירער פון ,סאָיוזפעטשאַט'. אָט זיינען די טעג
אָנגעקומען 800 עקז. פונעם בוך ,פאַרטיזאַנער פון קאונאסער געטאָ'. די
גאַנצע פאַרטיע איז פאַרקויפט געוואָרן אין משך פון עטלעכע טעג".

אונטער אַ קעפל „נייע ביכער" קומען נאָטיצן וועגן די צוויי ניי־דער־

שינענע ביכער אין „עמעס״־פאַרלאַג: „אַ בוך דערציילונגען פון הערץ ריווי־קין און אַ באַנד לידער פון זיאַמע טעלעסין „אויף דער ליכטיקער וועלט״.

פון ווילנע לאָמיר זיך ווידער אַריבערכאַפּן אין דער נאָענטער קאָוונע. אינעם נ׳ 136 (פונעם 11טן נאָוועמבער) אונטער אַ קעפּל „אַן אָוונט, גע־ווידמעט דעם יידישן סאָוועטישן בוך״ ווערט דערציילט אַז „אין צוזאַמענ־האַנג מיטן חודש פון סאָוועטישן בוך, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער ליטווישער סס״ר, איז אין קאָונאָס פאַרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט דעם יידישן סאָוועטישן בוך. דער אָוונט האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם אַרבעטער, סטאַכאַנאָווצעס, געוועזענע פּאַרטיזאַנער, אינטעליגענץ. דער סעקרעטאַר פון קאָונאָסער פּאַראייניקונג פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע יידי־שע שרייבער פון ליטע, דער ליטווישער דיכטער וו. ריימעריס האָט אין זיין אַריינפיר־וואָרט באַטאָנט די באַדייטונג פונעם סאָוועטישן בוך אין דער קאָ־מוניסטישער דערציאונג און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן בייטראָג פון די יידישע סאָוועטישער שרייבער פון ליטע פאַר דער ליטווישער סאָוועטישער קולטור״.

אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פונעם פאַרלאַג „עמעס״ האָט געמאַכט דער פאַרשטייער פונעם פאַרלאַג ר. פיש. זיין פאַרטראַג האָט אַרויסגע־רופן אַ לעבהאַפטן מיינונגס־אויסטויש. עס זיינען אַרויסגעטראָטן די פאַר־דינסטפולע לערערין פון דער רעפּובליק העלענע כאַצקעלעס, דער ציי־טונג־טוער נ. שמערקאָוויטש, דער אַרבעטער מ. שערמאַן, דער קאָמיוג־טוער ל. זילבער, דער סטודענט י. בייער א. אַנד. אַלע האָבן אָנערקענט, אַז דער „עמעס״־פאַרלאַג האָט פאַר דער לעצטער צייט אַ סך אויפגעטאָן אויפן געביט פון באַפרידיקן דעם וואַקסנדיקן נאָכפרעג אויפן סאָוועטישן יידישן בוך. דאָך איז דער פאַרלאַג נאָך אַ גרויסער בעל־חוב די ברייטע לייענער־מאַסן... די לערער און עלטערן האָבן געהאַט טענות, הלמאי דער פאַרלאַג לאָזט אַרויס אַזוי וויניק לערנביכער און קינדער־ליטעראַטור.

וועגן דער פאַרשפּרייטונג פונעם סאָוועטישן בוך אין קאָונאָס האָט דער־ציילט דער אַרטיקער אַקטיווער פאַרשפּרייטער פון די אויסגאַבעס פונעם „עמעס״־פאַרלאַג ח. כ. לאַנדאַן. מיט קאָנקרעטעביישפּילן האָט ער דער־וויזן דעם אַלץ־וואַקסנדיקן אינטערעס צום יידישן סאָוועטישן בוך.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קינסטלערישן טייל. די שילער פון דער קאָונאָסער יידישער שול און קינדערהיים האָבן אויסגעפּילט ווערק פון איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, ע. פינינבערג, י. ראַבין, א. אַנ.

אינעם זעלבן נ׳ 136 אונטער אַ דריי־קאָלומדיקן קאָפּ האָבן מיר אַ

גרויסן אַרטיקל „געפונען דעם קבר פון אָשר שוואַרצמאַן" פון דמ. קאַסאַריק, מיטאַרבעטער פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אוססר.

נאָכן אַרטיקל קומט אַ באַריכט „וויסנשאַפטלעכע זיצונג, געווידמעט אָשר שוואַרצמאַנען", וואו עס ווערט איבערגעגעבן, אַז „אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס עס איז געפונען געוואָרן דער קבר פון אָשר שוואַרצמאַן, האָבן דער וויסנשאַפט־ראַט פונעם אינסטיטוט פאַר אוקראַאינישער ליטעראַטור אויף שעווטשענקאָס נאָמען און דער קאַבינעט פון יידישער קולטור ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע צונויפגערופן אַ געמיינזאַמע פאַרברייטערטע זיצונג. מיט אַן אַריינפיר־וואָרט איז אַרויסגעטראָטן דער וויצע־פּרעזידענט פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אַ. אי. בעלעצקי, אַ פאַרטראָג וועגן אָשר שוואַרצמאַנס לעבן און שאַפן האָט געהאַלטן דער קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישער וויסנשאַפט כ. לויצקער. דער דיכטער־אַקאַדעמיקער פּאַוולאָ טיטשינא האָט געלייענט זיינע איבערזעצונגען פון אָשר שוואַרצמאַנס לידער. אַ ליד, געווידמעט אָשר שוואַרצמאַנען, האָט פאַרגעלייענט דער שרייבער אברהם קאַהאַן. אויף דער זיצונג איז בייגעווען אַ גרויסער עולם וויסנשאַפטלער, שרייבער, קולטור־טוער און אַרבעטער. די ידיעה, אַז עס איז געפונען געוואָרן אָשר שוואַרצמאַנס קבר האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין די קיעווער ליטעראַרישע קרייזן".

לאָמיר דאָ באַטאָנען, אַז סיי אין דער ליטע, סיי אין אוקראַאינע, סיי אין לאַטוויע האָבן זיך באַטייליקט אין די יידישע אָונטן באַוואוסטע ניט־יידישע שרייבער און דיכטער. יידיש, יידישע שרייבער, יידיש שאַפן איז אין נאָוועמבער 1948 נאָך געווען גלייכבאַרעכטיקט, פולבאַרעכטיקט ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן און ליטעראַטורן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

און ווייטער — אין נ' 138 (פונעם 16טן נאָוועמבער) אַ מעלדונג וועגן צוויי נייע ביכער: באַנד דריי פון שלום־עליכמס אַלע ווערק און אַ גרעסערע דערציילונג „ביראָבידזשאַן" פון ב. מילער.

אינעם נ' (פונעם 18טן נאָוועמבער) האָבן מיר אַן אָפּהאַנדלונג פון י. דאָברושין „ביים אָנהייב וועג" וועגן אי. בראַנפמאַנס ערשט ביכל לידער „אויף ליכטיקע וועגן", וואָס „געהערט צו דער דיכטונג, וועלכע איר געבורט־אָרט איז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט, מיט וועלכער זי איז פאַרבונדן מיט אַלע אירע וואָרצלען... אַ. בראַנפמאַן האָט אָנטייל גענומען אין דער פאַטערלענדישער מלחמה. אומגעקערט זיך צוריק קיין ביראָבידזשאַן, פאַרעפנטלעכט ער אין זיינע לידער די שלאַכט־מאָטיוון מיט די מאָטיוון פון גרויס פרידלעכן לעבנסבוי..." און י. דאָברושין פאַרענדיקט זיין אַרטיקל: „אי. בראַנפמאַן הייבט ערשט אָן זיין פּאָעטישן וועג".

אַגב, איציק בראַנפּמאַן, וואָס האָט זיין דערציאונג באַקומען אין אַ יתומים־הויז, דערנאָך דערלערנט אַ פאַך און געאַרבעט ווי אַ שלאָסער, און „אין דער צוויטער וועלט־מלחמה געקעמפט ווי אַן אָפיציר פון אַ טאַנקן־טייל אויפן פראָנט", האָט אין די ביטערע און גרויליקע יאָרן פון דער בעריאַ־הערשאַפט, צו אונדזער צאָרן און צער, אויך נישט אויסגעמיטן תפיסה, פאַר־שיקונג (זע די „ביראָבידזשאַנער יידישע שרייבער" פון י. עמיאָט, אין „יידישע קולטור", 1958, נ׳ 1, ז״ז 51־52).

אַ שווידער כאַפּט אַרום: ווי מ׳האָט אָפּגעצאָלט יידישע קעמפער, העלדן פונעם צווייטן וועלט־קריג! נאָך עטלעכע יאָר העראָאיש זיך שלאָגן מיטן שונא פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסות!

און לסוף — אינעם לעצטן נומער, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז, אין נומער 140 (פונעם 20טן נאָוועמבער 1948), האָבן מיר אַן אויספירלעכע אָפּ־האַנדלונג וועגן צוויי אָוונטן, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין מאָסקווע, וואו די מאָסקווער סאָוועטיש־יידישע שרייבער האָבן גערעדט וועגן די זעקס נומערן „הײמלאַנד", וואָס זיינען דערשינען פאַרן יאָר. מ׳האָט אָנגעוויזן אויף די וויכטיקע דערגרייכונגען, ווי אויך באַרירט די בלויזן. ס׳האָבן גע־רעדט די שרייבער מ. נאָטאָוויטש, ד. בערגעלסאָן, רחל בוימוואַל, ע. גאָר־דאָן, מ. גרוביאַן, י. דאָברושין, זשיץ, נוח לוריע, אַ. קושניראָוו, פּלאָווניק, פּערסאָוו, אי. פעפער, ראַבין, רבקה רובין, ריוועס. פאָרזיצער פון די אָוונטן איז געווען ל. קוויטקאָ.

נאָך די דעבאַטן, וואָס האָבן ברייט באַרירט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם סאָוועטישן יידישן שאַפן, האָט ל. קוויטקאָ באַטאָנט, „אַז די זעקס ביכער ,הײמלאַנד', וואָס זיינען דערשינען פאַרן יאָר, רעדן וועגן דעם, אַז דער קאָלעקטיוו סאָוועטיש־יידישע שרייבער האָט ממשותדיק אַ וואַקס געטאָן. דאָס אָבער טאָר אונדז בשום אופן ניט באַפרידיקן. אינעם אַלמאַנאַך זיינען געדרוקט ניט ווייניק מיטלמעסיקע, קינסטלעריש־אומרייפע שוואַכע זאַכן. די יידישע פאָלקס־מאַסן, אין זייער געבענטשטער התלהבותדיקער מי אויף די סאָציאַליסטישע בויאונגען, ווילן זען די בעסטע מענטשן פון אונדזער צייט אַלס פולבלוטיקע געשטאַלטן פון אונדזער ליטעראַטור".

מיט אָט די ווערטער, וואָס האָבן געשלאָסן די צוויי קאָלעקטיווע אָוונטן פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער, און די צוויי פאַרזאַמלונגען, זיינען אויך אָפּגעשלאָסן געוואָרן די 30 יאָר פּראָדוקטיוו יידיש שאַפן אין דער יידישער שפּראַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אַ טראַגישער, גרויליק־טראַגישער אָפּשלוס!

יידיש טעאַטער און יידישע קאָנצערטן

ווי האָט עס געהאַלטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין האַרבסט 1948 מיטן יידישן טעאַטער, מיט יידישער ראַדיאָ און יידישע קאָנצערטן? זיינען זיי געווען, ווי מ׳האָט דאָ און דאָרטן געזאָגט און געשריבן, אין אַ צושטאַנד פון ירידה, פון אונטערגאַנג?

לאָמיר הערן וואָס די פאַקטן זאָגן!

קודם כל קומען אין די אַלע ציטירטע נומערן כסדרדיקע אַנאָנסן פונעם „מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער אויף ש. מיכאָעלסעס נאָמען״ (מאָסקווע, קליין בראָנע 2), — ש. מיכאָעלס איז, ווי באַקאַנט, אומגעבראַכט געוואָרן אין יאַנואַר 1948. די אַנאָנסן זיינען וועגן אַ רייכן, פילפאַרביקן רעפּערטואַר, — אַן אַלטן, אַ באַנייטן און גאָר אַ נייעם. מיר האָבן דאָ די פּיעסעס: „די קאַפּריזנע כלה״, „כדאי צו לעבן״, „פריילעכס״, „די כישוף־מאַכערין״, „דער אויפשטאַנד אין געטאָ״, „ערב יום־טוב״, „זאַרי בעלינקאָוויטש״ א. אַנד. די ספּעקטאַקלען זיינען געגעבן פאַר די פיל אַבאָנענטן פונעם טעאַטער. למשל, אויפן 20טן און 21טן נאָוועמבער איז געווען אַנאָנסירט „פריילעכס״ און „זאַרי בעלינקאָוויטש״ (און דערביי, אַז ס׳איז „דער 5טער ספּעקטאַקל פונעם 16טן אַבאָנאַמענט״!).

און איצט וועלן מיר גיין כסדר:

אינעם נ׳ 114 (פונעם 21טן סעפּטעמבער 1948) איז דאָ אַ נאָטיץ „אָדעסער יידישער טעאַטער אין וויניצע״, וואו מיר לייענען, אַז „לויט דער איינלאַדונג פון דער וויניצער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע איז אויף גאַסטראָלן געקומען קיין וויניצע דער אָדעסער יידישער טעאַטער מיטן קינסטלערישן אָנפירער אפרים לויטער״. עס זיינען געוויזן געוואָרן: „פריילעכס״ פון שנייער־אקון, „דער אויפשטאַנד פון געטאָ״ פון פרץ מאַרקיש, „טביה דער מילכיקער״ פון שלום עליכם, „הערשעלע אָסטראָפּאָליער״ פון מ. גערשענזאָן, „סטעמפּעניוס ליבע״ פון שלום עליכם, „לחיים, מאָסקווע״ פון י. דאָברושין — און ס׳ווערט צוגעגעבן, אַז „די געזעלשאַפטלעכקייט פון וויניצע האָט זייער וואַרעם אויפגענומען דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו״.

און נאָך וויניצע — וויטעבסק. און שוין נישט דער אָדעסער, נאָר דער מינסקער טעאַטער. דאָס מיינט, „דער יידישער מלוכה־טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד״. אין דער נאָטיץ ווערט דערציילט, אַז „דאָס לעצטע מאָל האָט דער טעאַטער גאַסטראָלירט אין וויטעבסק ערב דער מלחמה. דעם 21טן יוני 1941 האָט ער דאָ געוויזן (ש. האַלקינס) „בר כוכבא״. פאַרן וויטעבסקער יידישן צושויער איז אַן אמתער יום־טוב ווידער צו באַגעגענען זיך מיטן

טעאַטער. מען האָט געשפּילט דאָס מאָל: „צווי הונדערט טויזנט", „אויפ־שטאַנד אין געטאָ", „בלאָנדזשענדע שטערן", „די קאַפּריזנע כלה" און „כדאי צו לעבן". די פאַרשטעלונגען האָבן זייער אויסגענומען ביים עולם".

און אָט אַ נאָטיץ וועגן „אַ באַגעגעניש מיטן קאָמפּאָזיטאָר ס. פּאָלאָנסקי" אין קיעוו: „די טעג האָט די ביוראָ פון דער יידישער סעקציע ביים שרייבער־פאַראיין פון אוקראַינע איינגעאָרדנט אַ שעפערישע באַגעגעניש מיטן קאָמפּאָזיטאָר, פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון וססר ס. פּאָלאָנסקי. אויפן אָוונט זיינען בייגעווען פיל שרייבער, קולטור־טוער, אַרטיסטן. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אויסגעפּילט אַ רייע לידער זיינע אויף די טעקסטן פון איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, לייזער קאַצאָוויטש, ווי אויך אויף טעקסטן פון יידישן פאָלקלאָר".

און אָט — אָדעס!

אינעם נ' 119 (פונעם 2טן אָקטאָבער) אַ בריוו, וואו עס ווערט איבער־געגעבן וועגן אַ „באַגעגעניש אין אָדעס מיטן קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער".

„די אָדעסער טעאַטראַלע געזעלשאַפט און די אַרטיקע שרייבער־אָרגאַ־ניזאַציע האָבן איינגעאָרדנט אינעם הויז פון די געלערנטע אַן אָוונט, געווידמעט דעם יידישן מלוכה־טעאַטער פון אוקראַינע אויף ש"עס נאָמען, וואָס גאַסטראָלירט אין אָדעס. דער אָוונט האָט צוגעצויגן אַ גרויסן צושויער־עולם. עס זיינען געקומען פיל אַרבעטער, געלערנטע, שרייבער, אַרטיסטן און קולטור־טוער. מיט אַ פאָרטראָג וועגן דעם שעפערישן וועג פונעם טעאַטער איז אַרויסגעטראָטן ח' אי. דרוקער". עס זיינען אויפגעטראָטן דער טעאַטער־קריטיקער ח' גרין און פאָרזיצער פון דער אָדעסער געזעלשאַפט ח' מאַ־לענסקי. עס האָט געענטפערט דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם טעאַ־טער משה גאָלדבלאַט, וועלכער האָט דערציילט וועגן דער אינטענסיווער שעפערישער אַרבעט, וואָס דער קאָלעקטיוו פירט איצט. דער טעאַטער אַרבעט איצט אויף צוויי נייע סאָוועטישע פּיעסעס: „לחיים" פון איציק פעפער און „דער זון" פונעם רוסישן דראַמאַטורג פּאַטשאַיעוו. דער צושויער שטעלט אונדז הויכע פאָדערונגען, ער וויל זען אויף דער בינע דאָס העראָ־אישע לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק. און אונדזער ווייטערדיקער אַרבעט וועלן מיר זיך באַמיען וואָס־בעסער צו באַפרידיקן אָט די גערעכטע פאָ־דערונגען".

אינעם זעלבן נומער 119 איז דאָ אַ לענגערער נעקראָלאָג נאָכן טויט פונעם באַרימטן שוישפּילער וו. מ. קאַטשאַלאָוו. צווישן די אַלע באַוואוסטע שרייבער און שוישפּילער, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם טרויער־מאָני־

פעסט, האָבן מיר אויך די אונטערשריפט פון ב. זוסקין, דעם שוישפּילער פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער, וואָס איז, ווי באַוואוסט, אינגיכן אַרעסטירט געוואָרן דורך די סטאַלין־בעריאַ־מענטשן, אַרעסטירט און פאַרפייניקט גע־וואָרן. ב. זוסקין, נאָכן טויט פון ש. מיכאָעלס, איז געווען „דער קינסטלע־רישער אָנפירער פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער אויף ש. מיכאָ־עלסעס נאָמען".

אינעם נ' 123 איז פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטער אַרטיקל פון פרץ מאַרקיש א. נ. „פון פאָלק און פאַר פאָלק" (צום 50־יאָריקן יובילײ פון לעוו פולווערס מוזיקאַלישער טעטיקייט). עס ווערן אויסגערעכנט די פאַרדינסטן פון דעם טאַלאַנטפולן מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער. פרץ מאַרקיש זאָגט: „מיט 25 יאָר צוריק האָט פולווערס גלענצנדיקע אָוועריטיור צו שלום־עליכמס 200,000 אויפגעהויבן דעם פאָר־האַנג פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער... מיט דער דאָזיקער מוזיק האָט פולווער איינגעשלאָסן דעם אוצר פון דער פאָלקסטימלעכער יידישער מוזיק אינעם מאָסקווער גאסעט (גאסוד. טעאַטער) אַקוראַט, ווי מען שליסט אײַן ליכט".

עס וואָלט נישט געשאַדט איבערצודרוקן דעם גאַנצן מאַרקיש־אַרטיקל.

ווייטער קומט אַ מעלדונג, אַז „דעם 14טן אָקטאָבער באַוויזט דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער אויף ש. מיכאָעלסעס נאָמען — א. גאָלדפאַדענס פאָלקס־שפּיל אין דריי אַקטן „די כישופמאַכערין", באַאַרבעט פון שנייער־אַקון. דעם ספּעקטאַקל שטעלט דער פאַרדינסטפולער קונסט־טוער פון רספסר פ. קאַווערין. די קינסטלערישע אויספאָרמירונג האָט געמאַכט דער פאַרדינסט־פולער קונסט־טוער פון אוססר, לאַורעאַט פון דער סטאַלין־פּרעמיע א. טישלער, מוזיק פון א. גאָלדפאַדען — אין אַ נייער רעדאַקציע פונעם פאָלקס־אַרטיסט פון רספסר ל. פולווער. די פאָרשטעלונג איז געווידמעט דעם 40טן יאָרטאָג, זינט ס'איז געשטאָרבן דער גרינדער פונעם יידישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען".

אויך די ראַדיאָ האָט געדינט און באַדינט, ערב דעם חורבן, דעם יידישן וואָרט, דעם יידישן שאַפן.

אונטער אַ קעפּל „ראַדיאָ־טראַנסלירונגען אין יידיש" (אין נ. 124) לייענען מיר די ידיעה, אַז דער אָדעסער געגענטלעכער ראַדיאָ־קאָמיטעט האָט די לעצטע צייט דורכגעפירט אַ סעריע ראַדיאָ־טראַנסלירונגען אין יידיש אויף די טעמעס: „לענין און סטאַלין אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור", „שלום עליכם דער פאָלקס־שרייבער", „מענדעלע מוכר ספרים אין אָדעס", „יידן־העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און העלדן פון סאָציאַ־

ליטערישער אַרבעט״...ביים מיקראָפאָן זיינען אויפגעטראָטן די יידישע שרייבער אי. דרוקער, נאָטע לוריע, די אַרטיסטן לאה בוגאָווע, עפּעלבאַום, פלאָטקינא, שולמאַן, וויינטראַוב א. אַנד. אַ ספּעציעלע „ראַדיאָ־טראַנסלי־רונג איז געווען געווידמעט דעם יידישן מלוכה־טעאַטער פון אוקראַינע אויף ש״עס נאָמען, וואָס גאַסטראָלירט איצט אין אָדעס. אין דעם פּראָגראַם זיינען אויך אַריין אַ פאָרטראָג וועגן דעם טעאַטער און סצענעס פון פּיעסעס. אין דער נאָענטסטער צייט וועלן דורכגעפירט ווערן טראַנסלירונגען אין יידיש, געווידמעט די נייע ווערק פון אָדעסער סאָוועטישע יידישע שרייבער״.

און וואָס איז מיט דער יידישער גאַליציע?

אָט האָבן מיר אַ גוטן גרוס אויך פון דאָרט. אינעם נ׳ 127 (פונעם 21טן אָקטאָבער) קומט אַ מעלדונג פון אַ גרויסן יידישן ראַדיאָ־קאָנצערט אין לוואָוו (לעמבערג), וואָס דער לוואָווער ראַדיאָ־קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט. אינעם קאָנצערט פון יידישער מוזיק האָבן אָנטיילגענומען די סאָליסטן פון לוואָווער טעאַטער פאַר אָפּערע און באַלעט מירע אייזענבערג, דער פידלער אַהרן בראַגינסקי, דער דיריגענט פונעם לוואָווער סימפאָנישן אָרקעסטער איסאַק פיין. דער קאָנצערט האָט געדויערט 45 מינוט.

אינעם נ׳ 128 (פונעם 23טן אָקטאָבער) האָבן מיר אַ נאָטיץ וועגן „אַ יידישן דראַמקרייז ביים קלוב פון ריגער עלעקטראָטעכנישן זאַוואָד „וועפּ״, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך 20 יוגנטלעכע — אַרבעטער און אינזשעניער־טעכנישע טוער פונעם זאַוואָד. עס ווערן געגרייט עטלעכע איינאַקטערס און פאַרלעזונגען פון די ווערק פון אי. פעפער, ש. האַלקין, פּ. מאַרקיש, און אַנדערע.

מיט עטלעכע נומערן שפּעטער — אַ ידיעה פון קאָלאָמייע, גאַליציע, בזה הלשון: „אין קאָלאָמייע (סטאַניסלאַווער געגנט) איז מיט דערפאָלג דורכגע־גאַנגען דער קאָנצערט פונעם זינגער מיכאַאיל פורמאַן, וועלכער האָט אויס־געפילט יידישע סאָוועטישע לידער און פאָלקס-לידער. וואָרעם האָט דער עולם אויפגענומען די אַרויסטרעטונג פונעם אַרטיסט איליא כאַליף, וועל־כער האָט פאָרגעלייענט עטלעכע ש״עס מאָנאָלאָגן און דערציילונגען פון סאָוועטישע יידישע שרייבער״.

עס זיינען געווען דאָן טעטיק דראַמקרייזן און זיי האָבן זיך ערנסט באַ־צויגן צו זייערע סצענישע פאָרמעסטן, — דאָס זעען מיר פון אַ לענגערן אַר־טיקל, געשריבן דורך י. דאָברושין, דער דיכטער, דראַמאַטורג און קריטיקער. דער אַרטיקל הייסט „רעפּערטואַר פאַר זעלבסטעטיקייט״, פאַרעפנטלעכט אינעם לעצטן נומער 140 (פונעם 20טן נאָוועמבער). ער באַהאַנדלט „די פראַגע וועגן שאַפן אַ רעפּערטואַר פאַר די יידישע קלענערע טעאַטער־אָנ־

סאַמבלען און פֿאַר דער זעלבסטשטעטיקער קלוב־בינע". און ער שרייבט:
„פֿאַר די לעצטע יאָרן איז ביי אונדז אין לאַנד שטאַרק אויסגעוואַקסן דער טעאַטער־צושויער, זיין אינטערעס צו די געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציעס פֿון דער שוישפּיל. דאָס האָט אַרויסגערופֿן צום לעבן נייע טעאַטער־אַנסאַמבלען, נייע זעלבסטשטעטיקייט־קרייזן מיט נייע פֿאָרמען פֿון טעאַטער־שפּיל און בינע־קונסט". ווייטער שרייבט י. דאָברושין, אַז „דער ,עמעס׳־פֿאַרלאַג דאַרף נעמען אויף זיך די פֿאַרפֿליכטונג אַרויסצוגעבן זאַמלונגען, וואָס וועלן איינשליסן די בעסערע אינסצענירונגען פֿון דער קלאַסיק, צוגעפּאַסט צו די אויפֿפֿירונגס־מעגלעכקייטן פֿון די קלענערע אַנסאַמבלען"...

הקיצור, אומעטום — אויפֿלעבונג, נייע פֿאַרמעסטן, נייע פּראָיעקטן פֿאַר פֿאַרצווייגטע טעטיקייטן.

ס'איז ווײַכטיק צוצוגעבן, אַז דאָס געבראַכטע איז בלויז אַ טראָפּן פֿונעם ים טעטיקייטן, פֿאַרמעסטן און דערגרייכונגען, פֿון דעם ברען און באַגייסטערונג, וואָס די יידישע פֿאָלקס־מאַסן און זייערע שליחי־ציבור האָבן פֿאַרמאָגט און אַרויסגעבראַכט נאָך די מוראדיקע היטלער־יאָרן, ווען דאָס יידישע פֿאָלק האָט געליטן מער ווי אַלע און צוגעטראָגן אַזוי פֿיל קרבנות און אַרויסגערוקט העראָאישע קעמפֿער אין דער מלחמה מיט די פֿאַשיסטן און דערמיט געהאָלפֿן באַפֿרייען סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿון די נאַצישע אַריינדרינגער.

איידער מיר פֿאַרענדיקן אונדזער איבערזיכט וועגן דעם יידישן קולטור־שאַפֿערישן לעבן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אין די פֿאַר חדשים, סעפּטעמבער־נאָוועמבער 1948, ווען מ'האָט מיט איין קלאַפּ פֿאַרניכטעט אַלץ וואָס ס'האָט געלעבט, געווירקט און געשאַפֿן אויף דער יידישער גאַס אין גרויסן סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וועלן מיר אַריינקוקן אין דעם לעצטן נומער, בוך 6, יולי־אויגוסט 1948, פֿונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן אַלמאַנאַך „היימלאַנד", אָרגאַן פֿונעם פֿאַראיין סאָוועטישע שרייבער פֿון פּסטר, דערשיינען אין מאָסקווע, אינעם מלוכה־פֿאַרלאַג „דער עמעס" (אין 5,000 עקז., אַרויס אין סעפּטעמבער).

ווען מ'האָט דעם נומער צוגעגרייט (160 גרויסע, געדיכטע זייטן!), אים געדרוקט און גענומען פֿאַרשפּרייטן, איז נישט דער רעדאַקציע, נישט די שרייבער און אויך נישט די לייענער איינגעפֿאַלן, אַז עס איז אַ טראַגישער סיום, אַ גרוילעקער אָפּשלוס פֿון אַ רייכער, פֿאַרצווייגטער, פּראָדוקטיווער תּקופֿה פֿון איבער 30 יאָר געוואַלדיקע פֿאַרמעסטן מיט וואונדערלעכע דערגרייכונגען. אדרבא, מען האָט זיך ערשט פֿאַרנומען אויף גרויסע און ווייטזעעוודיקע טעטיקייטן, מיט אַלץ־נייע פֿאָדערונגען צו זיך און צו אַלעמען. און, לאָמיר געדענקען, אַז ס'איז דאָך געווען איינגאַנצן אַ פֿאַר יאָר נאָך דעם, ווי מען איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און מ'האָט גענומען אויפֿריכטן דאָס

מאַטעריעלע און קולטורעלע לעבן נאָך די אַלע וויסטע חורבונות, און נאָך דעם, ווי מ׳האָט אין די שווערע קאַמפן און שלאַכטן מיט די נאַצישע מערדער אַנגעוואוירן פיל טייערע, טרייע טוער־שאַפער אויף אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור, סיי עלטערע און סיי יונגע און יונגעטשקע. און צוזאַמען מיט די שאַפער, אויך די יידישע געניסער, די יידישע לייענער.

איז לאָמיר אַ בלעטער טאָן בלויז דעם איין נומער 6 פון „היימלאַנד". איין נומער — און וויפל לעבן, איין נומער — און וויפל שאַפונגען און וויפל אי־בעררופן זיך מיטן אַרומיקן יידישן אויפוואַכנדיקן און פּראָדוקטיוון און גייסטרייכן שאַפערישן לעבן!

אויף דער צווייטער זייט פונעם שער־בלאַט אַ פרײדיקע מודעה — „אַ סעריע „געקליבענע ווערק" פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער", וואו עס ווערט דערציילט, אַז „אין פאַרלאַג ,דער עמעס' איז דערשינען אַ סעריע געקליבענע ווערק פון די אָנגעזעענסטע יידישע סאָוועטישע דיכטער — ד. האָפשטיין, ש. האַלקין, ע. פינינבערג, א. קושניראָוו, ל. קוויטקאָ. און די דאָזיקע אויפגאַבעס זיינען איינגעשלאָסן ווערק, וואָס שפיגלען אָפּ דעם שעפערישן וועג פון די דאָזיקע דיכטער פאַר 30 יאָר. יעדעס בוך האַלט פון 305 ביז 408 זייטן. עס זיינען אָנגעמערקט נאָך און נאָך ביכער.

מיר וועלן אויסרעכענען די מיטאַרבעטער און אַרויסכאַפּן פון דאָ און דאָרטן אַ פּאָר שורות פונעם נומער 6 „היימלאַנד".

אין דעם איין נומער, וואָס דער הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען א. קוש־ניראָוו און די רעדקאָלעגיע: ד. בערגעלסאָן, י. דאָברושין, ש. האַלקין, א. ווער־געליס, פּ. מאַרקיש, ל. סטראָנגין, אי. פעפער, ל. קוויטקאָ, ר. רובין, — האָבן מיר לידער, דערציילונגען, שילדערונגען, קריטישע אָפּהאַנדלונגען און רע־צענזיעס פון דוד האָפשטיין, י. ראַבין, חנה לעווין, ש. גאָרדאָן, מ. גרואַוומאַן, מ. ליפשיץ, א. גוביניצקי, מ. גרוביאַן, כאַנע ווײַנערמאַן, מאיר לעווין, ה. בלאָשטיין, נפתלי הערץ קאָן, אי. לומקיס, ש. פּערסאָוו, ר. קאָונטאַר, י. ראַ־בינאָוויטש, אורי פינקל, י. דאָברושין, ש. האַלקין, נוח לוריע, י. קאַנטאָר, י. יאַקובאָוויטש, מ. פּופּס, י. לובאָמירסקי. ס"ה — 24 שרייבער, — עלטערע און יונגע. און פאַרגעסט נישט, אַז אין יענער צייט זיינען דערשינען יידישע זאַמלונגען, זאַמלביכער און זשורנאַלן אויך אין קיעוו, מינסק, ביראָבידזשאַן א. אַז. וו..

און די אָפּטיילונגען אינעם איין בוך און די טעמאַטיק, די פאַרשיידנאַרטיקע פּראָגן און פּראָבלעמען און די רעצענזיעס איבער די אַלערליי ווערק, וואָס זיינען ערשט דערשינען. עס ווייזט, ווי רייך און קאַליריפול עס איז געווען דאָס סאָוועטיש־יידישע לעבן און שאַפן ערב דעם חורבן.

דוד האָפשטיין, וואָס האָט אין 1917 באַזונגען די ערשטע שריט, דעם

אַנהייב־אויפברויז פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, שרייבט אינעם ליד „רוסלאַנד", וואָס מיט דעם עפנט זיך דער נומ. 6, אַט וואָס:

„נישט נאָר פון הייכן דיינע —
פון פלאַכסטער פלאַך
זיך קוקט שוין דורך
די גאַנצע וועלט פון אַלע זייטן;
— — — — — — — — — — —
פונדאַנען זע איך זיי, די אַלע די,
וועך ס'האָט פון מיינע שענסטע גייסטער,
פון הערלעכסטע געשטאַלטן,
געשפּענסטער אויסגעוועבט
אין אַלטער צייט, אין מיטלאַלטער"...

דוד האָפשטיין פאַרענדיקט דאָס ליד (אָדער אָדע) רוסלאַנד: „געבענטשט זאָל זיין די שעה / ווען כ'האָב די וועלט דאָס צווייטע מאָל דערזען / און ווען צום נייעם גלויבן / האָסטו, מיין לאַנד, אויך מיך, / ווי מיליאָנען דיינע זין, דערהייבן!".

צום נייעם גלויבן דערהויבן!

און מ. גרואָוומאַן, אַ יונגער דיכטער, זינגט „לענינגראַדער לידער", וואו ער זאָגט:

„מיין ניעווא, מיין שטאָט, מיין היימלאַנד,
שטאָלצע לענינגראַדער ערד,
ווער געזען עס האָט דיך איין מאָל,
וועט דיך ניט פאַרגעסן מער!"

און אַ פּאָר שורות פון כאַנע ווינערמאַנס אַ ליד „אַן עפּלבוים":

„...דער עפּלבוים נאָך שווערע יאָרן פון מלחמה,
איז אויך אַרויס צעבראָכן און פאַרוואונדעט.
איך האָב געמיינט: אַ סוף צום בוים... ניטאָ מער,
נאָר ס'האָט געטראָפן אויך מיט אים אַ גרויסער וואונדער".

און די לעצטע פיר שורות פון ליד:

„איצט שטייט דער עפּלבוים שוין ווידער שווער-געוויכטיק,
מיט אַלע אָדערן אין גרונט זיך איינגעזויגן,
אַ בלויע ראָסע לייגט זיך שטיל און ציטעריק
אויף שטאָלצער קרוין זיינער, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן".

און די אַלע פאַרשיידענע דערציילונגען, שילדערונגען פונעם יידישן סאָוועטישן לעבן, און די פּאָרש־אַרבעטן, און לסוף—די אָפּטיילונג „קריטיק און ביבליאָגראַפיע", וואו י. דאָברושין רעדט מיט ליבשאַפט וועגן בוזי אָלעווסקי, און זיין בוך „אשרל און זיינע פריינט" („אַ קינד פון זיין דור"), ש. האַלקין וועגן אהרן ווערגעליס און זיין בוך „ביראָבידזשאַנער דור" („צום קוואַל פון פריידן"), נוח לוריע וועגן שירע גאָרשמאַנס בוך „דער כוח פון לעבן", י. קאַנטאָר וועגן פּ. מעלאמודס „ערד" („אַ בוך וועגן איבערגעבורט פון מענטשן"), י. יאַקובאָוויטש וועגן „פּאַרטיזאַנער פון קאָונאסער געטאָ" און י. לובאָמירסקי וועגן דעם שוישפּילער און רעזשיסער מאיר שטיימאַן א. א. וו.

פון אַלעמען און פון אַלע אַרבעטן שלאָגט אַזאַ כוח, אַזאַ גבורה, אַזאַ דראַנג פאַר ווייטערדיקן שטייגן, פאַר אַ ניי־באַנייטן לעבן, און אַלע זיינען פאַרשיכורט פון דער זון, וואָס האָט זיך באַוויזן נאָך די שווערע פאַרכמאַרעטע מלחמה־יאָרן . . .

עך, וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן.

עס איז געווען אַ לעבן, געווען אַ פולבלוטיק לעבן! און מען האָט זיך ערשט אָנגענומען מיט נייעם מוט, מיט נייער באַגייסטערונג. דאָס אַלץ האָבן מיר אומגערעכט און אומבאַרעכטיקט פאַרשפּילט, פאַרלוירן, אָנגעוואָרן!

פאַר וועלכע זינד?

דער אויספיר און דער מוסר־השכל

וואָס איז דער אויספיר און דער מוסר־השכל פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן דאָ איבערדערציילט פון די 13 „אייניקייט"־נומערן, וואָס שילדערן דאָס קולטור־געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד ערב דעם גרויזאַמען חורבן אויפן קולטור־שאַפערישן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

דער אויספיר איז זייער אַ קלאָרער.

קודם כל זעט מען, אַז עס איז געווען אַ שקר־בלבול אויף דער מאָסקווער „אייניקייט", אַז זי איז נישט געווען קיין יידישע, קיין נאַציאָנאַל־יידישע צייטונג, און אַז עס איז איר נישט אָנגעגאַנגען דאָס יידישע קולטור־שאַפערישע לעבן. זי איז, ווי מיר זעען, געשטאַנען אויף דער וואַך, זיך אָפּגערופן אויף אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן איבערן לאַנד, געבראַכט צום אויסדרוק די פרייד פון אַרבעט און אויפבוי, געמוטיקט און סטימולירט צו בויען און צו שאַפן, און גערופן צו דערהויבן דאָס יידישע מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבן.

און עס איז אין קיין פאַל נישט געווען קיין „קול קורא במדבר", ווערטער און רופן — אין פוסטן רוים אַריין. עס איז געווען אומעטום אַ ווילן,

אַ דראַנג צו בויען, צו שאַפן, און מיט אַ נייעם ברען, מיט נייע פאַרמעסטן, — אומעטום אין אַלע טיילן און ווינקלען פונעם סאָוועטישן יידישן לעבן, ביי אַלט און יונג, ביים פאָלקס־מענטש און שרייבער, ביים אַרבעטער און קינסטלער.

יאָ, עס איז געווען אַ צייט פון וואונדערלעכן אויפבלי, פון ראַשיקן וואוקס און פון כסדרדיקער אַנטוויקלונג, און ווער ווייסט, ווי ווייט מען וואָלט דערגרייכט, ווען מען וואָלט עס אַלץ מיט איין מאָל נישט איבערגעריסן, נישט איבערגעשניטן די אָדערן, גרויזאַם און ברוטאַל נישט צעשטערט און נישט אויסגעוואָרצלט ביזן סאַמע גרונט.

און דעריבער איז מוראדיק גרויס דער בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפן און עס איז טיף אונדזער צער און גרויס אונדזער צאָרן אויף דעם פאַרברעך, וואָס האָט גאָר קיין גלייכן נישט צו זיך אין אונדזער לאַנגער יידישער מאַרטירער־געשיכטע.

און דער בראָך און פאַרברעך האַלטן אָן אויך איצט, צען יאָר נאָך דעם ווי עס איז געשען. עס איז ביז איצט נישט געגעבן געוואָרן קיין אויפקלערונג פון דעם געשעענעם און עס זיינען נאָך אַלץ נישט אָנגערופן געוואָרן די שולדיקע און עס איז נישט מיטגעטיילט געוואָרן ווער, ווען, וואו און ווי אַזוי אונדזערע גרויסע און באַליבטע יידישע שרייבער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן.

און וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק — וואָס עד־היום איז נאָך אַלץ נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן דער ווילדער פאַרבאָט אויף יידיש — יידישן וואָרט, יידישן בוך און יידיש טעאַטער.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס צוזאָגן זיינען געגעבן געוואָרן מיט צוויי יאָר צוריק, איין מאָל און נאָך אַמאָל.

און נאָך מער: פון פאַרשיידענע זייטן, פון פאַרשיידענע אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האַלט מען אין איין דערקלערן, אַז די יידן גופא האָבן זיך אָפּגעקערט, אָוועק פון יידיש, און אַז זיי אַליין, די יידן, ווייזן נישט אַרויס קיין אינטערעס און פאַרבינדונג צו יידיש, צו יידישער ליטעראַטור, צו יידישער קולטור. אַזאַ שקר! אַזאַ שקר־בלבול!

קעגן אָט די בלבולים אויף די יידישע שרייבער, אַז זיי זיינען גאָר ווילִיק צו שרייבן רוסיש, אָדער אַז זייערע ווערק זאָלן דערשיינען אין רוסיש, ווייל יידיש שרייבן איז נישט בויטיק און ס'איז גאָר נישטאָ קיין פאָדערונג, קיין פאַרלאַנג ביי די סאָוועטישע יידן פאַר יידיש — קעגן אָט די פאַלשע פעסטשטעלונגען מוזן מיר שאַרף און כסדר אַרויסטרעטן.

מיר האַלטן איצט ביי נאָוועמבער 1958!

צען יאָר איז אַ גרויסער און לאַנגער צייט־מהלך!

און געגוג אַפּליינן, געגוג „באַטראַכטן" די לאַנגע.

און אויב סטאַלין איז געווען דער שולדיקער — איז דאָך שוין אַוועק פינף יאָר מיט אַכט חדשים, ווי ער איז נישטאָ! און אויב בעריאַ איז געווען שולדיק, איז דאָך שוין אויך באַלד פיר יאָר, ווי מען האָט אים פאַר זיינע „מעשים טובים" אומגעבראַכט!

און מיר מוזן אויך קלאָר און שאַרף זיך אַרויסזאָגן קעגן די פּאָליאַטיוון, — אַ קאָנצערטל מיט יידישע לידער און לידלעך. נישט דאָס קאָן פאַרבייטן אַ פול שאַפעריש קולטור־לעבן. און נישט דאָס ווילן, פאַרלאַנגען די סאָוועטישע יידן, וואָס זיינען מיט לייב און לעבן געבונדן מיטן יידישן וואָרט, מיטן יידישן שרייבער.

מיר ווילן אַ פולע אויפשטעלונג פונעם יידישן שאַפן אין דער יידישער שפּראַך. מיר ווילן, אַז דער יידישער שרייבער זאָל קאָנען רעדן, באַגלייך מיט אַלע שרייבער פון די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן אין גרויסן און מעכטיקן פיל נאַציאָנאַלן סאָוועטנפאַרבאַנד, אויף זיין אייגענער פאָלקס־שפּראַך.

און טאַקע באַלד, גלייך, שוין!

און דאָס רעדן און פאַרלאַנגען פריינט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אמתע, אויפריכטיקע פריינט.

איז ווי לאַנג וועט מען נאָך וואַרטן? ווי לאַנג נאָך וועלן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער אַרומגיין ווי שטומע? ווי לאַנג נאָך וועט מען נישט געבן די סאָוועטישע יידן קיין מעגלעכקייט אָפן און עפנטלעך לעבן און אויסלעבן זיך אין זייער יידישער שפּראַך, אין זייער יידישער קולטור?

אָקטאָבער 1958

אינדעקס

צונויפגעשטעלט דורך כיענע מייזיל

אבארבאנעל כ. — 28, 34, 127
אבטשוק א. — 35, 127, 143
אגורסקי ש. — 35, 127, 152, 159
אויסלענדער נחום — 13, 35, 127, 129, 131, 132, 138, 148, 149, 154
אויערבאַך אפרים — 168, 172
אזשאיעוו ו. — 100
איבראמאָוו — 127
איגנאַטאָוו דוד — 168
אידעלטשוק — 127
איוואַנאָוו ווס. — 284
איזיאעל — 159
איזראעליט — 127
איטין — 149
איטקאָוויטש מ. — 127, 130
אייזלאנד ראובן — 168
אייזענבערג מירע — 296
אייזנשטאט ב. ד"ר — 127
אייזנאַכט ס. — 127
אי—ר — 25-27, 30, 31
אילעס בעללא — 149
אלבערטאָן מ. — 30, 35, 62, 63, 77, 80, 90, 127-131, 146, 168
אָלגין מ. — 24
אלחריזי — 60
אַלטמאן משה — 132
אַלטמאן פעסי — 61, 127
אלטשולער מ. — 127, 131, 132, 159, 257, 258
אָליצקי לייב — 63
אַלמאַזאָוו ש. — 89
אלעווסקי בוזי — 28, 60, 61, 77, 80, 92, 118, 120, 123, 127, 131, 300
אלעק ש. — 127
אַלעקסאַנדראָוו ה. — 127
אלציקער ס. — 281
אַנדרעיעוו ל. — 175
אסטראָווסקי — 68
אסתר (מאריע פרומקין) — 107, 123, 285
אָפּאַטאָשו י. — 148, 172
אָקון שנייער — 293
אַקסעלראָד ב. — 127
אָקסעלראָד זעליק — 28, 107, 127, 150, 153, 172
אָקסענפעלד י. — 163, 165
אקצין ה. — 130
אַראָנאָוו ז. — 127
אַראָנעס פּ. — 127
אַראָנטשיק — 153
אַראָנסקי ש. — 27, 77, 130, 131

מיר האַלטן פאַר נויטיק צו מאַכן די באַוואָרעניש, אַז די נעמען פון די שרייבער, איבערזעצער, שוישפּילער זיינען אָפּט גענומען פון צייטונגס-אַרטיקלען און נאָטיצן. זיינען מיר נישט אומעטום זיכער, צי זיי זיינען פּינקטלעך אָנגעגעבן. מיר האָבן צווישן די געבראַכטע נעמען — פּסיידאָנימען פון שרייבער, וועלכע פיגורירן אויך מיט זייערע אמתע נעמען. ביי אַ צאָל שרייבער זיינען, לײדער, אָנגעגעבן בלויז זייערע פאַמיליע-נעמען, אָן זייערע ערשטע נעמען. איז שווער פעסטצושטעלן, צי עס זיינען אַנדערע שרייבער אָדער ס'איז איין און די זעלביקע פּערזאָן.

אָרלאַנד הירש — 60—62, 67, 77, 80, 107, 121, 129—131, 159
אַרשאַנסקי ב. — 127, 129, 130
אַש שלום — 95, 175, 205
אַשענדאָרף ישראל — 63, 129, 130
אַשעראָוויטש א. — 127, 131
אַשעראָוויטש הירש — 132, 159—217, 289

באָושאָוער י. — 143, 145
באַטווינסקי צ. — 127
באַיאַרסקי ר. — 127
באַלזאַק — 154
באַליאַסנע ריווע — 60, 127, 130, 288
באַמזע נחום — 63
באַסין מ. — 14
באַראָווסקי — 127
באַראָן ר. — 127
באָרובאָוויטש י. — 77, 130, 132
באַריזשעס ס. — 127, 132
באַריישאַ מנחם — 168
באַרכין — 154
באַרנבוים — 276
בוגאָווע לאה — 278, 296
בוימוואַל רחל — 35, 60, 77, 121, 127, 130—132, 292
בורגאַנסקי פּ. — 127
בורטיאַנסקי ג. — 127
בורשטיין מ. — 63
ביאַלאַסטאַצקי ב. י. — 168
ביאַליק ח. נ. — 16, 205, 246
בינגערמאַן פּ. — 127
ביילין א. — 127
בייער י. — 290
ביל-בעלאָצערקאָווסקי — 149
בילאָוו ש. — 127
בלאָשטיין ה. — 127, 151, 298
בליאַבער — 127
בעזימענסקי — 130, 149
בעזנאָסיק ק. — 127
בעליצקי א. — 291
בעלענקי מ. — 132
בענדאַס — 130
בענסמאַן מ. — 127
בערגאָלץ ב. — 128, 130, 226
בערגמאַן ש. — 128
בערגעלסאָן דוד — 9, 13, 15, 16, 25, 26, 29, 31, 34, 51, 60, 62, 63, 67, 68, 75-77, 81, 91, 92, 98, 107, 121, 125, 128, 130, 131, 145, 148, 149, 155, 162, 163, 166-168, 171, 172, 199, 213, 216, 229, 270, 275, 292, 298
בערגעלסאָן ציפּע — 182
בערדיטשעווסקי מ. י. — 175
בעריא ל. — 218, 301
בעריאָזקין ה. — 132
בערלינסקי ש. — 130
בערמאַן ל. — 128
בערעגאָווסקי מ. — 128, 130, 298
בראַגינסקי אהרן — 296
בראָדסקי — 152
בראָדערזאָן משה — 14, 63, 77, 131
בראָון סעם — 18, 19
בראָנפמאַן איציק — 132, 276, 291, 292
בראָנשטיין יאַשע — 35, 108, 128, 143, 149, 258
בראַסלאַוער נחמן — 177, 209
ברופמאַן שמואל עזריאל — 280
בריקאַש מ. — 128
בריאַנסקי ש. — 128
בריל הערשל — 108
בר-כוכבא — 68, 199
ברענער י. ח. — 175, 224

גאַגאָל נ. וו. — 166
גאָרדינער ש. — 17, 19, 25, 29, 35, 60, 61, 77, 81, 118, 120, 122, 123, 128, 131, 147-149, 167, 169-172
גאַלאָדני מ. — 130, 152
גאָלאָווטשינער — 130
גאָלד מ. — 128
גאָלדבערג ב. צ. — 168, 169

גאָלדבלאַט משה — 55, 272, 294
גאָלדבערג י. — 128
גאָלדבערג ל. — 128, 130, 144
גאָלדבערג — 132
גאָלדין ל. — 128
גאָלדמאַן י. — 128
גאָלדמאַן נחום — 287
גאָלדע י. — 128
גאָלדענבערג בוזי — 128, 130
גאָלדענבערג ש. — 28, 61, 118, 128
גאָלדפאַרען א. — 51, 67, 75, 162, 295
גאָלדשטיין א. — 128
גאָלדשטיין משה — 30, 35, 64, 77, 81, 93, 94, 121, 123, 128, 131, 168
גאַמאַן [גאַרשמאַן] שירקע — 77, 83, 131, 132, 289
גאָנטאַר א. — 28, 35, 60, 77, 121, 132-130
גאַראַבאַוו ג. — 128
גאַראַבאַוו י. — 159
גאַראַן ב. — 127
גאַרבאַווסקאַיאַ ד. — 128
גאָרדאָן עליע — 19, 77, 121, 123, 124, 128, 132-130, 292
גאָרדאָן שלום — 130, 132
גאָרדאָן שמואל — 60, 128, 130, 132, 298
גאָרדאָן — 132
גאָרדין י. — 162
גאָרנשטיין שירע — 286, 300
גאָרקי מאַקסים — 30, 31, 68, 71, 72, 152, 175, 181
גוביצקי א. — 298
גוטיאַנסקי בנימין — 60, 61, 127, 130, 132, 288
גוטמאַן חוה — 128
גוטמאַן פּ. — 127
גולקאַ — 127
גוקאָווסקי א. — 128
גורעוויטש ל. — 128
גורשטיין א. — 19-21, 23, 25, 35, 60, 61, 122, 123, 138, 144, 149, 154, 198, 210
גיטליץ מ. — 128
גיטעלעס ש. — 128
גיטערמאַן מ. — 127
גילבורד י. א. — 127
גילדין ח. — 127, 144
גלאַזמאַן ברוך — 168
גלאַטשטיין יעקב — 168
גליק הירש — 242
גנעסין א. נ. — 175
געלבמאַן א. — 127
געלמאַן — 118
געלפערן ג. — 285, 287, 289
גפן טביה — 132
געפּטינג — 276
גערטנער — 55
גערשנזאָן מ. — 77, 118, 131
גערשקאָוו — 278
גראָדע ח. — 63, 130
גראַנאָווסקי א. — 38, 39, 41, 45-52, 55-57, 75
גראָסמאַן וואַסילי — 118
גראָוומאַן מ. — 298, 299
גרוביאַן מ. — 77, 121, 123, 130-132, 292, 298
גריוועז ל. — 128
גרין ב. — 128, 294
גרינזייט אי. — 128

דאָבין הירש — 35, 64, 77, 93, 123, 124, 128, 131
דאָבין שמעון — 13
דאָבקין י. — 128
דאָברושין י. — 13, 34, 35, 43, 61, 67, 84, 128, 130, 138, 140, 149-147, 152, 154, 158, 163-161, 216-169, 229, 238, 239, 259, 260, 264, 270, 284, 289, 291-293, 298-296, 300
דאַווידאָוויטש ד. — 128
דאָלגאָפּאָלסקי צ. — 128

דאמעשעק א. — 149
דאניעל מ. — 17, 23, 25, 34, 67, 75, 77, 81, 128, 131, 151, 161, 164, 199
דאסטאיעווסקי פ. — 175
דווארעצקאיא — 128
דובילעט מ. — 26, 27, 35, 118
דובינסקי מ. — 128
דובראָוויצקי מ. — 128
דונעץ ח. — 35, 108, 148, 149
דושאצקי ר. — 128
דיאמאנט ה. — 60, 61, 118, 123, 128, 151
דייטש מ. — 128
דימאנטשטיין ש. — 108, 128, 143, 144, 159
דיק אייזיק מאיר — 151
דיקענס — 154
דעבטיאר מאָטע — 128
דרויאנאָוו מ. — 128
דרוקער אי. — 130, 149, 278, 288, 289, 294, 296
דריז ש. — 123, 128

הארער מ. — 128, 154
האלאמשטאק ב. — 128
האלאמשטאק ל. — 128
האלאמשטאק מ. — 128
האָלדעס א. — 128, 130, 149, 236-238
האלקין ש. — 23, 32, 35, 59, 62, 63, 68, 77, 80, 92, 107, 121, 128, 130, 131, 162, 167, 199, 214, 216, 217, 253-268, 270, 275, 293, 296, 298, 300
האָפשטיין דוד — 13, 15, 29, 34, 60-63, 77, 80,90, 107, 119, 121, 125, 128, 130, 131, 144, 149, 153, 162, 169-171, 217, 275, 298, 299
האָראָוויץ בער — 14
הארצמאַן מ. — 35, 60, 77, 123, 128, 130, 131
הובערמאַן אייזיק — 60, 128, 130, 132
הורעוויטש זשעניא — 128
היימאַן ב. — 281
היינע ה. — 224
הינדעס א. — 128
הירש — 149
הירשביין פרץ — 85, 172
הירשקאַן צבי — 15
העלמאנט ש. — 61, 77, 128, 131, 132
העלער בינעם — 63, 77, 130, 217
העלער ל. — 128, 131, 132
העלפאנד חיים — 280
העו י. — 128
העפטער — 132
הער מ. — 128, 144
הערץ נפתלי — 298
הערשנבלום י. — 128

וואָגלער א. — 63
וואָלאברינסקי א. — 128
וואליקאָווא העניע — 282
וואלעסמאַן מ. — 128
וואָלפאסקע — 276
וואלקנשטיין דוד — 128, 130
וואסיליעוו — 25
וואסערמאַן ליובע — 64, 93, 130, 132, 154
וואָלף לייזער — 63
וואָלף פרידריך — 162
וואפניארסקי ש. מ. — 128
וואָראָביישיק א. — 128, 149
וואָראווסקי — 276
וואָרטמאַן מ. — 128, 149
ויטקין — 149
וויטענזאַן י. — 128
וויטער א. — 38, 75
ווײַנגער מ. — 35, 128
וויינהויז ב. — 128
ווײַנטראוב א. — 278, 296
ווײַנער לאָזאר — 168
ווײַנערמאַן באָנע — 60, 128, 130, 132, 288, 289, 298, 299
ווײַנפער ז. — 89, 172

ווייסמאַן א. — 280
ווייסמאַן ז. — 128-130
ווײַנשטיין א. — 128
ווײַנשטיין רחמיאל — 108
ווילענקין ל. — 128
ווינאָקור — 128, 130
ווינטשעווסקי מ. — 143
ווינער מאיר — 19-21, 23, 25, 35, 60, 61, 122, 123, 128, 138, 144, 148, 149, 152, 154, 172, 198, 205, 211
ווישינסקי א. — 100
וועוויאָרקע א. — 43, 128, 144, 149
וועלטמאַן מ. — 128
וועלעדניצקי א. — 128, 130, 132, 271, 272
וועגדראָף ז. — 118, 121, 130, 132
ווערגעלים אהרן — 29, 35, 64, 77, 81, 93, 94, 123, 130-132, 216, 298, 300
ווערימע ס. — 128
ווערבאָגלאז לייב — 288
הערימייקין — 128
ווערשילאָוו — 164

זאַבארע נ. — 123, 128, 132
זאנדבערג מ. — 128
זאסלאַווסקי דוד — 99, 161
זאקאַן י. — 280
זאקס — 149
זאַריאַן — 152
זאַרעצקי א. — 35, 128, 144
זוסמאַן — 172
זוסקין בנימין — 38, 39, 47-49, 54, 55, 57, 132, 161-162, 164, 295
זייטשיק כ. — 128
זילבער ל. — 290
זילבערמאַן כ. — 128, 132
זינגער י. י. — 135
זינגער ל. — 117, 128, 275
זעוויק י. — 172
זעלדין יאָשאַ — 60, 61, 77, 117, 123, 128, 131, 147
זשוקאָווסקי סיאָמאַ — 128, 144
זשיבלינסקי רייזל — 63
זשיץ — 132, 292

חיימאָוויטש מ. י. — 168

טאַבאַטשניקאָוו ב. — 128
טאַיראָוו — 52
טאַלאַלאַי לייב — 77, 128, 131
טאַלאַלאַיעווסקי מאָטל — 60, 77, 121, 123, 128, 130-132, 158, 288
טאַלמי ל. — 88
טאָלסטאָי — 144
טאַרלא — 159
טוטשינסקי ס. — 12
טיטשינא פאַוולא — 291
טייטלבוים ב. — 172
טייטש משה — 15, 128, 144
טייף מ. — 77, 121, 123, 128, 130-132, 150, 153
טיכאָנאָוו ניקאָלאַי — 120
טישלער ב. — 162, 295
טעלעסין זיאמע — 77, 123, 124, 130-132, 290
טראַכטענבערג א. וו. — 128
טשאַפאַיעוו — 25
טשעמערינסקי א. — 128
טשעכאָוו א. — 154, 175
טשערניאַק — 128
טשערניאַווסקי — 128, 132

יאַבראָוו ג. — 28
יאַבינסאָן י. — 128
יאַנג קלארא — 69
יאַנוסאָוויטש — 63
יאַנקעלעוויטש — 128
יאָסינסקי א. — 282
יאָפע יודל — 128
יאַקובאָוויטש י. — 298, 300
יהואש — 206
יהודה הלוי — 60, 224

יודיצקי א. — 35, 128
יודעלסאן א. — 128, 149
יעלין מ. — 285, 287, 289
ישעיה — 224

כאוּוקין מ. מ. — 128, 144
כאזאק — 55
כאימסקי מ. — 128
כאלארענקא שפרה — 77, 130-132, 217
כאליף איליא — 296
כץ משה — 88, 128
כאצקעלעס העלענא — 128, 287, 290
כאראוועצער פ. — 128
כאראל דבורה — 128, 130, 132
כאראץ — 132
כאריק איזי — 9, 35, 107, 108, 128, 148, 149, 152, 153, 157, 159, 171, 256
כאשין א. — 128, 144, 147-149
כאשטשעוואצקי משה—35, 62, 77, 80, 92, 117, 118, 120, 123, 128, 131, 148, 158, 225, 226, 228
כהן י. ל. — 168
כהנא פעסיע — 168
כייקינא ד. — 130, 288
כייקין נחום — 279
כענקינא מירא — 132

לאווראוו — 163
לאזאריק ג. נ. — 128
לאנגמאן י. — 128
לאנדאו ב. — 290
לאסקער חיים — 150
לאפידוס ב. — 128
לאפין ב. — 168
לאפע דע וועגא — 167
לובאמירסקי י. — 123, 128, 132, 298, 300
לוצקי א. — 168
ליצקער חיים — 2, 28, 35, 130, 132, 291
לוריע — 55
לוריע נעטע — 22, 30, 35, 60, 77, 107, 121, 123, 128, 130-132, 149, 278, 288, 289, 296
לוריע נח — 35, 60, 77, 81, 107, 121, 128, 130-132, 216, 289, 292, 298, 300
ליבערבערג י. — 35, 158, 169
ליבערמאן אהרן — 24, 199
ליבערמאן מ. — 128, 149
ליבערפארב רחל — 128
ליבקינס דינה — 128
לויבער אפרים — 132, 162, 167, 293, 132, 291
ליוסקים — 132
ליומקים א. — 298
ליטוואקאוו משה — 13, 35, 108, 128, 147-149, 159, 258, 259
ליטווינסקי ש. — 128
לייבמאן א. — 128
לייוויק ה. — 87, 168, 172
ליסין מ. — 128, 130
ליפמאן-לעווין — 26, 34, 62, 77, 81, 128, 130, 131, 147
ליפשיץ מענדל — 77, 128, 130-132, 153, 217, 298
לעוו אבא — 35, 128
לעוו זיסקינד — 128, 136, 147, 165
לעוו מ. — 132
לעוויטאן מיכאל — 108, 159, 279
לעווין חנה — 35, 62, 77, 121, 128, 130-132, 271, 298
לעווין יאנקל — 108
לעווין מאיר — 298
לעווין נחום — 123, 128
לעווין שלום — 128
לעווין — 132
לעוויטאס — 55
לעוויצקי א. — 128
לעיעלעס א. — 87, 168, 172
לענין — 144, 239, 295
לערמאן ד. — 128
לערמאן ל. — 128
לערער ל. — 168

מאדילעווסקי ש. מ. — 128
מאלדאווסקי קאדיע — 14, 150
מאלטינסקי חיים — 77, 123, 128, 131, 132, 153, 278
מאלענסקי — 294
מאלעק יאקאב — 100
מאניעוויטש דוד — 128
מאני לייב — 150
מאנקאוו כ. — 128
מארגאלים — 130, 132
מארגולים א. — 35, 128, 132
מארגנטוי לייב — 63, 128
מארעווסקי א. — 68
מארק בער — 63
מארקיש פרץ — 9, 14-16, 22, 25, 26, 29, 34, 59, 62, 63, 67, 68, 75, 77, 80, 92, 98, 107, 121, 125, 128, 130-132, 144, 148-149, 152, 153, 161, 169, 171, 199, 201-205, 211, 214, 216, 217, 231-251, 272, 275, 284, 292, 293, 295, 296, 300
מארקס — 224
מארשאק דניאל — 128
מארשאק ס. — 284
מדרש ב. — 128
מוקדוני א. — 168
מייזשיריצקי וו. — 128, 132, 149
מיידאנסקי — 130
מייזל א. — 128
מייזל ה. — 128
מייזיל נחמן — 13, 93, 166, 229
מיימאן שלמה — 68, 199
מיכאעלס שלמה — 38, 39, 41, 44-47, 49, 54, 55, 57, 59, 65-67, 70-76, 101, 102, 111, 132, 147, 158, 161, 162, 164, 166, 293, 295
מילך יעקב — 88, 172
מילנער מ. — 161, 172
מילער בוזי — 63, 77, 81, 128, 130, 132, 291
מינסקי פ. — 128
מיצנהענדלער י. — 278
מיקאיאן — 281
מיקיטענקא איוואן — 152
מיראל א. ז. — 128
מלמד ז. — 172
מלינעק י. — 128
מעטערלינק — 75
מעלאמוד חיים — 132, 278
מעלאמוד פ. — 300
מענדעלע מוכר ספרים — 44, 50, 51, 53, 55, 56, 67, 75, 140, 150, 152, 157, 176, 184, 205, 206, 221, 295
מערעזשין א. — 108

נאדיר משה — 150
נאדעל ב. — 92, 129
נאוויק פ. — 88
נאטאוויטש מ. — 122-124, 132, 216-218, 292
נאטאנסאן וו. — 168
נוסינאוו י. פראפ. — 18 29, 35, 62, 125, 129, 130, 132, 138, 148, 149, 152, 158, 161, 217, 232, 273, 274
ניגער ש. — 168, 195, 201
ניימאן ל. — 129
נסתר דער — 9, 13, 15, 28, 34, 60-62, 77, 80, 107, 121, 130-132, 151, 172-193, 199-201, 206-207, 216, 275, 277
נעוול מ. — 129

סאווינקאוו ע. — 129
סאלאדער צ. — 284
סאלאוויי ה. — 129
סאנדאמירסקי מ. ד"ר — 129
סאנדלער ג. — 129
סאנין — 161
סאסים י. — 35, 129
סאפרא א. — 129
סאקציער מ. — 63, 132
סארין — 147

סובאַצקי — 149
סטאַינאַווסקי א. — 129
סטאַלין — 218, 295, 298, 301
סטעלמאַך אנא — 77, 83, 131
סטערליץ — 129, 144
סטראַנגין ל. — 130, 132, 216, 270, 298
סיטא פייוול — 35, 60, 77, 118, 121, 129-131, 158
סימאַנאָוו ב. — 99
סלאווין ליעוו — 163
סלאַנים — 132
סלוצקי ד. ב. — 35, 129
סעליווינסקי איליא — 63
סערעבריאַני ישראל — 132, 149
ספיוואק א. — 35, 129, 130, 132, 155
ספעקטאָר א. — 151
ספעקטאָר עלקע — 129

ערעלשטאט ד. — 143
עלקין מענדל — 38
עמיאָט י. — 63, 77, 95, 130-132, 276, 279, 292
עמנואל הרומי — 60
עסטערמאַן אפרים — 280
עפּעלבוים ב. — 17, 278, 296
עפּשטיין אב. — 88
עפּשטיין שבנא — 35, 62, 95, 129, 130, 257
עריק מאַקס — 35, 108, 129, 148, 149, 152
ערליך א. — 129
ערענבורג איליא — 99, 149, 286, 287
ערקעס ב. — 129

פּאַגאַדין — 163
פּאַטשאַיעוו — 294
פּאַיטקאַלעווסקי — 171
פּאַלאַטניק — 134
פּאַלאַנסקי ס. — 294
פּאַליאַנקער הירשל — 60, 77, 121, 123, 130-132, 283
פּאַניושקין — 100
פּאַסטערנאַק באָריס — 149
פּאַפּאַס ה. — 129
פּולווער לעאָ — 55, 57, 165, 295
פּולווער א. — 162
פּופּס מ. — 298
פּושקין א. — 198
פּיאַטיגאָרסקי אַניוטא — 119, 129
פּינטשעווסקי מ. — 121, 129, 132
פּינכאַסיק אידע — 129
פּינסקי דוד — 72, 168
פּיקעלטשיק — 153
פּלאַווניק — 292
פּלאַטנער א. — 77, 121, 129, 131, 132, 150, 153, 217
פּלאַטקינא — 278, 288, 296
פּלעכאַנאָוו — 46
פּעסקין — 130, 289
פּערסאָוו ש. — 62, 121, 129, 130, 132, 292, 298
פּרוסמאַן ל. — 129
פּרץ י. ל. — 43-45, 50, 51, 55, 56, 67, 75, 175-177, 236, 237

פֿאַדייעוו, א. — 98, 99, 148
פֿאַליקמאַן יחיאל — 60, 77, 121, 123, 129, 130-132, 288
פֿאַלק ס. — 56
פֿאַלקאָוויטש עליע — 19, 124, 130, 132, 144
פֿאַקס ש. — 172
פֿויניצקי ג. — 129
פֿורמאַן מיכאַאיל — 296
פֿורמאַנאָוו ד. — 25
פֿיינבערג — 168
פֿיין איסאַק — 296
פֿיינגלויבער ב. — 129
פֿיינבערג עזרא — 35, 60, 62, 77, 80, 107, 116-118, 121-123, 129-132, 148, 218-221, 290-298
פֿינק א. — 35
פֿינק וויקטאָר — 63, 92
פֿינקל ש. — 129, 132

פינקל אורי — 129, 130, 298
פינשרויט — 130
פיש ר. — 132, 289, 290
פעלדמאן ד. — 129
פעפער איציק — 14, 17, 35, 59, 61, 71, 77, 80, 83, 89, 92, 98, 107, 117, 121, 129-131, 144, 148, 149, 151, 153, 171, 216, 217, 222-224, 257, 270, 272, 275, 284-287, 290, 292, 294, 296, 298
פרומקין — 129-132
פרידמאן — 147
פרידמאן ג. — 129
פרידמאן נחום — 132
פרידקין א. — 14
פריץ מענדל — 129

צארט ל. — 129, 149
צווייג — 149

קאבאקאוו נ. — 129, 149
קאברין לעאן — 168, 172
קאבריאנסקי — 28
קאגאן ב. — 129
קאגאנאוסקי אפרים — 63, 130
קאגאנאוויטש ל. מ. — 144, 147, 283
קאהאן אברהם — 24, 60-62, 129, 130-132, 158, 199, 288, 291
קאהאן אייזיק — 129
קאהאן כ. — 129
קאהאן עליע — 77, 81, 118, 123, 124, 129, 130-132
קאהאן שרה — 129
קאווערין פ. — 295
קאוונער י. — 129
קאוונטאר ר. — 298
קאווענסקא עטעלע — 69
קאזאקעוויטש העניך — 93, 163, 171
קאזאקעוויטש עמנואל — 29, 30, 35, 60, 64, 77, 81, 93, 121, 123, 129-133
קאטיק א. — 129, 130
קאטליאר יאסל — 121, 129, 130, 132, 158
קאטליאר צ. — 129
קאטלער — 77
קאטשערגע — 162
קאטשאלאוו וו. מ. — 294
קאלינין — 169
קאליעטשעוו — 152
קאלמאנאוויטש ז. — 155
קאלצאוו מ. — 149
קאלקער כ. — 129
קאמינסקא אידא — 68
קאמינסקא אסתר-רחל — 68
קאמינסקי ס. פראפ. — 129
קאמענעצקי הירש — 77, 129-132, 153
קאמענשטיין — 233-236
קאן א. — 298
קאן י. — 129, 132
קאן נ. ה. — 289
קאנטאר י. — 298, 300
קאנטער א. — 129
קאסאריק ד. מ. — 291
קאצאוויטש לייב — 294
קאצעוויטש לייזער — 77, 129, 132
קאראבייניק ב. — 118, 129
קארלאוו מאניע — 280
קארעוויטש — 150
קארן רחל — 63, 130
קארפינאוויטש י. — 129
קאשעווניק ש. — 129
קוויטקא לייב — 13, 15, 16, 29, 34, 59, 62, 77, 80, 107, 121, 125, 130-132, 148-150, 275, 289, 290, 292, 294, 298
קולבאק משה — 14, 34, 76, 108, 129, 149, 150, 153, 157, 166, 167, 172, 216
קוליק — 149
קופערשמיד ש. — 129
קורלאנד ד. — 118, 129

קושניראָוו א. — 9, 14, 17, 19, 35, 43, 59, 60, 62, 77, 80, 95, 107, 123-120, 132-129, 149-146, 152, 162, 165, 167, 171, 216, 217, 275, 292, 298
קירפּאַטין — 149
קיפּנים איציק — 17, 35, 77, 107, 121, 132-129
קירזשניץ א. — 35, 129
קירשאַן וו. — 149
קלאָוס — 153
קליאַצקינא ד. — 129
קליטעניק ש. — 22, 35, 129, 147, 149
קנאַפּהיים מ. א. — 63
קעניגסבערג דוד — 14
קערלער יוסף — 77, 124, 132-130
קעסטעלבערג — 276

ראַבין י. — 77, 120, 129, 132-130, 149, 216, 292, 298
ראַבינאָוויטש ישראל — 129, 130, 132, 298
ראַבינאָוויטש ב. א. — 129
ראַבינאָוויטש ס. — 129, 132, 144, 289
ראַבינקאָוו א. — 64
ראַבינקאָוו הערשל — 132, 133, 276
ראַדלאָוו — 162
ראַדעק י. — 129
ראובני — 199
ראַוויטש מלך — 14, 15
ראָווין י. — 129
ראַזאָווסקי — 130
ראַזומני מ. — 133
ראָזענבלים — 172
ראָזענהויז י. — 129
ראָזענפעלד יונה — 168
ראָזענבערג יע — 281
ראָזענפעלד מ. — 143, 277
ראָזענצווייג א. — 129
ראַטבוים שרה — 55
ראַטמייער מ. — 129
ראָלניק יוסף — 168
ראַיק בייע — 29
ראַבקינד פּ. — 129
ראַכשטיין ב. — 129
ראַם — 55
ראַמען זשול — 43, 75
ראַפּאַלסקי מ. — 129, 153, 163, 165
ראַסין שמואל — 19, 35, 60, 61, 77, 81, 118, 120, 122, 123, 129, 131
רובין ה. — 30
רובין י. — 129
רובינא חבקה — 77, 83, 133-130, 148, 216, 217, 274, 292, 298
רובינשטיין ד. — 129
רובינשטיין יוסף — 63, 130, 163
רובינשטיין ג. — 129
רויטמאַן שלמה — 77, 133-131, 216, 217
רומאַנאָווא ד. — 129
ריאַנט מאַטל — 133, 276
ריוועס י. — 129, 130, 133
ריוועס ש. — 129, 292
ריווקין ב. — 200, 201
ריווקין הערץ — 77, 131, 289, 290
רייזען אברהם — 87, 144, 168
רייזען ר. — 129
רייזען שרה — 168
רייטשיק א. — 129
ריימערים וו. — 290
רימאַן י. — 129
רימיניק י. — 35, 154
רימינסקי י. — 129
ריסקינד ב. — 129
רעזניק יאַשע — 129, 229
רעזניק ליפע — 14, 35, 43, 60, 67, 77, 80, 107, 131-129, 151, 165-167, 230-228
רעמינסקי הערשל — 133

שאַגאַל מאַרק — 38, 89
שאָלאָכאָוו מיכאַאיל — 22
שאַדור — 132

שאמבאראל — 133
שאמעס פ. — 129
שאַסטאַקאָוויטש ד. — 100
שאַפּירא א. — 129
שאַפּירא ד. — 129
שאַפּירא ל. — 172
שאַפּירא ס. — 14
שאַך ה. — 129
שאַך-אַנין ד"ר — 63, 130, 284
שאַצקי ד. — 129
שאַצקי ג. — 129
שאַצקי יעקב ד"ר — 168
שוב ד. — 129
שוואַרצמאַן אשר — 9, 13, 15, 17, 34, 77, 117, 131, 143, 229, 291
שוועדין — 123
שוועדיק ה. — 77, 117, 129, 131
שולמאַן — 132, 278, 296
שטאַרק ד. — 129
שטולמאַן י. — 129
שטורמאַן — 133
שטיימאַן ביינוש — 9, 14, 16, 34
שטיימאַן מאיר — 300
שטיינבעק א. — 129
שטיף נחום — 35, 129
שטערן ישראל — 14
שטערנבערג יעקב — 63, 77, 130-132
שטשופּאַק י. — 129
שירלא — 55
שיינגאָלד ג. — 129
שיינין ג. — 129
שייפער יעקב — 92
שימשעלעוויטש ס. — 129
שלום-עליכם — 38, 42, 43, 45, 50, 51, 55, 62, 67, 69, 72, 75, 112, 148, 153, 154, 161-164, 166, 175, 176, 205, 206, 276, 285, 291-296
שניידערמאַן ע. — 129
שנייפאל ב. — 130, 132
שנייער ו. — 295
שמערקאָוויטש ג. — 290
שעכטמאַן עלי — 28, 30, 60, 77, 129-132, 158, 288
שעכטמאַן ג. — 129
שעקספּיר — 68, 75, 162
שערמאַן — 290
שפּינאָזע ב. — 224
שפּיטאַלניק פ. — 129
שפּראַך פ. — 129
שקאַראָווסקי ש. — 62, 129, 130
שקליאַר ה. — 129
שרייבמאַן יחיאל — 77, 131

תלוש א. — 168